ספרי' — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

ספר השיחות
תנש"א

- כרך ב -

יום ד', כ"ז ניסן - ש"פ תבוא, כ"א אלול



מכבוד קדושת

אדמו"ר מנחם מענדל

זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע

שניאורסאהן

מליובאוויטש

- הוצאה שלישית -



יוצא לאור על ידי מערכת

"אוצר החסידים"

770 איסטערן פארקוויי — ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ששים ושלש לבריאה

מאה שנה להולדת כ"ק אדמו"ר זי"ע

SEFER HASICHOS -- 5751
Volume Two

Second Printing 1998
Third Printing 2003
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
Orders Department:
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / FAX (718) 778-4148
www.kehotonline.com

Library of Congress Cataloging-in-Publication Data
Schneerson, Menahem Mendel, 1902—1994
[Sihot 5751]
Sefer ha-sihot, 5751 / mi-kevod Kedushat Menachem
Mendel Shene'ursohn, mi-Lyubavitsh.
p. 15x22 1/2 cm. -- (sifriy. Otsar ha-hasidim, Lyubavitsh)
(Kovets Shalshelet ha-or; hekhal 9, sha'ar 3.)
Hebrew and Yiddish.
Title on v. 1. t.p verso: Sefer Hasichos, 5751
Includes bibliographical notes and indexes.
Contents: kerech 2. Yom Daled 26 Nissan—Sh. P. Tavo, 21
Elul.
ISBN 0-8266-5770-2 (v.1): $13.00
ISBN 0-8266-5771-0 (v. 2): $13.00
1. Jewish Sermons, Hebrew. 2. Jewish Sermons, Yiddish.
3. Hasidism--Sermons. 4. Habad--Sermons.
I. Title. II. Title: Sihot, 5751. III. Title: Sefer hasichos,
5751. IV. Series. V. Series: Sifriyat Otsar ha-Hasidim,
Lyubavitsh.
BM740.2.S298 1993 Hebr
296.8'3322--cd20
Library of Congress Catalog Card #89-15226 CIP

Printed in Israel

בס"ד.

פתח דבר

בקשר עם יום הבהיר, ה' טבת, היום בו „דידן נצח" באופן גלוי לעין כל העמים בנוגע לספרי וכתבי רבותינו נשיאינו שבספריית ליובאוויטש,

הננו מו"ל את „ספר השיחות ה'תנש"א" חלק שני, שבו נכללו השיחות המוגהות שנאמרו בחצי השני של שנת ה'תנש"א (יום ד', כ"ו ניסן — ש"פ תבוא, כ"א אלול).

מאז שנת תשמ"ח זכינו, אשר חלק הארי מהתועדויות שבתות השנה יו"ל מוגה מכ"ק אדמו"ר שליט"א, וע"פ בקשת רבים, ומפני כמות השיחות שראוי שיקבעו ברכה לעצמן, לא צרפנו שיחות אלו ב„הוספות" לספרי לקוטי שיחות (כשיחות השנים הקודמות), אלא אספנו אותן תחת כפיפה אחת, בספר בפני עצמו.

* * *

השיחות מופיעות כמתכונתן המקורית, ומכאן — ההבדל בצורתן הלשונית, פעם בלשון הקודש ופעם באידית, כפי שהוגהו ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א ויצאו לאור בשעתן[1].

* * *

בסוף הספר הוספנו:

א. ר"ד משיחת צום גדלי', ד' תשרי.

ב. „הדרן" על מסכתות בנ"ך (ברכות נזיר יבמות כריתות) — יצא לאור לקראת י"א ניסן ה'תנש"א, התחלת שנת התשעים לכ"ק אדמו"ר שליט"א.

ג. ה„מכתבים כללים" והמברקים (לקראת מועדי השנה) של שנת ה'תנש"א.

ד. מפתח ענינים, פסוקים, מחז"ל וספרים — על ב' החלקים דספר זה.

* * *

ויה"ר שנזכה בקרוב להו"ל עוד שיחות ומאמרים של כ"ק אדמו"ר שליט"א, ויחזק השי"ת בריאות כ"ק אדמו"ר שליט"א וישלח לו רפואה שלימה וקרובה בכל רמ"ח אבריו ושס"ה גידיו הקדושים, ויתן לו אריכות ימים ושנים טובות ונעימות, ויראה הרבה נחת משלוחיו, תלמידיו, חסידיו ומכלל ישראל, וינהיג את כולנו מתוך

---

1) בעתון „כפר חב"ד" ועתון „דער אַלגעמיינער זשורנאל" (ואח"כ בקונטרסים בפ"ע).

בריאות, הרחבה ונחת, ובקרוב ממש יוליכנו קוממיות לארצנו הקדושה במהרה בימינו ממש. ונלמוד תורה מפיו של משיח צדקנו שילמד תורה את כל העם כולו ומלך ביפיו תחזינה עיניך בהתגלות מלך המשיח לעין כל, תיכף ומיד ממש, והיתה לה׳ המלוכה, אמן כן יהי רצון.

יום ועש״ק פ׳ מקץ, ר״ח טבת ה׳תשנ״ג, (**הי׳ תהא שנת נפלאות גדולות**),
צדי״ק שנה לכ״ק אדמו״ר שליט״א
ברוקלין, נ.י.



בס״ד.

להוצאה החדשה

בקשר עם יום הבהיר י״א ניסן – יום מלאות מאה ואחת שנה להולדת כ״ק אדמו״ר זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע,

הננו מדפיסים בהוצאה חדשה את ספר השיחות תנש״א (כרך שני).

ויה״ר שנזכה תיכף ומיד ממש לקיום היעוד „הקיצו ורננו גו׳״, ומלכנו נשאינו בראשם, וישמיענו נפלאות מתורתו, „תורה חדשה מאתי תצא״.

מערכת „אוצר החסידים״

מוצש״ק פ׳ שמיני, יום הבהיר כ״ה אדר-שני, ה׳תשס״ג
מאה ושתים שנה להולדת הרבנית הצדקנית נ״ע זי״ע
ברוקלין, נ.י.

מפתח

הוספות

מכתבים כלליים לחג הפסח תנש"א

מברקים



משיחת אור ליום ד' פ' שמיני, כ"ו ניסן ה'תנש"א

— ביחידות הכללית להאורחים שיחיו —

א. שטייענדיק נאָענט צום סיום פון חודש ניסן, „חודש הגאולה"[1] — וואָס זיין ענין כללי ועיקרי איז חג הפסח, „זמן חירותנו"[2], ווען מ'דאַנקט דעם אויבערשטן פאַר די נסים ונפלאות וועלכע ער האָט באַוויזן בײַ יציאת מצרים — איז פּאַסיק זיך אָפּצושטעלן אויף די נסים ונפלאות וועלכע האָבן פּאַסירט און פּאַסירן היינטיקן יאָר אין דער איצטיקער תקופה[3].

*

די נסים'דיקע הנהגה פון דעם אויבערשטן אַרויסנעמענדיק אידן מעבדות לחירות ביציאת מצרים איז ניט אַן איינמאָליקע זאַך וואָס האָט פּאַסירט נאָר דעמולט (בײַ יציאת מצרים), נאָר „בכל[4] דור ודור [ובכל יום ויום[5]] חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא [היום[5]] ממצרים" [ביז אַז דאָס דריקט זיך אויס במעשה בפועל בליל הסדר, אַז „ישב בהסיבה דרך חירות כו'"[6]], און ווי מ'זאָגט אין דער הגדה של פסח (בליל הסדר): „לא את אבותינו בלבד גאל הקב"ה ממצרים אלא אף אותנו גאל עמהם"[7] [ביז אַז „אילו לא הוציא הקב"ה את אבותינו ממצרים הרי אנו ובנינו ובני בנינו משועבדים היינו לפרעה במצרים"[8]], און „לפיכך אנחנו חייבים להודות ולהלל כו' למי שעשה לאבותינו ולנו את כל הנסים האלו הוציאנו מעבדות לחירות מיגון לשמחה כו' ומשעבוד לגאולה כו'"[4].

און נאָכמער: גאולת מצרים האָט „אויפגעעפנט" די וועג (דעם צנור)[9] און געגעבן דעם כח אויף חירות וגאולה — ובאופן נסי — פון אידן במשך כל הדורות וכל הזמנים[10]: גאולת מצרים איז די פתיחה והתחלה און איז כולל[11] אַלע גאולות (כולל אַ גאולה וואָס „לאו גאולה דגלות היא אלא שיגאלנו מן הצרות הבאות עלינו כו'"[12]), ביז אויך — די גאולה האמיתית והשלימה[13] (שאין אחרי' גלות[14]), אויף וועל־

1) שמו"ר פט"ו, יא.

2) נוסח התפלה והקידוש דחה"פ. וראה לקו"ש חי"ז ע' 71 ואילך.

3) ראה גם מכתב כ"ה אדר ש.ז. (לקמן ע' 883 ואילך).

4) משנה פסחים קטז, ב.

5) הוספת אדה"ז בתניא רפמ"ז.

6) טושו"ע סתע"ב ס"ב. שו"ע אדה"ז שם ס"ז. וראה גם משנה פסחים צט, ריש ע"ב. רמב"ם הל' חו"מ פ"ז הי"ז.

7) הגש"פ פיסקא ד"ה בכל דור.

8) שם פיסקא ד"ה עבדים היינו.

9) ד"ה כימי צאתך תש"ח פי"ב (סה"מ ע' 164). וראה גם ד"ה זה תשמ"ב (סה"מ מלוקט ח"ב ע' לז ואילך) ס"ג.

10) וראה גבורות ה' (להמהר"ל) פס"א.

11) וכן מסעות בנ"י במדבר העמים (וכן מסעות בנ"י במשך כל הדורות) נכללים בהמסע ויציאה ממצרים, ולכן נאמר „אלה מסעי בנ"י אשר יצאו מארץ מצרים", מסעי לשון רבים (אף ש„מארץ מצרים הוא רק יציאה ונסיעה ראשונה שנסעו מרעמסס לסוכות") — ראה לקו"ת מסעי פח, ג ואילך.

12) ד„שם גאולה עלה" (רש"י ד"ה אתחלתא — מגילה יז, ב).

13) ואילו זכו היתה גאולת מצרים הגאולה שלימה (ראה ספרי דברים א, ב. הנסמן בלקו"ש חי"ט ע' 346), כפי שאמרו בשירת הים „מקדש אד' כוננו ידיך ה' ימלוך לעולם ועד" (בשלח טו, יז־יח. ובפרש"י שם), כי גאולת מצרים היא ההתחלה דגאולה השלימה.

14) מכילתא עה"פ בשלח טו, ב. תוד"ה ד"ה ה"ג ונאמר — פסחים שם. ועוד.

כע עס שטייט[15] „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות". און דערפאַר זאָגט מען אין דער ברכה[16] „אשר גאלנו וגאל את אבותינו ממצרים" (בהמשך ובסיום פון „לפיכך" הנ"ל): „כן ה' אלקינו כו' יגיענו למועדים כו' בבנין עירך כו' ונודה לך שיר חדש על גאולתנו כו'".

פון דאָס אויבנגעזאָגטע איז פאַרשטאַנדיק — וויבאַלד אַז „בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים", און יציאת מצרים איז די התחלה און איז כולל אַלע גאולות פון אידן — אַז דורך אַריינטראַכטן זיך אין די נסים ונפלאות פון יציאת מצרים קען מען זען ווי זיי שפּיגלען זיך אָפּ — „בכל דור ודור", „בכל יום ויום" — אין די איצטיקע נסים ונפלאות, דורך וועלכער „הקדוש ברוך הוא מצילנו מידם"[17] פון די וואָס „עומדים עלינו" „בכל דור ודור", ביז — (ווי דאָס ברענגט צו) די נסים ונפלאות אין דער גאולה שלימה (וועלכע זיינען בדומה צו די נסים פון יציאת מצרים). וכדלקמן (סעיף ג).

ב. און אָט די הנהגה נסית — וואָס האָט זיך אויפגעטאָן לכל הזמנים באַ יציאת מצרים — שטייט נאָכמער בגלוי אין חודש ניסן, וואָס „בניסן נגאלו ובניסן עתידין ליגאל"[18], וכידוע אַז ניסן איז מלשון נס[19], און נאָכמער: ניסן (מיט צוויי נוני"ן) באַווייזט אויף „נסי נסים"[20]; ובמיוחד — אין דעם צווייטן האַלב חודש, וועלכער הויבט זיך אָן מיט חג הפסח (בחמשה עשר בניסן), „זמן חירותנו",

ובפרט בקביעות שנה זו — „שנת אראנו נפלאות" — ווען דער ערשטער טאָג פסח איז געווען ביום השבת, וואָס איז בכלל אַ זמן חירות (בערך צו די אַנדערע טעג פון וואָך) — די באַפרייאונג פון יעדער מלאַכה (אויך פון „מלאכת אוכל נפש" וואָס איז מותר ביו"ט[21]), און מ'האָט אַלץ מן המוכן (כל מלאכתך עשוי'[22]);

עאכו"כ נאָך אַלע (זיבן) אַכט טעג פון חג הפסח [ווי דאָס איז אין חוץ לארץ, וואו עס געפינען זיך איצטער רוב מנין ובנין פון אידן], וואָס אין „זמן חירותנו" עצמו זיינען די ימים האחרונים פון חג הפסח אַ העכערע דרגא אין חירות לגבי די ימים הראשונים, וכידוע[23] אַז די ימים ראשונים זיינען פאַרבונדן בעיקר מיט גאולת מצרים און די ימים אחרונים[24] — בעיקר מיט דער גאולה האמיתית והשלימה, שאין אחרי' גלות, חירות אפילו בערך די חירות פון גאולת מצרים, נפלאות אפילו בערך די נפלאות פון „כימי צאתך מארץ מצרים"[25].

און דערפון ווערט עס נמשך אין די איצטיקע טעג נאָך פסח בסיום וחותם פון

15) מיכה ז, טו.

16) בהגש"פ — ממשנה פסחים שם.

17) הגש"פ פיסקא ד"ה והיא שעמדה.

18) ר"ה יא, א. שמו"ר שבהערה 1.

19) ראה מדרש לקח טוב עה"פ בא יב, ב: ניסן שבו נעשו נסים לישראל.

20) ראה ברכות נז, רע"א ובפרש"י וחדא"ג מהרש"א שם.

21) בא יב, טז.

22) מכילתא ופרש"י יתרו כ, ט. טושו"ע או"ח סש"ו ס"ח. שו"ע אדה"ז שם סכ"א.

23) ראה שיחת אחש"פ (בסעודת הלילה) ה'ש"ת (ספר השיחות ע' 72). תשמ"ח (סה"ש ח"ב ע' 384). לקו"ש חל"ז ימים אחרונים של פסח ס"ה.

24) ובפרטיות יותר — בימים האחרונים עצמם: שביעי של פסח שייך בעיקר לגאולת מצרים, ואחרון של פסח לגאולה העתידה, כמודגש בהפטורת היום, ובאכילת סעודתו של משיח באחרון של פסח [ובפרט בקביעות שנה זו, שהסעודה היתה גם במוצאי שבת קודש, סעודתא דדוד מלכא משיחא] — ראה שיחת אחרון של פסח ש.ז. (לעיל ח"א ע' 436 ואילך).

25) ראה אוה"ת נ"ך ח"א עה"פ (ע' תפז). וש"נ.

חודש ניסן (וואָס אויך דעמולט זאָגט מען ניט קיין תחנון[26], „נוהגין לעשות כולו (כל חודש ניסן) קודש כעין יו"ט"[27]), ואדרבה – הכל הולך אחר החיתום[28].

ובפרט אַז דאָס איז אויך אין דער וואָך פון פ' שמיני, און בשנה זו – לייענט מען פ' שמיני שמונה פעמים, וידוע דער פת־גם[29] אַז „שמיני שמונה שמינה", אַז אַ יאָר ווען מ'לייענט שמיני שמונה פעמים וועט זיין אַ „פעטער" יאָר געבענטשט בגשמיות וברוחניות – און איצטער, בסוף חודש ניסן, האַלט מען באַ מסיים זיין די אַכט מאָל פון קריאת פ' שמיני – וואָס שמיני באַווייזט אויף די הנהגה נסית פון דעם אויבערשטן[30] (שלמעלה משבעת ימי ה־היקף פון מעשה בראשית, סדר הטבע[31]), ועאכו"כ שמונה פעמים שמיני, אַז מ'האָט אַ יאָר וואָס איז „פעט" און אָנגעפילט מיט נסים ונפלאות, אין אַן אופן פון שומן[32], וואָס איז „מפעפע בכולו"[33].

ג. דער סדר באַ גאולת ויציאת מצרים איז געווען (בכללות):

„התחלת הגאולה והנסים"[34] איז געווען מיט דעם נס גדול[35] (נאָך פאַר חג הפסח) פון „למכה מצרים בבכוריהם"[36], אַז דוקא די בכורי מצרים אַליין האָבן געשלאָגן די מצריים, ובאופן פון „למכה" דוקא (ניט „להורג" וכיו"ב), ווייל די בכורים האָבן דאָך ניט גע'הרג'ט אַלע מצריים (נאָר אַ טייל פון זיי), נאָר געשלאָגן זיי („למכה"). ואדרבה: אין „למכה" איז דאָ די מעלה, אַז די מצריים אַליין קומען דערנאָך צו דער הכרה אין די נסים און זיי אַליין טרייבן אַרויס אידן פון מצרים.

דערנאָך – ביום חמשה עשר בניסן – איז געווען יציאת מצרים בפועל, און דוקא באופן פון „ותחזק מצרים על העם למהר לשלחם גו'"[37], „בשלח פרעה את העם"[38]. און די אידן זיינען אַרויס בשלי־מות, „ברכוש גדול"[39], „בכספם וזהבם אתם"[40], און אין אַן אופן פון „וינצלו את מצרים"[41], „כלי כסף וכלי זהב ושמלות"[42], ביז אַז „אף מה שלא היו שואלים מהם היו נותנים להם"[43].

ביז – דער גמר וסיום פון יציאת מצרים באַ קריעת ים סוף, וואָרום אפילו ווען אידן זיינען אַרויס פון מצרים זיינען די מצריים נאָך געבליבן בתקפם, ביז אַז „וירדפו מצרים אחריהם"[44], און ס'איז געווען (שייך) דער פחד ומורא פון מצרים עליהם; משא"כ דורך טביעת מצרים בים,

---

26) שו"ע אדה"ז או"ח סתכ"ט ס"ח. וש"נ.

27) שו"ע אדה"ז שם ס"ט (ממג"א שם סק"ג).

28) ברכות יב, א.

29) הובא ונת' בלקו"ש ח"ז ע' 297. שיחת אחש"פ וש"פ שמיני תשמ"ה. תשמ"ח (סה"ש תשמ"ח ח"ב ע' 408 ואילך). ועוד.

30) ראה גם מכתב י"א ניסן ש.ז. (נדפס לקמן ע' 893 ואילך).

31) ראה שו"ת הרשב"א ח"א ס"ט. הובא ונת' בד"ה ויהי ביום השמיני תרע"ח. תש"ד. תש"ה. ועוד. וראה גם הנסמן לקמן ע' 895 הערה ד"ה אָנגע־דייטעט.

32) ראה גם שיחת ערב פסח ש.ז. (לעיל ח"א ע' 429). וש"נ.

33) יו"ד סק"ה ס"ה. וראה חולין צז, רע"א.

34) שו"ע אדה"ז או"ח סת"ל ס"ב.

35) תוד"ה ואותו – שבת פז, ב בשם מדרש (ראה דעת זקנים מבעה"ת בא יב, ג). טור ושו"ע אדה"ז או"ח ר"ס תל.

36) תהלים קלו, י. וראה מדרש תהלים שם. רש"י ומצו"ד שם.

37) בא יב, לג.

38) ר"פ בשלח (יג, יז).

39) לך לך טו, יד. וראה ברכות ט, סע"א ואילך. הובא בפרש"י עה"ת בא יא, ב.

40) לשון הכתוב – ישעי' ס, ט.

41) בא יב, לו. וראה ברכות שם.

42) בא שם, לה.

43) פרש"י שם, לו, ממכילתא עה"פ.

44) בשלח יד, ט.

„לא נשאר בהם עד אחד"[45], חוץ פון דעם „אחד", פרעה מלך מצרים (וועלכער איז דערנאָך געוואָרן מלך נינוה)[46] בכדי ער זאָל זעען די נסים ונפלאות וואָס דער אויבערשטער האָט געמאַכט פאַר אידן.

ד. „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות":

יעדערער קען זען בגלוי ווי די נסים פון יציאת מצרים שפּיגלען זיך אָפּ איצטער אין דעם נצחון בימינו אלו — סיי אין דעם עצם נצחון און סיי אין דעם זמן ווען דאָס קומט פאָר, ובמיוחד — אין די ימים זכאין פון חודש ניסן (וואָס בשנה זו שטייט דעמולט נאָכמער בהדגשה דער ענין החירות, כנ"ל):

נאָך פאַר חג הפסח — איז געוועזן דער „למכה מצרים בבכוריהם", אַז די „בכורים" פון אומות העולם[47] (כולל פון מדינת מצרים און די מדינות ערביים הסמוכות לה) — כפי החלטת באי כחם אין די „יונייטעד ניישענס" — האָבן מלחמה געהאַט און געשלאָגן „מצרים", אַ צורר היהודים, (מצרים מלשון[48]) „מיצר" לישראל ר"ל,

וביום הפורים שנה זו — „שנת אראנו נפלאות" — איז געוועזן דער נצחון (ווי די אוה"ע האָבן מכריז געווען), און זיין מפלה, באופן פון „למכה גו'" (ניט „להורג"), און דוקא דורך ניט־אידן („בכוריהם"), וועלכע האָבן אים נוזף און מבזה געווען, און מכריח געווען אַז ער דאַרף חרטה האָבן פון פעולותיו עד אז,

און ער האָט געמוזט מודה זיין און אָננעמען און מקיים זיין די אַלע ציוויים והוראות און פאָדערונגען וואָס ער האָט באַקומען פון „בכוריהם": באַפרייען אַ טייל פון די מלחמה־געפאַנגענע, און אויך מקיים זיין די אַנדערע זאַכן וואָס מ'האָט פון אים געפאָדערט.

און דערנאָך איז געוועזן דער המשך בזה — אין חודש ניסן, און דעמולט גופא — בימי הפסח, „זמן חירותנו" — אַז „בכוריהם" אין די „יונייטעד ניישענס" האָבן ממשיך געוועזן אין דער נזיפה ובזיון שלו:

בימי הפורים ולאחרי זה האָט מען נאָך ניט געוואוסט וואָס וועט זיין דער המשך, ווי ווייט מ'וועט אים מבזה ומזיק זיין, ווי שטאַרק ער וועט בלייבן, וויפל ער וועט דאַרפן מודה זיין און אָפּצאָלן, און ווי ער וועט דאָס אַלץ אָננעמען, אָדער דאָס וועט זיין דורך אַנדערע: דערנאָך בימי חודש ניסן, בימי הפסח — זיינען „בכוריהם" אַרויס מיט אַ נזיפה חזקה און אַ החלטה למסקנא ותנאים חזקים (נוסף אויף די הוראות שלפני זה) ווי סאַדאַם דאַרף זיך אויפפירן, און אויך זעען און פאַרזיכערן אַז ער זאָל דאָס מקיים זיין: באַפרייען די שבויים, אומקערן דאָס וואָס ער צוגענומען, און אָפּצאָלן פאַר די נזקים און היזקות וואָס ער האָט איצטער געטאָן (און אויך אויף דעם וואָס ער האָט פריער געטאָן),

ובהמשך ימי החודש, ביז אין די לעצטע טעג פון דעם חודש, איז אין דעם נס צוגעקומען נאָכמער — אַז ער האָט דערצו אַלץ מסכים געווען, און אָן קיין ווידערשטאַנד און מלחמה,

ביז אַז ער האָט מגלה געווען געלטער און רכושים וואָס ער האָט באַהאַלטן (און ביז איצטער האָט מען גאָר ניט געוואוסט אַז ער האָט דאָס געהאַט).

ה. דערפון האָט מען דעם ענטפער צו

45) בשלח שם, כח.

46) מכילתא עה"פ. מדרש תהלים קו, ה. פדר"א פמ"ג. מדרש שכל טוב עה"פ. וראה תו"ש עה"פ אות קפו.

47) והרי כל המלכיות נקראות על שם מצרים (ב"ר פט"ז, ד).

48) ב"ר שם.

די אידן וואָס פרעגן: שטייענדיק אין דעם „שנת אראנו נפלאות״ — וואו זעט מען נסים ונפלאות, ביז בדוגמת די נסים ונפלאות באַ יציאת מצרים און פורים?!

מ'דאַרף נאָר אויפעפענען די אויגן און צוקוקן צו די לעצטע געשעענישן אין יענער טייל וועלט, ווי געדרוקט אין צייטונגען —

זעט מען בגלוי ממש ווי עס זיינען פאָרגעקומען און עס קומען פאָר נסים ונפלאות (בדוגמת צו די נסים ביציאת מצרים) לטובת בני ישראל ולטובת העולם כולו, אָנהויבנדיק פון דעם אַז „למכה מצרים בבכוריהם״, די בכורי אוה״ע אַליין האָבן מבטל געווען דעם כח ושליטה פון דעם צורר היהודים און צורר קעגן אַנדערע מענטשן (אויך ניט־אידן), און ער קערט אום דאָס וואָס ער האָט צוגענומען, און צאָלט אָפּ די היזקות, כולל אויך — די דברים גנוזים וועלכער ער האָט באַהאַלטן.

און נאָכמער: די נסים קומען פאָר אין די טעג פון יאָר וואָס זיינען ספּעציעל פאַרבונדן מיט נסים פאַר אידן: ימי הפורים — ווען ס'איז געווען דער נס ונצחון וגאולה פון אידן און די מפלה פון המן הרשע צורר היהודים (אין מלכות פרס ומדי), און (מיסמך גאולה לגאולה[49] —) ימי חודש ניסן וימי הפסח — גאולת ישראל פון מצרים, ובאופן פון נסים ונפלאות,

ואדרבה[50]: נס פורים איז געווען אַ נס מלובש בדרכי הטבע[50], אַזוי אַז נאָר דורך דער פאַרבינדונג פון אָנפאַנג פון מלכות אחשורוש מיט „בשנת שלוש למלכו״[51] און מיט „בשנת שבע למלכותו״[52] און מיט „חודש ניסן בשנת שתים עשרה״ למלכותו[53] וסעודות אסתר פאַר אחשורוש והמן[54] וכו' — מאַכן פון דעם אַלעם איין המשך ועניין און זיך אין דעם אַריינטראַכטן — האָט מען אין דעם דערקענט יד השם. משא״כ אין די איצטיקע געשעענישן קומען פאָר נסים ונפלאות גלויות, גלויות ניט נאָר פאַר אידן, נאָר אויך פאַר אַנדערע פעלקער.

און די נסים קומען פאָר, כאמור, אין חודש ניסן, אַזוי אַז מיום ליום (אין חודש ניסן עצמו) קומען צו נייע אַנטוויקלונגען, בקשר מיט דער החלטה פון „בכוריהם״ (אין „יונייטעד ניישענס״), און אין דער הסכמה פון סאַדאַם — ווי ס'איז געווען בימים אלה בסיום חודש ניסן, חודש הגאולה, און מ'ערוואַרט אַז עס וועט זיין אַ המשך בכיוון זה, היינט באַנאַכט, אָדער מאָרגן, איבערמאָרגן וכו'.

ו. נאָך אַן עניין אין די געשעענישן בזמן האחרון אין וועלכן מ'זעט נסים ונפלאות — איז די יציאה פון אַ ריבוי אידן ממדינה ההיא, וועלכע איז בדוגמת יציאת מצרים[55]:

לאחרי אַ ריבוי שנים פון אַ הנהגה באופן אחר לגמרי, אין וועלכע אידן האָבן פון דאָרטן ניט געקענט אַרויסגיין — איז דוקא בשנה זו ובשנה שלפני' האָט די מדינה אויפגעעפנט אירע טירן צו אַרויסלאָזן אידן זיי זאָלן גיין אין ארץ הקודש [און אפילו אויב, מאיזו סיבה שתהי', האָבן אַ טייל פון זיי זיך מתעכב געווען אין

49) מגילה ו, סע״ב.

50) תו״א מג״א צג, סע״ג ואילך. שם ק, א. ובכ״מ — נסמנו לקמן ע' 884 הערה ד״ה ווי באַוואוסט.

51) אסתר א, ג.

52) שם ב, טז.

53) שם ג, ז.

54) שם ה, ד ואילך. ז, א ואילך.

55) וראה לעיל הערה 11, שכל מסעי בנ״י (גם בזמן הזה) נקראו „אלה מסעי בנ״י אשר יצאו ממצרים״.

אַנדערע מדינות לפי שעה (אין ארצות הברית אָדער אוסטראליא וכיו"ב) ווען זיי בקרוב זיך איבערטראָגן (ברצון שלם ומתוך שמחה וטוב לבב) אין ארץ הקודש, צוזאַמען מיט זייערע משפחות].

און ביז אַז די מדינה אַליין איז זיי מסייע צו אַרויסגיין, בדוגמא ווי ס'איז געווען ביציאת מצרים, וואָס תכליתה איז געווען צו גיין אין ארץ הקודש (והבאתי אתכם אל הארץ גו'[56]), כולל אויך – סיוע פון די דברים גנוזים פון „מצרים" (כנ"ל ס"ד־ה), אַז מ'נוצט דאָס אויך, ביז אַז אַ טייל דערפון – און אויך פון אַנדערע געלטער פון אַנדערע מדינות – קומט אָן צו אידן, אחינו בני ישראל וואָס זיינען ערשט אַרויס (און גייען איצט אַרויס) ב„יציאת מצרים", פון „מצרים" (מלשון מיצרים וגבולים[*56]) פון מדינה ההיא, ב־דוגמא ווי ס'איז געווען ביציאת מצרים בפעם הראשונה, אַז „וינצלו את מצרים", ביז אַז „אף מה שלא היו שואלים היו נותנים להם", און אויך די דברים גנוזים[57].

ז. די הוראה פון דעם אַלעם איז פאַר־שטאַנדיק בפשטות:

זעענדיק די נסים וואָס דער אויבער־שטער טוט – ערוועקט עס נאָכמער אין אַ אידן, די הכרה אַז דער אויבערשטער איז דער בורא העולם ומנהיגו, און אַז ער מאַכט שטענדיקע נסים פאַר אידן, און „הקדוש ברוך הוא מצילנו מידם" פון די וואָס „עומדים עלינו".

ובפרט אַז די איצטיקע נסים דערמאָ־נען און פאַרשטאַרקן דעם הרגש באַ אידן „לראות את עצמו כאילו הוא יצא היום ממצרים", און אַז „לא את אבותינו בלבד גאל הקב"ה ממצרים אלא אף אותנו גאל עמהם" – גאולת מצרים איז די התחלה און כולל אַלע גאולות (אפילו אויך אַ גאולה וואָס „יגאלנו מן הצרות הבאות עלינו כו'"), כנ"ל,

און מ'גיט דערפאַר אָפּ שבח והודאה, „יודו לשמך"[58], „למי שעשה לאבותינו ולנו את כל הנסים האלו הוציאנו מעבדות לחירות מיגון לשמחה כו'".

ועוד וג"ז עיקר: דער עיקר אופן ווי אַ איד נעמט אויף די נסים און טוט אויף אַז דער אויבערשטער זאָל צוגעבן נאָכמער נסים איז – דורך דעם וואָס ער איז מוסיף אין לימוד התורה און קיום המצוות בהידור,

כולל – מצות תפילין (וואָס איז דאָך אַן אות וזכר צו יציאת מצרים[59]) – און הוקשה כל התורה כולה לתפילין[60] – וואָס דורך דעם ווערט „וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך"[61], ביז אַז אוה"ע זיינען מעורר אידן אַז זייער הצלחה בעבר ובעתיד (נאָכמער) איז דאָס דערפאַר וואָס „שם ה' נקרא עליך", און – „יודו לשמך".

און אין לימוד התורה עצמו – במיוחד בלימוד פנימיות התורה, וואָס דורך דעם ווערט „אתי מר" דא מלכא משיחא[62], „אר־אנו נפלאות" בגאולה האמיתית והשלימה.

ונוסף אויף די אייגענע עבודה, דאַרף מען אויך משפיע זיין אויף נאָך אידן, דורך הפצת התורה והיהדות און הפצת המעינות חוצה, כולל ובמיוחד – באַ די

56) וארא ו, ח.

*56) ראה תו"א וארא נז, ב ואילך. בשלח סד, א־ב. יתרו עא, ג ואילך. ובכ"מ.

57) ראה שמו"ר פי"ד, ג. ועוד.

58) תהלים קמ, יד.

59) ס"פ בא.

60) קידושין לה, א.

61) תבוא כח, י. ברכות ו, סע"א.

62) אגה"ק הידועה דהבעש"ט – נדפסה בכתר שם טוב בתחלתו. ובכ"מ.

אידן וואָס קומען איצטער אַרויס (ביציאת „מצרים") פון מדינה ההיא.

ח. ויהי רצון אַז דער אויבערשטער זאָל העלפן יעדער איד ער זאָל האָבן די „עינים לראות ו(במילא) אזנים לשמוע", און „לב לדעת"[63] — צו זען „המסות הגדולות אשר ראו עיניך האותות והמופתים הגדולים ההם"[64], די נסים גלויים וואָס קומען פאָר בכל יום,

ובפרט אַז מ'האַלט שוין נאָך די „ארבעים שנה"[65] זיין במדבר העמים (פון גלות), אין אַ מצב פון „(ארבעים שנה) אקוט בדור"[66], און מ'האַלט שוין באַ „יבואון אל מנוחתי"[67], אין ארץ הקודש וירושלים[68], ביז „שלם", שלימות המנוחה — בגאולה האמיתית והשלימה,

איז פאַרשטאַנדיק, אַז אידן זיינען שוין דערצו גרייט, און האָבן שוין דעם „לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע" [אַזוי ווי ס'איז געווען בארבעים השנה נאָך יציאת מצרים, וואָס כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות].

און אפילו אויב ס'איז נאָך דאָ אַ איד וועמען מ'דאַרף מסביר זיין ביז ער זאָל זען די נסים (וואָרום ער האָט זיך דערווילע נאָך ניט פאַנאַנדערגעקליבן) — קומט עס אָן אויפן לייכטסטן אופן, בדרכי נועם ובדרכי שלום ובשמחה ובטוב לבב, ס'איז גענוג מ'זאָל אים איין מאָל מעורר זיין אויף דעם.

ויה"ר אַז מ'זאָל ניט דאַרפן רעדן און דערציילן איינער דעם צווייטן וועגן די נסים, וואָרום יעדערער וועט און זעט עס בגלוי, מראה באצבעו ואומר זה[69], און איז מכיר ומודה לה' אויף די נסים,

ביז אַז ער שעמט זיך ניט צו אַרויסגיין אין אַ ריקוד צוליב די נסים גלויים!

וואָרום ער רעדט זיך ניט איין אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו טאַנצן און שטורעמען אויף די נסים וואָס דער אויבערשטער באַוויזט, נאָר אדרבה: ער קומט צו דער הכרת האמת לאמיתו, א) אַז דער אויבערשטער באַווייזט נסים גלויים, און ב) אַז מ'דאַרף אויף דעם זיין בשמחה גדולה.

ובפרט שטייענדיק, ווי גערעדט, אין חודש ניסן, ווען אַלע אידן זיינען בדרגת צדיקים [כידוע[70] דער חילוק צווישן חודש תשרי און חודש ניסן, ע"ד דער חילוק צווישן עבודת התשובה און די עבודת הצדיקים[71]], ויש לומר אַז דאָס איז איינער פון די טעמים פאַרוואָס מען זאָגט דעמולט ניט קיין תחנון[26] (דערפאַר וואָס מ'דאַרף דערצו (תחנון) דעמולט ניט אָנקומען, כמדובר כמה פעמים[72]), וואָרום יעדער איד ווערט אויפגעהויבן (בבחי' נס, ארים נסי[73]) לדרגת צדיק[74], במילא דאַרף מען ניט אָנקומען צו אמירת תחנון

63) תבוא כט, ג.

64) שם, ב.

65) ולהעיר שכבר עברו ארבעים שנה מעת הסתלקות כ"ק מו"ח אדמו"ר בשנת ה'שי"ת, כמדובר כמ"פ.

66) תהלים צה, י.

67) שם, יא.

68) פרש"י שם.

69) ראה תענית בסופה. שמו"ר ספכ"ג. פרש"י בשלח טו, ב.

70) ראה סה"מ תרל"ו ח"ב ע' שס. תרנ"ב ס"ע ג. ועוד.

71) ובנוגע להחדשים בינתיים יש לומר — שגם בצדיק ובעל תשובה יש כמה דרגות (צדיק גמור, שאינו גמור. תשובה מיראה, תשובה מאהבה. וכיו"ב). או שהם כנגד הדרגות בעבודת הבינוני. ואכ"מ.

72) לקו"ש חי"ד ס"ע 401 ואילך. חט"ז ע' 546. חל"ב ע' 75. ועוד.

73) ישעי' מט, כב. וראה ברכה י"א ניסן (לעיל ח"א ע' 420). וש"נ.

74) ולהעיר מהשייכות למזמור צדי"ק בתהלים,

און תשובה אויף ענינים הפכיים, נאָר מ'האָט דעמולט די תשובה באופן פון „לא־תבא צדיקיא בתיובתא"[74] (די תשובה איז אויף דעם וואָס ער האָט געקענט טאָן זיין עבודה באופן נעלה יותר).

און דער חודש ניסן גיט נאָכמער כח צו יעדער איד און הויבט אים אויף נאָך העכער, אַז חאָטש זיין מעמד ומצב ביז איצטער איז געווען אַ הויכער, ווערט ער אויפגעהויבן לדרגת נס (למעלה מטבע העולם לגמרי), און ער זעט די נסים פון דעם אויבערשטן אַרום זיך.

ווי מ'זעט עס במיוחד באַ די אידן וואָס קומען אַרויס (כביציאת מצרים) ממדינה ההיא, אַז ניט קוקנדיק אויף די נסיונות וואָס זיי זיינען דורך און אַ טייל פון זיי האָבן ניט געהאַט אַ שייכות גלוי' מיט לימוד התורה וקיום המצוות, זיינען אַ ריבוי מהם אָנגעקומען אין ארץ הקודש, און זיי האָבן אַ שייכות לתומ"צ בפועל, אויך דורך אַרויסהעלפן אַ צווייטן אידן בזה, ביז אַז זיי אַליין — און זייערע קינדער — ווערן לומדי תורה ומקיימי מצוות בהידור;

און אפילו די וואָס האָבן זיך דערווייַלע באַזעצט, מסיבות שונות ומשונות, אין אַנדערע מדינות, וועלן זיי דערנאָך אויך אָנקומען אין ארץ הקודש, כנ"ל. ועוד וגם זה עיקר — אַז זיי קומען אַלע אָן אין „ארץ הקודש" און אין „ירושלים עיר הקודש" ברוחניות „יראה שלם", שלימות היראה[76].

ווי מ'זעט עס בגלוי אין דעם קיום פון מצות מילה[77], וואָס מ'איז דאָס איצטער מקיים ביי כו"כ פון אחינו בני ישראל מ־מדינה ההיא (וואָס זיי האָבן עס ניט מקיים געווען צוליב די נסיונות און שוועריקייטן), ביז אַז זיי בעטן זיך אַז מ'זאָל דאָס ניט מעכב זיין און גלייך מכניס זיין זיי בבריתו של אברהם אבינו, „אחד הי' אברהם"[78].

ט. ועוד והוא העיקר: פון דער שמחה ושירה[79] אויף די איצטיקע נסים גלויים, זאָל מען קומען תיכף ומיד ממש צו „נודה לך שיר חדש על גאולתנו", בגאולה האמיתית והשלימה, וואָס דעמולט וועלן זיין די גרעסטע נסים ונפלאות, „אראנו נפלאות" (נפלאות — אפילו בערך צו די נסים ביציאת מצרים),

און אַלע אידן, „בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו"[80], בכל מקום שהם — סיי פון מדינה ההיא, סיי די וואָס האָבן זיך באַזעצט דערווייַלע במדינות אחרות — גייען, „וארו עם ענני שמיא"[81] (ע"ד ווי מ'פליט מיט אַן אוירון, אָבער נאָך שנעלער) — אין ארצנו הקדושה, אין ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לבית המקדש השלישי.

און מ'היילט דאָס נאָכמער צו דורך מאַכן יעדערן פאַר אַ שליח מצוה לצדקה

שמתחילים לומר בחודש ניסן שנה זו. וראה ה„פתי־חה" לקובץ י"א ניסן — שנת הצדי"ק ס"ה ואילך.

75) ראה זח"ג קנג, ב. לקו"ת שמע"צ צב, ב. שה"ש ג, סע"ב. ועוד.

76) ב"ר פנ"ו, י. תוד"ה הר — תענית טז, א. לקו"ת ר"ה ס, ב.

77) ולהעיר מהשייכות דמילה לענין שמיני (שקורין פ' שמיני שמונה פעמים בשנה זו, כנ"ל בפנים) — שמילה (גם שאינה בזמנה) קשורה עם „למנצח על השמינית" (ראה לקו"ת תזריע כ, ד ואילך).

78) יחזקאל לג, כד. וראה רמב"ם ריש הל' ע"ז.

79) וע"ד שבנ"י אמרו שירת הים על הנס דקרי"ס וטביעת מצרים בים (ובאריכות הפרטים). ואומרים שירת הים בכל יום בתפלה — טור או"ח סנ"א. שו"ע אדה"ז שם ס"א. — וראה זח"ב נד, ב.

80) בא י, ט.

81) דניאל ז, יג. סנהדרין צח, א.

(ובהוספה מדילי'), וואָס „גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה"[82]. ובפרט אין דעם בית הכנסת ובית המדרש ובית מעשים טובים – בית משולש – פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו.

והקיצו ורננו שוכני עפר[83], והוא וכל בני ביתו נשמות בגוף בתוכם, צוזאַמען מיט אַלע אידן פון כל הדורות,

און מ'נעמט מיט אין ארץ הקודש דעם ביהכנ"ס וביהמ"ד און אַלע בתי כנסיות ובתי מדרשות[84].

ועוד והוא העיקר: לא עכבן אפילו כהרף עין[85], יראה אל אלקים בציון[86], בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו.

---

82) ב"ב י, א. וראה תניא פל"ז (מח, ב).

83) ישעי' כו, יט.

85) מכילתא ופרש"י בא יב, מא.

86) תהלים פד, ח.

שיחת אור ליום ועש"ק פ' שמיני, כ"ח ניסן ה'תנש"א

— לאחרי תפלת ערבית —

א. בעמדנו ב„יום זכאי"[1] (בכלל, ובפרט) בנוגע להענין הכי עיקרי דגאולה האמיתית והשלימה,

— מצד כו"כ ענינים: כללות השנה, כללות החודש וכללות השבוע, וגם היום הפרטי בחודש והיום הפרטי בשבוע, כולל ובמיוחד מצד ענינו של היום והשבוע בספירת העומר, „מצוה[2] למימני יומי ומצוה למימני שבועי"[3] —

יש לעורר ולהזכיר ולהדגיש עוד הפעם ע"ד גמר ושלימות מעשינו ועבודתינו להבאת הגאולה האמיתית והשלימה, כדלקמן.

ב. ובהקדם הזכרת מעלת הזמן („יום זכאי") בשייכות להגאולה, ולכל לראש — מצד כללות השנה:

דובר כמ"פ במשך השנה ע"ד הר"ת דהשנה כפי שנקבע ונקרא בפי בנ"י: „הי' תהא שנת נפלאות אראנו" [נו"ן (ר"ת „נפלאות") לפני האל"ף (ר"ת „אראנו") — כבכתיבת זמני שטרות שצריכים לכתוב העשיריות (נו"ן) לפני היחידות[4] (אל"ף)], או „הי' תהא שנת אראנו נפלאות" [אל"ף (ר"ת „אראנו") לפני הנו"ן (ר"ת „נפלאות") — כלשון הכתוב[5] „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות"], ושניהם גם יחד.

וההסברה בזה:

„נפלאות" (כשלעצמם) — יכולים להיות גם באופן שאינם נראים בגלוי, כמארז"ל[6] שישנם נסים ש„אפילו בעל הנס (ועאכו"כ אחרים) אינו מכיר בניסו", ועד"ז בנוגע ל„נפלאות" שלמעלה מ„נסים". ואדרבה: יתכן שלא יראו ה„נפלאות" מצד גודל מעלתם (למעלה מנסים) — כמ"ש[7] „לעושה נפלאות גדולות לבדו", שלהיותם „נפלאות גדולות", לכן, „הוא לבדו יודע שהוא נס, אבל בעל הנס אינו מכיר בניסו"[8].

וההוספה ד„אראנו" — שה„נפלאות" נראים בגלוי בראי' מוחשית לעיני בשר („אראנו" כפשוטו[9]), כיון שהקב"ה מראה ה„נפלאות" („אראנו"), כלומר, ראיית הנפלאות היא (לא בגלל שאינם „נפלאות גדולות" ח"ו, אלא) בגלל ההשתדלות וההתעסקות דהקב"ה בכבודו ובעצמו שבכחו וביכלתו להראות גם „נפלאות גדולות" ש„הוא לבדו יודע שהוא נס".

ויש להוסיף ע"פ הדיוק בלשון הכתוב „אראנו (נפלאות)", בלשון נסתר, ולא בלשון נוכח („אראך")[10] — שמורה על דרגא

1) ראה תענית כט, א. ערכין יא, ב. וראה גם פרש"י עה"ת בהעלותך ט, ז. תצא כב, ח.

2) מנחות סו, א.

3) ויש לומר, שמצד החשיבות המיוחדת ד„יומי" ו„שבועי" בנוגע לספירת העומר, נוסף הדגשה יתירה גם בכללות ענינו של היום והשבוע (מצד הבריאה). ובפרט בקביעות שנה זו שפסח חל בשבת, והתחלת ספירת העומר במוצאי שבת, שאז השבתות הן תמימות כימי בראשית (כדלקמן ס"ה), שבזה מודגשת ההשפעה ההדדית שבין ימי ספה"ע וימי בראשית (כמדובר בארוכה בהתוועדות דאחש"פ (לעיל ח"א ע' 447 ואילך)).

4) ראה שו"ע אה"ע סקכ"ו ס"ה ובנ"כ.

5) מיכה ז, טו.

6) נדה לא, א.

7) תהלים קלו, ד.

8) פרש"י נדה שם.

9) „אין מקרא יוצא מידי פשוטו" (שבת סג, א. וש"נ).

10) ראה זח"ב נד, סע"א: „אראך מבעי לי'".

נעלית יותר באלקות שהיא באופן נסתר. וכיון שראיית הנפלאות היא מצד דרגא נעלית יותר באלקות, „אראנו" דייקא, באים גם ה„נפלאות גדולות" ש„הוא לבדו יודע שהוא נס" בראי' מוחשית לעיני בשר[11].

ובזה גופא — ב' סדרים: הסדר מצד מציאות העולם (כתיבת שטרות) — „נפלאות אראנו" — כי, מצד מציאות העולם (מלמטה למעלה) ה"ז „נפלאות" שלמעלה מגילוי, והתגלותם היא ע"י פעולה מיוחדת ד„אראנו". והסדר מצד התורה (לשון הכתוב) — „אראנו נפלאות" — שמלכתחילה ישנו הגילוי („אראנו") ד„נפלאות" שלמעלה מגדרי העולם (מלמעלה למטה).

ויש בזה מה שאין בזה: ב„אראנו נפלאות" (מלמעלה למטה) — מתגלית דרגא נעלית יותר באלקות, אבל הגילוי הוא (בעיקר) מלמעלה, ולא מצד גדרי התחתון (עולם); וב„נפלאות אראנו" — ה"ז מצד גדרי התחתון, אבל לא מתגלית דרגת האלקות שלמעלה לגמרי מהעולם.

והשלימות האמיתית היא בצירוף שניהם גם יחד („נפלאות אראנו" ו„אראנו נפלאות") — שמתגלית דרגת האלקות שלמעלה לגמרי מהעולם, וביחד עם זה, נמשכת וחודרת ונעשית מצד גדרי העולם.

ולכל לראש ובעיקר — התגלות הנפלאות שאודותם מדובר בכתוב — „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות", התגלות הנפלאות[12] דגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

ג. ובשנה זו עצמה — נוסף עוד יותר מצד כללות החודש והיום בחודש, כללות השבוע והיום בשבוע:

חודש ניסן הוא „חודש של גאולה"[13], שבו היתה היציאה (גאולה) ממצרים („ימי צאתך מארץ מצרים"), ובו תהי' הגאולה העתידה („אראנו נפלאות"), כמארז"ל[14] „בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל".

ובחודש ניסן עצמו — הלילה ש(באמצע ו)מחבר יום כ"ז ניסן ויום כ"ח ניסן:

כ"ז (ניסן) — אותיות „זך" (ע"ד „שמן זית זך"[15]), מלשון בהירות — מורה ומדגיש הגילוי („אראנו") ד„ניסן" (גאולה).

ויש להוסיף בנוגע למעלת מספר כ"ז — ט' פעמים ג', היינו, שענינו של ניסן (גאולה) הוא באופן של שילוש משולש ד„חזקה" („בתלת זימני הוי חזקה"[16]), ג' פעמים ג' — ג' פעמים, ע"ד המדובר כמ"פ בנוגע לכללות השנה (שמודגש בה ענין הגאולה), שהתחלתה וראשיתה בג' ימים רצופים של קדושה, שחוזרים ונשנים (בחו"ל) ג' פעמים (בר"ה, בסוכות, ובשמע"צ ושמח"ת).

וכ"ח (ניסן) — אותיות „כח" — מורה ומדגיש החוזק והתוקף דניסן (גאולה), כולל ובמיוחד — בפשטות — (נתינת) ה„כח" להבאת הגאולה בפועל ממש.

והוספה יתירה — מצד ענינו של כללות השבוע והיום בשבוע:

כללות השבוע — פרשת שמיני[17], ש-

11) להעיר מהמבואר באוה"ת (נ"ך עה"פ (ע' תפז). ובארוכה ביהל אור ס"ע קנג ואילך) השייכות ד„אראנו נפלאות" ל„נפלאות גדולות לבדו", עיי"ש.

12) „נפלאות" — גם בערך להנסים ונפלאות דיצי"מ (ראה אוה"ת נ"ך שם. ושי"נ).

13) שמו"ר פט"ו, יא.

14) ר"ה יא, רע"א. שמו"ר שם.

15) ר"פ תצוה. אמור כד, ב.

16) ב"מ קו, ריש ע"ב. ושי"נ.

17) בחו"ל (המקום שבו נמצאים לעת-עתה (בזמן הגלות) רוב מנין ורוב בנין דבנ"י). ובאה"ק — בשבוע שמחברך מפרשת שמיני.

„שמיני" קשור עם ענין הגאולה[19]. ובשבוע דפרשת שמיני עצמו – השבוע השלישי דפרשת שמיני, „חזקה" בהענין ד„שמיני".

והיום בשבוע – ערב שבת[20] שבו קורין פרשת שמיני כולה, ובקביעות שנה זו קורין „ויהי ביום השמיני" בפעם השמינית – שמיני שבשמיני (גאולה שבגאולה – תכלית השלימות בגאולה).

ד. ויש להוסיף במעלת היום – מצד הקשר והשייכות להימים הבאים[21]:

מכ"ח ניסן באים לכ"ט ניסן – ערב ראש חודש (אייר[22]), שנקרא „יום כיפור קטן"[23] – מעין ודוגמת ענינו של יוהכ"פ, „יום חתונתו" (יום הכיפורים שניתנו בו לוחות אחרונות)[24], ששלימותו בהגאולה העתידה שאז יהיו הנישואין דכנס"י והקב"ה[25].

וממנו באים לראש חודש, מולד הלבנה, ודוגמתו בישראל (שדומין ללבנה ומונין ללבנה[26]) – „שהם עתידים להתחדש כמותה"[27], בהגאולה העתידה. ובנדו"ד שר"ח הוא ב' ימים – באים מיום ראשון דר"ח ליום שני דר"ח (שבו מתחיל מנין ימי החודש[28]), שבזה מודגש ענין הגאולה שבר"ח באופן כפול[29].

ומעלה יתירה בקביעות שנה זו שערב ראש חודש חל ביום השבת[30]:

כשערב ר"ח חל בשבת – מקדימים הענינים ד„יום כיפור קטן" (ששייכים לערב ר"ח) להימים שלפני השבת[31] (כיון שביום השבת אין אומרים תחנון), וביום השבת, ערב ר"ח ממש, ישנה רק עבודה של שמחה – „וביום שמחתכם אלו השבתות"[32].

ועוד ועיקר: כשערב ר"ח חל בשבת מודגש בו ענין הגאולה גם מצד ענינו של יום השבת – מעין ודוגמת „יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים"[33].

ומ(יום ב' ד)ראש חודש, א' אייר, באים לב' אייר – יום הולדתו של אדמו"ר מהר"ש:

---

18) כמארז"ל (ערכין יג, ב) „כינור . . של ימות המשיח שמונה".

19) להעיר, שבשיעור חומש דיום הששי מדובר אודות ד' החיות טמאות שרומזים לד' מלכיות (גלויות) שיתבטלו בגאולה העתידה (ראה ויק"ר סוף פרשתנו).

20) ביום השבת – בציבור, ובערב שבת – ביחיד, שנים מקרא ואחד תרגום (טושו"ע ואדה"ז או"ח סרפ"ה). ולהעיר, שמנהג נשיאי חב"ד להתחיל שמו"ת (פרשה או שתים) בליל ששי („היום יום" ד' טבת).

21) ובהדגשה יתירה בנדו"ד מצד ימי השבוע – ששבת שייך לערב שבת („מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת"), והימים שלאחרי השבת שייכים לשבת, ובמילא גם לערב שבת.

22) ר"ת אברהם יצחק יעקב ורחל (מאו"א א, פד. ועוד) – ד' רגלי המרכבה, שבזה מודגש בי מיוחד העילוי דרגל הרביעי (דהמרכבה), שקשור עם דוד (זח"א רמח, ב. ועוד) – דוד מלכא משיחא.

23) פר"ח לאו"ח סתי"ז (מהרמ"ק). של"ה (קכ, ב. קעט, א. ועוד). יעב"ץ בסידורו. ועוד. וראה אוה"ת בא ע' רנג. וראה גם נ"כ חאו"ח שם.

24) תענית כו, ב ובפרש"י. שם ל, ב.

25) שמו"ר ספט"ו.

26) ראה סוכה כט, א. ב"ר פ"ו, ג. אוה"ת בראשית ד, סע"ב ואילך.

27) נוסח קידוש לבנה (סנהדרין מב, א).

28) שהרי יום א' דר"ח נמנה ליום הל' דהחודש שלפניו (שו"ע אה"ע סקכ"ו ס"ו).

29) ולהעיר ש„כפל" עצמו שייך לגאולה (ראה פרדר"א פמ"ח. ועוד. ד"ה לך לך תרכ"ז. תר"ל).

30) כמודגש בהפטורת היום – „מחר חודש".

31) להעיר מהשקו"ט בנוגע לדחיית ה„יום כיפור קטן" ליום חמישי (ראה פר"ח שבהערה 23). – ובזה מודגשת יותר השייכות דערב ר"ח ליום זה.

32) ספרי בהעלותך יו"ד, יו"ד.

33) תמיד בסופה.

מקובל אצל חסידים הפתגם ע"ד מעלת יום הולדתו בספירת „תפארת שבתפארת"[34]. וענין זה קשור גם עם הנהגתו המיוחדת באופן ד„לכתחילה אריבער", כפתגמו המפורסם[35]: „די וועלט זאָגט אַז ווען מען קען ניט אַרונטער גייט מען אַריבער, און איך זאָג אַז מ'דאַרף לכתחילה אַריבער" (העולם סבור שכשאי-אפשר ללכת מלמטה הולכים מלמעלה, ואני סבור – אומר ומורה אדמו"ר מהר"ש – שמלכתחילה צריך ללכת מלמעלה).

וע"פ הסדר ד„לכתחילה אַריבער" – ה"ז פועל גם מלמפרע, היינו, שכל הענינים דהימים שלפנ"ז (החל מיום כ"ז ניסן) נעשים „מלכתחילה אַריבער" ובאופן ד„תפארת שבתפארת".

ה. ומעלה נוספת – מצד ימי הספירה:

התוכן דימי הספירה, הימים שבין חג הפסח („זמן חירותינו") לחג השבועות („זמן מתן תורתנו"), יציאת מצרים בשביל קבלת התורה, הוא – היציאה מהגלות[36] אל (הגאולה, שאז תהי') השלימות דמתן-תורה[37], „תורה חדשה[38] מאתי תצא"[39].

ובהדגשה יתירה בקביעות שנה זו שפסח חל בשבת – כדאיתא במדרש[40] „שבע שבתות תמימות תהיינה, אימתי הן תמימות . . כשיבוא פסח בשבת ויתחילו לספור במוצאי שבת, שאז השבתות הן תמימות", „שמתחילות באחד בשבת ומסיימות בשבת"[41], היינו, שהענין ד„תמימות" הוא בשלימות נעלית יותר[42], תמימות שבתמימות – גם ענין הגאולה שבימי הספירה הוא בשלימות נעלית יותר.

ומעלה מיוחדת בהספירה הפרטית דימים אלה[43]:

בנוגע לספירת הימים – באים מה-ספירה דיום י"ב לעומר (כ"ז ניסן), כנגד י"ב שבטים (השלימות דכלל ישראל שתהי' בהגאולה העתידה), להספירה דיום י"ג לעומר (כ"ח ניסן), הגימטריא ד-„אחד"[44] („ביום ההוא יהי' ה' אחד ושמו אחד"[45]), וממנו באים להספירה דיום י"ד לעומר (ערב ר"ח), שרומז לג' הידות[46] („חזקה" בענין ה„יד", „בחוזק יד"[47]) – „יד חזקה"[48], „יד רמה"[49], „יד הגדולה"[50] (שנאמרו בנוגע להגאולה ממצרים), וממנו באים להספירה דיום ט"ו לעומר, שרומז

34) „היום יום" ב' אייר. ובכ"מ.

35) אג"ק אדמו"ר מוהריי"צ ח"א ע' תריז. ועוד.

36) ש„כל המלכיות (גלויות) נקראו ע"ש מצרים כו'" (ויק"ר שבהערה 19).

37) להעיר, שבמתן-תורה (ביום החמישים ל-ספה"ע) מתגלה שער הנו"ן (ראה לקו"ת במדבר יו"ד, ד ואילך. ובכ"מ), ר"ת „נפלאות", ורומז לנו"ן פלאות (זח"א רסא, ריש ע"ב).

38) וכיון ש„אסתכל באורייתא וברא עלמא" (זח"ב קסא, ריש ע"ב. ועוד), ה"ז פועל גם בהעולם – „השמים החדשים והארץ החדשה" (ישעי' סו, כב), ועאכו"כ החידוש בישראל (שבשבילם נברא העולם) – „כן יעמוד זרעכם ושמכם" (ישעי' שם. וראה לקו"ת בסופו).

39) ישעי' נא, ד. ויק"ר פי"ג, ג.

40) פסדר"כ פ"ח. פס"ר פי"ח. קה"ר פ"א, ג. ראב"ן ספ"ו. ראבי"ה פסחים סתקכ"ו. רוקח סרצ"ה (הובא במ"כ לקה"ר שם).

41) פרש"י מנחות סה, ריש ע"ב.

42) ראה לקו"ש חכ"ב ע' 145.

43) להעיר, שבשיעור הרמב"ם דערב שבת לומדים דיני ספה"ע (הל' תמידין ומוספין ספ"ז).

44) להעיר, ש„יבא (שילה)" – ביאת משיח – בגימטריא „אחד" (שיחת אחש"פ תרצ"ט (סה"ש תרצ"ט ע' 329). נת' בשיחת אחש"פ תשכ"ט (לקו"ש ח"א ע' 8)).

45) זכרי' יד, ט.

46) ראה לקו"ת נשא כא, ב ואילך. ובכ"מ.

47) בא יג, ג. יד. טז.

48) שם, ט.

49) בשלח יד, ח.

50) שם, לא.

ושייך לשלימות הלבנה („קיימא סיהרא באשלמותא"[51]), ודוגמתו בישראל שעתי־דים להתחדש כמותה (כנ"ל ס"ד).

ו. ע"פ האמור לעיל ע"ד הדגשת ענין הגאולה (במיוחד) בזמן זה — מתעוררת תמיהה הכי גדולה: היתכן שמבלי הבט על כל הענינים — עדיין לא פעלו ביאת משיח צדקנו בפועל ממש?! ... דבר שאינו מובן כלל וכלל!

ותמיהה נוספת — שמתאספים עשרה (וכו"כ עשיריות) מישראל ביחד, ובזמן זכאי בנוגע להגאולה, ואעפ"כ, אינם מר־עישים לפעול ביאת המשיח תיכף ומיד, ולא מופרך אצלם, רחמנא ליצלן, שמשיח לא יבוא בלילה זה, וגם מחר לא יבוא משיח צדקנו, וגם מחרתיים לא יבוא משיח צדקנו, רחמנא ליצלן!!

גם כשצועקים „עד מתי" — ה"ז מפני הציווי כו', ואילו היו מתכוונים ומבקשים וצועקים באמת, בודאי ובודאי שמשיח כבר הי' בא!!

מה עוד יכולני לעשות כדי שכל בנ"י ירעישו ויצעקו באמת ויפעלו להביא את המשיח בפועל, לאחרי שכל מה שנעשה עד עתה, לא הועיל, והראי', שנמצאים עדיין בגלות, ועוד ועיקר — בגלות פנימי בעניני עבודת השם.

51) זהר ח"א קנ, רע"א. ח"ב פה, רע"א. ועוד. וראה שמו"ר פט"ו, כו.

הדבר היחידי שיכולני לעשות — למסור הענין אליכם: עשו כל אשר ביכלתכם — ענינים שהם באופן דאורות דתוהו, אבל, בכלים דתיקון — להביא בפועל את משיח צדקנו תיכף ומיד ממש!

ויה"ר שסוכ"ס ימצאו עשרה מישראל ש„יתעקשו" שהם מוכרחים לפעול אצל הקב"ה, ובודאי יפעלו אצל הקב"ה — כמ"ש[52] „כי עם קשה עורף הוא (למעליו־תא[53], ולכן) וסלחת לעווננו ולחטאתנו ונחלתנו" — להביא בפועל את הגאולה האמיתית והשלימה תיכף ומיד ממש[54].

ז. וכדי למהר ולזרז עוד יותר ע"י הפעולה שלי — אוסיף ואתן לכאו"א מכם שליחות־מצוה ליתן לצדקה, ו„גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה"[55].

ואני את שלי עשיתי, ומכאן ולהבא תעשו אתם כל אשר ביכלתכם.

ויה"ר שימצא מכם אחד, שנים, שלשה, שיטכסו עצה מה לעשות וכיצד לעשות, ועוד והוא העיקר — שיפעלו שתהי' הגאולה האמיתית והשלימה בפועל ממש, תיכף ומיד ממש, ומתוך שמחה וטוב לבב.

52) תשא לד, ט.

53) ראה שמו"ר ספמ"ב. הובא בתו"א מג"א קכג, סע"ב. לקו"ת בלק סז, ד.

54) להעיר, שהפסוק „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות" הוא תשובת הקב"ה לתפלת הנביא על הגאולה (רד"ק ומצו"ד עה"פ).

55) ב"ב יו"ד, א. וראה תניא פל"ז.

משיחות ש"פ שמיני, מבה"ח וער"ח אייר ה'תנש"א

א. דעם שבת האָט מען פאַרענדיקט דעם אַכטן מאָל לייענען פרשת שמיני דעם יאָר — ווי ס'איז מערערע מאָל באַטאָנט געוואָרן אין די לעצטע וואָכן, אַז היינטיקער יאָר לייענט מען פרשת שמיני („ויהי ביום השמיני") שמונה פעמים, וואָס דאָס האָט אין זיך די מעלה — כפתגם הידוע[2]: שמיני שמונה שמינה — אַ יאָר ווען מ'לייענט (פרשת) שמיני, שמונה — אַכט מאָל, וועט זיין שמינה, אַ „פעטער" יאָר אָנגעפילט בגשמיות וברוחניות.

וואָס דאָס איז איינשטימיג מיט דעם כללות'דיקן אויפטו פון דעם היינטיקן יאָר — אויף וועלכן אידן גיבן דעם סימן און נאָמען „הי' תהא שנת נפלאות אראנו" — אַ יאָר אויסגעצייכנט דערמיט וואָס ער איז „פעט" און אָנגעפילט מיט נסים ונפלאות פון דעם אויבערשטן וואָס קומען פאָר לעיני כולם, (אויך) אַלס הכנה צו די נסים ונפלאות פון דער גאולה האמיתית והשלימה וועלכע קומט תיכף ומיד ממש, „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות"[3] — ווי גערעדט און אונטערשטראָכן פיל מאָל במשך דעם יאָר, ובפרט אין חודש ניסן, מלשון נס[4] און „נסי נסים"[5].

דערצו איז דער שבת אויך:

(א) דער ערשטער שבת נאָך פסח, ווען מ'הויבט אָן זאָגן[6] און לערנען[7] פרקי אבות בשנה זו (בשבתות שבין פסח ועצרת[8]), אָנהויבנדיק פון „משה קיבל תורה מסיני כו'"[9].

(ב) דער לעצטער שבת פון חודש ניסן היי יאָר (שנת אראנו נפלאות), און נאָכמער — דער סיום פון חודש ניסן (וואָס „הכל הולך אחר החיתום"[10]), וואָרום דער שבת איז ערב ראש חודש אייר[11], „מחר חודש".

(ג) דער סיום פון דער צווייטער פולער וואָך פון ספירת העומר („ארבעה עשר יום שהם שני שבועות לעומר"), ווי דער אויפטו פון קביעות שנה זו, אַז ספירת העומר הויבט זיך אָן „ממחרת השבת"[12] כפשוטו (וואָרום דער ערשטער טאָג פסח איז געווען שבת), וואָס דאָס טוט אויף אַן

1) במנחת שבת הגדול, בשני וחמישי בשבוע שלפני חג הפסח, במנחת שבת דיום ראשון דחג הפסח, ובמנחת שבת דאחרון של פסח, ובשני וחמישי שלאחרי הפסח, ובשבת זו.

2) ראה גם לקו"ש ח"ז ע' 297. ספר השיחות תשמ"ח ח"ב ע' 395. ע' 413 ואילך.

3) מיכה ז, טו.

4) ראה מדרש לקח טוב עה"פ בא יב, ב: ניסן שבו נעשו נסים לישראל. וראה ברכות נו, א ובפרש"י שם.

5) ברכות נז, רע"א ובפרש"י וחדא"ג מהרש"א שם.

6) כמ"ש אדה"ז בסידורו (במקומו) „נוהגין לומר פרקי אבות". ועד"ז הוא באבודרהם סוף סדר ימי העומר („לקרות"). ועוד. וכ"ה הלשון („לומר") בטואו"ח סרצ"ב (בנוגע לאמירת פרק"א בכל שבת).

7) ראה ספר הפרדס לרש"י (בפירוש התפלות). סידור רע"ג (בנוגע לכל שבת).

8) אבודרהם וסידור אדה"ז שם. ועוד — נסמן בספר „בין פסח לשבועות" פרק ה סכ"ח סקי"ב (ע' קנט). — „ויש נוהגין כך כל שבתות הקיץ" — סידור אדה"ז שם. ועוד — נסמן בספר הנ"ל שם סק"א (ס"ע קנח).

9) אבות פ"א מ"א.

10) ברכות יב, א.

11) שמזה מובן, דיום המחרת (א' דר"ח), עם היותו נמנה ליום הל' דחודש ניסן (ראה שו"ע אה"ע סקכ"ו ס"ו) — שייך (גם) לחודש אייר.

12) אמור כג, טו.

עילוי אין דעם ענין ותמימות פון ספירת העומר — ווי עס שטייט אין מדרש[13]: „שבע שבתות תמימות תהיינה[12], אימתי הן תמימות . . כשיבוא פסח בשבת ויתחילו לספור במוצאי שבת, שאז השבתות הן תמימות", „שמתחילות באחד בשבת ו־מסיימות בשבת"[14].

און וויבאַלד אַז אין היינטיקער קביעות קומען צוזאַמען די אַלע זאַכן אין דעם שבת — (א) קריאת שמיני בפעם השמינית, (ב) מחר חודש, (ג) סיום שבוע השני פון ספירת העומר, (ד) התחלת אמירת ולימוד פרקי אבות — דאַרף מען זאָגן (וויבאַלד אַז אַלץ איז בהשגחה פרטית[15]) אַז זיי האָבן צווישן זיך אַ שייכות, ועוד ועיקר — אַ שייכות מיט דעם ענין פון „אראנו נפלאות". וכדלקמן.

ב. דער עילוי פון „שמיני שמונה שמינה" — פאָדערט הסברה:

„שמיני" איז (אויך) מלשון שומן (כידוע דער פירוש[16] אין „ביום השמיני עצרת"[17]). און זייענדיק אַ פרשה בתורה, פון וועלכע עס ווערט נמשך אַ הוראה ונתינת כח אויף כל השנה, איז פאַרשטאַנדיק אַז פון קריאת פ' שמיני (אפילו איין מאָל) ווערט נמשך „שמינה" (פעטקייט) על כל השנה.

שטעלט זיך די שאלה: וויבאַלד אַז „שמיני" אַליין איז ענינו שומן — איז וואָס פאַר אַ עיקר חידוש קומט אין דעם צו דורך דעם מספר הקריאות, אַז מ'לייענט (די זעלבע פרשה און דעם זעלבן ענין פון) שמיני שמונה פעמים[18], אַז דוקא דעמולט זאָגט מען אַז עס וועט זיין „שמינה", אַ „פעטער" יאָר?!

קריאת שמיני שמונה פעמים איז טאַקע מוסיף הדגשה אין דעם ענין פון „שמונה" (שמינה), אָבער פון דעם לשון הפתגם איז משמע, אַז (אַ יאָר ווען) „שמיני שמונה" (מ'לייענט שמיני שמונה פעמים) האָט אין זיך אַ חידוש לגבי שאר השנים (ניט בלויז אַ תוספת הדגשה) — אַז (דוקא דער יאָר וועט זיין) „שמינה"[19].

ג. ויש לומר דער ביאור אין דעם:

די באַזונדערע דערהויבנקייט פון „ויהי ביום השמיני" (יום „שמיני למילואים"[20]), באַשטייט אין דעם, וואָס אין דעם טאָג האָט זיך אָנגעהויבן די השראת ה־שכינה אין משכן — „היום ה' נראה אליכם, להשרות שכינתו במעשה ידיכם"[21], ביז אַז „וירא כל העם וירונו ויפלו על פניהם"[22].

און דער כח אויף דעם איז געקומען

---

13) פסדר"כ פ"ח. פס"ר פי"ח. קה"ר פ"א, ג. ראב"ן ספ"ו. ראבי"ה פסחים סתקכ"ו. רוקח סרצ"ה (הובא במ"כ לקה"ר שם). — וראה בארוכה לקו"ש ח"ב ע' 96 ואילך. חכ"ב ע' 145. שיחת אחש"פ לעיל ע' 447 ואילך.

14) פרש"י ד"ה חמשים יום — מנחות סה, ריש ע"ב.

15) כש"ט הוספות סקי"ט ואילך. וש"נ.

16) לקו"א להה"מ סי' רס (סח, סע"ב). או"ת להה"מ צה, ב. אוה"ת שמע"צ ע' א'תתיז. סה"מ תרצ"ו ע' 41. וש"נ.

17) פינחס כט, לה.

18) היינו: באם היו קורין פרשת אחרת ח' פעמים — הי' בזה החידוש של שמונה (שומן), אבל בפ' שמיני הרי הענין דשומן הוא התוכן של פרשה זו (שמיני) עצמה.

19) אלא שענין זה נמשך (לא רק בחדשי שנה זו, עד פ' שמיני דשנה הבאה, אלא) גם בשנים שלאח"ז, עד לפעם הבאה שתבוא קביעות שקורין שמיני שמונה (ואז, תהי' ההמשכה באופן נעלה עוד יותר כו'). וע"ד המבואר בלקו"ת (ברכה צח, ב) ש„מכל רגל ויו"ט הי' נמשך . . עד הרגל הבא לאחריו".

20) פרש"י ריש פרשתנו.

21) פרשתנו ט, ד ובפרש"י.

22) שם, כד.

(אויך) דורך דעם וואָס דאָס איז געוועזן ביום השמיני[23]:

עניני העולם (אויך שלימות העולם) זיינען אויסגעשטעלט אין מספר שבע. די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אין שבעת ימי בראשית (זעקס טעג פון באַשאַף, און שבת וואָס האָט אַריינגעגעבן מנוחה אין וועלט[24], שלימות הבריאה) – די שבעת ימי ההיקף, אין וועלכע ס'איז אויסגעשטעלט זמן העולם וכללות סדר השתלשלות (שבעת ימי הבנין, שבע מדות), ווייל די צאָל שבעה ווייזט אויף דעם אור אלקי וואָס איז זיך מתלבש אין דער בריאה; "שמיני" ווייזט אויף דעם אור אלקי וואָס איז העכער פון התלבשות אין וועלט, בחי' שומר את ההיקף שלמעלה מסדר השתלשלות.

וואָס דערפאַר איז "ביום השמיני" געווען די השראת השכינה אין משכן: הגם אַז אויך פאַר דעם זיינען געווען אַ ריבוי פרטי עבודות בשבעת ימי המילואים, איז דאָס נאָך אַלץ געווען פאַרבונדן מיט אַ גילוי אלקות וועלכער איז בערך הבריאה, האָט עס ניט געהאַט דעם ענין צו אויפטאָן דעם "ושכנתי בתוכם"[25], גילוי השכינה אין משכן: דוקא ביום השמיני (וואָס "מספר זה מיוחד אליו ית'"[26]) האָט זיך אויפגעטאָן דער גילוי אלקות שלמעלה מהבריאה אין דעם משכן – "היום ה' נראה אליכם, להשרות שכינתו במעשה ידיכם".

דאָס איז אויך די שייכות פון "שמיני" מיט "שמינה" (שמיני מלשון שומן) – ווייל די המשכה אין אַן אופן פון "שומן", "פעטקייט" – מער ווי ע"ד הרגיל מצד גדרי העולם – קומט דוקא פון שמיני, שלמעלה מסדר השתלשלות.

ד. תכלית הכוונה איז, אַז אויך דער אור וואָס איז העכער פון השתלשלות ("שמיני") זאָל ניט בלייבן בהבדלה פון עולם, נאָר דאָס זאָל נמשך ווערן בגילוי אין וועלט, אין אַן אופן אַז די וועלט, מצד אירע גדרים, זאָל אויפנעמען דעם גילוי.

דאָס הייסט, אַז עס זאָל זיין דער חיבור פון ביידע ענינים: דער גילוי שלמעלה ממדידה והגבלה, וואָס דאָס האָט די מעלה אַז דאָס איז העכער פאַר די הגבלות פון עולם – אין מדידה והגבלה, וואָס האָט די מעלה אַז דער מקבל ווערט דערצו אַ כלי צו אויפנעמען און קולט זיין דעם גילוי בפנימיות: עס ווערט דער חיבור פון בלי גבול און גבול.

[און נאָכמער: דער סדר העבודה בזה איז מלמטה למעלה, אַז פון דער מדידה והגבלה פון עולם, דערגרייכט מען אויך צו (אויפנעמען) דעם אור שלמעלה מגדרי העולם, כדלקמן ס"ו)].

וואָס אין דעם באַשטייט דער חידוש פון גילוי אלקות אין משכן ומקדש [און בתכלית השלימות – ווי עס וועט זיין אין בית המקדש השלישי] – ווי עס האָט זיך אויפגעטאָן "ביום השמיני" – "(ועשו לי מקדש) ושכנתי בתוכם"[25], השראת וגילוי השכינה, שלמעלה מגדרי העולם ("לי"), אין דעם משכן גשמי, אין "מעשה ידיכם". און פון משכן ווערט עס נמשך בכל

---

23) בהבא להלן ראה כלי יקר ריש פרשתנו. שו"ת הרשב"א ח"א ס"ט – הובאו ונתבארו בד"ה ויהי ביום השמיני תרע"ח (ע' רסט ואילך). תשי"ד (ע' 191 ואילך). תש"ה (ע' 167 ואילך). ועוד. וראה גם לקו"ש חי"ז ע' 93 ואילך. מכתב י"א ניסן ש.ז. (נדפס לקמן ע' 893). ועוד.

24) כמארז"ל "מה הי' העולם חסר מנוחה באת שבת באת מנוחה" (פרש"י בראשית ב, ב. פרש"י מגילה ט, א (ד"ה ויכל). וראה ב"ר פ"י, ט ובמ"כ שם).

25) תרומה כה, ח.

26) כלי יקר שם.

העולם (ממנה אורה יוצאה לכל העולם[27]).

ווי דאָס איז געווען בגלוי אין ארון (וועלכער איז „עיקר החפץ במשכן"[28]) — אַז „מקום ארון אינו מן המדה"[29]: אע"פ וואָס דער ארון (אין וועלכן עס זיינען געלעגן די שני לוחות הברית, הכוללים כל התורה כולה[30], וואָס אורייתא וקוב"ה כולא חד[31]) איז למעלה ממדידה והגבלה, „אינו מן המדה", האָט דער מקום הארון געהאַט אַ באַשטימטע מדה („אמתים וחצי ארכו גו'"[32]), און דער מקום איז געווען „אינו מן המדה" — צוזאַמען מיט דער מעלה פון בלי גבול אויך די מעלה פון גבול (וואָס קען אויפגענומען ווערן בגדרי התחתון).

און עד"ז קומט עס אַרויס אין דער עבודה פון אַ אידן: בכללות זיינען פאַראַן צוויי אופני וסדרי עבודה — אַן עבודה בצמצום ובמדידה והגבלה (דקדושה), און אַן עבודה שלמעלה ממדידה והגבלה. ויש בזה מה שאין בזה: די עבודה במדידה והגבלה איז בערך צו דרגת האדם, ער זאָל ווערן אַ כלי צו אויפנעמען אלקות בפנימיות מציאותו. און די עבודה שלמעלה ממדידה והגבלה („בכל מאדך"[33]) אַ כלי אויף אויפנעמען אלקות שלמעלה מהגבלת האדם („מאד" האמיתי): און די שלימות באַשטייט פון חיבור ביידע ענינים אין עבודת האדם: אויך אין זיין עבודה שלמעלה מהגבלה האָט ער די מעלה אַז דאָס ווערט נמשך בכלי ובפנימיות, און אויך אין זיין עבודה שבהגבלה האָט ער די מעלה פון „בכל מאדך".

ה. עפ"ז וועט מען פאַרשטיין דער אויפטו פון „שמיני שמונה" (קריאת שמיני שמונה פעמים), וואָס דעמולט איז דאָס „שמינה":

דער אונטערשייד צווישן „שמיני" און „שמונה" איז: „שמיני" איז אַ מספר סידורי, וואָס קומט טאַקע נאָך זיבן פריערדיקע, אָבער דאָס איז אַ באַזונדערע אַכטע — מציאות, וועלכע איז מובדל בערך פון די שבעה שקדמו לו. „שמיני" איז ניט לגמרי אַן ענין לעצמו, נאָר דאָס האָט אַ שייכות (און קומט בהמשך) צו שבעה (און נאָכמער: שמיני איז שייך דוקא נאָך דעם וואָס עס זיינען פריער דאָ שבעה): אָבער לאחרי וואָס עס קומט אַרויס דער ענין (יום) השמיני, איז דאָס (אויך) אַ באַזונדער מציאות, וואָס איז נבדל פון די שבעה. [ווי דאָס איז בנדו"ד — „ויהי ביום השמיני", דער יום שמיני למילואים, וואָס קומט נאָך די שבעת ימי המילואים, אָבער דאָס איז אַ באַזונדער, אַכטער טאָג, וואָס איז מובדל און העכער פון די פריערדיקע טעג — דער יום השמיני איז דער טאָג ווען ס'איז געווען אַ חידוש הכי עיקרי — די השראת השכינה אין משכן].

„שמונה" — אַכט — איז אַ מספר הכולל, דאָס איז כולל אַלע אַכט צוזאַמען, אויך די שבעה שקדמו לו[34]. שמונה איז דער

27) ירושלמי ברכות פ"ד ה"ה. וראה גם רש"י כת"י מנחות פו, ב.

28) רמב"ן ר"פ תרומה.

29) יומא כא, א. וש"נ.

30) ראה ירושלמי שקלים פ"ו ה"א. ועוד.

31) תניא פ"ד ורפכ"ג בשם הזהר. וראה הנסמן במאמרי אדהאמ"צ ויקרא ח"א ע' רפה. וראה זהר ח"א כד, א. ח"ב ס, א. תקו"ז ת"ו (כא, ב). תכ"ב (סד, א). לקו"ת נצבים מו, ב. ועוד.

32) תרומה כה, י.

33) ואתחנן ו, ה. וראה תו"א מקץ לט, ג־ד. דרמ"צ קכג, ב. קמ, ב. קס, ב. סה"מ תר"ס ע' קח. וראה ספר הערכים חב"ד ערך אהבת ה' — בכל לבבך, נפשך ומאדך ס"ד. וש"נ.

34) ע"ד האופן דספירת העומר שהספירה היא לא במספר סידורי (יום שני, יום שלישי וכו'), אלא במספר הכולל (גם הימים שלפניו) — „היום שני

טייטש אַז מ'האָט אַלע אַכט צוזאַמען. ואדרבה: דער טאָג הויבט זיי אַלע אויף צו (דער דרגא פון) שמונה, אַז אַלע זאַכן (אויך די ערשטע זיבן) זיינען אַ חלק פון „שמונה".

ועפ"ז יש לומר אַז „שמיני" און „שמונה" צוזאַמען זיינען מרמז אויך אויף דעם כח צו מחבר זיין די צוויי ענינים הנ"ל אין דעם גילוי אלקות במשכן — בלי גבול און גבול: בכדי עס זאָל זיין דער חיבור פון גבול און בלי גבול (עולם און למעלה מעולם), דאַרף אין בלי גבול (דרגא ה־שמינית) עצמו זייןביידע ענינים. און דאָס איז דער אונטערשייד צווישן „שמיני" און „שמונה": „שמיני" איז (בעיקר) דער ענין פון בלי גבול[35], און „שמונה" איז ווי בלי גבול איז אין זיך כולל (די מעלה פון) גבול (שבעה). „שמיני" גייט בעיקר אויף דעם גילוי שלמעלה מהשתלשלות (שומר את ההיקף), און „שמונה" איז מדגיש ווי דער גילוי (שלמעלה מהשתלשלות) איז כולל און ווערט נמשך אויך אין די שבעת ימי הבנין פון סדר השתלשלות, אין כל פרט ופרט — א', ב', ג', ד', ה', ו', ז' און דערנאָך ח' — ווי זיי ווערן אַלע אויפגע־הויבן און ווערן „שמונה".

„תפארת" – קאי על התורה („תפארת זו מתן תורה"), שמצד גודל מעלתה בכחה לחבר ב' התנועות דרצוא (קירוב ודביקות להקב"ה, „תפארת לעושי'") ושוב (המשכה למטה, „תפארת לו מן האדם"), שהאורות העליונים יומשכו ויתגלו בכלים (כנ"ל ס"ו), שעי"ז מתגלה ענינו האמיתי של הגלות (אורות עליונים), באופן שמושלל ענין הגלות כפשוטו, גאולה שאין אחרי' גלות (כנ"ל ס"ז-ח).

ויש להוסיף בביאור הטעם שהתורה (תפארת) היא „דרך ישרה" להתגלות וה־באת המשיח – ע"פ הידוע[75] שבמשיח צדקנו ישנם ב' ענינים: מלך (המלך ה־משיח) ורב (שילמד תורה את כל העם), והחילוק שביניהם, שענין ה„מלך" שב־משיח מורה על ההשפעה באופן מקיף שנעשית ע"י הביטול דקבלת עול מלכותו, וענין ה„רב" שבמשיח מורה על ההשפעה באופן פנימי שנעשית ע"י לימוד התורה עד שחשיב „כאילו ילדו"[76], ויש לומר, ש־צירוף שניהם (מלך ורב, מקיף ופנימי) יחדיו מורה שגם האורות עליונים של־מעלה מהתלבשות בכלים (כ"א באופן מקיף בלבד) נמשכים ומתגלים בכלים (באופן פנימי), בכח התורה („תפארת").

י. ויש לקשר זה גם עם תוכנו של הזמן – חודש אייר:

חודש אייר הוא החודש השני, שבו נעשית העבודה מלמטה למעלה – לאחרי הקדמת הגילוי מלמעלה למטה בחודש ניסן, ש„בו נעשו נסים לישראל"[77], עד ל„נסי נסים"[78], ש„נגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקב"ה וגאלם"[79], „חודש של גאולה"[80], עד לגאולה מכל עניני מיצר וגבול.

ויש לומר, שבהמשך החדשים (ניסן ואייר) מודגש הקשר והשייכות והחיבור שביניהם – שהגילויים הנעלים (אורות עליונים) דחודש ניסן נמשכים ומתגלים בפנימיות (בכלים) ע"י עבודת האדם מלמטה למעלה.

והכח לחברם יחד הוא מצד דרגא הכי נעלית שלמעלה משניהם – כמודגש בה־ספירה דב' אייר (היום הראשון מהימים הפרטיים דחודש אייר, לאחרי ראש חודש שכולל כל ימי החודש) – „תפארת שב־תפארת"[81], שעל ידה נעשה חיבור ב' התנועות דרצוא (אורות עליונים) ושוב (בכלים).

וכיון שהגילויים הנעלים דחודש ניסן, „חודש של גאולה", נמשכים ומתגלים למטה ע"י עבודת האדם – מתבטלת האפשרות לענין של גלות, כ"א באה גאולה נצחית שאין אחרי' גלות.

זאת ועוד:

„אייר" ר"ת אברהם יצחק יעקב רחל, ד' רגלי המרכבה[82]. והענין בזה – שג' האבות (כנגד ג' רגלי המרכבה), חסד

---

75) אוה"ת פרשתנו (כרך ג) ע' תתטז. ובארוכה – סהמ"צ להצ"צ מצות מינוי מלך.

76) סנהדרין יט, סע"ב. פרש"י במדבר ג, א.

77) מדרש לקח טוב בא יב, ב.

78) ראה ברכות נז, רע"א ובפרש"י וחדא"ג מהרש"א שם.

79) נוסח הגש"פ.

80) שמו"ר פט"ו, יא.

81) ומודגש גם בדרכו של אדמו"ר מהר"ש – שב' אייר („תפארת שבתפארת") הוא יום הולדתו, ש„מזלו גובר", ופועל ומשפיע על כל ההולכים בדרכיו – „לכתחילה אַריבער", שעבודת האדם למטה (בכלים) היא „לכתחילה אַריבער" (למעלה מכלי, מהגבלה).

82) מאו"א א, פד. ב"ש לאה"ע סקכ"ו ס"ב. מג"ע אופן קכא.

גבורה ותפארת, הם בחי' האורות, ורחל (רגל הרביעי שעל ידו נעשית שלימות המרכבה), בחי' המלכות (כנסת ישראל), היא בחי' הכלים[83]. וי"ל שחיבורם יחד (בר"ת ד"אייר") מורה על המשכת וגילוי האורות (גם האורות עליונים) בכלים.

ויש להוסיף, ש"רחל" מורה על העילוי ד"מעשינו ועבודתינו כל זמן משך הגלות" להביא את הגאולה — כמ"ש[84] "רחל מבכה על בני' גו' כי איננו", "איננו" דייקא (ולא "אינם"), כיון ש"קוב"ה בגלותא סליק ("איננו") לעילא ולעילא"[85], ועי"י פעולתה של רחל (מעשינו ועבודתינו דכנסת ישראל) בזמן הגלות ("מבכה גו' כי איננו") באה הגאולה (כהמשך הכתוב[86] "יש שכר לפעולתך גו' ושבו בנים לגבולם"), וה־אורות העליונים שהיו בבחי' הסתלקות לעילא ולעילא (ענינו האמיתי של הגלות) נמשכים ומתגלים למטה, ועי"ז מתבטלת האפשרות ליניקת החיצונים ("כרחל לפני גוזזי' נאלמה"[87]) ועד להיפך הטהרה דזמן הגלות (ענין הנגעים[88]) — כ"א אדרבא, שבאה גאולה שאין אחרי' גלות.

יא. ויש להוסיף ולקשר זה גם עם היום המיוחד בספירת העומר — מלכות שבתפארת:

ובהקדים — שבספירת העומר (מחסד שבחסד עד מלכות שבמלכות) נכללים כל עניני העבודה ("מעשינו ועבודתינו"), הן בנוגע לנפש האדם — "לתקן את נפשותינו ורוחותינו ונשמותינו כו' ולטהרנו ולקד־שנו", והן בנוגע לכללות העולם — "ויושפע שפע רב בכל העולמות", שעי"ז באה ה־גאולה האמיתית והשלימה שאין אחרי' גלות — "הרחמן הוא יחזיר לנו עבודת בית המקדש למקומה במהרה בימינו אמן סלה"[89].

ומעלה יתירה בקביעות שנה זו — שראש הפסח חל בשבת, והתחלת הספירה היא "ממחרת השבת"[90] גם כפשוטו (נוסף על דרשת חז"ל[91] שפירושו "ממחרת היו"ט"), שאז השבתות הן תמימות כימי בראשית, שמתחילות באחד בשבת ומסיי־מות בשבת[92] — שכיון שהסיום דכל שבוע ב"מלכות" (מלכות שבחסד, מלכות שב־גבורה, מלכות שבתפארת כו') הוא ביום השבת שקשור עם הגאולה, "יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים"[93], מודגש ביותר ענין הגאולה ב"מלכות" — מלכות בית דוד בתקפה ובשלימותה ע"י מלך המשיח, שעל ידו תתגלה מלכותו של הקב"ה בכל העולם, כמ"ש "והיתה לה' המלוכה"[94], "והי' ה' למלך על כל ה־ארץ"[95].

והענין בזה:

מלכות (בשייכות לגאולה) — מלך ה־משיח — מורה על החוזק והתוקף דענין הגאולה ללא התחשבות במניעות ועיכו־

83) ראה לקו"ש חכ"ו ע' 46. ושי"נ.

84) ירמי' לא, יד.

85) זהר שבהערה 49.

86) שם, טו־טז.

87) ישעי' נג, ז. וראה סה"מ תרנ"ט ע' קנב. תש"ד ע' 84. ועוד.

88) להעיר, ש"ספחת" ו"בהרת" הם כנגד רחל (ו"שאת" כנגד לאה), ותיקונם ע"י עשיית ה"כלים" (ע"י הדיבור והמעשה בתורה ומצוות) שבהם יומשכו האורות עליונים, בחי' שוב שלאחרי הרצוא (לקו"ת וסהמ"צ להצ"צ שבהערה 37).

89) כמחז"ל "כל מקום שנאמר נצח סלה ועד אין לו הפסק" (עירובין נד, א).

90) אמור כג, טו.

91) מנחות סה, ב ואילך. תו"כ ופרש"י עה"פ.

92) פסדר"כ פ"ח. פס"ר פי"ח. ראב"ן ספ"ו. ראבי"ה פסחים סתקכ"ו. ועוד.

93) כנ"ל הערה 5.

94) עובדי' בסופו.

95) זכרי' יד, ט.

בים, ובלשון חז"ל[96] „אמר מלכא עקר טורא", שאפילו „הר" („טורא"), תוקף המנגד, נעקר (ממקומו למקום אחר[97]) ע"י המלך.

ובעומק יותר: כיון שהחיות והמציאות של כל בני המדינה וכל עניני המדינה תלוי' בהמלך[98], מובן, שלאמיתו של דבר לא שייך מציאות של מנגד להמלך, שהרי כל מציאותו של ה„מנגד" (כפי שנראה בחיצוניות) תלוי' בהמלך. ועד"ז בנוגע להגאולה — שענין המלכות (מלך המשיח) מדגיש שלאמיתו של דבר אין העולם (גלות) יכול להיות מנגד להגאולה, כיון שכל מציאות העולם תלוי' בענין הגאולה (מלכות), כדאיתא בגמרא[95] „לא איברי עלמא אלא . . למשיח"[99], ולכן, ה„ניגוד" דהעולם (גלות) להגאולה אינו אלא ענין חיצוני בלבד, וביטולו הוא ע"י התגלות ענינו האמיתי של העולם — מלכות[100].

ובהתגלות המלכות (מלכותו של הקב"ה ע"י מלך המשיח) ישנם כמה אופנים ודרכים — מלכות כפי שהיא בשבעת המדות: מלכות שבחסד, מלכות שבגבורה, מלכות שבתפארת, מלכות שבנצח, מלכות שבהוד, מלכות שביסוד, ומלכות שבמלכות.

וע"פ מאמרו של רבי שה„דרך ישרה" להתגלות וביאת המשיח היא „תפארת" (כנ"ל ס"ט), מובן גודל העילוי ב„מלכות" דשבוע (ושבת) זה — מלכות שבתפארת.

ועוד ועיקר — שאין צורך להמתין להמשך השבתות דספה"ע, כיון שע"י מלכות שבתפארת („דרך ישרה", בריח התיכון המבריח מן הקצה אל הקצה, מרום המעלות ומדרגות עד סוף כל דרגין[101]), נמשכים ומתגלים גם פרטי עניני המלכות שלאח"ז[102]: מלכות שבנצח — נצחון המלך (על עניני העולם שמעלימים בחיצוניותם), מלכות שבהוד — יופי המלך, „מלך ביפיו תחזינה עיניך"[103], מלכות שביסוד — חיזוק המלכות באופן יסודי ונצחי, ומלכות שבמלכות — הגילוי ד„מלכותך[104] מלכות כל עולמים"[105] („מלכותך" דייקא — מלכות דא"ס שלפני הצמצום[106] (הקשורה עם כתר ופנימיות הכתר, „כתר עליון איהו כתר מלכות"[107]), שנמשכת ומתגלה ונע-

---

96) ב"ב ג, סע"ב.

97) כדיוק הלשון „עקר טורא" — שאינו מתבטל ממציאותו, אלא נעקר ממקום למקום (רוחניים), שזהו"ע דאתהפכא חשוכא לנהורא.

98) ראה לקו"ש ח"ח ע' 25. ושי"נ.

99) וגם לשאר הדעות (שם) — „לדוד", מלכות בית דוד („המלכות שניתן לו היא לעולם לו ולזרעו" — חדא"ג מהרש"א שם), שמלך המשיח הוא מזרעו: ו„למשה" — „גואל ראשון הוא גואל אחרון" (ראה לקו"ש חי"א ע' 8 ואילך. ושי"נ).

100) ולהעיר, שהמשכת וגילוי אלופו של עולם (שעי"ז נעשה מ„גולה" „גאולה", כנ"ל ס"ז) הו"ע ד„אחד", „אמליכתי' למעלה ולמטה ולד' רוחות" (ברכות יג, ב), „מלכות הוא ענינו" (רמב"ם הל' שופר פ"ג ה"ט).

101) ראה תניא פי"ג. אגה"ק ס"י. ובכ"מ.

102) ע"ד גמר ושלימות העבודה דספה"ע (הכנה למ"ת) בר"ח סיון, „בשבוע הז' ביום ג' בו" (תו"א יתרו סז, ג) — תפארת שבמלכות.

103) ישעי' לג, יז.

104) תהלים קמה, יג.

105) ובלשון הרמב"ם בנוגע למלך המשיח — יש לומר: „יעמוד מלך מבית דוד הוגה בתורה" — הו"ע מלכות שבתפארת, כי „תפארת" הו"ע התורה (ראה גם לקמן ס"ב), „ילחם מלחמות ה' וינצח" — מלכות שבנצח, „ובנה מקדש במקומו" — מלכות שבהוד, כמארז"ל (ברכות שבהערה 47) „ההוד זו בית המקדש", „וקבץ נדחי ישראל" — מלכות שביסוד, שנקרא „כל", ע"ש שאוסף ומקבץ האורות דכל הספירות, ו„אהפוך אל עמים גו' לקרוא כולם בשם ה' ולעבדו שכם אחד" — מלכות שבמלכות.

106) ראה לקו"ת שה"ש יד, ד. ובכ"מ.

107) תקו"ז בהקדמה (יז, א).

שית „מלכות כל עולמים", „מלכות" דייקא, שאין צורך ב„ממשלה" בעל כרחם, כיון ש„מלכותו ברצון[108] קיבלו עליהם"[109]).

יב. וביאור ה„דרך ישרה" להתגלות וביאת המשיח ע"י „מלכות שבתפארת" — בנוגע למעשה בפועל:

ובהקדמה — שכיון שמשיח צדקנו עומד לבוא תיכף ומיד, אבל עדיין לא בא בפועל, שלכן דרושה ההשתדלות האחרונה („סוף לבושיו") של כאו"א מישראל להביא את המשיח, צריכה להיות הפעולה (לא ע"י מלכות בטהרתה, ענינו של מלך המשיח עצמו, אלא) ע"י „מלכות שבתפארת", כלומר, ענינו של המשיח (מלכות) כפי שהוא בתורה (תפארת), כאמור לעיל (ס"ט) שע"י התורה (ענינו של משיח בתור „רב") נמשכים ומתגלים האורות עליונים דהגאולה (ענינו של משיח בתור „מלך") באופן פנימי.

ובפשטות: „תפארת" — הו"ע לימוד התורה, ו„מלכות שבתפארת" — הוא לימוד התורה בעניני מלך המשיח ובעניני הגאולה שנתבארו בריבוי מקומות[110],

— בתורה שבכתב (ובפרט „בדברי הנביאים . . שכל הספרים מלאים בדבר זה"[111]) ובתורה שבעל פה, בגמרא (ובפרט במסכת סנהדרין ובסוף מסכת סוטה[112]) ובמדרשים, וגם — ובמיוחד — בפנימיות התורה, החל מספר הזהר (ש„בהאי חיבורא דילך דאיהו ספר הזהר כו' יפקון בי' מן גלותא ברחמים"[113]), ובפרט בתורת החסידות (שע"י הפצת המעיינות חוצה אתי מר דא מלכא משיחא[114]), בתורת רבותינו נשיאינו, ובפרט בתורתו (מאמרים ולקוטי שיחות) של נשיא דורנו — מעין ודוגמא והכנה ללימוד תורתו של משיח, „תורה חדשה מאתי תצא"[115], שילמד לכל העם פנימיות התורה (טעמי תורה), ידיעת אלקות („דע את אלקי אביך"[116]), כפס"ד הרמב"ם[117] ש„באותו הזמן . . יהיו ישראל חכמים גדולים ויודעים דברים הסתומים וישיגו דעת בוראם כו'" —

והההוספה בלימוד התורה בעניני משיח והגאולה („מלכות שבתפארת") היא ה„דרך ישרה" לפעול התגלות וביאת המשיח והגאולה בפועל ממש.

יג. ועל של פועל באתי — ובודאי יעוררו ויפרסמו בכל מקום ומקום:

כדי לפעול התגלות וביאת המשיח תיכף ומיד — על כאו"א מישראל (האנשים — הן יושבי אוהל (יששכר) והן בעלי עסק (זבולון), וכן הנשים והטף, כל חד וחד לפום שיעורא דילי') להוסיף בלימוד התורה (במיוחד) בעניני משיח וגאולה.

ומה טוב — שהלימוד יהי' (ברבים) בעשרה, כי, נוסף על המעלה ד„עשרה שיושבים ועוסקים בתורה שכינה שרוי'

108) להעיר, שרצון הוא כתר, וכתר קשור עם מלכות, כנ"ל בפנים.

109) ראה לקו"ת דרושי ר"ה נו, סע"ב ואילך. סידור (עם דא"ח) נג, ג. יהל אור עה"פ (ע' תרפה). ועוד.

110) ונקל למוצאם — ע"י ספרי המפתחות (שרבו בדורנו זה) על סדר הא־ב, בערכים המתאימים: גאולה, משיח, וכיו"ב.

111) רמב"ם הל' מלכים פי"א ה"ב.

112) וע"פ האמור לעיל (ס"ז) שהגאולה באה ע"י התגלות ענינו האמיתי של הגלות — יומתק שסימני הגאולה הם בסוף (סיום וגמר) מסכת סוטה הקשורה עם הגלות.

113) זח"ג קכד, ב — ברע"מ. הובא ונת' באגה"ק רסכ"ו.

114) אגה"ק דהבעש"ט — כש"ט בתחלתו.

115) ישעי' נא, ד. ויק"ר פי"ג, ג.

116) דה"א כח, ט.

117) בסיום וחותם ספרו „משנה תורה".

ביניהם"[118], יש מעלה מיוחדת כשלומדים עניני משיח והגאולה ברבים בנוגע להתפעלות והשמחה ברגש הלב, שעי"ז הולכת וגדלה ההשתוקקות והצפי' לביאת המשיח[119].

ועוד ועיקר כפשוט — להוסיף בקיום המצוות בהידור, ובמיוחד בההידור במצות הצדקה (כללות כל המצוות[120]) ש"מקרבת את הגאולה"[121].

וכדאי ונכון לקשר ההוספה בצדקה עם ההוספה בתורה בעניני משיח והגאולה — עי"ז שההוספה לצדקה היא מתוך כוונה לקרב ולזרז את הגאולה, כיון שכוונה זו כשלעצמה היא חלק מלימוד התורה בעניני הגאולה — הלימוד (במחשבה — מזמן לזמן) דמאמר חז"ל "גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה"[122].

יד. ויה"ר שההחלטה בכהנ"ל תמהר ותזרז ותביא תיכף ומיד את התכלית והמכוון — התגלות וביאת המשיח בפועל ממש, תיכף ומיד ממש.

ובפשטות — שביום הש"ק פרשת "אשה כי תזריע וילדה זכר", "זאת תהי' תורת המצורע ביום טהרתו" (לפני הקריאה בתורה ועאכו"כ לפני לימוד פרקי אבות במנחה), תהי' לידת והתגלות משיח צדקנו ("חיוורא דבי רבי" כפי שהוא "ביום טהרתו") — שזוכים לשמוע ההכרזה (בכל העולם ובכל סדר ההשתלשלות) ש"הנה זה (מראה באצבעו ואומר זה) מלך המשיח בא", והנה זה כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו בא (כיון ש"הקיצו ורננו שוכני עפר"[123], וצדיקים קמים לתחי' מיד[124]), וכל רבותינו נשיאינו, וכל צדיקי ונשיאי ישראל, ומשה ואהרן עמהם.

וביחד עם כל בנ"י, "בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו"[125], "עוד אקבץ עליו לנקבציו"[126], "מאשור וממצרים כו' ומאיי הים"[127] — באים "עם ענני שמיא"[128], לארצנו הקדושה, לירושלים עיר הקודש, לבית המקדש (ש"בית תפלה יקרא לכל העמים"[129]), ולקדש הקדשים — כמ"ש בהפרשה שקורין תיכף במנחה: "בזאת יבוא אהרן אל הקודש"[130], כניסת כהן גדול ביוהכ"פ לקדש הקדשים[131], ולעתיד לבוא — לא רק אהרן, אלא גם כאו"א מישראל שיהי' בדרגת כה"ג ("ממלכת כהנים", כהנים גדולים[132]), ולא רק ביוהכ"פ, אלא גם "בכל שעה שהוא רוצה ליכנס"[133].

---

118) אבות פ"ג, ו. וראה אגה"ק סכ"ג.

119) ולכן, גם אלה שרוצים ללמוד בעיון ושקו"ט (ועד לחדש חידושי תורה בעניני משיח וגאולה), מתוך מנוחה וישוב הדעת, ע"י הלימוד לעצמו או בחברותא — ישתדלו (מזמן לזמן) להשתתף גם בהלימוד בעשרה, כדי שיהי' אצלם גם המעלה שע"י הלימוד בעשרה (כבפנים).

120) ראה תניא פל"ז.

121) ב"ב י"ד, א.

122) ובסגנון האמור לעיל — מלכות שבתפארת — יש לומר: תפארת הו"ע התורה, ומלכות — שעיקרה קיום מצוות המלך — הו"ע (המצוות, ובפרט מצות) הצדקה. ובמלכות שבתפארת (שהמלכות עצמה היא במדת התפארת) — גם הצדקה (מלכות) היא חלק מהתורה (תפארת).

123) ישעי' כו, יט.

124) ראה זח"א קמ, א.

125) בא י"ד, ט.

126) ישעי' נו, ח.

127) שם יא, יא.

128) דניאל ז, יג. וראה סנהדרין שבהערה 18.

129) ישעי' נו, ז.

130) אחרי טז, ג.

131) להעיר ששיעור היומי ברמב"ם הוא בהלכות עבודת יום הכיפורים (פרקים א־ג).

132) יתרו יט, ו ובבעה"ט עה"פ.

133) ויק"ר פכ"א, ו. וראה רד"ל שם. שמו"ר פל"ח, יו"ד ובמפרשים שם.

ועוד והוא העיקר – שכל זה נעשה בפועל ממש, למטה מעשרה טפחים, כך שיכולים להודות ולברך על לידת והתגלות המשיח: „שהחיינו[134] **וקיימנו והגיענו**[135] לזמן הזה״.

134) להעיר, שברכת שהחיינו מברכים על שמחה הנרגשת בלב – דוקא על דבר שישנו בפועל עתה.

135) וי״ל גם מלשון נגיעה, שיכולים (לא רק להראות, אלא גם) לגעת (אָנרירעז – לקו״ת ר״פ שמיני).



משיחות ש"פ אחרי־קדושים, י"ג אייר ה'תנש"א

א. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט וואָס עס רעדט זיך לאחרונה[1] וועגן דער גאולה האמיתית והשלימה, אויף וועלכע מען וואַרט בכל יום און מ'האָפט אַז תבוא בכל יום — ווי דער פסק דין בהלכה אַז מ'־מאַכט אַ נדר ניט טרינקען וויין ביום ש־יבוא המשיח טאָר ער ניט טרינקען וויין קיינמאָל ניט[2] — תיכף ומיד ממש, און וועגן די פעולות וואָס יעדער איד דאַרף טאָן צו ברענגען די גאולה — איז פאַסיק צו אָפּשטעלן זיך מבאר זיין דעם אינ־האַלט פון דער גאולה, וואָס דאָס מאַכט לייכטער צו פאַרשטיין און וואָס דאַרף באַשטיין די אַרבעט וואָס פאָדערט זיך צו ברענגען די גאולה, און ווי מ'זאָל זיך צוגרייטן צו דעם מצב הגאולה.

דער אינהאַלט פון יעדער זאַך גיט זיך אַרויס אין זיין נאָמען[3]. אַזוי אויך בנוגע צו דער גאולה — קען מען האָבן אַ באַגריף אין איר תוכן דורך אַריינטראַכטן זיך אין דעם פירוש פון איר נאָמען — „גאולה".

דער ענין הגאולה ווערט באַצייכנט אין תורה מיט פאַרשידענע אויסשפּראַכן. אָנהויבנדיק פון די ד' לשונות של גאולה[4] בכתוב[5]: „והוצאתי, והצלתי, וגאלתי, ולקחתי", און דער לשון החמישי — „והבאתי"[6]. וואָס כאָטש אַז די אַלע לשונות האָבן דעם אַלגעמיינעם אינהאַלט פון אַרויסגיין פון גלות, איז דאָ אַן עילוי אין דעם לשון „גאולה": וי"ל אַז צוליב דער מעלה ווערט (יעדע גאולה, ובמיוחד —) די גאולה האמיתית והשלימה אָנגערופן (בפי כל ישראל) מיט דעם נאָמען „גאולה"[7] (סתם)[8] [דוקא די גאולה האחרונה איז די גאולה האמיתית והשלימה (מיט אַ ה"א הידיעה)], וויבאַלד אַז דער וואָרט (גאולה) גיט אַרויס דעם תוכן פון דער גאולה האמיתית והשלימה.

ב. אין דעם וואָרט „גאולה" זעט מען אַ דבר פלא: „גאולה" איז די זעלבע אותיות ווי „גולה" (גלות) נאָר מיט אַ תוספת אל"ף!

ווי עס שטייט אין מדרשי[9] אַז אין דעם

---

1) שיחות (לעיל): כ"ח ניסן (ע' 470). ש"פ שמיני (ע' 475). ש"פ תזו"מ (ע' 490).

2) רמב"ם הל' נזירות פ"ד הי"א.

3) ראה שעהיוה"א פ"א. וראה בארוכה בזה תשובות וביאורים (קה"ת, תשל"ד) ס"א*. לקו"ש ח"ו ס"ע 35 ואילך, ובהערות שם. וש"נ.

4) שהם גם ד' לשונות של גאולה העתידה (ראה ירושלמי פסחים פ"י ה"א. ד"ה והי' אור ה־לבנה תרנ"ד. ד"ה לכן אמור לבנ"י תרנ"ח. תרע"ח. וראה ספר הליקוטים־דא"ח צ"צ ערך גאולה ס"ג. וש"נ). וראה גם בחיי וארא ו, ח.

*) אגרות־קודש כ"ק אדמו"ר שליט"א ח"א ס"ע רפח ואילך. המו"ל.

5) וארא ו, ו־ז.

6) שם, ח.

7) דאף שכל גאולה (גם גאולה פרטית שאינו „גאולה דגלות . . אלא שיגאלנו מן הצרות כו'" „שם גאולה עלה" (מגילה יז, ב ובפרש"י) — הרי זה חידוש, ומובן (מזה גופא) שעיקר שם גאולה הוא בנוגע ל„גאולה דגלות" (ששלימותה תהי' בגאולה האמיתית והשלימה). וכפשטות דברי רבא בגמרא מגילה שם: „גאולה בשביעית . . מתוך שעתידין ליגאל בשביעית לפיכך קבעוה בשביעית". ורק אח"כ מבאר, ש„מלחמה נמי אתחלתא דגאולה היא".

8) וכלשון ניגון (חב"ד) הידוע: זאָל שוין זיין די גאולה [כפי שניגנו לפני שיחה זו]. ועוד לשונות וניגונים כיו"ב — ע"פ מנהג ישראל.

9) ויק"ר ס"פ אמור (ספל"ב). שהש"ר פ"ד, א (ז). קה"ר רפ"ד.

וואָרט „גולה" („וגולה על ראשה"[10]) זיינען פאַראַן צוויי פירושים: „תרין אמוראין, חד אמר גולה (לשון גלות) וחד אמר גאולה". וידוע דער ביאור אין דעם[11], אַז „תוספת האלף שעל ידו נעשה מבחי' גולה בחי' גאולה" גייט אויף דער אל"ף פון „אלופו של עולם", וואָס דורך דער עבודה פון אַ אידן אין גלות צו „אַריינשטעלן" (ממשיך און מגלה זיין) דעם אל"ף דער אלופו של עולם אין גלות[12], ווערט פון „גולה" – „גאולה".

ולכאורה אינו מובן: גאולה איז פונקט פאַרקערט פון גלות. איז היתכן אַז (דער וואָרט) גאולה איז אין זיך כולל דעם וואָרט „גולה" (גלות), און נאָכמער: גאולה באַשטייט (און ווערט אויפגעמאַכט) דוקא פון (דעם וואָרט) גולה, ביז אַז רוב ה־אותיות פון „גאולה" זיינען גאָר „גולה"[13], און די הוספה באַשטייט נאָר פון דעם איינציקער אות אל"ף; און אויך דער ראש התיבה[14] (פון גאולה) בלייבט דער גימ"ל פון „גולה"?!

ג. וי"ל דעם ביאור אין דעם:

גאולה איז ניט דער טייטש, אַז דורך אַרויסגיין פון גלות פאַרלאָזט מען דעם לעבן, די פעולות און דער וועלט וואָס איז געווען (פריער) אין גלות. אדרבה: גאולה הייסט, אַז די מציאות וואָס איז פריער געווען פאַרשקלאַפּט אין גלות ווערט (ניט בטל ח"ו, נאָר) אויסגעלייזט.

און דער אויפטו ושלימות פון גאולה האמיתית והשלימה איז, אַז אַלץ ווערט אויסגעלייזט. קיינע ענינים בלייבן ניט „פאַרלאָרן" ח"ו אין גלות, מזועט קיין זאַך ניט איבערלאָזן אין גלות. אפילו די „נדחים" און „אובדים" (וואָס ווערן אַזוי אָנגערופן אין תורת אמת[15]) – וועלן נגאל ווערן. די גאולה וועט זיין אַן אמת'ע און פולקאָמענע גאולה בכמות ובאיכות פון אַלע זאַכן, פון דעם כלל גדול בהם ביז דעם פרט שבפרט שבהם: יעדער איד און אַלע אידן – „בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו"[16], און אויך חלקם בעולם – „כספם וזהבם אתם"[17], מיט אַלע זייערע פעולות און אויפטועכצן אין גלות. די גאולה וועט אויסלייזן יעדער מענטש און אַלע מענטשן (אויך אומות העולם) און אַלע עניני העולם, און יעדערען בפרט עם כל עניניו.

אַלע (חיוב'דיקע) זאַכן אין גלות פאַר־בלייבן אויך ווייטער, נאָר עס ווערט בטל זייער גלות־צושטאַנד: עס ווערט בטל דער העלם והסתר וואָס פאַרדעקט אויף זייער אמת'ע און פנימיות'דיקע מציאות[18], און די פאַרשקלאַפונג צו די דרכי הטבע וגשמיות העולם וואָס קומט דערפון אַרויס.

---

10) זכרי' ד, ב.

11) לקו"ת בהעלותך לה, ג. וראה גם אוה"ת כא ע' רעג. בהעלותך ס"ע תכג ואילך. נ"ך ע' תקי. המשך מים רבים תרל"ו פקל"ד.

12) שהרי „בכל מקום שגלו שכינה עמהן . . גלו לבבל שכינה עמהן" (מגילה כט, א) – כפירוש הא' (במדרש שם) ב„וגולה על ראשה", ש„גלה לבבל וגלתה שכינה עמהן", „דהיינו מה שהאלקות הוא מוסתר והעולם נראה יש ודבר נפרד כו'" (לקו"ת שם, א).

13) וגם לא נשתנה הצירוף (סדר האותיות) של „גולה".

14) להעיר ש„לשון נוטריקון מן התורה" (שבת קה, א).

15) ישעי' כז, יג. וראה לקו"ת דרושי ר"ה ס, א. ובכ"מ. סה"מ אידיש ע' 78 ואילך.

16) כמ"ש ביצי"מ (בא י, ט). ו„כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות" (מיכה ז, טו).

17) ישעי' ס, ט.

18) ראה הערה 12.

און ווי דער רמב"ם פסק'נט[19]: „אל יעלה על הלב שבימות המשיח יבטל דבר ממנהגו של עולם או יהי' שם חידוש במעשה בראשית, אלא עולם כמנהגו נוהג . . אמרו[20] חכמים[21] אין בין העולם הזה לימות המשיח אלא שעבוד מלכיות בלבד", דער אויפטו וועט דעמולט זיין — אַז „ויחזרו כולם לדת האמת"[22], „ויתקן (משיח) העולם כולו לעבוד את ה' ביחד שנאמר[23] כי אז אהפוך אל עמים שפה ברורה לקרוא כולם בשם ה' ולעבדו שכם אחד"[24].

עפ"ז איז פאַרשטאַנדיק פאַרוואָס דער וואָרט „גאולה" איז כולל דעם וואָרט „גולה", אָבער — מיט אַ תוספת אל"ף: די גאולה איז ניט מבטל (די עבודה אין) גלות, אדרבה: די גאולה באַשטייט פון אויפהויבן (דעם לעבן אין) „גולה" (דורך אויסלייזן אַלע ענינים פון גלות) און דערפון גופא מאַכן „גאולה" — דורך דעם וואָס מ'איז מגלה אין אַלע ענינים פון „גולה" דעם אל"ף פון אלופו של עולם — מ'נעמט אַראָפּ דעם העלם והסתר אין די עניני גלות וועלכע פאַרדעקט אויף איר אמת'ע מציאות און תכלית, מ'איז מגלה דעם אלופו של עולם שבזה — די תכלית פון אַלע עניני גלות צוליב וועלכער דער אויבערשטער האָט זיי באַשאַפן — אַזוי אַז פון „גולה" ווערט „גאולה".

גאולה איז דער גילוי האל"ף (פון אלופו של עולם) אין „גולה" — דער גילוי האמת והפנימיות פון אַלע עניני הגלות, און אַלע פעולות אין זמן הגלות: דער גילוי אלקות אין כל עניני העולם — ווי דאָס איז אַלץ מגלה „כבודו" של הקב"ה (וואָס „כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו"[25]) — פון אלופו של עולם.

ד. האמור לעיל איז אַ הסברה ווי „גאולה" איז אין זיך כולל „גולה", ווייל די כוונה איז אַז גאולה זאָל אויפהויבן (אויך) דעם גלות. מ'דאַרף אָבער האָבן ביאור: פאַרוואָס איז דאָס (די עלי' פון גולה) אַזאַ ענין עיקרי אין גאולה, ביז אַז אין דעם באַשטייט איר נאָמען „גאולה" (גולה בתוס' אל"ף), וואָס אַ נאָמען באַווייזט אויף מהות הדבר[2]?

נאָכמער: דער אויפטו פון גאולה באַשטייט ניט נאָר אין דער עלי' פון די עניני גלות ועניני העולם, נאָר אין דער גאולה (בתקופה השני' — לאחרי התקופה הראשונה וועגן וועלכער דער רמב"ם הנ"ל רעדט[26]) וועלן זיך אויפטאָן נייע, גאָר נייע ענינים בשינוי מנהגו של עולם (ביז דעם ענין עיקרי ויסודי פון תחיית המתים[27], וואָס איז אַ חידוש במעשה בראשית). איז היתכן אַז דער גאַנצער מצב לעתיד לבוא (אויך דאָס וואָס איז למעלה מעולם וגלות — בתקופה שני') ווערט אָנגערופן מיט אַ שם כללי: „גאולה" — „גולה" בתוספת אל"ף?!

---

19) הל' מלכים פי"ב ה"א. וראה עבוה"ק ח"ב פל"ח.

20) שם ה"ב.

21) ברכות לד, ב. וש"נ.

22) שם ה"א.

23) צפני' ג, ט.

24) רמב"ם שם פי"א ה"ד.

25) אבות ספ"ו.

26) ראה „דבר מלכות" — חידושים וביאורים בהל' מלכים (קה"ת תנש"א) סימן ג (מלקו"ש חכ"ז ע' 191 ואילך). סימן ד (מהדרן על הרמב"ם — נאמר יו"ד שבט תשמ"ז (נדפס בסה"ש תשמ"ז)). וראה גם הדרן על הרמב"ם (משיחות ש"פ לך לך) ש.ז. (לעיל ח"א ע' 98 ואילך). ועוד.

27) אחד מי"ג העיקרים (פיה"מ להרמב"ם סנהדרין פ' חלק יסוד הי"ג). ועד שהכופר בזה אין לו חלק לעוה"ב (סנהדרין ר"פ חלק. רמב"ם הל' תשובה פ"ג ה"ו).

איז דערפון מובן, אַז כללות הגאולה — אויך די ענינים נעלים שבה — איז פאַרבונדן מיט דער עבודה פון אַריינשטעלן דעם אל"ף פון אלופו של עולם אין „גולה". ביז אַז דאָס מאַכט אויף די גאולה (אַזוי ווי דער וואָרט „גאולה" ווערט אויפגעמאַכט פון אותיות „גולה" בתוס' אל"ף), און אַלע עניני גאולה ווערן נמשך און הויבן אויף די „גולה", כדלקמן.

ה. דער ביאור אין דעם וועט מען פאַרשטיין לויט דער ערשטער משנה אין היינטיגן פרק, פרק שלישי פון פרקי אבות: „הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה", און דערנאָך איז די משנה ממשיך אויסרעכנען די „שלשה דברים" — „דע מאין באת, ולאן אתה הולך ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון וכו'".

שטעלט זיך די שאלה — מנינא למה לי[28]: וואָס איז דאָ נוגע דער מספר אַז עס זיינען פאַראַן „שלשה דברים"? און אפילו אויב ס'איז נוגע דער מספר, פאַרוואָס דאַרף עס דער משנה אויסטייטשן, יעדערער קען דאָך אַליין ציילן בהמשך ה־משנה אַז מ'רעכנט אויס שלשה דברים?

ויש לומר איינער פון די ביאורים אין דעם:

דברי המשנה „הסתכל בשלשה דברים" [וואָס לשון המשנה איז „דבר קצר וכולל ענינים רבים"[29]] מיינט ניט נאָר די דריי זאַכן וועלכע ווערן אויסגערעכנט ווייטער אין משנה, נאָר אויך דער ענין פון „שלשה דברים" בכלל: די משנה זאָגט אַן אַ הוראה: „הסתכל בשלשה דברים" — אַ מענטש דאַרף מסתכל זיין (אַ הסתכלות בעיון) אין „שלשה דברים"[30], און דורך דעם „אין אתה בא לידי עבירה":

איינער קען מיינען אַז ביי אים דאַרפן זיין נאָר צוויי ענינים: ער אַליין און דער אויבערשטער כביכול וועמען ער דינט, „אני נבראתי לשמש את קוני"[31].

זאָגט די משנה — „הסתכל בשלשה דברים": אַ מענטש דאַרף זיך צוקוקן (מסתכל זיין) און זעען (אַז עס זיינען פאַראַן) „שלשה דברים": נוסף צו זיין מציאות („אני") און די מציאות פון דעם אויבערשטן („קוני") כביכול — איז דאָ אַ דריטע זאַך: די מציאות העולם וועלכע דער אויבערשטער האָט באַשאַפן, און דורך וועלכער אַ איד איז משמש את קונו[32].

די תכלית[33] פון בריאת העולם און פון ירידת הנשמה למטה אין אַ גוף גשמי בעולם הזה התחתון שאין תחתון למטה ממנו איז — צוליב אויספירן די כוונה פון „נתאווה הקב"ה להיות לו יתברך דירה בתחתונים"[34], אַז אַ איד דורך זיין עבודה זאָל מברר ומזכך זיין זיין גוף ונפש החיונית און די גשמיות וחומריות העולם, און מאַכן דערפון אַלעס אַ דירה צו דעם אויבערשטן.

וואָס דאָס טוט ער אויף דורך זיין

---

28) לשון הש"ס — שבת עג, ריש ע"ב. וש"נ.

29) הקדמה לפיה"מ להרמב"ם (ד"ה אח"כ ראה להסתפק).

30) וכיון שלשון המשנה הוא „דבר קצר (וכולל ענינים רבים)" — אין צריך לפרש מה הם ה„שלשה דברים".

31) משנה וברייתא סוף קידושין.

32) ראה גם שיחת ש"פ אחו"ק תשמ"ח ס"ט (סה"ש תשמ"ח ח"ב ע' 435). ש"פ אמור תשמ"ט ס"ז (סה"ש תשמ"ט ח"ב ס"ע 439 ואילך). ש"פ אחו"ק תש"נ ס"ז (סה"ש ה'תש"נ ח"ב ע' 434־5).

33) בהבא להלן — ראה תניא פל"ו ואילך. ובכ"מ.

34) ראה תנחומא נשא טז. שם בחוקותי ג. במדב"ר פי"ג, ו.

עבודה בגוף למטה בקיום התומ"צ, וואָס (רוב) מצוות נתלבשו בדברים גשמיים[35], און דורך מקיים זיין אַ מצוה מיט אַ דבר גשמי איז מען מברר ומזכך דעם דבר גשמי און מ'מאַכט דערפון אַ כלי צו אלקות. ווי דורך מצות צדקה [ש„שקולה כנגד כל המצוות"[36], „עיקר המצוות מעשיות ועולה על כולנה"[37]] — אַז אַ איד נעמט „מיגיע כפיו", פון די גשמיות'דיקע געלט וואָס ער האָט פאַרדינט, און „נותן חיי נפשו לה'"[37]. ועד"ז אין אַלע מצוות.

און דער ענין השלישי („הסתכל בשלשה דברים") צו מאַכן אַ דירה בתחתונים — איז (ניט קיין זייטיקער ענין, נאָר אדרבה: דאָס איז) נוגע צו דער שלימות פון די צוויי (כביכול): דער אויבערשטער און דעם אדם העובד, וואָרום „נתאווה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים", און „זה כל האדם ותכלית בריאתו וירידתו לעוה"ז להיות לו ית' דירה בתחתונים"[38].

ועד כדי כך איז דאָס נוגע צו דעם אדם (ער זאָל זיין „הסתכל בשלשה דברים") — אַז צוליב דעם איז געוואָרן ירידת נשמתו למטה ע"י הקב"ה: ניט קוקנדיק אויף גודל העילוי פון דער נשמה למעלה, „נשמה[39] שנתת בי טהורה היא"[40] וואו ס'איז ניטאָ קיין אָרט אויף היפך הטהרה, האָט דער אויבערשטער איר אַראָפּגעשיקט, „אתה[39] בראתה, אתה יצרתה, אתה נפחתה בי", ביז אין עולם העשי' הגשמית, וואו ס'איז דאָ „את החיים ואת הטוב"[41], און אויך דער דרך השני פון היפך הטהרה (ביז אַז די נשמה דאַרף דאָרט אָנקומען צו שמירה, „ואתה[42] משמרה בקרבי"[42]) — בכדי אויספירן די כוונה פון מאַכן אַ דירה בתחתונים.

דלכאורה: ירידת הנשמה בגוף איז היפך פון הנהגתו הרגילה של הקב"ה, וואָס ער איז דער מקור ותכלית הטוב והחסד, ומטבע הטוב להטיב[43], ומצד החסד והטוב האָט דאָך שטענדיק געדאַרפט זיין עליות, און דאָ נעמט דער אויבערשטער אַ נשמה און איז איר מוריד למטה, אַ „ירידה גדולה ובחי' גלות ממש"[44], „מאיגרא רמה לבירא עמיקתא"[45]!

איז דערפון פאַרשטאַנדיק דער גודל העילוי (והחסד) פון דער עבודה פון מאַכן אַ דירה בתחתונים, אַז צוליב דעם איז כדאי אַראָפּשיקן די נשמה למטה, ניט צוליב די נשמה עצמה („כי הנשמה עצמה אינה צריכה תיקון כלל"[46]), נאָר צוליב מתקן זיין דעם גוף ונה"ב וחלקו בעולם, בכדי מאַכן אַ דירה בתחתונים. וואָרום דורך דער ירידה ועבודת הנשמה למטה צו מאַכן אַ דירה בתחתונים, ווערט אויפגעטאָן נאָך אַ העכערער ענין ווי עבודת הנשמה עצמה למעלה — דער גילוי פון עצמותו ית'[47] אין תחתונים.

---

35) ראה גם תניא פ"ד (ח, ב). אגה"ק ס"י (קיד, סע"ב ואילך).

36) ב"ב ט, א.

37) תניא פל"ז (מח, ב).

38) שם (מט, סע"א).

39) נוסח ברכות השחר.

40) ראה לקו"ת בחוקותי מו, סע"ד ואילך. ר"פ דברים. ובכ"מ.

41) נצבים ל, טו.

42) ראה לקו"ת דברים שם. אוה"ת שמות (כרך ז) ע' ב'תקיח.

43) עמק המלך שער שעשועי המלך רפ"א. שעהיוה"א פ"ד. שומר אמונים ויכוח ב' סי' יד.

44) כי גם כשיהי' צדיק גמור עובד ה' ביראה ואהבה רבה בתענוגים לא יגיע למעלות דביקותו בה' בדחילו ורחימו בטרם ירידתו לעוה"ז החומרי לא מינה ולא מקצתה כו' (תניא שם (מח, סע"א)).

45) ע"פ לשון חז"ל — חגיגה ה, ב.

46) תניא שם (מח, ב).

47) ראה סה"מ מלוקט ח"ה ע' קנא־ג. וש"נ.

ביז אַז דער עילוי ווערט נמשך און אויפגעטאָן אויך אין דער נשמה (שירדה למטה), אַז נוסף צו דעם וואָס די נשמה דערגרייכט צו אַ העכערע דרגא (של־מעלה ממקום שמשם ירדה), דער גילוי התוקף פון דער נשמה, באַקומט די נשמה אויך אַ שייכות צו דעם גילוי פון עצמותו ית' וואָס ווערט אויפגעטאָן דורך (עבודת הנשמה למטה אין מאַכן) דער דירה ב־תחתונים[48].

עפ"ז איז פאַרשטאַנדיק הוראת המשנה „הסתכל בשלשה דברים": ניט קוקנדיק אויף דעם גודל העילוי פון דער נשמה פון אַ אידן, „חלק אלוקה ממעל ממש"[49], דאַרף זיין עבודה באַשטיין אין דעם, אַז נוסף לזה וואָס ער מאַכט פון זיך אַליין אַ „דירה" צום אויבערשטן דורך אַנטפּלעקן זיין נשמה אין זיין גוף הגשמי (דעם עילוי בהנשמה וואָס קומט דורך דעם אַרויס) — זאָל ער אויך זיין „הסתכל בשלשה דברים", און מאַכן אַ דירה לו יתברך בתחתונים פון עולם, אַז דער עולם עצמו ווערט אַ דירה צום אויבערשטן.

און דורך דעם דערגרייכט אויך דער אדם עצמו צו זיין שלימות (ווייל „זה כל האדם ותכלית בריאתו כו'"), און אע"פ וואָס דאָס איז פאַר אים אַ ירידה (בחיצו־ניות ו)לפי שעה, ווערט דוקא דורך דעם דער עילוי אין אים אַליין — אַז „אין אתה בא לידי עבירה": דורך זיין עבודה פון מאַכן אַ דירה בתחתונים (הסתכל בשלשה דברים), איז „אין אתה בא לידי עבירה", אפילו ניט צו „לידי", די אפשריות צו טאָן אַן עבירה.

ו. ע"פ הנ"ל וועט מען אויך פאַרשטיין דער ענין פון „גאולה" אותיות גולה ב־תוספת אל"ף:

גאולה איז (ניט מבטל „גולה", נאָר איז) אין זיך כולל „גולה", ואדרבה: זי הויבט אויף גולה דורך אַריינשטעלן און מגלה זיין אין איר אלופו של עולם — ווייל די כוונה איז צו מאַכן אַ דירה לו יתברך בתחתונים, כולל ווי די תחתונים זיינען אין גלות, צו מגלה זיין אלופו של עולם אין תחתונים במצבם ווי זיי שטייען אין גלות.

ואדרבה: אין דעם באַשטייט דער תוכן ומהות פון גאולה [אויך די עניני גאולה שלמעלה מעולם וגלות, דער שינוי במנ־הגו של עולם, אַזוי ווי תחיית המתים[50]] — „גילוי אור א"ס ב"ה בעוה"ז הגשמי"[51], ביז אַז עס ווערט אַ דירה לו יתברך בתחתו־נים, לו לעצמותו[52].

און דעריבער איז דער ענין פון גאולה תלוי אין „מעשינו ועבודתינו כל זמן משך הגלות"[51] (גולה), די עבודה פון אַריינ־שטעלן דעם אל"ף (אלופו של עולם) אין גולה, ביז אַז דורך דעם ווערט אויפגע־מאַכט גאולה [רוב האותיות און ראש תיבת גאולה איז — „גולה", כנ"ל ס"ב].

דאָס הייסט: נוסף לזה וואָס די (עלי' גדולה פון דער) גאולה קומט דורך דער ירידה אין גלות [ע"ד גילוי תוקף אור

---

48) בארוכה ע"ד ב' ענינים אלו — ראה לקו"ש חט"ו ע' 246 ואילך. סה"מ מלוקט ח"ב ע' שכ. סה"מ מלוקט ח"ה ע' רמג ואילך. ועוד.

49) תניא רפ"ב.

50) כמ"ש בתניא רפל"ז: תכלית השלימות הזה של ימות המשיח ותחיית המתים כו' תלוי במעשינו ועבודתינו במשך זמן הגלות". וי"ל ש„ימות המשיח" קאי על תקופה הראשונה (שלא „יבטל דבר ממנהגו של עולם") ו„תחיית המתים" קאי על תקופה השני'.

51) ל' התניא שם.

52) המשך תרס"ו ס"ע ג. ובכ"מ — נסמנו בסה"מ מלוקט ח"ב ע' רמא.

הנשמה ע״י ירידתה למטה], ווערט גאולה אויפגעמאַכט פון „גולה״ (בתוס׳ אל״ף עצמה[53] — די דירה לעצמותו ווערט אויפגעטאָן אין תחתונים עצמם [ע״ד דער עילוי וואָס ווערט אויפגעטאָן אין נשמה דורך דער דירה בתחתונים][54].

* * *

ז. ענין הנ״ל איז נאָכמער אונטערשטראָכן אין דעם איצטיגען זמן בשנה: (א) ימי הספירה, ובהם עצמם (ב) דער פערטער שבת פון די „שבע שבתות תמימות״[55] — מלכות שבנצח, (ג) פרשת השבוע — אחרי־קדושים, און די פרשה וואָס מ׳הויבט אָן לייענען בתפלת המנחה — פ׳ אמור, (ד) י״ג אייר.

די עבודה פון ספירת העומר — דער בירור פון די שבעה מדות (פון נה״ב), עיקר העבודה בזמן הזה (זמן הגלות)[56] — באַשטייט אין דעם, אַז נוסף צו „ואטהר ואתקדש בקדושה של מעלה״[57] — ווערט דורך דעם אויפגעטאָן אויך אין עולם ובכל העולמות: „ועל ידי זה יושפע שפע רב בכל העולמות״[57]. און דורך דעם[58] קומט צו (נאָכמער) אין דער נשמה פון דעם אדם העובד, ווי מ׳איז ממשיך אין דער תפלה (לאחרי „יושפע שפע רב בכל העולמות״): „ולתקן את נפשותינו ורוחותינו ונשמותינו מכל סיג ופגם ולטהרנו ולקדשנו בקדושתך העליונה״ — ע״ד „אין אתה בא לידי עבירה״ (תיקון ועליית האדם) און די עבודה בעולם.

און דורך דער עבודה פון ספירת העומר — אַריינשטעלן דעם אל״ף אין „גולה״, דורך בירור השבע מדות — ברענגט מען די גאולה, און „יחזיר לנו עבודת בית המקדש למקומה במהרה בימינו אמן סלה״ (ווי מ׳זאָגט אין דעם „הרחמן״ תיכף נאָך דער ברכה[59]).

אין די ימי הספירה עצמם — וואָס טיילן זיך בכללות אויף „שבע שבתות תמימות״ [ובפרט בשנה זו, וואָס מ׳האָט אָנגעהויבן ציילן „ממחרת השבת״[55] כפשוטו] שטייט דאָס נאָכמער בהדגשה אין דעם פערטן שבת, ווען מ׳איז מסיים די ספירה פון מדת הנצח, ביז שלימותה — מלכות שבנצח [נאָך דעם סיום פון מדת החסד ביז מלכות שבחסד, מדת הגבורה

---

53) וזהו הטעם ש„יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי העולם הבא״ (אבות פ״ד מי״ז), מפני המעלה בעבודה „בעולם הזה״ דוקא (גילוי האל״ף ב„גולה״), בעשיית דירה בתחתונים (תענוג בורא), שלמעלה „מכל חיי העולם הבא״ (תענוג נברא), ובעולם הבא יהי׳ גילוי ענין זה למטה (ראה לקו״ש ח״ה ע׳ 243 ואילך).

54) ולכן שלימות השכר תהי׳ לנשמות בגופים דוקא, בתחיית המתים (לקו״ת צו טו, ג. ובכ״מ (נסמנו בסה״מ מלוקט ח״ד ע׳ קעז הערה 7)) — כדעת הרמב״ן (בשער הגמול בסופו). ואדרבה: לע״ל תהי׳ הנשמה ניזונית מן הגוף (ראה המשך וככה תרל״ז פצ״א־ב. המשך תרס״ו ע׳ תקכח. ס׳ השיחות תורת שלום ס״ע 127 ואילך. לקו״ש ח״כ ע׳ 44. חכ״א ע׳ 88. ועוד). וראה סה״מ מלוקט ח״ה ע׳ רנ ואילך.

55) אמור כג, טו.

56) ראה בארוכה מאמרי אדהאמ״צ דברים ח״א בתחלתו.

57) נוסח ה„רבונו של עולם״ לאחרי ספה״ע.

58) ועפ״ז י״ל סדר התפלה, שהענין דתיקון „נפשותינו כו׳״ נאמר לאחרי הענין דהשפעת „שפע רב בכל העולמות״, דלכאורה מקומו שייך לעיל לאחרי שהאדם מתפלל על תיקון עצמו („ואטהר ואתקדש כו׳״), ורק לאחרי זה צ״ל התפלה ע״ד ההשפעה בעולם? וי״ל, כי הפעולה בעולם מוסיפה בעבודת הנשמה עצמה „לתקן את נפשותינו כו׳״, כבפנים.

59) כ״ה בסידורו של רבינו הזקן (ובכמה סידורים). וראה לעיל ח״א ע׳ 444 הערה 80.

ביז מלכות שבגבורה און מדת התפארת ביז מלכות שבתפארת] – דער נצחון איבער דעם (העלם והסתר פון) גלות, ביז נצח שבנצח, און הוד שבנצח – די שיינ־קייט אין דעם נצחון, און יסוד שבנצח – דער יסוד וקביעות פון דעם נצחון, ביז מלכות שבנצח – דער נצחון פון מלכא משיחא בגאולה האמיתית והשלימה.

ח. אָנהויבס פ' אחרי רעדט זיך וועגן עבודת אהרן כהן גדול בקדש הקדשים – „בזאת יבוא אהרן אל הקודש גו'"[60].

אַ מעין ודוגמא צו דעם מצב הגאולה איז – דער כהן גדול אין קדש הקדשים: קדש הקדשים איז דער הייליקסטער אָרט אין דער וועלט. אַן אָרט וואו עס האָט מאיר געווען אלקות בגלוי (אָן העלמות והסתרים). צוזאַמען דערמיט איז דאָס געווען אַ מקום גשמי בעולם הזה, און דער כהן גדול איז דאָרט אַריין אַלס אַ נשמה בגוף [ניט ווי ס'איז געווען באַ נדב ואביהוא, רצוא בלי שוב[61]].

מעין זה איז געווען באַ יעדער כהן, וואָס צוזאַמען דערמיט וואָס „הכהנים הובדלו . . שנאמר[62] ויבדל אהרן להקדי־שו קדש קדשים"[63] (למעלה מעולם), האָט ער געטאָן זיין עבודה דוקא אַלס נשמה בגוף אין עולם, אַן עולם וואו ס'איז דאָ אַן אָרט אויף היפך הטהרה – און דוקא דאָרטן איז ער מקיים דעם ציווי (בריש פ' אמור) „אמור אל הכהנים בני אהרן ואמרת אליהם לנפש לא יטמא בעמיו". וואָס שלי־מות ענין הטהרה וועט זיין בגאולה האמי־תית והשלימה [ומעין הכנה לזה איז אויך דאָ בזמן הגלות, אַז כהנים זיינען נזהר פון עניני טומאה, וי"ל שזהו גם הכנה צו דער שלימות הטהרה לע"ל[64], כולל דורך דעם וואָס „אמור גו' ואמרת" – „להזהיר גדו־לים על הקטנים"].

ונוסף צו דער זהירות (להזהיר) פון היפך הטהרה, האָט אַ כהן געדאַרפט טאָן זיין עבודה בביהמ"ק (קדושה) אָנגעטאָן אין די בגדי כהונה, וועלכע זיינען געווען „לכבוד ולתפארת"[65] (שלימות בגשמיות). ועפ"ז יש לבאר, פאַרוואָס אַ כהן ששימש „מחוסר בגדים" איז עבודתו פסולה[66], „בזמן שבגדיהם עליהם כהונתם עליהם, אין בגדיהם עליהם אין כהונתם עליהם"[67] – אע"פ וואָס ענינם[68] פון די בגדי כהונה איז געווען (בעיקר) „לכבוד ולתפארת" (וואָס דאָס איז לכאורה ניט אַזוי נוגע צו דער עצם עבודה)? נאָר שלימות העבודה אין משכן באַשטייט דערפון אַז דאָס זאָל זיין בתכלית השלימות וההידור „לכבוד ולתפארת", אויך בגשמיות כפשוטה – אויפן שענסטן און בכבוד'יסטן אופן בכל ביז – בגשמיות העולם, מ'נוצט אויס פאַר דער עבודה אין קדושה אַלע מעגלעכ־קייטן פון עוה"ז.

ובשלימות – איז דער ענין הכהונה באַ דעם כהן גדול (וועלכער האָט געטראָגן שמונה בגדים).

ועפ"ז אולי יש לומר הטעם פאַרוואָס

---

60) טז, ג.

61) ראה לעיל ע' 496. וש"נ.

62) דה"א כג, יג.

63) רמב"ם הל' כלי המקדש רפ"ד – מפסחים קד, א.

64) כמ"ש (יחזקאל לו, כה) „וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם גו'".

65) תצוה כח, ב.

66) משנה זבחים טו, ב. רמב"ם הל' כלי המקדש פ"י ה"ד.

67) זבחים יז, ב. וש"נ. רמב"ם שם. וראה בכ"ז אנציקלופדי' תלמודית ערך בגדי כהונה (ע' שלג). וש"נ.

68) ראה רמב"ן עה"פ (תצוה שם) „ועשית בגדי קדש גו' לכבוד ולתפארת": שיהי' נכבד ומפואר במלבושים נכבדים ומפוארים. ואכ"מ.

דער כהן גדול דאַרף זיין „גדול מאחיו . . בעושר"[69] — ווייל די שלימות הקדושה פון כהן גדול איז פאַרבונדן דערמיט אַז דאָס ווערט נמשך מיט שלימות בכל ביז אין גשמיות העולם (עושר).

וע"פ המבואר אין מדרש (עה"פ „בזאת יבוא אהרן")[70] „בכל שעה שהוא (הכהן גדול) רוצה ליכנס יכנס רק שיכנס בסדר הזה" („בזאת") — יש לומר, אַז מקומו ה־אמיתי פון דעם כהן גדול איז אין (דרגת) קדש הקדשים, און אַזוי וועט זיין בגלוי בגאולה האמיתית והשלימה ווען עס וועט זיין שלימות האדם והעולם וביטול כל ענינים הפכיים (משא"כ לפני זה איז מען ניט קיין כלי אויף דעם „בכל שעה"). וואָס דעמולט וועט זיין די שלימות הגילוי פון המשכת קדושה בגלוי למטה (אין בית ה־מקדש השלישי), אַ דירה לו יתברך בתח־תונים, כנ"ל.

ט. אַזוי ווי אַלע עניני תורה (מלשון הוראה[71]), איז אין דעם אויך דאָ אַ הוראה פאַר יעדער איד:

אַלע אידן זיינען „ממלכת כהנים"[72], „כהנים גדולים"[73], ובגלוי ובשלימות וועט עס זיין בגאולה האמיתית והשלימה[74]. ובמילא האָט יעדער איד אַ שייכות — אַלס נשמה בגוף — צו דער קדושה פון קדש הקדשים (שלימות הקדושה). וכפס"ד ה־רמב"ם[75] „לא שבט לוי בלבד אלא כל איש ואיש . . אשר נדבה רוחו אותו . . ה"ז נתקדש קדש קדשים כו'".

וע"פ מדרש הנ"ל, אַז „בכל שעה שהוא רוצה ליכנס יכנס", י"ל אַז יעדער איד האָט בכח (ווי ער שטייט למטה אַ נשמה בגוף) צו זיין בדרגת „קדש הקדשים", ווי"ל אַז אַזוי וועט זיין בפועל לעתיד לבוא.

[ויומתק ע"פ דער סיפור אין נביאים[76], אַז בזמן הסכנה האָט יהושבע באַהאַלטן יואש'ן (וואָס ער איז געווען מזרע הממלכה) און מניקתו „בחדר המטות"[77], „בעליית בית קדשי הקדשים"[78], „ויהי אתה בית ה' מתחבא שש שנים גו'"[79]. וואָס דערפון איז מובן, אַז זייענדיק אין קדש הקדשים האָט ער דאָרט געהאַט אַלע זיינע צרכים גשמיים: אכילה ושתי' ושינה[80]. ויש לומר, ווייל באמיתית הדברים איז מקומו פון יעדער איד אין קדש הקדשים (ווי עס וועט זיין בגלוי בגאולה האמיתית והשלימה). נאָר דאָס איז נתגלה געוואָרן בפועל — דורך דער ירידה (סכנה), ע"ד ווי דער עילוי הגאולה קומט דורך דער עבודה אין „גולה"].

ווי פאַרשטאַנדיק אויך פון דעם ציווי (ונתינת כח) בהתחלת פ' קדושים [די

69) יומא יח, א. וש"נ. רמב"ם שם רפ"ה.

70) ויק"ר פכ"א, ז. ועוד.

71) ראה רד"ק לתהלים יט, ח. ס' השרשים שלו ערך ירה. גו"א ר"פ בראשית (בשם הרד"ק). וראה זח"ג נג, ב.

72) יתרו יט, ו. וראה זבחים יט, רע"א (בהמשך להסוגיא ע"ד בגדי כהונה): „זימנא חדא הוה קאימנא קמי' דאיזגדר מלכא והוה מדלי לי המיינאי ותיתיי' ניהלי' ואמר לי ממלכת כהנים וגוי קדוש כתיב בכו'", „וצריכין אתם לנהוג עצמכם בתפארת של כהנים" (פרש"י שם).

73) ראה בעה"ט עה"פ. וראה גם אגדת בראשית פרק עט (פ). — וי"ל השייכות ד„ממלכת כהנים" ל„כהנים גדולים", כי כהן גדול הוא מלך שבכהנים, „ראש לכל הכהנים" (ל' הרמב"ם שם פ"ד הי"ב).

74) ראה בעה"ט שם: ולעתיד לבוא תחזור להם כו'.

75) הל' שמיטה ויובל בסופן.

76) מלכים־ב יא, א ואילך. דברי הימים־ב כב, יא ואילך.

77) מלכים שם, ב. דה"י שם.

78) פרש"י עה"פ.

79) מלכים שם, ג. דה"י שם, יב.

80) וראה גם שיחת ליל ד' דחג הסוכות שנה זו.

פרשה וואָס מ'האָט געלייענט דעם שבת צוזאַמען מיט פ' אחרי] — „קדושים תהיו כי קדוש אני": זייענדיק אַ נשמה בגוף בעוה"ז הגשמי (וואָס דאַרטן איז שייך דער ציווי פון „קדושים תהיו, „הוו פרו־שים"[81])

— שטייט אַ איד אין אַ מצב של קדושה, ביז די קדושה הכי נעלית פון קדושתו של הקב"ה, כפירוש החסידות[82] אויף דרשת חז"ל[83] „יכול כמוני, ת"ל כי קדוש אני" — „יכול כמוני" בניחותא, בדרגת הקדושה פון „קדוש אני".

י. ויש לקשר כל זה אויך מיט דעם שם בעל היאָרצייט[84] פון י"ג אייר[85] — ישראל ארי־ה ליב.

ובהקדים, אַז אע"פ וואָס דאָס איז לכ־אורה אַ שם פון אַן איש פרטי, האָט דאָס אַ שייכות מיט אַלע אידן[86] (וואָרום אַלע אידן זיינען אַ מציאות אחת, קומה אחת שלימה[87]). ובפרט אַז שמו הראשון איז ישראל — דער שם כללי פון יעדער איד און אַלע אידן [וכידוע[88] אויך אַז נשמת יעקב (וואָס שמו איז ישראל[89]) „כלולה מכל הנשמות שבישראל מעולם ועד עולם"].

ועפ"י הוראת אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע הידועה[90], אַז „עניני עבודה שיכולים לקשר בדברי התניא . . מותר לדבר ול־הרחיב בהם הדבור" (אע"פ וואָס אַזוי איז דאָ די זהירות אין זאָגן פירושים בספר התניא[91]) — איז עד"ז מובן בנדו"ד: כדאי ונכון צו מבאר זיין אַ הוראה פון שם בעל היאָרצייט — בשעת דאָס קען צוגעבן אין יראת שמים און עבודת ה'.

„ישראל"[92] — דער שם הכללי פון אידן (כנ"ל) — האָט אין זיך צוויי ענינים הפכיים לכאורה: (א) „ישראל" איז ר"ת „יש ששים ריבוא אותיות לתורה"[93], וואָרום עס זיינען דאָ ששים ריבוא נשמות ישראל כלליים (און יעדערע פון זיי טיילט זיך אויף ששים ריבוא נשמות פרטיים[94]), און יעדע נשמה איז כנגד איין אות פון די ששים ריבוא אותיות לתורה, וואָס דער אות איז זיין מקור החיות כו'. און (ב) „ישראל" איז על שם „כי שרית עם אלקים ואנשים ותוכל"[95].

דער ענין פון „שרית עם אלקים וא־נשים ותוכל" באַווייזט אויף דער עבודה און מלחמה נגד העולם — „עם אלקים" (שרו ומלאך של עשו[95]), „ואנשים" (עשו ולבן[96]) — וואָס דאָס איז לכאורה פונקט פאַרקערט פון דעם וואָס „ישראל" איז ר"ת יש ששים ריבוא אותיות לתורה, ווי

81) פרש"י ר"פ קדושים.

82) ראה מאור עינים עה"פ (מז, ב). אוה"ת עה"פ.

83) ויק"ר עה"פ (פכ"ד, ט).

84) כן נקרא („יאָרצייט" באידיש) גם בספרים שבלשון הקודש. וגם אצל אחבנ"י הספרדים (שאינם מבינים שפה זו). ולפעמים מוסיפים הפירוש בלה"ק: „יום השנה".

85) הוו"ח עוסק בצ"צ רב פעלים וכו' ישראל ארי' ליב, אחיו של — יבלחט"א — כ"ק אדמו"ר שליט"א. נולד ג' (?) סיון תרס"ט. נפטר י"ג אייר תש"ב. המו"ל.

86) ועאכו"כ עם יוצאי חלציו שי'.

87) לקו"ת ר"פ נצבים. וראה תניא פל"ב (מא, א): כולן מתאימות ואב א' לכולנה כו'.

88) אגה"ק ס"ז.

89) וישלח לב, כט.

90) אגרות־קודש שלו ח"ב ע' תשב. ושי"נ. וראה גם ס' השיחות תש"ב ס"ע 83 ואילך.

91) ראה במקומות שבהערה הקודמת.

92) ראה גם (באופן אחר) שיחת ש"פ אחרי־קדושים, י"ג אייר תשמ"ה. שיחת פסח שני תשמ"ז.

93) מגלה עמוקות אופן קפו.

94) ראה תניא פל"ז (מח, א).

95) ב"ר פע"ז, ג. פרש"י וישלח לב, כה.

96) פרש"י עה"פ.

נשמות ישראל זיינען פאַרבונדן מיט תורה שלמעלה מעולם.

וי"ל דעם ביאור אין דעם (אין עבודת ה'):

לכל לראש דאַרף יעדער איד וויסן אַז ער איז „ישראל" — זיין מקור ושורש החיות איז פון זיין אות אין תורה, און דעריבער, דאַרף יעדער זאַך וואָס ער טוט זיין מיוסד ועפ"י הוראות התורה.

דערצו דאַרף ער וויסן, אַז שלימות עבודתו (אַלס ישראל) באַשטייט אין דעם, אַז ער זונדערט זיך ניט אָפּ פון דער וועלט אַרום אים, נאָר „הסתכל בשלשה דברים": נוסף צו זיין עבודה מיט זיך אַליין („ישראל" פאַרבונדן מיט זיין אות בתורה), דאַרף ער טאָן די עבודה פון לעשות לו יתברך דירה בתחתונים — אַלס ישראל דורך אַרויסגיין (צוזאַמען מיט די הוראות התורה) אין וועלט, און האָבן צוטאָן מיט „אלקים" (מלאך) — די כחות הטבעיים ב־עולם (כמאחז"ל[97] „אין לך כל עשב ועשב שאין לו מזל ברקיע שמכה אותו ואומר לו גדל"), און „אנשים", „עשו ולבן" (אומות העולם) — און דאָרט אויפמאַכן אַ דירה פאַר דעם אויבערשטן ע"פ די הוראות התורה (פון די יש ששים ריבוא אותיות לתורה), דורך דעם וואָס „שרית עם אלקים ואנשים", ער איז אַ שר, געוועל־טיגט איבער די וועלט און די אוה"ע.

און אין אַן אופן פון „ותוכל" — אויך מלשון כל און כלול און כליל, אַז זיין עבודה (פון „שרית") איז ניט דורך מבטל זיין מציאות העולם, אָדער מתגבר זיין אויף עולם בעל־כרחך, נאָר באופן אַז ער נוצט אויס די כחות הטבעיים עצמם אין עבודת ה', און פועל'ט אויף די אוה"ע אַז זיי מצד עצמם זאָלן דינען דעם אויב־ערשטן, באופן פון „מלכותו ברצון קבלו עליהם"[98], ביז אַז די וועלט אַליין זאָגט אַז „ותוכל", די וועלט אַליין איז מסייע צו זיין עבודה (כדלקמן סי"ב).

און דורך דעם ווערט „ותוכל" מלשון כל (אַז מ'האָט אַלע עניני העולם), און מלשון התכללות — אַז דער איד איז אין זיך כולל כל עניני העולם, און — ער הויבט זיי אויף, ביז אַז עס ווערט אויפגע־טאָן דער ענין פון גאולה (וואָס איז כולל „גולה"), דורך המשכת האל"ף פון אלופו של עולם אין „גולה".

און דורך דער עבודה בבירור וזיכוך העולם ווערט אויך „ותוכל" מלשון יכולת, אַז עס קומט צו באַ דעם אידן נאָכמער יכולת, כמבואר בכ"מ[99] אַז דורך דער עבודה פון נפש האלקית ווי ער איז זיך מתלבש אין דעם גוף ונה"ב און טוט די עבודה בעולם, קומט אין אים צו כח וחיות ויכולת חדשה, מצד דעם וואָס „רב תבואות בכח שור"[100] (פון נה"ב).

און דער אופן ווי מ'טוט די עבודה פון „ישראל" — איז דורך „ארי' ליב": „הוי . . גבור כארי לעשות רצון אביך שבש־מים"[101] (ווי עס שטייט אויך אין ריש ות־חלת השולחן ערוך[102]), ער איז זיך מתגבר אויף אַלע העלמות והסתרים בעולם: און נוסף צו דער התגברות שלו בעבודתו בעניני קדושה („ארי'" בלשון הקודש), איז ביי אים דאָ די התגברות אויך אין די

97) ב"ר פ"י, ו. וראה שערי זהר לב"ר שם. וש"נ.

98) נוסח ברכת „אמת ואמונה" דתפלת ערבית. וראה לעיל ע' 501. וש"נ.

99) ראה לקו"ת האזינו עה, ב ואילך. ועוד.

100) משלי יד, ד.

101) אבות פ"ה מ"כ.

102) טור או"ח רס"א. שו"ע אדה"ז שם. ובשו"ע המחבר: יתגבר כארי.

עבודה בעניני רשות וחול, די עבודה בעניני העולם („ליב" בלע"ז).

ולהוסיף, אַז „ליב" איז אויך אותיות לב מיט אַ יו"ד באמצע, וואָס איז מרמז אויף לבו של אדם (לב), און די עשר כחות הנפש (י'), [ובפרטיות יותר שרייבט מען אַמאָל „לייב" מיט צוויי יו"דין, כנגד די צוויי דרגות בנשמה: יעקב, ישראל[103]], וואָרום די עבודה (פון „ישראל") פון מאַכן אַ דירה בתחתונים ווערט אויפגעטאָן דורך די עשר כחות הנפש, ווי זיי זיינען אַרומגערינגלט מיט דעם לבו של אדם — וואָס לב ישראל איז אַלעמאָל בשלימות[104], „אני ישנה ולבי ער"[105]. ועוד י"ל, אַז דער „לב" וועלכע רינגלען אַרום דעם י' — זיינען די ג' לבושים פון מחשבה דיבור ומעשה, וועלכע זיינען מקיף די עשר כחות, און ברענגען זיי אַרויס בעבודת האדם בפועל למטה[106].

ויש לקשר זה אויך מיט דעם טאָג פון י"ג אייר: י"ג איז בגימטריא אח"ד, וואָס איז מרמז אויף דער עבודה פון אויפטאָן „והי' ה' למלך על כל הארץ ביום ההוא יהי' ה' אחד ושמו אחד"[107], גילוי מלכותו ית' ואחדותו ית' בעולם, ביז אין אַן אופן פון „מלכות שבנצח", כנ"ל (ס"ז).

* * *

יא. ע"פ האמור לעיל האָט מען אַרויס כמה לימודים בנוגע צו דער עבודה פון אידן צו ברענגען די גאולה, און ווי מ'דאַרף זיך גרייטן צו דער גאולה — שטייענדיק איצטער ממש בסוף זמן הגלות, „גולה", און האַלטנדיק אָט אָט באַ דער גאולה.

קודם כל — האָט מען אַן ענטפער צו די וואָס וואונדערן זיך און שרעקן זיך דערפון וואָס מ'שטורעמ'ט אַז יעדער איד דאַרף טאָן און פועל'ן אַז די גאולה זאָל קומען תיכף ומיד ממש (און זייענדיק „אָפּענע" מענטשן, דריקן זיי אויס בדיבור זייער וואונדער און דאגה): בשעת משיח וועט באַלד קומען, וואָס וועט זיין — פרעגן זיי — מיט אַלע פעולות און זאַכן וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן במשך כו"כ שנים אין גלות: די געשעפטן וואָס זיי האָבן אויפגעבויט, דער רכוש און נכסים וואָס זיי האָבן געשאַפן, די פריינט און פאַרבינדונגען, סיי צווישן אידן און סיי צווישן אוה"ע, וואָס זיי האָבן באַקומען (ובפרט עסקני ציבור), ועוד כיו"ב?!

איז דער ענטפער אויף דעם, אַז מ'האָט זיך ניט וואָס צו שרעקן, וואָרום גאולה איז ניט דער טייטש, אַז עס ווערט בטל כל „מנהגו של עולם", די גוטע זאַכן וואָס זיינען אויפגעטאָן געוואָרן (ע"פ תורה) אין גלות: אדרבה: גאולה איז אין זיך כולל אַלע ענינים (טובים) פון „גולה", באופן אַז זיי ווערן אויפגעהויבן צו אַ מצב פון גאולה, צו זייער אמת'ע מעלה ושלימות — דורך דעם וואָס מ'איז מגלה אין זיי דעם (אל"ף) אלופו של עולם, די אמת'ע כוונה ותכלית אין די אַלע פעולות (שבזמן הגלות) — ווי דאָס אַלץ ברענגט אַרויס „כבודו" של הקב"ה.

ובמילא האָט מען ניט וואָס צו דאגה'ן וועגן די פעולות — אפילו בעניני רשות — וואָס מ'האָט אויפגעטאָן (ע"פ תורה) בזמן הגלות. ואדרבה: דערפון האָט מען די הוראה — אַז יעדער בעל עסק וכיו"ב

---

103) ראה בארוכה לקו"ת דרושים לר"ה סב, ג (וראה גם תו"א משפטים עז, ריש ע"ב). ספר הליקוטים־דא"ח צ"צ ערך יעקב סמ"ד (ע' א'קא ואילך). וש"נ. וראה ברכת י"א ניסן ש.ז. (לעיל ח"א ע' 7־416).

104) ראה רמב"ם הל' גירושין ספ"ב.

105) שה"ש ה, ב. וראה סה"מ מלוקט ח"ב ע' שיט.

106) ראה תניא פ"ד.

107) זכרי' יד, ט.

דאַרף זוכן וועגן ווי צו מגלה זיין אין זיינע עניני עסק וכו' „כבודו" של הקב"ה, און אויסנוצן זיינע געשעפטן און נכסים און פאַרבינדונגען — צו מוסיף זיין אין תורה ומצוות.

דערפון איז אויך פאַרשטאַנדיק די הו־ראה לאידך גיסא — פאַר די וואָס מיינען אַז די עבודה פון גאולה באַשטייט פון ניט האָבן צוטאָן און שולל זיין „מנהגו של עולם" — אַז אדרבה: די גאולה איז תלוי דוקא אין „מעשינו ועבודתינו" בזמן ה־גלות[5], און דעריבער דאַרף זיין „הסתכל בשלשה דברים": די עבודה צו ברענגען גאולה דאַרף באַשטיין אין „שרית עם אלקים ואנשים ותוכל", צו מאַכן אַ דירה בתחתונים, און צוגרייטן די וועלט צו דער גאולה — טאַקע אין אַן אופן פון „שרית עם אלקים ואנשים", מלחמה האָבן מיט דעם העלם והסתר פון עולם, אָבער באופן פון „ותוכל", „מלכותו ברצון קבלו עליהם".

אַנהויבנדיק פון חלקו בעולם, דורך מוסיף זיין אין קיום המצוות, מיט דברים גשמיים, כולל ובמיוחד — מצות הצדקה („עיקר המצות מעשיות"), אַז ער נעמט פון זיינע גשמיות און זיינע עשירות (מיט וועלכע דער אויבערשטער בענטשט אים) און העלפט אַ צווייטן, אַז ביים צווייטען זאָל אויך זיין מזון ולבושים, באופן פון „לכבוד ולתפארת", בהתאם צו „ממלכת כהנים", ועד"ז העלפט ער אַרויס מוסדות תורה וצדקה וכיו"ב.

און אַזוי אויך אין זיין עבודה בעניני רשות שלו — טוט ער דאָס באופן פון „כל מעשיך לשם שמים"[108] און „בכל דרכיך דעהו"[109].

ועוד וגם זה עיקר — דורך הפצת ה־תורה והיהדות, והפצת המעינות חוצה. כולל ובמיוחד — צו מעורר זיין אידן בכל העולם כולו, אַז זיי זאָלן מוסיף זיין נאָכ־מער אין לימוד התורה וקיום המצוות,

און אַזוי אויך מפרסם ומגלה זיין בכל העולם כולו „אלופו של עולם", כולל — דורך משפיע זיין אויף אוה"ע בנוגע צו קיום שבע מצוות בני נח[110], און זיי צו־גרייטן צו „והיתה לה' המלוכה"[111].

יב. ע"פ הנ"ל, אַז „גאולה" הויבט אויף די עניני הגלות עצמם (דורך מאַכן פון זיי גופא אַ דירה בתחתונים), ביז אַז דוקא די עבודה אין גלות ברענגט די גאולה, איז פאַרשטאַנדיק, אַז די עניני העולם עצמו און די אוה"ע עצמם (אויך בזמן הגלות) זיינען (באמת) מסייע צו דער עבודה פון ברענגען די גאולה (כנ"ל).

ויש לומר, אַז שטייענדיק בסוף זמן ה־גלות, סמוך צו דער גאולה — קומט אַרויס דער סיוע בגלוי יותר.

ווי מ'זעט עס אין די דורות האחרונים במיוחד, און נאָכמער — אין דעם זמן ה־אחרון, ובפרט אין די לעצטע טעג ממש:

אין די דורות שלפני זה האָבן (רוב) אידן געלעבט אין מדינות וואו עס זיינען געווען מניעות ועיכובים וכו' (לא תקום פעמיים[112]) צו עבודת ה' בכלל.

משא"כ בדורות האחרונים — לעבן (רוב) אידן אין מדינות וואו עס הערשט אַ מלכות של חסד, אַנהויבנדיק פון מדינה זו (וואו עס געפינען זיך רוב ומנין ובנין פון אידן), וואָס איז מסייע אידן צו דערגרייכן

---

108) אבות פ"ב מי"ב. וראה רמב"ם הל' דעות ספ"ג. טושו"ע או"ח סרל"א.

109) משלי ג, ו. וראה רמב"ם וטושו"ע שם.

110) כפס"ד הרמב"ם הל' מלכים פ"ח ה"י.

111) עובדי' בסופו.

112) ל' הכתוב — נחום א, ט. וראה לקו"ש חכ"ג ע' 306 הערה 55.

אַ גאולה פנימית בעבודתם, ביז – אַז זיי זאָלן טאָן די עבודה וואָס וועט ברענגען די גאולה כפשוטה, און דעמולט וועט דער מלכות (של חסד) אויך מסייע זיין אידן צו זיך אומקערן אין ארץ ישראל (בלשון הכתוב[113]: והביאו את כל אחיכם גו').

און בשנה האחרונה זעט מען ווי דער יחס צו אידן איז נתפשט געוואָרן אין נאָך מדינות, ביז אויך במדינה ההיא, וואו עס זיינען (ביז לאחרונה) געווען הגבלות בנוגע צו דער חירות פון אידן בעבודתם בתומ"צ און אויך בנוגע צו זייער אַרויס־גיין ממדינה ההיא – איז זייער יחס איצט־ער איבערגעקערט געוואָרן, אַז זיי לאָזן אידן מקיים זיין תומ"צ, און לאָזן אידן אַרויס פון דאָרט (אָן די הגבלות פון אַמאָל), ואדרבה – זיי זיינען נאָך מסייע די אידן צו פאָרן אין ארץ הקודש. מעין הכנה צו דעם סיוע פון אוה"ע אַז אידן זאָלן אַרויסגיין פון גלות און גיין אין ארץ הקודש בגאולה האמיתית והשלימה.

יג. נוסף צו דעם סיוע ישר פון אוה"ע צו אידן – זיינען אויך דאָ ענינים אין וועלכע מ'זעט ווי אוה"ע אַליין טוען פעו־לות של טוב וחסד, וואָס איז נאָכמער מגלה ווי יש בעה"ב לבירה זו[114], אַלס צו־גרייטונג צו „והיתה לה' המלוכה" בגאולה האמיתית והשלימה.

ניט ווי ס'איז געווען אַמאָל, אַז דוקא עם ישראל (אע"פ וואָס „אתם המעט מכל העמים"[115]), האָט משלים געווען בפועל די כוונה פון דירה בתחתונים, און אחדות פון מלכיות אוה"ע האָבן זיך געפירט באופן אכזרי איינער צום צווייטן, און האָבן זיך בעיקר מתעסק געווען אין תועלת עצמן, אָדער אין כובש זיין אַנדערע מדינות וכיו"ב.

צווישן די ענינים גלויים וואָס זיינען צוגעקומען בימים אלו ממש וואו מ'זעט ווי עולם און אוה"ע גרייטן צו און זיינען מסייע די וועג צו דער גאולה – דורך דעם ענין פון צדקה און חינוך, צוויי יסו־דות עיקריים אין ישובו של עולם, „לשבת יצרה"[116]:

ס'איז ידוע ומפורסם (אין אַלע צייטונ־גען) וועגן די מאורעות בימים האחרונים – אַז די מדינה (וואָס איז מיוסד אויף צדקה וחסד, כידוע) האָט אויסגענוצט איר שטאַרקן כח צו אַרויסהעלפן און ראַטע־ווען מענטשן במקום רחוק בעולם (ווייט אַוועק פון דער מדינה), אע"פ וואָס דורך דעם קומט ניט אַ תועלת ישרה צו תושבי מדינה זו:

די מדינה האָט געשיקט אַ ריבוי מענטשן און אנשי חיל פון איר אַרמיי צו אַרויסהעלפן די פליטים אין יענע ערטער, צוזאַמען מיט עסן און קליידער און רפו־אות. אַנשטאָט נוצן די אוירונים אויף עניני כיבוש, און אַנשטאָט נוצן די עסן און קליידער פאַר די בירגער פון דער מדינה – נוצט מען זיי אויף ראַטעווען אומגליק־לעכע מענטשן, ובפרט קליינע קינדער, פון קעלט, ביז פון היפך החיים.

וואָס דערביי זעט מען די רחמנות פון תושבי מדינה זו: בשעת זיי האָבן געהערט און געזען ווי מענטשן ליידען – איז הגם אַז זיי זיינען ניט זייערע קרובים, און האָבן מיט זיי קיינמאָל קיין שייכות ניט געהאַט – איז די מדינה נתעורר געוואָרן צו זיי העלפן. בהתאם צו דער שיטה פון מדינה זו בעניני צדקה, אַז מ'העלפט

113) ישעי' סו, כ.
114) ראה ב"ר רפל"ט.
115) ואתחנן ז, ז.
116) ישעי' מה, יח.

אַרויס מענטשן בכל העולם כולו, און מען וואַרט אפילו ניט אַז מ'זאָל בעטן הילף.

עד"ז איז אויך ידוע אַז בימים האחרונים איז מנהיג מדינה זו אַרויס מיט אַ הכרזה והוראה מפורטת בנוגע צו חינוך הנוער. בהתאם לזה וואָס בתחלת נשיאותו האָט ער מכריז געווען אַז זיין שאיפה איז צו געדענקט ווערן אַלס דער „עדזשוקיישען (חינוך) פרעזידנעט", צוליב די פעולות ושינויים גדולים לטוב וואָס ער וועט איינפירן צו מחזק זיין דעם חינוך אין דער מדינה.

דער אויפטו אין די לעצטע ערשיינונגען (צווישן אַנדערע) איז פאַרשטאַנדיק בפשטות: הגם אַז באַ אידן איז דאָס קיין חידוש ניט, ווייל באַ זיי איז אַלעמאָל געווען די הנהגה ע"פ התומ"צ, בענין הצדקה וחינוך וכו' – איז דאָס נאָכמער מגלה ווי יש בעה"ב לבירה זו, וואָס דאָס איז דער אמת'ער יסוד אויף צדקה און חינוך [וכמדובר כמ"פ, אַז אמת'ע הצלחה אין חינוך איז תלוי אין דער ידיעה והכרה פון דעם קינד אין דעם בורא עולם ומנהיגו].

וכל זה איז – נוסף צו נאָך כמה ענינים וואָס פאַסירן בהשגחה פרטית מדי יום ביום, סיי בנוגע צו דעם כלל און סיי בנוגע צו יעדערען אין זיינע ענינים פרטיים – און די כוונה בזה, איז אַז דאָס זאָל נאָכמער מגלה זיין ווי וועלט איז מסייע צו מאַכן אַ דירה בתחתונים און ברענגען די גאולה,

[כולל – דאָס וואָס בשבוע האחרון האָט מען געפונען בפינה נידחת בעולם אבנים טובות ומרגליות, ע"י ברכתו של הקב"ה [בדוגמת „והנשאם הביאו את אבני השהם ואת אבני המילואים לאפוד ולחושן"[117] (פאַר די בגדי כהונה), אַז די

117) ויקהל לה, כז.

ענינים הביאורים[118], און די כוונה בזה איז – אַז מ'נוצט דאָס אויס אויף קישוטי כלה, מוסיף זיין אין צדקה, כנ"ל].

יד. די מסקנא פון האמור לעיל בנוגע לפועל:

די גאולה קומט דוקא דורך דער עבודה אין גלות, פון מגלה זיין אלופו של עולם אין „גולה", אַזוי אַז דור זה, דער דור האחרון אין גלות, וועט זיין דער דור הראשון פון גאולה.

און דער אויבערשטער העלפט אַז מ'זעט אין די מאורעות האחרונות בעולם ווי די וועלט אַליין איז מסייע און פירט צו דער גאולה.

ובפשטות מיינט דאָס – כנ"ל – אַז יעדער איד דאַרף מוסיף זיין אין „מעשינו ועבודתינו" בכלל וועלכע ברענגט די גאולה, כולל ובמיוחד – ווי גערעדט בהתוועדות שלפנ"ז – אין לימוד התורה בעניני גאולה, אין תושב"כ (וואָס „כל[119] הספרים מלאים[120] בדבר זה"), און תושבע"פ, משנה וגמרא ומדרשים וכו'.

ובזה גופא – דאַרף מען מוסיף ע"פ די הוראה פון פסח שני, אַז „ס'איז ניטאָ קיין פאַרפאַלן"[121] – צו מאַכן אַ חשבון צדק צי

118) ת"י עה"פ.

119) רמב"ם הל' מלכים פי"א ה"ב.

120) ויש לומר הדיוק ב„מלאים" (ש„מלא" ע"פ תורה פירושו – שמלא כולו), שגם הפסוקים ב„כל הספרים" שאינם מדברים (בגלוי) בעניני גאולה, או אפילו שתוכנם הפכי (לכאורה) מענין הגאולה – הרי, לאמיתתו של דבר, תוכנם האמיתי הוא „דבר זה" – ענין הגאולה. וע"י עיון והעמקה בפירוש פסוקים אלו (במפרשים וכו') נראה בגלוי ש„כל הספרים מלאים בדבר זה". ויומתק ע"פ המבואר לעיל, שפנימיות ענין הגלות („גולה") הוא ענין הגאולה, אלא שמגלים זה ע"י גילוי האל"ף דאלופו של עולם בגלות, שעי"ז נעשה מ„גולה" – „גאולה".

121) „היום יום" יד אייר, פסח שני. ס' השיחות תש"א ע' 115.

מ׳האָט מתקן ומשלים געווען די עבודה בעבר כדבעי, אָדער מ׳קען אין דעם נאָך צוגעבן: און מ׳האָט דערביי די הוראה ונתינת כח, אַז אפילו אויב ס׳האָט עפּעס געפעלט איז ניטאָ קיין פאַרפאַלן און מ׳קען אַלעמאָל מתקן זיין.

ועוד ועיקר — אַז עס זאָלן נתגלה ונתתקן ווערן אַלע ענינים וואָס ווייזן זיך אויס אַז זיי זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען, אָדער זיינען טאַקע פאַרלאָרן געגאַנגען אין גלות, כולל — פאַרלאָרן למעליותא (זייענדיק למעלה מגדר גילוי) — דער גילוי הקץ וואָס „לבא לפומא לא גליא"[122], און משיח צדקנו, וועלכער קומט „בהיסח הדעת"[123] (כי אם במציאה), שנאמר „מצאתי דוד עבדי"[124] (במזמור פ"ט בתהלים[125]), און דאָס ווערט נתגלה אין דעם מזמור צדי"ק[126] — „ויהי נועם ה׳ אלקינו עלינו ומעשה ידינו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו"[127], בבית המקדש השלישי, בגאולה האמיתית והשלימה, די גאולה פון אַלע אידן, „בנערינו ובזקנינו גו׳ בבנינו ובבנותינו".

122) ז"ח בראשית ח, א. מדרש תהלים ט, ב. וראה גם סנהדרין צט, א.

123) סנהדרין צז, סע"א.

124) ראה ב"ר פכ"ט, ג.

125) פסוק כא.

126) ולהעיר שבאות „פ"ף בו נגאלו אבותינו ממצרים שנאמר (שמות ג, טז) פקד פקדתי אתכם [ולהעיר שמשה הי׳ בן פ׳ כשגאל ישראל ממצרים], צ"ץ בו עתיד הקב"ה לגאול את ישראל ולומר להם צמח צמחתי לכם שנאמר (זכרי׳ ו, יב) איש צמח שמו ומתחתיו יצמח ובנה את היכל ה׳" (פדר"א פמ"ח). ובבמדב"ר ס"פ קרח מביא הכתוב (ירמי׳ כג, ה): והקימותי לדוד צמח צדיק גו׳ (וראה פי׳ הרד"ל לפדר"א שם). וראה ד"ה לך באוה"ת (עדרת, א). תרכ"ז. תר"ל.

127) פסוק טו"ב.

משיחות ש"פ אמור, כ' אייר ה'תנש"א

א. בהמשך צו דעם וואָס עס האָט זיך גערעדט[1] וועגן דעם ענין פון גאולה

— אַז דער וואָרט „גאולה", אותיות „גולה" בתוספת אל"ף[2], גיט אַרויס דעם תוכן פון דער גאולה (מער ווי די אַנדערע ד' — ה' לשונות של גאולה[3]): (א) דאָס אויסלייזונג פון אַלע עניני הגלות (גולה): גאולה איז ניט שולל די עבודה אין גלות, נאָר זי איז כולל און הויבט אויף גלות — דורך אַרויפשטעלן און מגלה זיין דעם אל"ף פון „אלופו של עולם"[4] אין „גולה", ווי דער אויבערשטער איז בעה"ב און פירט אָן מיט אַלע עניני העולם אויך אין גלות, (ב) די גאולה ווערט „אויפגעמאַכט" דורך דער עבודה אין גלות (אַזוי ווי דער וואָרט „גאולה" ווערט אויפגעמאַכט — און רוב אירע אותיות זיינען — אותיות „גולה", נאָר מ'איז מוסיף אַן אל"ף) —

וועט מען זיך אָפּשטעלן אויף נאָך אייניקע נקודות אין דעם, וואָס דאָס וועט צוגעבן נאָכמער הסברה אין דער עבודה וואָס אידן דאַרפן טאָן שטייענדיק „ערב הגאולה".

ב. דער אויפטו פון גאולה (די הוספה וגילוי האל"ף אין גולה, און אין ביידע אויבנדערמאָנטע ענינים) זעט מען גלייך אין דער ערשטער גאולה (און מקור אויף אַלע גאולות[5]) — גאולת מצרים:

די גאולה איז באַשטאַנען אין דעם, אַז נוסף דערצו וואָס אַלע אידן זיינען אַרויס פון מצרים („בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו"[6]) ובשלימות און מיט אַלע זייערע זאַכן (ע"ד מ"ש' „כספם וזהבם אתם"[7]), האָבן זיי מיט זיך אויך מיטגענומען און אויסגעלייזט די ענינים פון „גולה" (גלות מצרים) — „וישאלו[8] ממצרים כלי כסף וכלי זהב ושמלות גו' וינצלו (ורוקינו[9]) את מצרים", „שעשאוה[10] כמצודה שאין בה דגן . . כמצולה שאין בה דגים"[11] [און — „וגם[12] ערב רב עלה אתם"[13]].

1) שיחת ש"פ אחו"ק, י"ג אייר (לעיל ע' 504 ואילך).

2) ראה ויק"ר פרשתנו ספל"ב. שהש"ר פ"ד, א (ז). קה"ר פ"ד, א (א). לקו"ת בהעלותך לה, ג. אוה"ת בא ע' רעג. בהעלותך ס"ע תכג ואילך. נ"ך ע' תקי. המשך מים רבים תרל"ו פקל"ד.

3) וארא ו, ו־ח. וראה לעיל ע' 504 הערה 4.

4) ראה אוה"ת בא שם.

5) כמובן ממאחז"ל (ב"ר פט"ז, ד. ויק"ר פט"ז, ה) „כל המלכיות נקראו על שם מצרים". וראה ד"ה כימי צאתך תש"ח רפ"ב (ע' 164).

6) בא י, ט.

7) ישעי' ס, ט.

8) בא יב, לה־לו.

9) ת"א, ת"י ופרש"י עה"פ. פרש"י ברכות שבהערה הבאה (ד"ה כמצודה).

10) ברכות ט, ב. פסחים קיט, א.

11) „פי' שלקטו כל הניצוצין שנפלו בשבירה אליהם ונתרוקנו מצרים מהם עד שנשארו כמצולה כו' ולא השאירו שם אפי' ניצוץ א'" (תו"א וארא נו, סע"ד).

12) בא שם, לח.

13) שזה („רב") מרמז על הר"ב ניצוצים (מהרפ"ח ניצוצים) שנתבררו ועלו אתם ממצרים (תו"א בא ס, ג). ועפ"מ המבואר בתו"א שבהערה 11, מובן, שבמצרים היו רק ר"ב ניצוצים, ונתבררו

ד.ה. — די גאולה איז געווען ניט נאָר אַ יציאה אַן אַרויס פון מצרים, נאָר אַ גאולה אויך פון מצרים (גולה) עצמו, דורך אַריינשטעלן און מגלה זיין דעם אל"ף (אלופו של עולם) אין די עיניי הגלות — זייער תכלית צוליב וועלכע דער אויבערשטער האָט זיי באַשאַפן און געגעבן צו מצרים, בכדי אידן זאָלן זיי מברר זיין דורך „וינצלו את מצרים" (און דורך דעם זאָל נתקיים ווערן דער „ו־אחרי כן יצאו ברכוש גדול"[14]).

ביז אַז „וה' נתן את חן העם בעיני מצרים וישאילום"[15], „אף מה שלא היו שואלים מהם היו נותנים להם"[16] די מצריים אַליין, און נאָכמער: „מלמד שהשאילום בעל כרחם . . בעל כרחם דישראל"[17] — וואָס לכאורה: (א) צוליב וואָס האָבן זיך די מצריים „געיאָגט" אָפּגעבן פון זייערע כלים כו' (היפך טבע האדם)?! (ב) דער ציווי („וישאלו איש מאת רעהו גו'"[18]) איז געזאָגט געוואָרן צו די אידן, ניט צו די מצריים? (ג) לאחרי וואָס דער אויבערשטער האָט געבראַכן מצרים דורך ברענגען אויף זיי די עשר מכות, פאַרוואָס דאַ „מיט־אַמאָל" איז דער צוגאַנג פון די מצריים אַז „וישאלו ממצרים גו'", „וה' נתן את חן העם בעיני מצרים וישאילום" (און ניט דורך שבירתם)?

נאָר וויבאַלד אַז גאולה איז דער טייטש (אויך) די גאולה ועלי' פון מצרים („גולה") עצמו דורך אַנערקענען אַז דער אויבערשטער איז אלופו של עולם און פירט אַן מיט דער וועלט, און די מצריים (זייענדיק (כמה מהם) חכמים[19]) האָבן דאָס (סו"ס) פאַרשטאַנען און מר־גיש געווען (און די וואָס לא חזו — איז „מזלייהו חזו"[20*]), „וידעו מצרים כי אני ה'"[21] — דעריבער האָט עס געדאַרפט געטאָן ווערן, און ס'איז בפועל געטאָן געוואָרן, ניט בעל כרחם פון די מצריים, נאָר ברצונם (נוסף אויף דער פעולה פון אידן אין דעם), באופן פון „וישאילום" (און „וה' נתן את חן העם בעיני מצרים"), ביז אַז „אף מה שלא היו שואלים מהם היו נותנים להם", ביז „בעל כרחם" פון די אידן.

ועד"ז זעט מען אין דעם — דעם צווייטן ענין הנ"ל אין „גאולה" (אַז דאָס ווערט אויפגעמאַכט פון (דעם וואָרט) „גולה" (בתוספת אל"ף): דוקא דורך דער ירידה אין גלות מצרים („ועבדום וענו

כולם*, ושאר הפ"ו ניצוצים (בגימט' אלקים) נתבררו בגליות שלאחרי זה (ראה תו"א וישב כז, ד).

14) לך לך טו, יד. וראה בארוכה לקו"ש ח"ג ע' 823 ואילך. ועוד.

15) בא שם, לו.

16) פרש"י שם, ממכילתא עה"פ.

17) ברכות שבהערה 10.

18) בא יא, ב.

*) ראה לקו"ת וספר הליקוטים להאריז"ל ר"פ תצא בטעם האיסור לחזור למצרים (בשלח יד, יג. שופטים יז, טז. תבוא כח, סח) — כי „הגליות הוצרך לברר ניצוצי קדושה . . והנה במצרים באותו גלות בירדו כל הקדושה שהי' בקרבם ולא נשאר דבר . . ולכן צוה שלא לראותם עוד, ולא עשה כן בשאר גליות שעדיין לא בירדו כל מה שהי' בקרבם לגמרי".

19) כמ"ש (מ"א ה, י) „ותרב חכמת שלמה . . מכל חכמת מצרים" (וראה לקמן ס"ו). וראה מקץ מא, ח. וארא ז, יא.

20) מגילה ג, א*. סנהדרין צד, רע"א.

21) נסמן בהערה 24.

*) ובפרש"י שם ד"ה מזלייהו (הובא בחדא"ג מהרש"א סנהדרין שם): שר של כל אדם למעלה.

אותם"[22]) — איז געוואָרן די עלית (גד־לות) וגאולת מצרים, באופן פון „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול"[14] (וואָרום אילו לא ירדו אבותינו למצרים וואָלטן זיי ניט (באַקומען און) אויפגעהייבן די „כלי כסף וכלי זהב ושמלות" פון מצרים).

דערפון איז אויך פאַרשטאַנדיק בנוגע צו אַלע גאולות (וועלכע זיינען געגליכן און נעמען זיך פון גאולת מצרים[5]), ביז דער גאולה האמיתית והשלימה, אויף וועלכע עס שטייט[23] „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות" — אַז זי הייסט „גאולה" דערפאַר וואָס איר תוכן איז: (א) (אויסלייזן) אויפהייבן די עניני גולה (דורך מגלה זיין אין זיי דעם אלופו של עולם), און (ב) דוקא דורך דער עבודה אין גולה קומט די גאולה.

ג. מ'דאַרף אָבער פאַרשטיין:

נוסף אויף דעם וואָס דורך גאולת מצרים האָט זיך אויפגעטאָן דער גילוי פון אלופו של עולם אין מצרים — „וידעו מצרים כי אני ה'" [וואָס דאָס איז געווען איינער פון די טעמים אויף די מכות[24]], אַז דער אויבערשטער איז בעה"ב און פירט אָן מיט דער וועלט[25] — האָט זיך אויך אויפגעטאָן נאָך העכערע ענינים (פאַר אידן), אַז „נגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקב"ה וגאלם"[26], און „בכבודו ובעצמו"[27] — עצמות א"ס ב"ה[28],

ביז אַז די כוונה[29] (אין יציאת מצרים) איז מתן תורה, „בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה"[30], דער גילוי פון „אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים"[31], ובאופן פון „פנים בפנים דבר ה' עמכם"[32], של־מעלה פון דעם גילוי פון אלופו של עולם, ווי דער אויבערשטער איז דער בורא העולם ומנהיגו („בראשית[33] ברא אלקים את השמים ואת הארץ")[34], כידוע אַז תורה איז „קדמה לעולם"[35], קדמה גם במעלה (למעלה) מעולם.

ועאכו"כ ווען עס רעדט זיך וועגן דער גאולה האמיתית והשלימה — וואָס דעמולט וועט זיין, נוסף אויף דעם גילוי פון אלופו של עולם (בכל הבריאה), גילוי אלקות שלמעלה מהבריאה — „אלה[36] תולדות פרץ" מלא[37] וואָס איז העכער פאַר דעם „מלא"[37] פון „אלה[38] תולדות השמים והארץ בהבראם" (עולם על מילואו נברא[39]), ביז אַז עס וועט זיין אַ חידוש שלא בערך לגבי דעם מצב

---

22) לך לך טו, יג.

23) מיכה ז, טז.

24) ראה וארא ז, ה. יז. ח, ו. יח. ט, יד. כט. בא יא, ז. בשלח יד, ד. יח. וראה לקו"ש חל"ו ע' 33 ואילך.

25) ראה אברבנאל וארא ט, טז.

26) הגש"פ פיסקא „מצה זו".

27) שם פיסקא „ויוציאנו".

28) ראה סה"מ אעת"ר ע' עה. המשך תער"ב ח"ב ע' תתקכד. סה"מ תער"ב־תרע"ו ע' סז.

29) „עיקר תכלית המכוון" – תו"א ר"פ שמות (מט, א).

30) שמות ג, יב.

31) יתרו כ, ב. וראה מכילתא ופרש"י שם. שמו"ר פכ"ט, ג.

32) ואתחנן ה, ה.

33) בראשית א, א.

34) כמבואר בכ"מ הטעם שבעשה"ד נאמר „אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים" ולא „אשר בראתי שמים וארץ", כי הגילוי אלקות ביצ"מ (ומ"ת) הוא למעלה מהגילוי דבריאת שמים וארץ (ראה סידור עם דא"ח רפד, ב ואילך. ובכ"מ).

35) ראה מדרש תהלים צ, ד. ב"ר פ"ח, ב. תנחומא וישב ד. זח"ב מט, א.

36) רות ד, יח.

37) ב"ר פי"ב, ו. שמו"ר פ"ל, ג.

38) בראשית ב, ד.

39) ראה ב"ר שם. פי"ד, ז. פי"ג, ג.

בגאולת בבל ומדי וכו', סיי אין עולם — אַ חידוש אין מעשה בראשית („הנני בורא שמים חדשים וארץ חדשה"[40], „ה־שמים החדשים והארץ החדשה"[41]), און סיי אין גילוי אלקות — דער גילוי פון פנימיות עתיק[42], ביז דער גילוי פון עצמותו ית' למטה, אין דער „דירה לו יתברך בתחתונים"[43],

ביז אַז „לא יהי' עסק כל העולם אלא לדעת את ה' בלבד ולפיכך יהיו ישראל חכמים גדולים ויודעים דברים הסתומים וישיגו דעת בוראם כפי כח האדם ש־נאמר[44] כי מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים"[45]: און עס וועט דע־מולט זיין אַ חידוש אין תורה: כשם ועַ"ד ווי גלות וגאולת מצרים איז געווען אַ הכנה צו מתן תורה, אַזוי וועט די גאולה האמיתית והשלימה ברענגען אַ חידוש אין תורה — דער גילוי פון פנימיות ה־תורה[46], „סוד טעמי' ומסתר צפונותי'"[47], ביז „תורה חדשה מאתי תצא"[48].

און וויבאַלד אַז די אַלע ענינים — וועלכע זיינען שלא בערך העכער פאַר דעם גילוי איצטער פון אלופו של עולם — ווערן נכלל אין (שם) גאולה, דאַרף מען זאָגן אַז דאָס אַלף איז אויך מרומז אין „גאולה" אותיות „גולה" בתוספת אל"ף.

ד. דער ביאור אין דעם:

אין[49] דעם אות אל"ף — וואָס קומט צו אין (וואָרט) „גאולה" (לגבי „גולה") — זיינען פאַראַן כמה פירושים: (א) אל"ף פון לשון אלוף, אלופו של עולם. (ב) אל"ף פון לשון אולפנא ולימוד, ואאלפך חכמה[50] ואאלפך בינה. (ג) אל"ף אותיות פלא.

אין דער עבודה פון איבערמאַכן גלות („גולה") צו גאולה זיינען פאַראַן בכללות דריי ענינים, דריי דרגות ושל־בים: גילוי אלקות אין ובערך לעולם (אלופו של עולם). גילוי אלקות של־מעלה מעולם אָבער עס האָט נאָך עפּעס אַן ערך ויחס צו עולם, ובמיוחד — דורך תורה שקדמה לעולם (אולפנא). און גי־לוי אלקות שלמעלה לגמרי מעולם, ב־אופן מופלא ומובדל, ובמיוחד — דורך די נפלאות שבתורה[51] וואָס וועלן נתגלה ווערן בגאולה האמיתית והשלימה[52] (פלא).

די ערשטע זאַך[53] באַשטייט פון מגלה

---

40) ישעי' סה, יז.

41) שם סו, כב. וראה בזה לקו"ת שה"ש בסופו (נא, ג). ספר הליקוטים דא"ח־צ"צ ערך לע"ל ע' תריב ואילך. ועוד.

42) משא"כ כל הגילוים דעכשיו הם מחיצוניות עתיק — פע"ח שער הק"ש רפט"ו, הובא בלקו"ת שם.

43) ראה תנחומא נשא טז. שם בחוקותי ג. במדב"ר פי"ג, ו. תניא פל"ו.

44) ישעי' יא, ט.

45) רמב"ם בסיום וחותם ספרו.

46) ראה תו"א ר"פ שמות (מט, א): „כמו שכל עיקר תכלית המכוון בגלות מצרים . . הי' בכדי לזכות לקבלת התורה . . כך כל אריכות הגלות הזה הוא כדי לזכות לגילוי פנימיות התורה שיהי' לע"ל כו'".

47) פרש"י שה"ש א, ב.

48) ישעי' נא, ד. ובויק"ר פי"ג, ג: חדוש תורה מאתי תצא. וראה קה"ר פי"א, א (ח): תורה שאדם למד בעוה"ז הבל היא לפני תורתו של משיח.

49) בהבא להלן — ראה בארוכה ספר הערכים־חב"ד מערכת אותיות — אל"ף (ע' עב ואילך). ושי"נ.

50) לשון הכתוב — איוב לג, לג.

51) ראה רשימות הצ"צ לתהלים (יהל אור) ע' תסא. ובארוכה — ד"ה גל עיני תשל"ז (סה"מ מלוקט ח"ה ע' רעא ואילך). ושי"נ.

52) ראה שער האמונה פ"ס.

53) בהבא להלן — ראה אמרי בינה פתח השער פ"א. שם ספ"ה.

זיין אין כל עניני העולם (— בגלות) דעם אל"ף פון אלופו של עולם, ווי דער אויבערשטער איז דער אלוף און בעה"ב פון וועלט און אין וועלט: דער עולם — עולם מלשון העלם והסתר[54] — איז באַשאַפן געוואָרן אין אַן אופן אַז ער (מצ"ע) פאַרדעקט אויף אלקות, דעם דבר ה' וואָס איז עם שטענדיק מהוה, מחי' ומקיים[55]. און די עבודה פון אַ אידן באַשטייט אין מגלה זיין בעולם ווי דער אויבערשטער איז אלופו של עולם, הן בכללות העולם און הן בפרטי העולם — „כי אראה שמיך מעשה אצבעותיך ירח וכוכבים אשר כוננת"[56], און אַזוי אויך בכל פרטי הנבראים — דער גילוי פון דעם כח הפועל בנפעל[57].

וואָס דורך דעם גילוי פון אלופו של עולם אין „גולה" — ווערט אויפגעטאָן די גאולה, ווען עס וועט זיין „וידע כל פעול כי אתה פעלתו"[58].

אַ העכערער ענין אין דעם גילוי האל"ף איז — דער ענין פון אל"ף מלשון אולפנא ולימוד, אאלפך חכמה אאלפך בינה: דער גילוי אלקות בגאולה האמי־תית והשלימה וועט זיין — נוסף צו בחי' אלקות אין דער בריאה (אלופו של עו־לם), כח הפועל בנפעל — אויך, אלקות וואָס איז העכער פון דער וועלט (כנ"ל), וואָס דאָס קומט פון אל"ף שב־בחי' מוחין (חכמה ובינה), וואָס איז העכער פאַר די מדות פון וועלכע עס נעמט זיך עולמי[59] (עולם חסד יבנה[60]): ובמיוחד — איז דאָס דורך דער גילוי התורה (וואָס ווערט נתגלה נאָך דער גאולה), וואָס „אלפיים שנה קדמה תורה לעולם"[35], „אלפיים" אויך מלשון אא־לפך, אאלפך חכמה אאלפך בינה[61].

און דערנאָך קומט מען צו נאָך אַ הע־כערן ענין אין דעם אל"ף — אותיות פלא — גילוי הנפלאות אין דער גאולה, כמ"ש[23] „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות" (נפלאות אפילו בערך די נפלאות בגאולת מצרים[62]), כולל ובמיו־חד — די נפלאות שבתורה[55] („גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך"[63]), גילוי פני־מיות התורה, „סוד טעמי' ומסתר צפונו־תי'", וועלכע זיינען מצ"ע מופלא ומוב־דל (ביז — בתכלית ההעלם[64]), און אויך דאָס ווערט נתגלה, ביז באופן פון אול־פנא ולימוד, ביז אין (אלופו של) עולם[65].

---

54) ראה לקו"ת שלח לז, ד. מאמרי אדהאמ"צ דברים ח"א ע' שג. ח"ג ע' א'נט. וראה לקו"ש חל"ד ע' 112 הערה 63. ושי"נ.

55) שער היחוד והאמונה פ"א.

56) תהלים ח, ד.

57) במכ"ש ממעשה בשר ודם „שהוא יש מיש", ו„כאשר יצא לצורף כלי שוב אין הכלי צריך לידי הצורף" (שעהיוה"א רפ"ב), שגם שם ישנו כח הפועל בנפעל, „כידוע בהרב המגיד ז"ל . . שאמר בפירוש על מה שהכיר לפועל הכלי מתוך הכלי כו'" (שער האמונה ספכ"ז), ועאכו"כ ב„מעשה ה' עושה שמים וארץ", „שהוא יש מאין", ו„צריך להיות כח הפועל בנפעל תמיד להחיותו ולקיימו" (שעהיוה"א שם).

58) תפלת העמידה דר"ה (ברכת „אלקינו כו' מלוך כו'").

59) אוה"ת תבוא ס"ע תתשיז ואילך. וראה ספר הערכים-חב"ד שבהערה 49 ע' עג. ושי"נ.

60) תהלים פט, ג. וראה סה"מ תש"ח ריש ע' 273. ושי"נ.

61) לקו"ת שה"ש א, סע"ד. המשך והחרים תרל"א ע' כו. סה"מ תש"ח ס"ע 273.

62) ראה אוה"ת נ"ך עה"פ (ע' תפז). ושי"נ.

63) תהלים קיט, יח.

64) ומתאים גם עם זה שאל"ף אותיות „אפל", בחי' חושך (ישת חושך סתרו — תהלים יח, יב) שלמעלה מאור וגילוי (אוה"ת יתרו ע' תתקלג).

65) ראה ספר הערכים שם ע' עב. ע' צה. ע' קט. ע' קכט. ושי"נ.

ובלשון החסידות — אין די ספירות למעלה: (א) אלופו של עולם איז כנגד ספירת המלכות, גילוי מלכותו ית' בעולם — „אחד"[66], „אמליכתי' למעלה ולמטה ולארבע רוחות"[67]. ובכללות יותר — ענין המדות, וואָס פון זיי איז דער מקור אויף הנהגת העולם. (ב) אולפנא ולימוד (אאלפך חכמה אאלפך בינה) איז בחי' המוחין (חכמה ובינה), מוחין השייכים למדות, וואָס דאָס איז למעלה מעולם, אָבער פאַרט די התחלה ומקור אויף עולם[68]. (ג) פלא איז בחי' מוחין (חכמה) מצ"ע, עצם המוחין[69], ביז ווי דאָס איז פאַרבונדן מיט כתר (ביז מיט פנימיות הכתר), שמופלא ונבדל לגמרי מעולם[70].

וידוע[71] אַז איצטער איז דער עיקר העבודה אין בירור השבע מדות (כיבוש שבע ארצות), און אין מוחין השייכים למדות: משא"כ בגאולה האמיתית והשלימה וועט זיין (אויך) די עבודה פון מוחין מצ"ע (כיבוש שלש ארצות, קיני[72] קניזי וקדמוני[73]).

ועד"ז אויך אין גילוי אלקות בגאולה האמיתית והשלימה: נוסף צו דעם גילוי פון כח הפועל בנפעל, און גילוי אלקות שלמעלה מהבריאה, וועט אויך זיין דער גילוי פון עצמותו ית' למטה, ואדרבה — כח העצמות ווערט נתגלה דוקא אין דעם יש הנברא[74].

ה. עפ"ז איז פאַרשטאַנדיק אַז דער אויפטו פון גאולה — „גולה" בתוספת אל"ף — איז כולל אַלע דריי ענינים פון דעם גילוי האל"ף (אין דער עבודה בגלות): אלופו של עולם, אולפנא, פלא:

און דוקא דורך דער עבודה אין גלות, דורך אַריינשטעלן דעם אל"ף (די דריי ענינים שבו) אין „גולה" — ווערט אויפגעמאַכט די גאולה, און אַלע דריי ענינים ודרגות שבה (אויך די ענינים הכי נעלים שבה): גילוי כח הפועל בנפעל, „וידע כל פעול כי אתה פעלתו" (מלכות), גילוי שלימות האולפנא ולימוד התורה, גילוי אלקות שלמעלה מהבריאה (מוחין), ביז גילוי הנפלאות (מוחין בעצם, כתר)[75].

---

66) שזהו גימט' של א'.

67) ברכות יג, ב. וראה ספר הערכים שם ע' עט. וש"נ.

68) ראה אמרי בינה שבהערה 53.

69) ראה סה"מ ה'ש"ת ע' נה. ספר הערכים שם ע' קכ. וש"נ.

70) ראה אמרי בינה שם. ספר הערכים שם ע' קט ואילך. וש"נ.

71) מאמרי אדהאמ"צ דברים ח"א בתחלתו (ע' ג ואילך).

72) לך לך טו, יט. ובפרש"י: עתידים להיות ירושה לעתיד.

73) וי"ל שגילוי הג' מוחין מצ"ע (בחי' פלא) דלע"ל נעשה דוקא ע"י בירור (חכמות) העולם, קיני קניזי וקדמוני שלמטה (שנשתלשלו לאחרי צמצום ופרסא כו' מג' מוחין) — ע"ד שגאולה נעשית דוקא ע"י גילוי האל"ף שב„גולה". ועי"ד המבואר לקמן בפנים (ס"ו) בענין „ותרב חכמת שלמה . . מכל חכמת מצרים".

74) ראה לקמן ס"ט.

75) ומעין זה והתחלה בזה בגאולת מצרים — כנ"ל בפנים, שנוסף לגילוי אלופו של עולם במצרים („וידעו מצרים כי אני ה'", אפילו „בקרב הארץ" (וארא ח, יח)), כפי שבא לידי ביטוי גם בזה ש„ה' נתן את חן העם בעיני מצרים וישאילום" — היו שם נפלאות* (עד שמדמים ה„אראנו נפלאות" שלע"ל ל„כימי צאתך מארץ מצרים" — מיכה ז, טו), עד להגילוי ד„בכבודו ובעצמו" שהי' במצרים.

ועוד ועיקר, שגלות מצרים היא ההכנה למתן תורה, גילוי האל"ף ד„אנכי ה' אלקיך" (בחי' כתר), הכולל כל התורה כולה (תניא רפ"כ), גם פנימיות

---

*) ראה שמות ג, כ. ועוד.

ד.ה. — מ'באַנוגנט זיך ניט דערמיט וואָס מ'איז מגלה אין „גולה" בחי' אלופו של עולם (אלקות בערך הבריאה), דורך אויסנוצן די עניני העולם „לשם שמים"[76] און אויף „דעהו"[77], נאָר מ'איז דאָרט אויך מגלה וממשיך בחי' אולפנא (מוחין השייכים למדות), דורך לימוד התורה, ביז אויך — בחי' פלא, דורך לימוד פני־מיות התורה (נפלאות שבתורה), כדלקמן (ס"ח ואילך).

ויש לומר, אַז נוסף צו דער עבודה (פון לימוד פנימיות התורה) אין גלות, ווערט דאָס אויפגעטאָן אויך דורך דעם עצם ענין (ירידה) פון „גולה" (דורך מגלה זיין אין גולה דעם אל"ף, די כוונה עליונה אין דער ירידה) — כמ"ש[78] „ואמרת ביום ההוא אודך ה' כי אנפת בי", דלכאורה: אין וואָס באַשטייט די הודאה אויף דעם וואָס „אנפת בי"?! מ'קען ניט ענטפערן אַז די הודאה איז אויף דעם וואָס שטייט בהמשך הכתוב „ישוב אפך ותנחמני", ווייל דעמולט איז דאָס ניט קיין הודאה בשלימות: אויב די הודאה איז אויף דעם וואָס „ישוב אפך" (דער ביטול ושלילה פון „אנפת בי") וואָלט געווען נאָך בעסער — און נאָך אַ גרעסערע הודאה — אַז עס וואָלט לכת־חילה ניט געווען „אנפת בי"! דערפון איז מוכח, אַז די הודאה איז דוקא אויף דעם וואָס „אנפת בי".

איז דער ביאור אין דעם, ווייל דוקא דורך דער ירידה אין גלות באופן פון „אנפת בי" קומט די עלי' פון דער גאו־לה, ביז די העכסטע ענינים שבה — גי־לוי בחי' אל"ף אותיות פלא: און בשעת מ'איז מגלה אין „גולה" דעם אל"ף (פון פלא) — די כוונה עליונה שבזה — ווערט נתגלה דער „אודך ה'" אין דעם „אנפת בי", בחי' הודאה דוקא אויף אַ דבר פלא שלמעלה משכל וחכמה (של האדם), ע"ד מ"ש[79] „אודה שמך כי עשית פלא", וואָס דאָס גייט אויף אריכות הגלות וואָס איז אַ דבר פלא, ו„אינו מושג בשכל כלל, זהו מכלל במופלא[80] ממך אל תדרוש"[81], און דאָס גופא ווערט דערנאָך נמשך בגילוי בבחי' „כי עשית — אלף"[82], ב־

התורה, ואדרבה — במ"ת הי' גילוי מעשה מרכבה („ויראו את אלקי ישראל גו' ויחזו את האלקים" (משפטים כד, י־יא. וראה גם שמו"ר פג, ב. וש"נ)), מעין הגילוי אלקות בגאולה האמיתית והשלימה, כמ"ש (ואתחנן ד, לה) „אתה הראית לדעת כי ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו", „הראית ממש בראי' חושיית" (תניא פל"ו — מו, א).

ובפרטיות יותר: הגילוי דמ"ת בא לאחרי ההכנה דמ"ט ימים, ימי הספירה, שלאחרי יציאת מצרים, שענינם (בעבודת האדם) — בירור הז' מדות (ובשלימות — ז' מדות כלולום מז') במ"ט יום, ועי"ז מגיעים — „תספרו חמשים יום" (אמור כג, טז) — לגילוי שער הנו"ן (דבינה) שבערך להמ"ט שערים (ע"ד בחי' מוחין השייכת למדות), ועד לבחי' הב' בשער הנו"ן שהיא שלא בערך — מופלא ומובדל — מהמ"ט שערים (ראה בארוכה לקו"ת במדבר יב, א ואילך), בחי' נפלאות, נ' פלאות (זח"א רסא, ריש ע"ב) — שנתגלה במ"ת.

אבל ביצ"מ ומ"ת הי' בגילוי לפי שעה. ובגלוי הי' במ"ת בעיקר הנתינה דתורה הנגלית (ראה תו"א ר"פ שמות), בחי' אולפנא ולימוד. משא"כ בגאולה האמיתית והשלימה תהי' שלימות הגילוי באופן תמידי ונצחי (ראה המשך תער"ב ח"ב ע' תתקל ואילך), וגילוי פנימיות התורה (תו"א שם — נעתק לעיל הערה 46), בחי' נפלאות שבתורה.

76) אבות פ"ב מי"ב. וראה רמב"ם הל' דעות ספ"ג. טושו"ע או"ח סרל"א.

77) משלי ג, ו. וראה רמב"ם וטושו"ע שם.

78) ישעי' יב, א.

79) שם כה, א.

80) חגיגה יג, א.

81) ביאורי הזהר להצ"צ ע' תקלא.

82) זח"ג קצד, ב.

שכל וחכמה (אאלפך חכמה)[83]. און דוקא דורך דער עבודה בהתגברות אויף דעם חושך הגלות קומט מען צו דער שלימות הגילוי פון פנימיות התורה בגאולה ה־אמיתית והשלימה[83].

ו. וויבאַלד די גאולה האמיתית וה־שלימה קומט דורך משיח צדקנו, איז פאַרשטאַנדיק, אַז אויך אין משיח זיינען פאַראַן די דריי ענינים (אין דעם אל"ף) פון גאולה.

ובהקדים דעם דיוק בדברי הרמב"ם[84] אַז מלך המשיח איז „מבית דוד ומזרע שלמה"[85], דלכאורה אינו מובן: דאָס וואָס ער שרייבט „מבית דוד" [ווי ער שרייבט אויך אין ספר הי"ד[86]] איז דער־פאַר וואָס באַ בית דוד איז „עיקר המל־כות"[87], „כיון שנמשח דוד זכה בכתר מלכות והרי המלכות לו ולבניו כו' עד עולם"[88], „מלכי בית דוד הם העומדים לעולם"[89]: אָבער וואָס איז דער רמז אין „ומזרע שלמה"[90]?

ויש לומר (בפנימיות הענינים): בימי[91] שלמה איז געווען מעין דעם מצב פון דער גאולה האמיתית והשלימה. בזמן דוד זיינען געווען מלחמות, ביז אַז „דם לרוב שפכת"[92] (און דערפאַר האָט ער ניט געקענט אויפבויבן דעם בית ה־מקדש[93]), משא"כ בזמן שלמה האָט גע־הערשט שלום, וואָס דערפאַר ווערט ער אָנגערופן בשם שלמה, ווייל שלום הי' בימיו[94] — מעין שלימות השלום לעתיד לבוא.

ויש לומר אַז דער טעם אויף דעם, ווייל באַ שלמה איז געווען שלימות החכמה — „ויחכם מכל האדם"[95], ד.ה. אַז נוסף צו דעם ענין המלכות איז ביי אים געווען אויך שלימות בחכמה[96]. און נאָכ־

83) המשך תער"ב ח"א פרכ"ה ואילך.

84) בפיה"מ סנהדרין פ' חלק יסוד הי"ב. ועד"ז בסהמ"צ שלו מל"ת שסב („אין מלך למי שמאמין בתורת משה רבינו אלא מזרע דוד, מזרע שלמה דוקא" (ראה לקו"ש חכ"ה ע' 110 הערות 52־51)). אגרת תימן פ"ג („אי אפשר שלא יעמוד מזרע שלמה איש כו'").

85) והוא ע"פ תנחומא ס"פ תולדות*. אגדת בראשית פמ"ד (מה)*. וראה מפרשי הזהר ח"א קי, ב. ושי"נ.

86) הל' מלכים פי"א ה"ד: ואם יעמוד מלך מבית דוד. ובהל' תשובה פ"ט ה"ב: אותו המלך שיעמוד מזרע דוד.

87) רמב"ם הל' מלכים פ"א ה"ח. וראה בכ"ז בארוכה לקו"ש חכ"ה ע' 110 ואילך. חכ"ח ע' 109 ואילך. ח"ל ע' 100־99.

88) רמב"ם שם ה"ז.

*) ושם: ממי הוא מדוד, שנאמר (דה"א ג, י) ובן שלמה רחבעם (בנו), אבי' בנו וגו'.

89) שם ה"ט.

90) דאם בא רק לשלול שאר בני דוד, הו"ל לפרש גם שם בנו של שלמה (ראה שוה"ג להערה 85), שהרי גם לשלמה היו כמה בנים.

91) בהבא להלן ראה ד"ה פדה בשלום בס' שערי תשובה לאדהאמ"צ (שער התפלה) פי"א (נה, ד ואילך).

92) דה"א כב, ח. וראה גם שם כח, ג.

93) שם.

94) כמ"ש (דה"א כב, ט) „שלמה יהי' שמו ושלום ושקט אתן על ישראל בימיו".

95) מ"א ה, יא.

96) ראה ספר המצות להצ"צ מצות מינוי מלך פ"ב, שדוקא במלך דוד הי' המשכת בחי' חכמה במדת והנהגת המלכות שלו (ובהמשך הענין מבאר, שדוד קיבל מאדם חכמה עילאה (עצמיות החכמה שלא נוגע למדות), ומיוסף קיבל חכמה תתאה (להנהיג המלוכה בפועל), משא"כ בכל המלכים שלאחריו (כולל שלמה, שעליו נאמר ויחכם מכל האדם) לא הי' הארת החכמה מאיר בהם לעניין הנהגת מלכותם (כ"א רק בניצוץ הפרטי שלהם

מער: „ותרב חכמת שלמה . . מכל חכמת מצרים"[97] — דער יתרון פון אל"ף (אאלפך חכמה) וואָס קומט אַרויס דורך „גולה" (חכמת מצרים).

וואָס בכח זה „כל חכמי הגוים נתבטלו בעצם לגבי חכמת שלמה שלא ע"י מלחמה ע"כ נק' שלמה כי שלום הי' בימיו"[98], ביז אַז די אומות האָבן געבראַכט צו שלמה'ן די ניצוצי קדושה (כידוע בנוגע צו מלכת שבא[99]) — מעין שלימות השלום לע"ל, וואָס „לא ירעו ולא ישחיתו גו' כי מלאה הארץ דעה גו'"[44], ע"ד ווי דער בירור דורך „עסק התורה דבחכמה אתברירו בביטול הרע בעצם כמו לע"ל דכתיב[100] וראו כל בשר בחי' ראי' דחכמה כו' וידע[58] כל פעול כו'"[98].

וי"ל אַז דאָס איז נוגע צו שלימות ענין המלכות, וואָס דערפאַר איז בײַ שלמה געווען אַ מלכות בשלימות, „וישב שלמה על כסא ה'"[101] במצב של מנוחה ושלום (בכללות), בערך צו מלכות דוד אויף וועלכע עס זיינען געווען קטרוגים וערעורים כו'.

ואילו זכו וואָלט מלכות שלמה געווען שלימות ענין המלכות און בית ראשון וואָלט געווען דער בית נצחי, בגאולה נצחית; אָבער צוליב דעם וואָס עס האָבן זיך אין דעם אַריינגעמישט דברים בלתי רצויים, איז דערנאָך געווען „קרוע אקרע את הממלכה"[102] (למלכות יהודה ומלכות ישראל), און ס'איז דערנאָך געווען דער חורבן, און דערנאָך — חורבן בית שני, און גלות זה האחרון — ביז עס וועט זיך אומקערן שלימות ענין המלכות ע"י מלך המשיח, למעלה ממלכות שלמה, ווען „מלך[103] אחד יהי' לכולם למלך גו' ולא יחצו עוד לשתי ממלכות עוד", „ודוד[104] עבדי נשיא להם לעולם"[105].

עפ"ז י"ל די הדגשה אַז משיח איז „מבית דוד ומזרע שלמה" — ווײַל דער אויפטו פון משיח וועט באַשטיין פון מעלת דוד (מלכות) ומעלת שלמה (שלום), דורך דעם וואָס משיח וועט האָבן שלימות ענין המלכות, כולל חכמה שבמלכות (ווי דאָס קומט אַרויס דורך „גולה", חכמת מצרים), ביז אַז „אותו המלך שיעמוד מזרע דוד בעל חכמה יהי' יותר משלמה"[106], ביז שלימות ענין המוחין (בבחי' פלא), נוסף אויף מוחין ומדות ומלכות — כמ"ש[107] „ונחה עליו רוח ה' רוח חכמה ובינה רוח עצה וגבורה רוח דעת ויראת ה'". וכידוע[108] אַז

להבין ולהשכיל בתורת ה' ובכל אשר בעולם). וצע"ג איך ליישב זה עם המבואר בפנים (המצב דלע"ל).

97) מ"א ה, י.

98) שערי תשובה שם (נו, א).

99) מ"א י, א ואילך. תו"א בראשית ו, רע"א. סה"מ תשי"ד ע' 107. ובכ"מ.

100) ישעי' מ, ה.

101) דה"א כט, כג.

102) מ"א יא, יא.

103) יחזקאל לז, כב.

104) שם, כה. וראה לקו"ש חל"ה ע' 206 ואילך.

105) ואולי יש לומר לחידודא, שענין זה מרומז גם בלשון „גאולה האמיתית והשלימה": „אמיתית" — רומזת לשלימות המלכות על כל בני ישראל, כי יעקב הוא מדת האמת (זח"א קלט, סע"א. קסא, א. תניא ספי"ג. ועוד) ונשמתו „כלולה מכל הנשמות שבישראל מעולם ועד עולם" (אגה"ק ס"ז). ובתיבת „שלימה" ישנם האותיות של „שלמה".

106) רמב"ם הל' תשובה פ"ט ה"ב.

107) ישעי' יא, ב.

108) אוה"ת תזריע (כרך ג) ע' תתטז. ובארוכה — סהמ"צ להצ"צ מצות מינוי מלך.

משיח וועט זיין סיי אַ מלך און סיי אַ רב, „וילמד כל העם" תורה[109], כולל – די נפלאות פון פנימיות התורה[110].

ז. בכדי אַז באַ יעדער איד'ן זאָל זיין דער כח צו אויפנעמען דעם גילוי פון משיח, דאַרף ביי אים זיין מעין פון די דרגות הנ"ל אין דעם אל"ף [כידוע אַז יעדער איד האָט אין זיך אַ ניצוץ פון משיח[111], און דעריבער זאָגט יעדערער[112] „ויתקיים בנו מקרא שכתוב ונחה עליו גו'"]: מלכות, מדות, מוחין השייך למדות, און מוחין בעצם.

ויש לומר, אַז דאָס איז דער תוכן המשנה אין אָנהויבס פון היינטיקן פרק (רביעי), וואו ער רעכנט אויס פיר זאַכן: „איזהו חכם כו', איזהו גבור כו', איזהו עשיר כו', איזהו מכובד", וידוע אַז זיי זיינען כנגד די פיר דרגות אין וועלכע עס טיילן זיך די (עשר ספירות וואָס זיי ווערן נשתלשל[113] די) עשר כחות הנפש, כנגד די ד' אותיות פון שם הוי'[114]: איזהו חכם – חכמה, איזהו גבור – בינה, איזהו עשיר – תפארת (כללות ה־מדות)[115], איזהו מכובד – מלכות (שענינו כבוד).

והיות אַז יעדער איד האָט אַ חלק אלוקה ממעל ממש[116], און נאָכמער „חלק הוי' עמו"[117] – וואָס העצם כשאתה תופס בחלקו אתה תופס בכולו[118] – דעריבער איז ער אין זיך כולל אַלע פיר אותיות פון „אלו־ה" (בחי' אלופו של עולם), און פון הוי' (אלקות שלמעלה מעולם).

און זיין עבודה באַשטייט פון מגלה זיין די פיר ענינים אין זיך, ביז אין אַן אופן פון לפנים משורת הדין, „מילי דחסידותא"[119], בחי' נפלאות (שבתורה).

און דורך דעם וואָס ער האָט בגלוי אַלע פיר ענינים ווערט די שלימות המלכות, שלימות כסא המלכות של ד' רגלים דוקא – „וישב שלמה על כסא הוי'", ומעין זה באַ יעדער איד, וואָרום אידן זיינען „בני מלכים"[120] און נאָכמער – „מלכים"[121], ביז אַז דורך דעם באַקומט ער אַ שייכות צו „מכובד", וואָס נעמט זיך פון כבודו של הקב"ה [במכ"ש פון אַ מלך באוה"ע אויף וועמען מ'זאָגט „שנתן מכבודו לבשר ודם"[122]]. ועאכו"כ דורך זייער שייכות צו תורה (ביז אַז יעדער איד האָט זיין אות[123] און חלק בתורה), „כל[124] בניך לימודי ה'"[125], און

---

109) רמב"ם הל' תשובה שם.

110) ראה סהמ"צ שם פ"ג. לקו"ת צו יז, א־ב. שער האמונה פנ"ו ואילך. ועוד.

111) מאור עינים ס"פ פינחס.

112) תפלת רבש"ע בעת הוצאת ס"ת ביו"ט.

113) תניא רפ"ג.

114) שער מאמרי רז"ל ולקוטי הש"ס לאבות כאן. וראה סה"ש תשמ"ח ח"ב ע' 446 ואילך.

115) לכאורה הי' י"ל, שעשיר הוא בינה, וגבור הו"ע המדות (גבורת ותוקף המדות). והסדר במשנה הוא – תחלת בחי' דוכרין (י' וו' דשם הוי' – חכמה ומדות), ואח"כ בחי' נוקבין (ב' ההי"ן דשם הוי' – בינה ומלכות). ודוחק הכי גדול הוא – דמה מכריח לשנות סדר שם הוי'?!

116) תניא רפ"ב.

117) האזינו לב, ט.

118) כתר שם טוב בהוספות סקט"ז. וש"נ.

119) ראה ב"ק ל, א.

120) שבת סז, א.

121) תקו"ז בהקדמה (א, ריש ע"ב).

122) ברכות נח, א. רמב"ם הל' ברכות פ"י הי"א. טואו"ח סרכ"ד. שו"ע שם ס"ז. הל' ברכות הנהנין לאדה"ז סי"ג ס"ט.

123) ראה מג"ע אופן קפו.

124) ישעי' נד, יג.

125) ואף שמאחז"ל (ברכות בסופה. וש"נ) „א"ת בניך אלא בוניך", ידוע (ראה ס' הליכות אלי ס"ג. ועיין מו"נ ח"ג פמ"ג. שו"ת הרדב"ז ח"ג תשובה אלף

„מאן מלכי — רבנן"[126] — וואָס דורך דעם קומט צו אויך חכמה שבמלכות (בחי' שלמה), ביז שלימות המלכות, ווי דאָס איז כולל אַלע פיר ענינים הנ"ל: חכם, גבור, עשיר, מכובד.

אַזוי אַז מ'האָט שלימות הכסא של ד' רגלים, אויף וועלכע ס'איז שייך שלימות ענין הישיבה („וישב שלמה על כסא ה'"). ולהוסיף, אַז דורך דעם ווערט אויך נמשך ראשו של מלך למטה, אַזוי אַז מען באַקומט מער שייכות צום מלך, און רגליו ווערן אויפגעהויבן על „הדום רגלי"[127] — וואָס דורך המשכה מלמעלה למטה און העלאה מלמטה למעלה ווערט די שלימות החיבור פון אלקות שלמעלה מעולם ביז בבחי' נפלאות מיט עולם, פון גילוי בחי' אל"ף אין מציאות העולם והגלות („גולה").

ובהדגשה יתירה — שטייענדיק ביום השבת, וואָס איז כנגד ספירת המלכות, ובפרט בימי הספירה בשנה זו (ווען די ספירה האָט זיך אָנגעהויבן „ממחרת השבת"[128] (אויך) כפשוטה), וואָס דעמולט איז יעדער שבת פון די „שבע שבתות תמימות"[128] כנגד מלכות פון דער ספירה דשבוע ההוא: מלכות שבחסד, מלכות שבגבורה, מלכות שבתפארת, מלכות שבנצח, מלכות שבהוד, מלכות שביסוד, מלכות שבמלכות, און דעם שבת — מלכות שבהוד (וואָס דאָס איז שוין כולל כל הספירות, ביז מלכות שבמלכות, כדלקמן ס"ח), מלכות ווי ס'איז פאַר־

בונדן מיט דער שלימות פון הודאה (בחי' פלא), כנ"ל.

ח. אין דעם אַלעם קומט צו נאָכמער שטייענדיק אין דעם שבת נאָך ל"ג בעומר (ובתוך השלשה ימים פון ל"ג בעומר[129]), יום ההילולא ויום שמחתו של רשב"י[130]:

דורך רשב"י איז געווען דער גילוי פון פנימיות התורה (בחי' נפלאות שבתורה), און דער עיקר גילוי איז געווען ביום הסתלקותו, נשמתא דנשמתא דאורייתא (די פנימיות פון די סודות וואָס ער האָט מגלה געווען כל ימי חייו)[130*], ביז אַז דורך כתיבת דברים אלו (בספר הזהר), איז דאָס דערנאָך נתגלה געוואָרן צו אַלע אידן, ביז באופן פון יתפרנסון[131] בהבנה והשגה — גילוי בחי' נפלאות שבתורה אין חכמה בינה ודעת. די התחלה — ומעין ובדוגמא — פון דעם גילוי פנימיות התורה לע"ל.

סח (תרמג). אנציקלופדי' תלמודית ח"ב ערך אל תקרי) ש„אל תקרי" מוסיף עוד פירוש, ואינו ממעט פירוש הראשון.

126) ראה גיטין סב, א.

127) ישעי' סו, א.

128) אמור כג, טו.

129) ולהעיר מהחידוש בשנה זו בענין שלשה: מב' ימי ראש השנה נכנסו תיכף ליום השבת, וכן בי"ט כסלו (שחל ביום חמישי בשבוע), ראש השנה לחסידות, שענינו נמשך בכ"ף כסלו, וממנו נכנסו תיכף ביום השבת. וכן בנוגע לל"ג בעומר, מ"ת דפנימיות התורה (המשך תרס"ו ע' ריט), שחל ביום חמישי, וענינו נמשך על ג' ימים (ראה שער הכוונות ענין ספה"ע דרוש יא. ועד"ז בפע"ח שער ספה"ע פ"ז). וימי הפורים שלפ"ז, וכהסימן פל"ג הובא בסידור (וטור או"ח סתכ"ח).

ועפ"ד הרמז י"ל שענין שלשה קאי על עבודת הג' מוחין מצ"ע, ענינה של פנימיות התורה (שנתגלתה ע"י הרשב"י, ובאופן של חב"ד ע"י אדה"ז) — מעין וטועמי' של העבודה דלע"ל (כיבוש קיני קניזי וקדמוני).

130) נסמן בסה"ש תשמ"ח ח"ב ע' 440.

130*) ראה בארוכה ד"ה גל עיני תשל"ז (סה"מ מלוקט ח"ה) שבהערה 51. וש"נ.

131) ל' התקו"ז ת"ו בסופו. וראה הקדמת המק"מ לספרו. כסא לתקו"ז שם.

דערצו האָט רשב"י אויך מחבר גע־וועזן פנימיות התורה און נגלה דתורה[132]. וי"ל אַז אין תורה עצמה איז נגלה דתורה און פנימיות התורה ע"ד דער חילוק צווישן אל"ף מלשון אולפנא ולי־מוד (מוחין השייך למדות), און אל"ף אותיות פלא (מוחין בעצם). און רשב"י האָט מחבר געווען שניהם.

וי"ל אַז בכח זה האָט ער אויך אויפ־געטאָן דעם כח אויף גילוי אלקות (אויך די דרגות שלמעלה מעולם) אין (אלופו של) עולם — כמאמר הידוע שלו[133]: „תניא ר"ש בן יוחאי[134] אומר כו' כל מקום שגלו (ישראל) שכינה עמהן כו' גלו לבבל שכינה עמהן כו' גלו לאדום שכינה עמהן", ד.ה. אַז אויך זייענדיק אין (בבל כו') „גולה" האָט מען דאָרט דעם גילוי פון אלופו של עולם, „שכינה עמהם".

ועד"ז איז רשב"י ממשיך בכל העולם כולו — כמאמר שלו[135]: „יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין", אַז ער קען אויסלייזן כל העולם מלשון העלם והסתר מן הדין, כולל דעם דין הגלות.

ויש לקשר זה אויך מיט דעם וואָס ל"ג בעומר איז דער טאָג פון „הוד שב־הוד", וואָס באַדייט דעם ענין פון (הוד מלשון) הודאה, און הודאה שבהודאה — בחי' פלא (שלמעלה מהשגה), און דער־פון ווערט עס דערנאָך נמשך אין אל"ף (הבנה והשגה). ולהוסיף, אַז הוד שבהוד איז אויך „סוף ותשלום הספירות בעיקר המדות"[136] — ד.ה. אַז דאָס איז כולל אַלע מדות (עשיר), ביז מלכות שבמלכות (מכובד), נוסף אויף די המשכה פון מוחין ע"י (חכם, וגבור). און הוד איז אויך די ספירה החמישית, וואָס איז מ־רמז אויף בחי' חמישית לפרעה[137], דאת־פרעו ואתגליין מיני' כל נהורין[138], ב־בחי' פרוע, שלמעלה מסדר והשתלשלות (בחי' פלא), און דאָס גופא ווערט דער סדר קבוע (בחי' אל"ף) לע"ל.

ט. און פון רשב"י ווערט דערנאָך נמשך דער גילוי פנימיות התורה בדו־רות שלאחרי זה, ביז דור האריז"ל, ווען ס'איז געוואָרן „מצוה לגלות זאת ה־חכמה"[139], און דערנאָך — איז אין דעם צוגעקומען דורך גילוי תורת החסידות ע"י הבעש"ט והמגיד (מייסדי תורת החסידות הכללית), און נאָכמער — דורך דעם אַלטן רבי'ן (מייסד תורת חסידות חב"ד) און רבותינו נשיאינו ממלאי מקו־מו — לימוד פנימיות התורה באופן פון חכמה בינה ודעת, און הפצת המעינות חוצה, אָנהויבנדיק פון דעם חוצה שב־אדם — זיינע כחות הנפש, ביז אויך פון נפש הבהמית, ביז חוצה שבעולם — מעין וטועמי' פון גילוי פנימיות התורה בגאולה האמיתית והשלימה.

און אַזוי קומט אין דעם צו — דורך רבותינו נשיאינו ממלאי מקומו מדור לדור, ביז כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו. צו די גילויים פון פנימיות התורה בדו־רנו זה, ובזה גופא — קומט צו משנה

---

132) ראה המשך חייב אדם לברך תרל"ח פכ"ה.

133) מגילה כט, א.

134) כן הוא („יוחאי" באל"ף) בעין יעקב. וי"ל שבזה מרומז הגילוי דבחי' אל"ף, כבפנים.

135) סוכה מה, ב.

136) סידור עם דא"ח שער הל"ג בעומר דש, א ואילך.

137) ויגש מז, כד.

138) זח"א רי, א.

139) אגה"ק סכ"ו (קמב, ב).

לשנה, ביז די גילויים בימים אלו ע"י כת"י דמאמרי דא"ח שנדפסו ונדפסים עתה.

ובאופן, כאמור, אַז מ'איז ממשיך די נפלאות שבתורה (בבחי' פלא) אין הבנה והשגה, ביז אין אַלע כחות הנפש (חכמה, בינה, מדות ומלכות), ובלשון פון תורת אדה"ז הידועה[140] עה"פ „משכיל לאיתן האזרחי" (תחלת מזמור פ"ט) — אַז איתן שבנשמה (עצם הנשמה, בחי' פלא) „יש לו משכיל, מה שע"י כח המשכיל הוא האזרחי, מזריח לכל הכחות והחושים", וואָס דער כח המשכיל (שלמעלה משכל וביחד עם זה איז ער מקור השכל) איז ממשיך פון למעלה משכל אין שכל[141]; און הגם אַז שלימות זריחה זו וועט זיין לע"ל, ווערט דאָס שוין אויך אויפגעטאָן איצטער[142].

און דערפון ווערט נמשך דער כח צו ממשיך ומגלה זיין אלקות אויך אין עולם (אלופו של עולם) — כסיום ה־מזמור פ"ט: ברוך ה' לעולם אמן ואמן.

און דערנאָך קומט מען צו מזמור צדי"ק, „תפלה למשה איש האלקים", ביז סיומו — „ויהי נועם ה' אלקינו עלינו גו'", דער גילוי עלינו פון נועם ה', שלימות התענוג (עתיק[143]), ביז „ומעשה ידינו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו", אין דעם („נועם" אותיות) „מעוך" האמיתי, ביהמ"ק השלישי.

ובפשטות — אַז דורך לימוד התורה בכלל, ובפרט פנימיות התורה, כפי שנתגלתה בתורת החסידות,

— כולל — דורך המסתכל בפני הרב, במאור פניו (חכמת אדם תאיר פניו[144]), וואָס דאָס גיט צו אין הבנת הלימוד [כמאחז"ל[145] „אמר רבי האי דמחדדנא מחבראי דחזיתי' לר' מאיר מאחורי', ואילו חזיתי' מקמי' הוה מחדדנא טפי, דכתיב[146] והיו עיניך רואות את מוריך"] —

ווערט ער אַ כלי צו גילוי אלקות בעולם, כולל גילוי כח הפועל בנפעל באופן של ראי' (חכמה), און נאָכמער — דער גילוי פון כח העצמות אין יש הנברא, וואָס „הוא לבדו בכחו ויכלתו לברוא יש מאין ואפס המוחלט כו'" (כמ־בואר באגה"ק[147] בספר תניא קדישא).

אָנהויבנדיק ווי דאָס איז אין דער עבודה פון אַ אידן (כמבואר בתחלת ספר התניא), אַז ביי אים איז די עבודה ניט נאָר אין סור מרע — „אל תהי רשע", נאָר אויך „תהי צדיק"[148], דאָע"פ וואָס „אין כל אדם זוכה להיות צדיק ואין לאדם משפט הבחירה בזה כל כך כו'"[149] מצד דעם וואָס מ'געפינט זיך למטה אַ נשמה בגוף ונה"ב אין עוה"ז הגשמי והחומרי — איז אָבער דורך דעם וואָס ס'איז דאָ דער כח העצמות אין דעם גוף הגשמי (פון אַ אידן), כנ"ל, גיט דאָס דעם כח אַז אויך למטה זאָל מען דערגרייכן די העכסטע דרגות, ביז „תהי צדיק"

---

140) קונטרס לימוד החסידות ע' 5־6.

141) ראה ד"ה כי מראש צורים תשכ"ח (נעתק בקובץ י"א ניסן שנת הפ"ט אות טז).

142) ד"ה וייצר תרפ"ה (סה"מ תש"ח ע' 63. נעתק שם אות טו).

143) ראה קובץ י"א ניסן שנת הצדי"ק אות ו, יח, כא. ועוד.

144) קהלת ח, א.

145) עירובין יג, ב. וראה ירושלמי ביצה פ"ה ה"ב.

146) ישעי' ל, כ.

147) סימן כ (קל, ריש ע"ב).

148) נדה ל, סע"ב.

149) תניא פי"ד.

(עכ"פ דורך דעם וואָס „יעשה את שלו לקיים את השבועה שמשביעים תהי צדיק כו', ועוד שההרגל כו' נעשה טבע שני", „וכשירגיל כו' הרי באתערותא ד־לתתא אתערותא דלעילא וכולי האי ואולי יערה כו' ויזכה לבחי' רוח משרש איזה צדיק כו'"[149]), וי"ל אַז לאחרי די אַלע ענינים – של בירור וזיכוך כו' – וואָס אידן זיינען דורכגעגאַנגען במשך דורות, קען איצטער יעדער איד זיכער דערגרייכן די העכסטע דרגות, ביז „תהי צדיק" בגלוי (דער גילוי פון „ועמך כולם צדיקים"[150]), ווי ס'וועט זיין בשלי־מות הגילוי בגאולה האמיתית והשלי־מה[151].

ביז אַז דורך דעם – די עבודה פון הפצת המעינות חוצה – האָט מען דעם כח צו מגלה וממשיך זיין אלקות אין וועלט, ביז אין חוצה שאין חוצה ממנה.

און דאָס אַלץ ווערט אַ הכנה וכלי – צו „ונגלה כבוד הוי' גו'"[109] בגאולה האמיתית והשלימה, „ולא יהי' עסק כל העולם אלא לדעת את ה' בלבד", און צו דעם גילוי פנימיות התורה, ביז באופן פון „והיו עיניך רואות את מוריך".

י. די הוראה דערפון בפשטות – ב־נוגע צו די פעולות וואָס אידן דאַרפן טאָן צו נאָכמער ממהר זיין די גאולה:

אין צוגאָב צו די פעולות אין חלקו בעולם, ביז בכל העולם, צו מגלה זיין ווי דער אויבערשטער איז אלופו של עולם אין דער וועלט און אין יעדער זאַך אין וועלט, ובפרט דורך דעם וואָס מ'נוצט אויס אַלע עניני העולם „לשם שמים" און אויף „דעהו", אַזוי אַז יעדע זאַך בעולם איז מגלה „כבודו" של הקב"ה –

דאַרף אויך זיין אַ הוספה מיוחדת אין אולפנא ולימוד התורה, ובמיוחד – אין פנימיות התורה כפי שנתגלתה בתורת ה־חסידות, באופן של הבנה והשגה, בחכ־מה בינה ודעת,

און אויך – משפיע זיין אויף אַנדערע אַרום, דורך הפצת התורה והיהדות, ו־הפצת המעינות.

ויה"ר אַז דורך דער עבודה פון פאַר־ענדיקן „אַריינשטעלן" און מגלה זיין דעם אל"ף אין „גולה" – וועט דאָס גלייך ברענגען די גאולה, תיכף ומיד ממש, אַזוי אַז נאָך ווי אידן שטייען ב־מעמדם ומצבם איצטער ממש, אין זייע־רע לבושים ובגדים, אפילו אויב זיי זיינען נאָך „בגדים צואים"[152], וואָרום די גאולה קומט באופן פון לא עכבן אפילו כהרף עין[153], און ערשט לאחרי הגאולה „ויאמר[152] גו' הסירו הבגדים גו' מ־עליו"[154], ועאכו"כ ווען עס רעדט זיך וועגן „ועמך כולם צדיקים".

און אַלע אידן, „בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו", גייען צוזאַמען מיט אַלע זייערע ענינים, „כספם וזהבם אתם", ועאכו"כ מיט אַלע בתי כנסיות ובתי מדרשות[155] און די ספרי תורה שבהם

---

150) ישעי' ס, כא.

151) כמאחז"ל כל ישראל יש להם חלק לעוה"ב שנאמר ועמך כולם צדיקים גו' (סנהדרין ר"פ חלק). וכפי שאומרים קודם פרקי אבות.

152) ראה זכרי' ג, ג ואילך.

153) ראה מכילתא ופרש"י בא יב, מא.

154) ועיד המבואר בנוגע לתחה"מ, שכשם שאדם הולך כך הוא בא כו', כשם שהוא הולך לבוש בא לבוש כו' ואח"כ אני מרפא אותן (ב"ר רפצ"ה. זח"ג צא, א. וראה תשובות וביאורים ס"א (ע' 55)).

155) ראה מגילה כט, א.

— כולל דעם ספר תורה וואָס מ'האָט די וואָך מסיים געווען, ע"י השתדלות של נשי ובנות ישראל, צוזאַמען מיט אַ סיום וסדר הכנסת ספר תורה, בשמחה גדולה בריקודים וכו', און פאַרבונדן מיט איר הוספה בנתינת הצדקה, ה־מקרבת את הגאולה[156] —

אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, בהר הקודש, בביהמ"ק השלישי, „מקדש אד' כוננו ידיך"[157].

156) ב"ב י, א.

157) בשלח טו, יז.



משיחות ש"פ בהר־בחוקותי, מבה"ח סיון ה'תנש"א

א. ענינו של ר"ח סיון (שמתברך ביום השי"ק מברכים החודש[1]) מפורש בקרא[2] — „בחודש השלישי גו' ביום הזה (בראש חודש[3]) באו מדבר סיני":

„מדבר סיני" קשור עם מתן־תורה: „סיני" — „משה קיבל תורה מסיני"[4], ו„מדבר (סיני)" — כדרשת חז"ל[5] „ניתנה במדבר . . במקום הפקר[6], כל הרוצה לקבל יבוא ויקבל".

ולכן, כש„באו מדבר סיני" (בר"ח סיון) — המקום הראוי למתן־תורה — התחיל הענין דמתן־תורה („מיד אחר ר"ח[7] התחיל משה להתעסק עמהם בענין קבלת התורה"[8]), ובלשון המדרשי „אמר הקב"ה . . הרי השעה שאתן להם את תורתי"[9].

וענין זה מודגש גם בהקריאה בתורה שבסמיכות למתן־תורה[10] — כידוע הכלל ש„(לעולם) קוראין (פרשת) במדבר סיני קודם עצרת"[11] (וההתחלה בזה במנחה דיום השי"ק זה), כיון ש„מדבר סיני" (אליו הגיעו בנ"י בר"ח סיון) הוא המקום הראוי למתן־תורה.

ב. ויש לבאר תוכן הענין ד„מדבר סיני" („מדבר" דייקא[12]) — בשייכות למתן־תורה:

„מדבר" — „מקום הפקר" — הוא מקום שאין עליו בעלות, לא בעלות של יחיד, וגם לא בעלות של רבים (כמו „רשות

1) נוסף על המשכת הברכה דיום השבת על כל ימי השבוע — „מיני' מתברכין כולהו יומין" (ראה זח"ב סג, ב. פח, א).

2) יתרו יט, א.

3) פרש"י עה"פ (משבת פו, ב: „כתיב הכא ביום הזה באו מדבר סיני, וכתיב התם החודש הזה לכם ראש חדשים, מה להלן ר"ח אף כאן ר"ח").

4) אבות רפ"א.

5) יל"ש עה"פ (רמז ערה). וראה גם במדב"ר פ"א, ז: „במדבר . . חנם לכל באי העולם".

6) נוסף על הלימוד שהאדם צריך להיות „כמדבר" — „אם משים אדם עצמו כמדבר זה שהכל דשין בו תלמודו מתקיים בידו" (עירובין נד, א), „כיון שעושה אדם את עצמו כמדבר שהוא מופקר לכל תורה ניתנה לו במתנה" (נדרים נה, סע"א), „כל מי שאינו עושה עצמו כמדבר הפקר אינו יכול לקנות את החכמה והתורה" (במדב"ר שם), „מי מקיים את התורה מי שמשים עצמו כמדבר ומפליג עצמו מן הכל" (שם פי"ט, כו. תנחומא חוקת כא). וראה לקמן סי"ב ובהערה 112.

7) אבל בר"ח עצמו „לא אמר להו ולא מידי משום חולשא דאורחא" (שבת שם). וראה לקו"ש חכ"ח ע' 7 ואילך. ושי"נ.

8) שו"ע אדה"ז או"ח סו"ס תצד — משבת שם.

9) דא"ז פרק השלום. ועוד. — ולהעיר, שהמדובר שם הוא בנוגע להמצב דבנ"י, „הואיל ושנאו ישראל את המחלוקת ואהבו את השלום ונעשו חני' אחת הרי השעה כו'", שענין זה למדים ממש"נ בהמשך הכתוב „ויחן שם ישראל נגד ההר", „ויחן" לשון יחיד, „כאיש אחד בלב אחד" (פרש"י יתרו יט, ב), ומזה מובן גם בנוגע להמקום עצמו (שבו נעשה השינוי במצבם של ישראל) שאודותיו מדובר בהתחלת הכתוב (לפני ההמשך ד„ויחן") — „באו מדבר סיני", ש„מדבר סיני" הוא המקום הראוי למתן־תורה, כבפנים (וראה לקמן סי"ב).

10) ראה של"ה חלק תושב"כ ר"פ וישב (רצז, א): „המועדים של כל השנה כו' בכולן יש שייכות לאותם הפרשיות שחלות בהן כו'".

11) רמב"ם הל' תפלה פי"ג ה"ב („המנהג הפשוט"). טושו"ע או"ח סתכ"ח ס"ד.

12) ובפרט שבכמה מקומות נאמר „סיני" („משה קבל תורה מסיני"), או „הר סיני", כבהתחלת פרשתנו (בהר): „וידבר גו' בהר סיני", מבלי להזכיר „מדבר (סיני)".

הרבים״, רשות שהיא בבעלות הרבים), ובגלל שאין עליו בעלות **יכול כל מי שרוצה לבוא** ולזכות בו, **„כל הרוצה לקבל יבוא ויקבל״.**

ולכאורה, נתינת התורה לבנ״י היא (לא באופן שהקב״ה הסיר בעלותו **מן התורה („תורתו״)** והפקירה **לכל, היינו, שנעשית כדבר** שאין עליו בעלות **שכל אחד יכול לבוא ולזכות בו (ע״י פעולה של קנין), אלא) באופן ש„**נתן לנו **את תורתו״, היינו, שהתורה היא** בבעלותם **של כל בנ״י (ללא צורך בפעולה של קנין), כל אחד ואחת מישראל, מגדול ועד קטן, עד לקטן שנולד זה עתה[13*], שמצד שייכותו ל„קהלת יעקב״,** ה״ה יורש הכלי[14], **כל התורה כולה[15], כמ״ש[16] „תורה צוה לנו משה** מורשה **קהלת יעקב״[17].**

ועפ״ז צריך להבין הטעם ששייכותה של התורה לכל ישראל שנעשית בר״ח סיון („הרי השעה שאתן להם את תורתי״) **מודגשת בכך ש„ביום הזה באו** מדבר **סיני״ — מקום** הפקר[18], **ולא מקום** שב־בעלותם **של כל בנ״י (ברשות הרבים[19] וכיו״ב), כמו שהתורה ניתנה לבעלותם של כל בנ״י?**

ג. ולאידך — צריך להבין הטעם שה־ענין ד„מדבר״ („בחודש השלישי גו׳ ביום הזה באו מדבר סיני״) מודגש בפרשת במדבר שקורין בסמיכות ממש לעצרת, ולא בפרשה שקורין בשבת שממנו מתברך היום ש„באו מדבר סיני״, פרשת בהר־בחוקותי (כהקביעות בכמה שנים, וגם בשנה זו (בחו״ל, שהן מחוברין).

ובהקדמה — שקריאת פרשת במדבר קודם עצרת היא (לא רק מצד השייכות ד„מדבר סיני״ למתן־תורה (כנ״ל ס״א), אלא) גם (ובעיקר) מפני ש„עזרא תיקן להם לישראל שיהיו קורין קללות שבתורת כהנים קודם עצרת״[20], וזה שמוסיפין וקורין גם במדבר סיני קודם עצרת הוא „כדי שלא להסמיך הקללות שבבחוקותי לעצרת״[21], היינו, שהפרשה שקורין בעי־קר קודם עצרת (מתקנת עזרא) היא פרשת בחוקותי, ובכמה שנים בהר־בחוקותי.

---

13) **וגם** לפני **„תחלת כניסת נפש זו הקדושה היא . . במצות מילה״ (שו״ע אדה״ז או״ח (מהדו״ב) סוס״ד). — כיון שגם אז ה״ה חלק מ„קהלת יעקב״.**

14) **כמו בן יחיד (כתורת הבעש״ט (כש״ט הוספות סקל״ג) אודות גודל החביבות דכאו״א מישראל אצל הקב״ה כמו בן יחיד כו׳) — אע״פ שיחד עמו ישנם ששים ריבוא מישראל, שכל א׳ מהם הוא בן יחיד.**

15) **ויתירה מזה —** שלמד **כל התורה כולה במעי אמו (נדה ל, ב), ובכח זה ביכלתו** ללמוד **כל התורה כולה בצאתו לאויר העולם (לאחרי ש„בא מלאך וסטרו על פיו ומשכחו כו׳״ (נדה שם)), במשך כל ימי חייו (ראה עיון יעקב ועץ יוסף לע״י נדה שם. לקו״ת שלח מד, א. ובכ״מ).**

16) **ברכה לג, ד.**

17) **וראה רמב״ם הל׳ ת״ת רפ״ג (ולאדה״ז רפ״ד): „כתר תורה הרי הוא מונח ועומד ומוכן לכל ישראל, שנאמר תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב, כל מי שירצה יבוא ויטול״, כלומר, כיון שהתורה היא ירושה לכאו״א מישראל, לכן יכול לבוא וליטלה, ללמדה כו׳, עד שיהי׳ מוכתר** בכתר תורה.

18) **ובפרט ש„מקום הפקר״ הוא (לא רק לבנ״י, אלא) „לכל באי העולם״.**

19) **להעיר ש(הרוחב ד)רה״ר נלמד מ„רוחב הדרך במחנה לוים שבמדבר״ (שו״ע אדה״ז או״ח סשמ״ה סי״א).**

20) **„כדי שתכלה השנה וקללותי׳ . . עצרת נמי ראש השנה היא, דתנן ובעצרת על פירות האילן״ (מגילה לא, ב).**

21) **תוס׳ שם.**

---

*) ודוגמתו בבת — בקריאת השם (כמו אצל בן בעת המילה) שעל ידו נמשך ומתגלה חיות הנשמה בהגוף (ראה לקו״ת פרשתנו מא, ג. ובכ״מ). — ולכן נכון **להקדים** קריאת השם בקרה״ת הסמוכה להלידה, גם בימי החול, ולא להמתין לקרה״ת דיום הש״ק.

והשייכות דתוכן פרשת בהר־בחוקותי[22] למתן־תורה מודגשת (א) בשם הפרשה: „בהר סיני"[23] — ההר שעליו ניתנה התורה, ו„בחוקותי" — מלשון חקיקה, שרומז על אותיות החקיקה שבלוחות[24], שכוללים כל התורה כולה, תושב"כ ותושבע"פ, ואפילו מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש[25]. (ב) ובתוכן הפרשה, הן בתחלתה וראשיתה — „וידבר ה' אל משה בהר סיני לאמר גו' ושבתה הארץ שבת לה'", „מה ענין שמיטה אצל הר סיני, והלא כל המצות נאמרו מסיני, אלא מה שמיטה נאמרו כללותי' ופרטותי' ודקדוקי' מסיני, אף כולן נאמרו כללותיהן ודקדוקיהן מסיני"[26], והן בסיומה וחותמה — „אלה המצוות אשר צוה ה' את משה אל בני ישראל בהר סיני".

וצריך להבין הטעם שבפרשה זו — שקורין ביום השי"ק שממנו מתברך ר"ח סיון שבו „באו מדבר סיני" — לא נזכר הענין ד„מדבר סיני" (כבפרשת במדבר שקורין במנחה), אלא „בהר סיני".

ד. ויש לבאר תחילה היחס והחשיבות של המקום בעולם שבו ניתנה התורה (בהר סיני שבמדבר סיני) — דלכאורה, כיון שפעולת התורה היא בכל העולם כולו, מה נוגע (כל כך) המקום המסויים בעולם שבו ניתנה התורה[27] — דיש לומר, שבבחירת מקום מסויים בעולם שראוי לנתינת התורה מודגשת המטרה והתכלית דפעולת התורה בעולם, כדלקמן.

ויובן בהקדים הביאור בהשייכות דתורה לעולם שמודגשת במאמר המשנה במסכת אבות שלומדים ביום השי"ק זה — „בעשרה מאמרות נברא העולם"[28]:

איתא בזהר[29] „כתיב[30] עשרה עשרה הכף בשקל הקודש . . עשרה מאמרות למעשה בראשית כדתנן בעשרה מאמרות נברא העולם, עשרה מאמרות למתן תורה אלו עשרת הדברות"[31], „בגין דעלמא לא אתברי אלא בגין אורייתא, וכל זמנא דישראל מתעסקי באורייתא עלמא מתקיים . . אם[32] לא בריתי יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי"[33], ומסיים שעי"ז „אשתכח בי' שלמא", ע"ד מארז"ל[34] „כל התורה ניתנה לעשות שלום בעולם"[35].

22) נוסף על התקנה „שיהיו קורין קללות שבתורת כהנים . . כדי שתכלה השנה וקללותי'".

23) כפי שנקראת בכ"מ — „בהר סיני" (סידור רס"ג, רמב"ם סדר תפלות ואבודרהם סדר הפרשיות), ולא „בהר" סתם.

24) ולהעיר, שענין החקיקה נוגע עד כדי כך שבשביל זה צ"ל נס מיוחד (ו„לא עביד קוב"ה ניסא למגנא" (ראה דרשות הר"ן דרוש הקדמה הא')) — „מ"ם וסמ"ך שבלוחות בנס היו עומדין", „הואיל והכתב הי' נראה משני עבריהם הי' לה ליפול, אם לא שבנס הי' עומד" (שבת קד, רע"א ובפרש"י).

25) ראה לקו"ש חכ"ה ע' 382. וש"נ.

26) תו"כ ופרש"י עה"פ (נת' בלקו"ש חי"ז ע' 276 ואילך).

27) ובפרט שלא נקבעה קדושה במקום זה, כמ"ש (יתרו יט, יג) „במשוך היובל המה (וגם הצאן) יעלו בהר".

28) ריש פ"ה.

29) ח"ג יא, סע"ב.

30) נשא ז, פו. — ולהעיר, שפרשת נשא קורין בסמיכות למתן־תורה (בשבת שלאחרי מ"ת, ובכמה שנים — בשבת שלפני מ"ת).

31) וממשיך לבאר הקשר והשייכות שביניהם: „כתיב (בעשה"ד) אנכי ה' אלקיך, וכתיב במעשה בראשית יהי אור ויהי אור, דא מהימנותא דקב"ה אור אקרי, דכתיב ה' אורי וישעי ממי אירא וגו'", ועד"ז בשאר עשה"ד ועש"מ.

32) ירמי' לג, כה.

33) וראה גם שבת פח, א. ע"ז ג, א.

34) רמב"ם הל' חנוכה בסופן (וראה לקו"ש ח"ח ע' 349 ואילך. וש"נ).

35) ולכן ניתנה התורה „בחודש השלישי", „אוריאן תליתאי בירחא תליתאי" (שבת שם) — כי,

והענין בזה — שע"י ה„עשרה מאמרות" שבמתן־תורה (עשרת הדברות) מגלים ה„עשרה מאמרות" שבמעשה בראשית, היינו, שהעולם (מעשה בראשית) אינו מציאות בפ"ע שמעלים (ועד שמסתיר) על אלקות[36], שהרי כל מציאותו אינה אלא ה„עשרה מאמרות" שעל ידם היתה בריאת העולם מאין ואפס ממש בששת ימי בראשית, ו„מחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית"[37], כי, „אילו היו מסתלקות . . כרגע ח"ו האותיות מעשרה מאמרות . . היתה (הבריאה כולה) חוזרת לאין ואפס ממש כמו לפני ששת ימי בראשית ממש"[38].

ה. ובפרטיות יותר — כהמשך דברי המשנה, „בעשרה מאמרות נברא העולם, ומה תלמוד לומר, והלא במאמר אחד יכול להבראות, אלא ליפרע מן הרשעים שמאבדין את העולם שנברא בעשרה מאמרות, וליתן שכר טוב לצדיקים שמקיימין את העולם שנברא בעשרה מאמרות":

***) ששת הניגונים של נשיאי חב"ד, מאדמו"ר הזקן עד אדמו"ר מהוריי"צ, וניגון שלש תנועות (דהבעש"ט, המגיד ואדמו"ר הזקן) שנחשב לג' ניגונים (המו"ל).

152) להעיר, ש„יש אומרים שברהמ"ז טעונה כוס אפילו ביחיד"* (שו"ע אדה"ז או"ח ר"ס קפב), ועאכו"כ בשלשה שמזמנים יחד, ועאכו"כ בעשרה (ומעשרה ולמעלה אפילו אלף או ריבוא) שמזכירים השם („נברך אלקינו") בברכת הזימון (שם סקצ"ב ס"ג).

153) ובפרט ע"פ מ"ש בזהר (ח"ב קצ', רע"א) „אע"ג דנשים וקטנים פטורין מן המצוות בכוס דברכה הכל חייבין, ובלבד דינדעון למאן מברכין, ודא היא ונהרו אליו כל הגוים" – כמ"ש לפנ"ז (קפט, סע"ב) שהפסוק (ישעי' ב, ב) „והי' באחרית הימים נכון יהי' הר בית ה' בראש ההרים ונשא מגבעות ונהרו אליו כל הגוים" קאי על כוס של ברכה (וראה לקוטי לוי"צ לזח"ב ע' קלו ואילך).

154) ומעין ודוגמא לזה בזמן הזה – סעודה שלישית דשבת (ראה לקו"ש חכ"א ע' 84 ואילך. וש"נ).

155) פסחים קיט, ב.

156) תהלים קטז, יג.

157) יומא עו, א.

158) תהלים כג, ה.

159) ובהמשך לזה (לאחרי תפלת ערבית, הבדלה וחלוקת כוס של ברכה) – קידוש לבנה, „שהם עתידים להתחדש כמותה" (סנהדרין מב, א) בגאולה האמיתית והשלימה ע"י דוד מלכא משיחא: וסעודת מלוה מלכה – „סעודתא דדוד מלכא משיחא" (סידור האריז"ל במקומו. ועוד).

*) „אבל מנהג העולם שלא לברך על הכוס כלל ביחיד, ונכון מנהג זה ע"ד הקבלה" (שם).

*) אולי י"ל אותיות „קץ" – „באחרית הימים".

יד. והמעשה הוא העיקר[160]:

כיון שיום השבת שלאחרי זמן מ"ת, פרשת נשא, דשנת אראנו נפלאות, הוא הזמן הכי מוכשר ומסוגל להתגלות ד"תורה חדשה מאתי תצא" — מובן שה־הוראה למעשה לפועל שהזמן גרמא היא בהכנה (**מעין ודוגמא ומביאה בפועל ממש) לקיום היעוד "תורה חדשה מאתי תצא".**

ובפשטות — התחדשות והוספה בלי־מוד התורה מתוך חיות ותענוג עד שמחדש חידושים בתורה, הן בנוגע לעצמו, והן בנוגע להפעולה על הזולת, "העמידו תלמידים הרבה", כידוע ש"כל איש ישר־אל יכול לגלות תעלומות חכמה ולחדש שכל חדש בתורה, הן באגדות הן בנגלה הן בנסתר, כפי בחי' שרש נשמתו, ומחוייב בדבר"[163]**, כולל ובמיוחד — התחדשות והוספה בלימוד והפצת פנימיות התורה שנתגלתה בתורת החסידות, מעין ודוגמא ו"טעימה" מתורתו של משיח ("טועמי' חיים זכו"[161]), שלכן ע"ז מזרזים וממהרים ופועלים ביאת דוד מלכא משיחא**[162].

וכדאי ונכון ביותר שכאו"א יקבל על עצמו שנוסף על אמירת פרקי אבות ("מילי דחסידותא"[163]) בכל שבת משבתות הקיץ, יוסיף וילמד בעיון משנה אחת (לכל הפחות) עם הפירושים דמפרשי המשנה, כל חד לפום שיעורא דילי'.

טו. ויה"ר שמהדיבור וקבלת החלטה טובה בהנ"ל נבוא תיכף ומיד להתגלות ד"תורה חדשה מאתי תצא", בגאולה ה־אמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו,

ו"משה (ש"קיבל תורה מסיני") ואהרן (שידליק המנורה בביהמ"ק) עמהם"[164]**, והבעש"ט וכל רבותינו נשיאינו עד לכ"ק מו"ח אדמו"ר עמהם, ביחד עם כל צדיקי ונשיאי ישראל וכל בנ"י ("ועמך כולם צדיקים") בדורות שלפנ"ז, ש"הקיצו ורננו שוכני עפר"**[165]**, ביחד עם כל בנ"י שב־דורנו זה, נשמות בגופים ללא הפסק בינתיים,**

וכולם יחדיו שומעים ה"תורה חדשה (ש)מאתי תצא", בארצנו הקדושה, בירו־שלים עיר הקודש, בהר הקודש, בבית המקדש ובקדש הקדשים — "מעל הכפורת אשר על ארון העדות מבין שני ה־כרובים"[166].

ועוד והוא העיקר — תיכף ומיד, "מיד" ר"ת משה ישראל (הבעש"ט, **שכשיפוצו מעינותיו חוצה קא אתי מר)** דוד **מלכא משיחא, וכפשוטו ממש, באופן של ממשות, למטה מעשרה טפחים, ממש ממש.**

---

160) אבות פ"א מי"ז (בגימט' טוב) — שלומדים בשבת זה.

161) ראה לקו"ש ח"כ ע' 173. וש"נ.

162) אגה"ק דהבעש"ט — כש"ט בתחילתו.

163) ראה ב"ק ל, א.

164) ראה יומא ה, ב. תוד"ה אחד — פסחים קיד, סע"ב.

165) ישעי' כו, יט.

166) סיום וחותם פרשתנו.

משיחות ש"פ בהעלותך, י"ט סיון ה'תנש"א

א. אין פרשת בהעלותך איז דאָ אַ חידוש לגבי אַלע אַנדערע פרשיות התורה:

די גמרא זאָגט[1], אַז פרשת „ויהי בנסוע הארון" (בפ' בהעלותך[2]) „ספר חשוב הוא בפני עצמו", ועפ"ז קומט אויס (ווי די גמרא דאָרט ברענגט די דרשה אויפן פסוק[3] „חצבה עמודי' שבעה") אַז עס זיינען פאַראַן „שבעה ספרי תורה"[4], ווייל „פרשה זו (ויהי בנסוע הארון) ספר לעצמו, נמצא שלמעלה ספר לעצמו ושלמטה ספר לעצמו . . נמצא ספר וידבר (במדבר) נחלק לג' ספרים"[5], במילא זיינען דאָ „שבעה ספרי תורה" (די פיר ספרים – בראשית שמות ויקרא דברים, און ספר במדבר וועלכער טיילט זיך אין ג' ספרים). עפ"ז – איז דער חידוש אין פ' בהעלותך, אַז די פרשה איז אין זיך כולל „ג' ספרים" (דער חלק הפרשה פאַר פ' ויהי בנסוע הארון, פ' ויהי בנסוע הארון, און דער חלק הפרשה שלאחרי זה).

אין דעם זיינען פאַראַן כמה ענינים וואָס מ'דאַרף פאַרשטיין:

(א) אַ דבר תמוה: לויט דער חלוקה פון „שבעה ספרי תורה", קומט אויס אַז דער זעקסטער ספר (דער דריטער ספר אין ספר במדבר, נאָך פ' ויהי בנסוע הארון) הויבט זיך אָן מיט „ויהי העם כמתאוננים"[6] – אַן ענין בלתי רצוי וועלכער האָט געבראַכט אומגעוואונטשענע תוצאות („ותבער בם אש גו'"[6]), און דערנאָך – בהמשך הענין וועגן חטא מרים[7], און דערנאָך (אָבער בפרשה שלאחרי זו[8]) וועגן חטא המרגלים וכו'!

דער חידוש בזה זעט מען אויך אין דעם – וואָס אַלע ספרים האָבן אַ נאָמען, גענומען פון דעם ערשטן וואָרט (אָדער ערשטע ווערטער) פון דעם ספר: בראשית (דער ערשטער וואָרט פון ספר), שמות (דער צווייטער וואָרט), ויקרא (דער ערשטער וואָרט), במדבר (פון דעם ערשטן פסוק אין ספר), דברים (דער צווייטער וואָרט), און אויך דער צווייטער ספר אין במדבר ווערט אָנגערופן בשם „ויהי בנסוע הארון"; משא"כ דער ספר שלישי (בספר במדבר) – געפינט מען ניט ער זאָל אָנגערופן ווערן בשם (ספר „ויהי העם כמתאוננים" וכיו"ב).

ועוד ואדרבה: די ערשטע ווערטער פון דעם ספר רעדן וועגן אַן ענין בלתי רצוי. און ביז אַז יעדער וואָרט פאַר זיך באַווייזט אויף אַן ענין לא טוב: „ויהי" – „כל מקום שנאמר ויהי אינו אלא לשון צער"[9], „העם" – „אין העם אלא רשעים"[10],

---

1) שבת קטז, ריש ע"א. וראה גם מס' סופרים רפ"ו. ספרי פרשתנו עה"פ. ב"ר פס"ד, ח. ויק"ר פי"א, ג. פרש"י משלי ט, א.

2) י, לה־לו.

3) משלי שם.

4) ראה גם זח"ג רנד, א: ואינון חמשה חומשי תורה ואי תימא שית אינון אלא שבע אינון.

5) פרש"י שבת שם. וראה גם ב"ר וויק"ר שם.

6) פרשתנו יא, א.

7) שם יב, א ואילך.

8) ר"פ שלח (יג, א ואילך).

9) מגילה י, ב. – וגם לפי מסקנת הגמ' שם, מובן לכאורה ש„ויהי" הנאמר בנדו"ד הוא לשון צער.

10) ספרי ופרש"י עה"פ.

„כמתאוננים" — בפשטות אַז ענין לא טוב (וכן בהמשך הכתוב: „(כמתאוננים) רע באזני ה'").

ולהעיר — זהו היפך הוראת התורה[11] „חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה".

(ב) בכלל טיילט זיך די תורה אויף חמשה חומשי תורה, חמשה ספרים. וואָס איז דער אונטערשייד און אויפטו פון שבעה ספרי התורה.

(ג) וויבאַלד אַז די חלוקה פון ספר במדבר אין ג' ספרים — וואָס אַלס תוצאה דערפון טיילט זיך כל התורה אויף ז' ספרים — איז אין פ' בהעלותך דוקא, דאַרף מען זאָגן אַז ס'איז דאָ צווישן זיי אַ (תוכן'דיקער) שייכות.

בפשטות איז די שייכות ביניהם פאַר־שטאַנדיק פון דעם וואָס די מנורה — „בהעלותך את הנרות"[12] — איז פאַרבונדן מיט דעם ענין התורה (תורה אור[13]): וכשם ווי „בהעלותך את הנרות" באַשטייט פון „שבעת הנרות"[12], אַזוי טיילט זיך אויך תורה אויף „שבעה ספרי תורה"[14] (כנגד השבעה נרות)[15]. וואָס איז די שייכות בתוכן הענינים, און ווי שטימט דאָס מיט דער חלוקה פון חמשה חומשי תורה.

ב. וועט מען עס פאַרשטיין לויט דעם ביאור אין דעם תוכן און הוראה פון „בהעלותך את הנרות" בכלל.

כידוע אַז אַלע עניני התורה (תורה מלשון הוראה[16]) זיינען אַ הוראה פאַר אַ אידן אין זיין עבודה. ובפרט די ענינים פאַרבונדן מיט דער עבודה אין משכן — וועלכע שפּיגלען זיך אָפּ אין דער עבודה פון יעדער איד, כמ"ש[17] „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", „בתוך כל אחד ואחד מישראל"[18], ובפרט הדלקת המנורה („בהעלותך את הנרות") אין משכן, וועלכע דריקט אויס דעם כללות'דיקן אינהאַלט פון דער עבודה פון אַ אידן צו דינען דעם אויבערשטן (כדלקמן).

ובהקדמה: אע"פ וואָס אין בהעלותך — אַזוי ווי אין אַלע עניני התורה — זיינען פאַראַן אַ ריבוי פירושים (ששים ריבוא פירושים[19] ע"ד הפשט, הרמז, הדרוש ו־הסודי[20]), קומט לכל לראש דער פירוש הפשוט ע"ד הפשט (אין מקרא יוצא מידי

11) משנה ברכות נד, א.

12) ריש פרשתנו (ח, ב).

13) משלי ו, כג.

14) וכשם שכל שבעת הנרות הם חלק ממנורה אחת, „מקשה זהב עד ירכה עד פרחה מקשה היא" (פרשתנו שם, ד), כמו"כ כל חלקי התורה (ז' ספרי תורה) הם „מפי הגבורה והכל תורת ה' תמימה טהורה וקדושה אמת כו'", „ואין הפרש בין . . ותמנע היתה פילגש (וישלח לו, יב) ובין אנכי ה' אלקיך (יתרו כ, ב. ואתחנן ה, ו) כו'" (פיה"מ להרמב"ם סנהדרין פ' חלק יסוד הח'. וראה סנהדרין צט, ב).

15) ראה ד"ה בהעלותך — באוה"ת פרשתנו (ע' שכב). תרל"ד (ע' רלז). תרע"ח (ע' שמג). וראה גם אוה"ת לך תרפג, א. חנוכה תתקלא, א.

16) ראה רד"ק לתהלים יט, ח. ס' השרשים שלו ערך ירה. גו"א ר"פ בראשית (בשם הרד"ק). וראה זח"ג נג, ב.

17) תרומה כה, ח.

18) ראה ר"ח שער האהבה פ"ו קרוב לתחלתו (ד"ה ושני פסוקים — סט, ב). אלשיך עה"פ קרוב לסופו (ד"ה עוד יתכן). של"ה סט, א. רא, א. שכה, ב. שכו, ב. לקו"ת פרשתנו לד, ד. ועוד.

19) שער הגלגולים הקדמה יז. שער רוה"ק (קח, ב). לקוטי מהרח"ו שבסוף שער מרז"ל (פז, ב).

20) ועפ"י המבואר בכתהאריז"ל שם ששים ריבוא פירושי התורה הם כנגד הששים ריבוא נשמות ישראל, יש לומר, שכל אחד מהששים ריבוא פירושים כולל ששים ריבוא פירושים פרטיים, כמו שהוא בנשמות ישראל, שכל א' מהששים ריבוא נשמות כוללת ששים ריבוא ניצוצות (תניא פל"ז — מח, א).

פשוטו[21]), וואָס איז שייך צו יעדער איד און אַלע אידן, האנשים הנשים והטף.

ולהעיר – דאָס איז ענינו פון פירוש רש"י – „אני[22] לא באתי אלא לפשוטו של מקרא"[23], פאַרשטאַנדיק אפילו פאַר אַ בן חמש (וויבאַלד ער איז שייך און לערנט) למקרא.

פון דעם איז פאַרשטאַנדיק, אַז די (תורה מלשון) הוראה פון „בהעלותך את הנרות" פאַר יעדער איד דאַרף מען (לכל לראש) אַרויסנעמען פון דעם פירוש ה־פשוט אין פרש"י על הפסוק, וואָס יעדער איד קען אים פאַרשטיין, ובמילא איז מובן אַז אויך די הוראה דערפון איז שייך צו יעדער איד, האנשים הנשים והטף, אויך בתחלת עבודתו (נאָך איידער ער דער־גרייכט צו העכערע דרגות אין זיין לימוד ועבודה).

ג. אויף „בהעלותך" איז רש"י מפרש: „על שם שהלהב עולה כתוב בהדלקתן לשון עלי', שצריך להדליק עד שתהא[24] שלהבת עולה מאלי'".

דער ביאור ההוראה אין דעם:

„בהעלותך את הנרות" בכלל באַדייט די כללות'דיקע עבודה פון אַ אידן ל־שמש את קונו[25]: די[26] עבודה פון „אָנ־צינדן" דעם „נר ה' נשמת אדם"[27] מיט דער ליכט פון „נר מצוה ותורה אור"[27*], און דורך דעם זאָל זי אויפלייכטן מיט איר ליכטיקייט, און באַלייכטן זיין גאַנצע מציאות, זיין גוף און חלקו בעולם – „כל מעשיך יהיו לשם שמים" ו„בכל דרכיך דעהו"[28], און אויך באַלייכטן די מענטשן אַרום, ביז – באַלייכטן די גאַנצע וועלט (ממנה אורה יוצאה לכל העולם[29]) – מיט „נר מצוה ותורה אור", און אַזאַ ליכטיקייט וועלכע פאַרבינדט – מצוה מלשון צוותא וחיבור[30] – די גשמיות'דיקע וועלט מיט (כביכול) דעם אויבערשטן, אַזוי אַז די וועלט ווערט – בלשון הידוע[31] – אַ דירה לו יתברך בתחתונים, אַ „לייכטנדיקע מנורה" וועלכע ברענט און לייכט מיט ג־טלעכע ליכטיקייט.

און דער אופן ווי מ'דאַרף אויספירן די עבודה – איז, ווי רש"י איז מפרש: „צריך להדליק עד שתהא שלהבת עולה מאלי'":

אע"פ וואָס הדלקת והעלאת הנרות קומט דורך דעם אידן המדליק הנרות, באַשטייט די מצוה אין דעם אַז דער נר ווערט אָנגעצונדן אין אַן אופן אַז דערנאָך לייכט דאָס פון זיך אַליין, דער פלאַם פייער גייט אויף „מאלי'", און דאַרף ניט אָנקומען צו הפעולה והסיוע פון דעם מדליק הנרות.

אַזוי אויך אין עבודת השם: כאָטש אַז

---

21) שבת סג, א. וש"נ.

22) פרש"י בראשית ג, ח. ג, כד. ועוד.

23) ובפרט ע"פ דיוק לשון רש"י „לא . . אלא" – דלשון זה מורה שהוא ענין לעיכובא (ראה תוד"ה מתני' – מנחות פג, סע"ב).

24) שבת כא, סע"א (נעתק לקמן הערה 39). רמב"ם הל' תמידין ומוספין פ"ג הט"ו.

25) ע"פ ל' חז"ל – משנה ובריייתא סוף קידושין.

26) בהבא להלן, ראה לקו"ת ריש פרשתנו (כט, ג ואילך). ובכ"מ. וראה גם שיחת ש"פ בהעלותך תשמ"ח (סה"ש ח"ב ע' 482). תשמ"ט (סה"ש ח"ב ע' 523 ואילך). תש"נ (סה"ש ח"ב ע' 5־504).

27) משלי כ, כז.

28) אבות פ"ב מי"ב (שלומדים בשבת זה). משלי ג, ו. וראה רמב"ם הל' דעות ספ"ג. טושו"ע או"ח סרל"א. שו"ע אדה"ז שם סקנ"ו ס"ב.

29) ראה ירושלמי ברכות פ"ד ה"ה. רש"י כת"י מנחות פו, ב (ד"ה ואטומים).

30) לקו"ת בחוקותי מה, ג. ובכ"מ – נסמנו בסה"מ מלוקט ח"ג ע' עב הערה 55.

31) ראה תנחומא נשא טז. שם בחוקותי ג. במדב"ר פי"ג, ו. תניא רפל"ו.

דער אויבערשטער גיט כחות אַ אידן צו טאָן זיין עבודה („הקב"ה עוזרו"[32]) אין „נר מצוה ותורה ואור" [נוסף אויף דעם וואָס ער האָט געמאַכט און „אָנגעצונדן" דעם „נר ה' נשמת אדם", און איר אַראָפּגעשיקט למטה], און אַזוי אויך באַקומט אַ איד כחות פון אהרן הכהן (רועה ישראל) וועלכער צינדט אָן דעם „נר ה'" למטה, און אויך כחות פון זיינע עלטערן און מחנכים, און פון אַנדערע מענטשן אַרום אים (ובלשון הכתוב[33] — „איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק") — פונדעסטוועגן, באַשטייט שלימות ואמיתית העבודה אין דעם, אַז (לאחרי וואָס ער ווערט „אָנגעצונדן" דורך אַנדערע) ווערט ער אַ „שלהבת עולה מאלי'", ד.ה. אַז די „נר מצוה ותורה אור" נעמט אים אויף אַזויפיל דורך, אַז דאָס לייכט פון אים — פון זיין מציאות (אַלס נשמה בגוף) — אַליין („מאלי'"), אַזוי אַז ער דאַרף ניט אָנקומען צו פעולת המשפיע (דעם „מדליק הנר"), זייענדיק אַ „שלהבת עולה מאלי'".

ד. ובפרטיות לשון רש"י — „שלהבת עולה מאלי'":

„שלהבת": איידער די ליכט ווערט אָנגעצונדן האָט מען אַ נר, אַ כלי, שמן און אַ פתילה[34], אָבער דאָס לייכט ניט. די עבודה פון אַ אידן באַשטייט אין דעם אַז ער צינדט אָן דעם נר, באופן אַז עס ווערט אַ שלהבת, אַ לייכטנדיקער נר, וואָס שיינט און באַלייכט דעם אַרום. און ניט בלויז אַ נר קטן, נאָר אַ שלהבת — אַ פלאַם פייער.

„עולה": זיין עבודה פון לייכטן ווי אַ „שלהבת" מיט „נר מצוה ותורה אור" דאַרף זיין אין אַן אופן, אַז ער בלייבט ניט שטיין אויף אַן אָרט, נאָר זיין לייכטן איז מיט אַ שטענדיקע תנועה פון הליכה ועלי' („מעלין בקודש"[35]): נוסף אויף דעם וואָס ביי אים איז דאָ די מעלה פון הליכה בכלל (וואָס איז למעלה פון עמידה (אפילו פון עמידה בתוקף), ובלשון ההפטורה[36]: „מהלכים בין העומדים"[37]), איז זיין הליכה אין אַן אופן פון „עולה": עס קען זיין אַ הליכה באורך ורוחב, ד.ה. הליכה אין דעם זעלבן „שטח" און סוג עבודה, נאָר באופן פון התפשטות לאורך ורוחב; „עולה" איז דער טייטש, אַז ער שטייגט העכער פון דעם שטח און דרגא וואו ער איז געווען ביז דעמולט [ווי דאָס איז ביי אַ שלהבת בפשטות[38]] — אַ העכערער סוג עבודה.

און די „שלהבת עולה" איז — „מאלי'": דאָס ווערט זיין אייגענע טבע און מציאות, פון זיך אַליין לייכט ער.

וואָס דערצו דאַרפן זיין די אַלע תנאים בכדי אַז דער נר זאָל זיין אַ כלי מוכשר צו זיין אַ נר דולק מאליו, דורך האָבן אַ

32) סוכה נב, ב. קידושין ל, ב. וראה תניא פי"ג (יח, א).

33) ישעי' מא, ו.

34) ראה לקו"ת פרשתנו לג, ג.

35) ברכות כח, א. וש"נ.

36) זכרי' ג, ז.

37) ראה תו"א ס"פ וישב (ל, סע"א ואילך). לקו"ת שלח לח, ד. שה"ש כ, ב. ובכ"מ.

38) ראה תניא רפי"ט, בביאור הכתוב „נר ה' נשמת אדם", „שישראל הקרוים אדם נשמתם היא למשל כאור הנר שמתנענע תמיד למעלה בטבעו [„מאלי'"] מפני שאור האש חפץ בטבע ליפרד מהפתילה ולידבק בשרשו למעלה היסוד האש הכללי שתחת גלגל הירח כו'". וראה ד"ה כבוד מלכותך תרס"א (ע' קעו), שטבע העלי' שבאור הוא לא (כדבר נוסף עליו) מפני שמרגיש את מעלת מקורו, אלא מפני ביטולו והעדר מציאותו (וראה לקו"ש ח"ו ע' 112). ועפ"ז מובן מ"ש בהערה 40 (ולקמן בפנים), ש„עולה מאלי'" הוא העלי' למעלה מטבעו.

פתילה ושמן וואָס איז גרייט („בטל") אויף צו מקבל זיין די ליכט [כמבואר בפרטיות אין משנה וגמרא אין דעם פרק וסוגיא פון „במה מדליקין ובמה אין מדליקין"[39]], ועד"ז אין עבודת השם — הכשרת וביטול האדם ער זאָל קענען אויפנעמען און אַנהאַלטען דעם אור פון „נר מצוה ותורה אור", באופן אַז ער זאָל ווערן אַ ברענענדיקען „שלהבת . . מאלי'", און באופן של עלי'[40].

ה. און די עבודה — באופן פון „שלהבת עולה מאלי'" — דאַרף זיין סיי בנוגע צו זיך אַליין, סיי בנוגע צו דער עבודה מיט אַנדערע, און סיי בנוגע צו דער עבודה אין עולם (כדלקמן ס"ה).

בנוגע צו דער אייגענער עבודה:

הגם אַז די עבודה ב„נר מצוה ותורה אור" פון אַ אידן הויבט זיך אָן און דאָס קומט בכח פון דעם אויבערשטן און פון זיינע עלטערן די צוויי שותפים בהולדתו (און מחנכים) — דאַרף דאָס אים אינגאַנצן דורכנעמען, אַזוי אַז ער ווערט אַ „שלהבת עולה מאלי'".

ווי דאָס איז אין „תורה אור": לאחרי וואָס בתחלת לימוד התורה איז אַ איד אַ מקבל פון תורה און פון זיין מלמד און רב ― וועלכער לערנט מיט אים תורה — דאַרף ער דערנאָך האָרעווען אין פאַרשטיין תורה מיט זיין אייגענער הבנה והשגה, ביז אַז דאָס זאָל נחקק ווערן בזכרונו ובשכלו, ביז אין אַן אופן אַז די תורה ווערט מיט אים פאַראייניקט (און ער דאַרף מער ניט אָנקומען צו זיין רב), ביז אַז „נקראת על שמו"[41] דערפאַר וואָס „תורה דילי' היא"[42] („מאלי'"), ביז אַז אדרבה — ער ווערט אַ מחדש און משפיע אין תורה, באופן פון „שלהבת עולה מאלי'".

[ובכללות יותר — דער אויפטו פון מתן תורה: אע"פ וואָס די תורה איז געגעבן געוואָרן דורך דעם אויבערשטן צו אידן און בכחו של הקב"ה קענען אידן לערנען תורה (בדוגמא ווי „בהעלותך את הנרות" דוקא בכח המדליק), איז דאָס געגעבן געוואָרן באופן אַז תורה „לא בשמים היא"[43], אָפּגעגעבן דוקא צו אידן נשמות בגופים, און דוקא ב"ד שלמטה האָט דעם כח צו פסק'נען די הלכה[44], ביז אַז דער אויבערשטער אַליין כביכול און ב"ד שלמעלה קומען הערן ווי דער פס"ד איז למטה[45], און קוב"ה „קא חייך ואמר נצחוני בני נצחוני"[46] — וואָרום די תורה (שבמ־גורה) למטה ווערט באופן פון „שלהבת עולה מאלי'"].

ועד"ז אין דעם אייגענעם לימוד: ער לערנט אַן ענין אין תורה אַ ריבוי פעמים ווי בימיהם — „שונה פרקו מאה פעמים"[47],

---

39) שבת כ, ב ואילך. — ובגמ' שם כא, א (וכן ברמב"ם שבהערה 24): פתילות ושמנים שאמרו חכמים אין מדליקין בהן בשבת אין מדליקין בהן במקדש . . שתהא שלהבת עולה מאלי' ולא שתהא עולה על ידי דבר אחר.

40) והגם שענין העלי' מורה שהוא עולה ויוצא ממציאותו הקודמת, ובמילא אין זה, לכאורה, ענין של „מאלי'" (מציאותו עצמה) — הרי אמיתית מציאותו („מאלי'") של יהודי היא — שהוא „עולה" תמיד (מפני ביטולו להקב"ה). וראה שיחת ש"פ בהעלותך תשמ"ט (ס' השיחות ח"ב ע' 528 ואילך). ד"ה בהעלותך תשכ"ט ס"ט (סה"מ מלוקט ח"ה ע' שב).

41) ע"ז יט, א.

42) קידושין לב, ריש ע"ב (וראה בפרש"י שם).

43) נצבים ל, יב.

44) ב"מ נט, ב. שבת פט, א. שמו"ר פט"ו, ב. וראה ב"מ פו, א: מאן נוכח רבה בר נחמני (וראה כס"מ להרמב"ם הל' טומאת צרעת ספ"ב).

45) שמו"ר שם. דב"ר פ"ב, יד.

46) ב"מ שם.

47) חגיגה ט, ב.

ווי ס'איז געווען די רגילות בימיהם (בזמן הש"ס)[48] — ביז אַז דאָס ווערט נחקק בזכרונו, אַזוי אַז ער דאַרף ניט אָנקומען נאָכאַמאָל דאָס לערנען, נאָר „מאליו" — ווערט עס דערמאָנט בשכלו וזכרונו:

[ואעפ"כ דאַרף ער לערנען נאָך אַ מאָל (מאה פעמים ואחד[47]) — ניט ווייל עס פעלט אין דעם „מאליו" (דאדרבה: ביי אים איז דער „מאליו" בשלימות, הרגל נעשה טבעו[49] (שני[50])), נאָר בכדי משנה און מוסיף זיין אויף רגילותו[48] — (וואָס דעמולט ווערט ער אָנגערופן[51] „עובד אלקים")].

ועד"ז אויך אין „נר מצוה", קיום המצוות: שלימות העבודה איז בשעת ער געוואוינט איין זיין גוף הגשמי צו מקיים זיין מצוות, באופן פון „מאליו" — ע"ד „כי מטא למודים מנפשי' כרע"[52] [און צוזאַמען דערמיט איז דאָס ניט אין אַן אופן פון „מצוות אנשים מלומדה"[53], נאָר באופן פון — „מעלין בקודש"[35] (בהידור מצוות וכיו"ב)].

ונוסף אויף דעם וואָס זיין עבודה בתומ"צ דאַרף זיין באופן פון „שלהבת עולה מאליו", דאַרף אַזוי אויך זיין בנוגע צו זיין עבודה אין עניני הרשות (כל מעשיך יהיו לשם שמים און בכל דרכיך דעהו[28]) — אַז זיין מציאות בכל המעת־לעת (ניט נאָר בזמן התורה והתפלה וקיום המצוות) איז אַזוי דורכגענומען מיט „שויתי ה' לנגדי תמיד"[54], אַז אין „כל מעשיך" און „כל דרכיך", אין אַלע זאַכן וואָס ער טוט — אויך ווען ער עסט און שלאָפט און פאַרנעמט זיך מיט זיינע געשעפטן בעניני העולם — איז ער אַ „שלהבת עולה מאליו", פון זיך אַליין פירט ער זיך אויף אין אַלע ענינים „לשם שמים" און „דעהו".

און אַזוי דאַרף אויך זיין בנוגע צו דער עבודה מיט אַנדערע[55]: די אמת'ע און שלימות'דיקע השפעה אויף אַ צווייטן, איז דוקא ווען יענער ווערט אַ „שלהבת עולה מאליו" — אַז אויך ווען דער משפיע ורב גייט אַוועק, בלייבט ער פון זיך אַליין אַ לייכטנדיקע ליכט אין „נר מצוה ותורה אור" און אין דברי רשות (ניט נאָר אין מעשה נאָר אויך אין מחשבה ודיבור), וואָרום דאָס איז געוואָרן זיין מציאות, זיין טבע ורגילות, באופן אַז ער קען שטיין אויף די „אייגענע פיס", און ניט דאַרפן אָנקומען צו זיין רב ומחנך — „שלהבת עולה מאליו".

ו. ויש לומר נאָכמער: די עבודה „מאליו" גופא קען זיין אויף צוויי אופנים:

(א) אע"פ וואָס מצד עצמו איז דער גוף הגשמי פון אַ אידן לכתחילה ניט מאיר ב„נר מצוה ותורה אור" און „כל מעשיך לשם שמים" כו', אַרבעט מען איבער דעם גוף און מ'געוואוינט אים איין באופן אַז הרגל נעשה טבע שני[50], ביז טבע ראשון[49], ער זאָל מקיים זיין תומ"צ „מאליו". דאָס איז אָבער ווי אַ דבר נוסף אויף זיין מציאות

48) תניא פט"ו (כא, א).

49) תניא פמ"ד (סג, ב).

50) תניא פט"ו שם. שם ספי"ד. שבילי אמונה נתיב ד שער ב. שו"ת הרמ"ע מפאנו סל"ו.

51) מלאכי ג, יח. חגיגה שם.

52) תוד"ה עיון — שבת קיח, ב, מירושלמי ברכות פ"ב סה"ד.

53) ישעי' כט, יג. ובתניא פל"ט (נג, ב): פי' מחמת הרגל שהורגל כו'. וראה תו"א ר"פ וארא (נה, ב). המשך תרס"ו ע' שיד ואילך. סה"מ קונטרסים ח"ב שטז, ב.

54) תהלים טז, ח. וראה שו"ע או"ח רס"א. שו"ע אדה"ז שם ס"ז.

55) ראה גם שיחת ש"פ בהעלותך תשמ"ט (ס' השיחות ח"ב ע' 525 ואילך). ועוד.

אות — ווייל ער (זיין גוף הגשמי) מצ"ע איז ניט געווען שייך צו דער עבודה, והראי' אַז מ'דאַרף אים אין דעם מרגיל זיין, נאָר דורך „הרגל — נעשה טבע" [נוסף לזה, איז טבע עצמו פאַרבונדן מיט אַ מדידה והגבלה, ע"פ הגבלת הטבע שלו].

(ב) דורך דעם וואָס מ'איז מגלה ווי די מציאות פון אַ אידן — אויך זיין גוף הגשמי — איז פאַרבונדן מיט דעם אויבערשטן, ובלשון הידוע[56]: די מציאות האמיתית פון דעם יש הנברא איז דער מציאות פון דעם יש האמיתי — איז די עבודה פון אַ אידן בתומ"צ (קיום רצון ה') ניט ווי אַ דבר נוסף, גלייך בפעם הראשונה (אפילו אין די עבודה פון הרגל נעשה טבע), וואָרום זיין מציאות עצמה איז פאַרבונדן מיט דעם יש האמיתי, און בא דעם אויבערשטן כביכול איז ניטאָ קיין חילוק צווישן דעם פעם הראשונה און פעם השני', השלישית וכו'.

ויש לומר, אַז דער סדר העבודה דאַרף זיין, אַז פריער — בתחלת העבודה (בשעת דער גוף איז מעלים אויף אור הנשמה און תומ"צ), דאַרף זיין די עבודה באופן פון הרגל נעשה טבע, דורך איבעראַרבעטן דעם גוף; און דורך דעם איז מען מגלה — דעם כח העצמות אין דעם גוף פון אַ אידן.

ז. וע"ד ווי דאָס איז בנוגע צו דער עבודה פון דעם מענטשן (אויף זיך און אויף אַנדערע) — דאַרף אַזוי אויך זיין בנוגע צו דער עבודה אין עולם:

דורך דעם וואָס אַ איד טוט אַ מצוה מיט אַ דבר גשמי שבעולם (וואָס רוב מצוות זיינען דוקא בדברים גשמיים[57]) — ווערט אַ בירור וזיכוך אין דעם דבר גשמי, ביז אַז בכמה ענינים ווערט עס אַ חפצא של קדושה (ווי במצות מילה וכיו"ב).

וואָס הגם אַז קדושת החפצא ווערט דוקא דורך דעם אדם המקדש את הדבר, דוקא דורך דעם אדם המקיים את המצוה — איז אָבער דערנאָך ווערט די קדושה נקבע אין דעם דבר גשמי, אַזוי אַז אויך לאחרי (זמן) קיום המצוה וקידוש החפצא, פאַרבלייבט דאָרט די קדושה[58] [ועד"ז דער בירור וזיכוך בכל הדברים גשמיים מיט וועלכע מ'איז מקיים אַ מצוה], באופן פון „מאלי'".

ביז נאָכמער, אַז דער חפץ האָט בכח אַז אַן אדם זאָל דערמיט מאַכן אַ שבועה בנקיטת חפץ של קדושה[59], ד.ה. אַז דוקא דורך דעם חפץ של קדושה ווערט אויפגעטאָן אַ שבועת האדם (וואָס וואָלט ניט געווען דורך שבועת האדם בפני עצמו[60],

---

56) ראה ביאוה"ז לאדהאמ"צ בשלח מג, ג. — וכדמשמע שם, שענין זה הוא בעיקר בנוגע לגוף ישראל. וראה סה"ש תשמ"ח ח"ב ע' 520 הערה 42. וש"נ.

57) תניא פ"ד (ח, ב). אגה"ק ס"י (קיד, ב ואילך). ובכ"מ.

58) ראה בכ"ז בארוכה לקו"ש חט"ז ע' 212 ואילך. וש"נ.

59) שבועות לח, סע"ב. רמב"ם הל' שבועות פי"א ה"ח. שו"ע חו"מ ספ"ז סי"ג.

ובדוגמת זה הי' אצל אברהם (גם קודם מ"ת) כאשר השביע את אליעזר באמרו (חיי שרה כד, ב) „שים נא ידך תחת ירכי" (אף שזה היפך הצניעות), „לפי שהנשבע צריך שיטול בידו חפץ של מצוה" (פרש"י שם), והחפצא של מצוה היחידי קודם מ"ת הי' במצות מילה (ראה בארוכה לקו"ש ח"א ע' 40. ח"ג ע' 760. חט"ז ע' 213). [וצ"ע הטעם שלא השביע אותו בחפצא דקדושה של קרבנות, שכיון שכל ענין הקרבן הוא שמשתנה מציאותו להיות עולה לה', מסתבר לומר, שגם בקרבנות שלפני מ"ת ישנו הגדר דחפצא דקדושה].

60) ו„הדיינין שהשביעו בלא נקיטת חפץ בידו הרי אלו טועים, וחוזר ונשבע וספר תורה בידו" — רמב"ם שם הי"א, משבועות שם. רמ"א חו"מ שם.

אע״פ וואָס קדושת החפץ איז געוואָרן דורך דעם אדם), אַז ער ווערט געבונדן צו מקיים זיין די שבועה[61] [און אויך שבועה מלשון שובע, אָנגעזעטיקט מיט די כחות וואָס קומען דורך אַ שבועה, כידוע דער פירוש[62] אין „משביעין אותו תהי צדיק כו׳״[63]] — וואָס דאָס באַווייזט אַז דער כח הקדושה אין דעם חפץ איז געוואָרן „עולה מאלי״ פון דעם חפץ עצמו, און דאָס טוט אויף אין שבועת האדם (גם מלשון שובע[64]).

ווי דאָס איז בנוגע צו דער חפצא של קדושה פון קרבנות: הגם אַז קדושת הקרבן ווערט דורך דעם אדם המקדיש את הקרבן, ווערט דער קרבן נתקדש בקדושת הגוף, וואָס אינה נפקעת[65], די קדושה פאַרבלייבט באופן פון „מאלי״, ביז אַז דער קרבן איז מכפר על האדם (הגם אַז קדושת והקרבת הקרבן איז דוקא דורך אדם המקדיש והמקריב את הקרבן, כמ״ש[66] „אדם כי יקריב מכם קרבן לה׳״ (וכיו״ב)).

און דער חידוש בזה יש לומר, אַז אע״פ וואָס מצ״ע איז גשמיות העולם ניט פאַרבונדן מיט קדושה, און בכדי דאַרט ממשיך זיין קדושה, ביז באופן אַז דאָס זאָל אויפמאַכן אַז דערפון זאָל ווערן אַ חפצא של קדושה — דאַרף מען אָנקומען צו כחו של הקב״ה וועלכער איז מחבר הפכים (וואָס דאָס איז געגעבן געוואָרן באַ מ״ת, ווען ס׳איז נתבטל געוואָרן די גזירה[67] בין עליונים ותחתונים)[68], האָט דער אויבערשטער געגעבן דעם כח (צו אַ אידן), אַז דורך טאָן אַ מצוה מיט אַ דבר גשמי זאָל דער גשמי אַליין ווערן אַ חפצא של קדושה באופן פון „עולה מאלי״, וואָס דאַרף כביכול ניט אָנקומען צו דעם כח עליון (וכח האדם) צו ממשיך זיין קדושה אין אים[69].

---

61) ראה לקו״ש חכ״ה ע׳ 271 ואילך. וש״נ.

62) קיצורים והערות לתניא ע׳ נז. ד״ה תניא בספ״ג דנדה כו׳ וד״ה ועשית חג שבועות להצ״צ (קטעים מהם נעתקו בליקוט פירושים וכו׳ לתניא שם). סה״מ תרח״ץ ע׳ רלט.

63) נדה ל, סע״ב.

64) ושובע דקדושה הוא באופן ד„מעלין ב־קודש" („עולה").

65) חולין קלט, א. וגם בנוגע לקדושת דמים, ההלכה היא שאינה נפקעת (רמב״ם הל׳ שחיטה פי״ג ה״כ ובכסף משנה שם).

66) ויקרא א, ב.

67) תנחומא וארא טו. שמו״ר פי״ב, ג.

68) ראה בארוכה לקו״ש ח״ג ע׳ 887 ואילך. ח״ד ע׳ 1253 ואילך. ובכ״מ.

69) ויש לומר הטעם לזה, שהוא מצד כח העצמות שביש הנברא (גשמיות העולם), ש„הוא לבדו (מהותו ועצמותו) בכחו ויכלתו לברוא יש מאין ואפס המוחלט ממש" (אגה״ק ס״כ – קל, ריש ע״ב), שענין זה מתגלה בהעולם ע״י קיום התומ״צ ב־גשמיות העולם (כפי שיהי׳ בשלימות הגילוי לע״ל, כמ״ש (ישעי׳ מ, ה) „ונגלה כבוד ה׳ וראו כל בשר יחדיו גו׳״)*.

ואולי יש לומר באופן אחר, שמכיון שהוא ית׳ כל יכול, ואינו מוגדר בשום גדר ח״ו – הרי ביכלתו ליתן כח בהנבראים, שלאחרי שממשיכים בהם קדושה (ע״י קיום מצותו של הקב״ה) ה״ז „עולה מאלי״. ועי״ד המדובר במ״א (לקו״ש חכ״ז ס״ע 252 ואילך. ועוד) בנוגע להתהוות הנבראים, שביכלתו ית׳ להמציא הנמצאים באופן כזה שלאחרי שנמצאו לא יהיו צריכים אליו [דאף שע״פ שכל מוכרחת להיות התהוות הנמצאים באופן שיהיו תמיד צריכים אליו (וכמבואר בתניא (שעהיוה״א פ״ב. וראה בארוכה ד״ה ת״ר נ״ח תרמ״ג (ע׳ לו ואילך). ובכ״מ) דענין בריאת יש מאין מחייב שכח הפועל צריך

---

*) ועי״ד המבואר לעיל (ס״ה) בנוגע לישראל. אלא שבישראל, הרי מציאותם גופא הוא (כביכול) העצמות, משא״כ כח העצמות בעולם (ראה לקו״ש ח״ב ע׳ 75. סה״ש תשמ״ח שבהערה 56).

[בדוגמא ווי דאָס איז בפשטות ענין הנרות, אַז מ'דאַרף האָבן דעם אדם המדליק צו אָנצינדן דעם נר, וואָרום די פתילה גשמית און שמן גשמי מצ"ע קענען זיך אַליין ניט אָנצינדן; אָבער לאחרי וואָס מ'צינדט זיי אָן באופן המתאים – ברענען זיי "מאליו", די פתילה גשמית און שמן גשמי ווערן דער מקור אויף דעם אור הנר (און בשעת עס בלייבט ניט קיין פתילה און שמן, לעשט זיך דאָס אויס)].

ח. ועד"ז איז דאָס אויך בנוגע צו די עבודה בעניני רשות: "כל מעשיך" פון אַ אידן דאַרפן געטאָן ווערן "לשם שמים", און נאָכמער – "בכל דרכיך דעהו", ד.ה. אַז נוסף אויף דעם וואָס דאָס איז לשם שמים (לדוגמא, אַז ער עסט בכדי ער זאָל האָבן כח לערנען תורה און מקיים זיין מצוות), מאַכט מען דערפון גופא אַ הכשר מצוה וכיו"ב, ביז אַז "דרכיך" גופא ווערן (אַ חלק פון) "דעהו" עצמו[70]. און ניט נאָר וואָס מ'דאַרף ניט אָנקומען אַז דער איד זאָל דאָס דאַרפן יעדער מאָל פון־דאָס־ניי טאָן, נאָר אדרבה: דער דבר של רשות עצמו איז "עולה מאליו", און איז אים מעורר אויף זיין עבודה.

ווי פאַרשטאַנדיק בפשטות אויך בא אַ קינד – כמדובר לעיל (ס"ב) אַז די הוראה פון "שלהבת עולה מאליו" (וואָס שטייט אין פרש"י – לבן חמש למקרא) איז פאַר אַלע אידן, אויך פאַר טף:

בשעת מען איז קובע אין דעם צימער פון קינד אַ חומש, אַ סידור, אַ צדקה־פושקע וכיו"ב[71] – דאַרף מען דאָס קובע זיין אין אַזאַ אָרט און אַזאַ אופן, אַז לאחרי וואָס מ'האָט עס קובע געווען, דאַרף עס מערניט אָנקומען צו דעם אדם הקובע, און אפילו ניט צו דעם קינד, אַז ער זאָל געדענקען צו נוצן דעם חומש וכיו"ב, נאָר ווען ער גייט אַריין אין צימער איז דער חומש עצמו "עולה מאליו" און איז אים מעורר ער זאָל אַ קוק טאָן און לערנען אין דעם; ועד"ז דער סידור. ועד"ז די צדקה־פושקע – ליגט אין אַזאַ אָרט ובאופן בולט כזה, אַז דאָס איז דעם קינד מעורר ער זאָל דאָרט אַריינוואַרפן אַ פרוטה לצדקה.

ועד"ז אין אַלע ענינים פון חינוך ילדי ישראל, און דערפון אויך מובן בנוגע צו די דברי רשות פון ערוואַקסענע, ועאכו"כ דורך קיום המצוות שלהם – אַז דאָס דאַרף געטאָן ווערן אין אַן אופן, אַז די חפצא אַליין (מיט וועלכע מ'טוט אַ מצוה) – איז "עולה מאליו", ביז אַז דאָס דער־מאָנט דעם אידן אויף זיין עבודה.

ט. ע"פ הנ"ל וועט מען פאַרשטיין דעם ענין פון "ויהי העם כמתאוננים" – די התחלה פון דעם ספר ששי פון די "שבעה ספרי תורה", און די שייכות מיט פ' בהעלותך:

דער אינהאַלט פון "בהעלותך את ה־נרות" – "עד שתהא שלהבת עולה מאליו" – איז, אַז די עבודה פון אַ אידן דאַרף זיין אין אַן אופן אַז ער צינדט אָן און באַלייכט

להיות תמיד בהנפעל להוותו מאין ליש) – הרי, מכיון שהוא ית' הוא "נמנע הנמנעות" (ראה שו"ת הרשב"א סתי"ח. הובא בספר החקירה להצ"צ לד, ב. סה"מ תרע"ח ע' תכ. ועוד), הרי ההוכחות דשכל אינם ראיות באיזה אופן היתה הבריאה. אבל בנוגע להתהוות – יש מקור בתורה, וכן קיבל אדה"ז מרבותיו. שההתהוות היא בכל רגע ורגע מחדש (שעהיוה"א פ"א); משא"כ בנוגע להמשכת הקדושה בהנבראים, י"ל שלאחרי שנמשך פעם הא' הקדושה בתוכם (ע"י קיום מצוה בדבר הגשמי), הרי הקדושה "עולה מאליו", כנ"ל. ועצ"ע. ואכ"מ.

70) ראה לקו"ש ח"ג ע' 907. שם ע' 932. ח"י ע' 104 ואילך. ובכ"מ.

71) ראה לקו"ש חכ"ו ע' 420.

זיך און חלקו בעולם און די גאַנצע וועלט מיט „נר מצוה ותורה אור", ביז באופן „שתהא שלהבת עולה מאלי'", אַז אויך די מציאות האדם (זיין גוף הגשמי) — וואָס מצ"ע איז עס מעלים אויף אור הנשמה — זאָל זיין „שלהבת עולה מאלי'" ב„נר מצוה ותורה אור", און עד"ז אויך אויפטאָן אין מציאות העולם, דורך מאַכן פון די דברים גשמיים בעולם אַ חפצא של קדושה.

פון דעם איז פאַרשטאַנדיק, אַז די שלימות פון דער עבודה איז בשעת דער „בהעלותך את הנרות" „עד שתהא שלהבת עולה מאלי'" ווערט אויפגעטאָן און נעמט דורך אַלע פרטי האדם און אַלע פרטי העולם, פון די ענינים נעלים ביז די ענינים הכי תחתונים — וואָרום די עבודה באופן פון „מאלי'" איז דאָך דער אבן הבוחן אַז די עבודה איז בתכלית השלימות ובתכלית האמת אויך מצד מציאות האדם ומציאות העולם (און ניט נאָר מצד דעם כח העליון, אָדער עכ"פ פון דעם כח פון דעם מדליק את הנרות), און דערפאַר דאַרף דאָס דורכנעמען אַלע פרטי דרגות, ביז אויף דעם חלק הכי תחתון, אַז אויך דאָס זאָל לייכטן „מאלי'". ואדרבה: דוקא דורך דעם וואָס דער תחתון ביותר איז מאיר „מאלי'" מיט דעם אור אלקי, באַווייזט דאָס אויף שלימות ואמיתית הענין פון עבודה „מאלי'" (אויך אין די דרגות נעלות יותר). ע"ד משל הידוע[72], אַז דוקא דורך אויפהויבן פון דעם חלק הכי תחתון פון אַ בנין, הויבט מען אויף דעם גאַנצן בנין, אויך די העכסטע דרגות פון בנין.

עפ"ז איז פאַרשטאַנדיק פאַרוואָס דער ציווי פון „בהעלותך את הנרות" איז אַנגעזאָגט געוואָרן צו אהרן כהן גדול (און ער האָט דאָס מקיים געווען בפועל) — וואָרום[73] ענינו של אהרן איז כמפורש במשנה[74] — „(הוי מתלמידיו של אהרן כו') אוהב את הבריות ומקרבן לתורה": ער האָט אַ ליבשאַפט אפילו צו די „רחוקים מתורת ה' ועבודתו ולכן נקראי' בשם בריות בעלמא"[75] (זייער איינציקע מעלה איז וואָס זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן דורך דעם אויבערשטן), „ומקרבן לתורה" — די „בריות" וואָס זיינען בדרגא הכי תחתונה איז ער מקרב צו תורה וואָס איז למעלה מכל העליונים, באופן כזה אַז ער איז זיי (די „בריות") עצמן מקרב צו תורה (און ניט ח"ו מקרב זיין תורה צו זיי[76]), ביז אַז זיי ווערן „שלהבת עולה מאלי'".

און פון דעם ווי דאָס ווערט אויפגעטאָן באַ אידן (אַז אויך די „בריות" זיינען „עולה מאלי'") ווערט דערפון אויך נמשך דעם כח אין עולם, צו באַלייכטן אויך דעם חלק הכי תחתון שבעולם, ביז באופן אַז „שלהבת עולה מאלי'".

י. דער חילוק צווישן די צוויי עניני עבודה הנ"ל — (א) די אייגענע עבודה, און (ב) די עבודה בעולם, ובפרטיות — (א) די עבודה בעניני קדושה, און (ב) די עבודה אין עניני העולם, ביז אין דעם חלק הכי תחתון („בריות") — איז ע"ד דער חילוק צווישן מספר חמשה און מספר שבעה.

ווי דאָס איז אין קדושה (וואָס פון דאָרטן ווערט עס דערנאָך נשתלשל למטה): סיי אידן און סיי תורה טיילן זיך אויף די צוויי חלוקות: די שבעה נרות המנורה זיינען כנגד די שבעה סוגים אין

72) תו"א בראשית ד, א.

73) ראה גם לקו"ש ח"ב ע' 315 ואילך. ובכ"מ.

74) אבות פ"א מי"ב. וראה בארוכה אדר"נ פי"ב.

75) תניא פל"ב (מא, ב).

76) ראה לקו"ש שם ע' 316. חט"ו ע' 198. ובכ"מ.

וועלכע עס טיילן זיך אַלע נשמות ישראל, כנגד די שבעה מדות: יש עובד מאהבה, יש עובד מיראה וכו', ביז מלכות[77]: און עד"ז איז דאָ אַ חלוקה פון אידן אויף חמשה דרגות כנגד חמשה חומשי תורה, וי"ל שנרמז זה אין היינטיקן פרקי[78]: „חמשה תלמידים היו לו לרבן יוחנן בן זכאי", ומבואר במפרשים[79], אַז מ'מוז זאָגן אַז ריב"ז (וואָס ער איז געווען דער נשיא הסנהדרין, ביז אַז בבקשתו „תן לי יבנה וחכמי'"[80] איז דאָ קיום לימוד התורה עד היום הזה) האָט געהאַט מער ווי חמשה תלמידים, נאָר דער פירוש אין דעם איז — אַז אַלע זיינע תלמידים, און אַלע תלמידים ולומדי תורה בכלל (אַלע אידן — עליהם נאמר[81] „וכל בניך לימודי ה'"), טיילן זיך אויף די חמשה סוגים ודרגות[82].

אַזוי כנ"ל אויך תורה טיילט זיך אויף „שבעה ספרי תורה", און אויף „חמשה חומשי תורה".

איינער פון די חילוקים צווישן זיי (חמשה ושבעה): חמשה איז פאַרבונדן בעיקר מיט דער עבודה אין קדושה (ובכללות — די אייגענע עבודה), און שבעה באַדייט די עבודה אויך אין עולם („בריות"). ווי דאָס איז אין די מדות (ספירות) עליונות: די חמשה מדות פון חסד עד הוד זיינען כולל (עיקר) המדות, כידוע[83] אַז די ספירה חמישית (הוד) איז דער „סוף ותשלום הספירות בעיקר ה־מדות", און די ספירה הששית והשביעית (יסוד ומלכות) איז דער מקור ההשפעה לבי"ע[84], עלמא דפרודא[85].

און דאָס איז פון די אונטערשיידן צווישן ווי אידן טיילן זיך אויף שבעה דרגות (כנגד די שבעה נרות) — וואָס דאָס איז כולל אַלע דרגות פון אידן, אויך די דרגות תחתונות (ביז „הרחוקים מתורת ה' כו' בריות בעלמא"), כנגד די דרגא הששית והשביעית; און ווי זיי טיילן זיך אויף חמשה — אַלס לומדי חמשה חומשי תורה ופירושה כולו („חמשה תלמידים היו לריב"ז", וואָס כל ענינו איז געווען תורה וקדושה[86]), פאַרבונדן בעיקר מיט קדושה (די ה' ספירות).

ועד"ז איז אויך דער חילוק אין תורה צווישן די חלוקה ע"ד הרגיל אויף חמשה חומשי תורה (ע"ד די חמשה תלמידים) — וואָרום עיקר ענין התורה איז פאַרבונדן מיט קדושה: אָבער היות אַז תורה דאַרף

77) לקו"ת ריש פרשתנו (כט, ג). — ולהעיר, שבלקו"ת שם לא נזכר אודות העבודה שכנגד מדת היסוד (וכן לא בהעתקתו שבאוה"ת פרשתנו ע' שלז). וראה אוה"ת פרשתנו ע' של, שמבאר העבודה של מדת היסוד, ומוסיף: יסוד אינו מדה בפ"ע כ"א הוא כללות לכל הה' מדות הנ"ל.

78) פ"ב מ"ט.

79) ראה מדרש שמואל כאן, בשם הרשב"ץ.

80) גיטין נו, ב.

81) ישעי' נד, יג.

82) ראה מד"ש כאן: עיין (ריב"ז ב)כללות מזגיהם שבהם יכוללו פרטי שבחיהם (של כל התלמידים) בשבחו זה של כל א' וא'.

83) סידור עם דא"ח דש, א.

84) אוה"ת פרשתנו ס"ע שעד — בביאור ה־חילוק דחמשה חומשי תורה ושבעה ספרי תורה.

85) ראה תו"א בראשית ג, א. ובכ"מ.

86) שזהו א' הביאורים בזה, שדוקא סמוך לפטירתו בכה ריב"ז ואמר איני יודע באיזו דרך מוליכים אותי (ברכות כח, ב), כי במשך כל ימי חייו של ריב"ז הי' עסוק לגמרי בלימוד התורה וקיום המצוות' (מילוי שליחותו ועבודתו בעוה"ז), ולא הי' לו פנאי לחשוב אפילו אודות תיקון נפשו כו' (ראה לקו"ש חט"ז ס"ע 271 ואילך. וש"נ).

*) דגם זה ש„מ' שנה עסק בפרקמטיא" (ר"ה לא, סע"ב. סנהדרין מא, סע"א) — מובן ופשוט שהי' בתכלית ושלימות הקדושה, באופן דכל מעשיך לשם שמים ובכל דרכיך דעהו (ראה לעיל ס"ח).

אויך אויפטאָן בעולם שנברא בשבע ימי בראשית (ו„כל התורה ניתנה לעשות שלום בעולם"[87]), דערפאַר איז אויך דאָ די חלוקה אין „שבעה ספרי תורה", כולל די דרגא הששית והשביעית, דער מקור ההשפעה בעולם.

יא. דאָס איז אויך מתאים מיט דעם תוכן פון די „שבעה ספרי תורה": די ערשטע פינף ספרים — וואָס תוכנם הכללי ווערט אָנגעדיידעט אין זייערע נעמען (בראשית, שמות, ויקרא, במדבר, און ויהי בנסוע הארון) — זיינען פאַרבונדן (ובפרט התחלת הספרים) בעיקר מיט קדושה (בריאת העולם, שמות בני ישראל, ויקרא אל משה, מנין בני ישראל במדבר סיני[88], ויהי בנסוע הארון — תורה), משא"כ דער ספר הששי הויבט זיך אָן מיט אַן ענין בלתי רצוי — „ויהי העם כמתאוננים", און דערנאָך וועגן חטא מרים און דערנאָך — חטא המרגלים בפ' שלח, און מעשה קרח בפ' קרח וכו' [און אויך דער ספר השביעי — „אלה הדברים", „דברי תוכחות"[89]], וואָרום פון דעם ספרי הששי אין תורה — ווערט אַ נתינת מקום אַז לאחרי ריבוי השתלשלות זאָל זיין אַ ירידה בעולם, דעריבער הויבט זיך דער ספר אָן מיט אַן ענין של ירידה בתורה עצמה [אָבער שטייענדיק אין תורה איז דאָס אַלץ קדושה — ע"ד „יעקב[90] ועשו האמורים בפרשה"[91], נאָר פון דעם סיפור בתורה ווערט דערנאָך די נתינת מקום לאחרי השתלשלות כו' אויף דער ירידה בעולם]:

אָבער לאידך גיסא, איז דאָס אויך אַ ספר אין תורה, און נאָכמער — דער ספר הויבט זיך אָן אין ובתוכו פ' בהעלותך את הנרות, וואָס איז כולל די הדלקה פון אַלע ז' נרות „עד שתהא שלהבת עולה מאלי'" — וואָס דאָס גיט דעם כח אַז דער אור אלקי פון „נר מצוה ותורה אור" זאָל דערגרייכן אויך אין אַ מצב של ירידה למטה („ויהי העם כמתאוננים"), ביז אַז אויך דאָרט זאָל אויפגעטאָן ווערן דער ענין פון „שלהבת עולה מאלי'" [וואָס דאָס באַווייזט אויף שלימות ואמתית העבודה, כנ"ל] — דורך עבודת התשובה, ביז שלימות התשובה (מאהבה), וואָס דורך דעם ווערט „עולה מאלי'" — די מעלה וואָס קומט אַרויס „מאלי'" דורך תשובה על החטא דוקא (וואָס איז ניטאָ באַ צדיקים, ביז אַז במקום שבע"ת עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד בו[92]) — זדונות נעשו לו כזכיות[93], ביז זכיות ממש[94], „הואיל ועל ידי זה בא לאהבה רבה זו"[95].

ואולי יש לומר, אַז דאָס איז דער טעם פאַרוואָס התחלת ספר הששי איז מיט „ויהי העם כמתאוננים" און דאָס שטייט אין פ' בהעלותך את הנרות — וואָרום די כוונה אין דעם סיפור בתורה איז בכדי געבן דעם כח (פון תורה) אויף עבודת התשובה [וכמרומז אויך אים דעם וואָס עס שטייט „כמתאוננים", מיט אַ כ"ף הדמיון, ווייל אידן זיינען ניט שייך צו „מתאוננים" ממש, נאָר „כמתאוננים", מיט דער אמת'ער כוונה — אַז דערפון זאָל אַרויס די מעלה פון תשובה].

---

87) רמב"ם סוף הל' חנוכה (מספרי נשא ו, כג. ראה לקו"ש ח"ח ע' 340 ואילך).

88) ד„מתוך חיבתן לפניו מונה אותם כל שעה" (פרש"י ר"פ במדבר).

89) ספרי ופרש"י ר"פ דברים.

90) ל' רש"י ר"פ תולדות.

91) ראה לקו"ש ח"כ ע' 342. וראה שם ע' 114. חט"ו ע' 198. חי"ל ע' 144-5. ס' השיחות תשמ"ח ח"א ס"ע 36 ואילך.

92) רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ד.

93) יומא פו, ב.

94) ראה לקו"ש חי"ז ע' 187 הערה 48.

95) תניא פ"ז (יב, א).

און פון דעם ווערט נמשך דער כח אויף טאָן די עבודה אין עולם כפשוטה, און אויך איבערמאַכן די דברים הכי תחתונים שבעולם אַז „מאלי'" זאָלן זיי לייכטן באור אלקי.

און דער כח אויף דעם קומט פון דעם ספר שלפניו החמישי (סיום המדות) — „ויהי[96] בנסוע הארון ויאמר משה קומה ה' ויפוצו אויביך וינוסו משנאיך מפניך" (בירור הלעו"ז), ובנוחה יאמר שובה ה' רבבות אלפי ישראל (השראת השכינה[96] — גילוי הקדושה).

יב. ועד"ז איז אויך פאַרשטאַנדיק בנוגע צו פרשת המרגלים (בפ' שלח), ובהקדים השאלה: (א) ווי קומט אַז די תורה זאָל דערציילן בפרטיות פרשת המרגלים, וואָס איז בגנותן של המרגלים — ווען די תורה איז זהיר אפילו פון רעדן בגנותה של בהמה אינה טהורה[97]? (ב) די הפטורה, וואָס דאַרף דאָך זיין „מענין הפרשה"[98], רעדט זיך וועגן שליחת מרגלי חרש ע"י יהושע'ן[99] וועלכע האָט זיך אויסגעפירט בשלימותה — פונקט פאַרקערט פון מעשה המרגלים בפרשתנו.

וי"ל נקודת הביאור בזה: די כוונה אין דעם וואָס די תורה דערציילט פרשת המרגלים — איז בכדי אַרויסברענגען דעם עילוי וואָס קומט אַרויס אויך פון מעשה המרגלים — ווי עס קומט אַרויס בגלוי אין דער הפטורה, אַז דורך שילוח המרגלים ע"י יהושע, וואָס י"ל אַז ער האָט דאָס אָפּגעלערנט פון משה רבינו, ויהושע לא ימיש מתוך האוהל[100], און ער איז „כפני לבנה" וואָס שפּיגלט אָפּ „פני חמה" פון משה'ן[101] — האָט זיך אויסגעפירט במילואה שליחותו של משה ודעתו שהוא לכבוש את הארץ בשילוח המרגלים. וכמודגש בקרא אַז יהושע איז געווען פון די מרגלי משה, און ער (מיט כלב) האָבן אויסגעפירט שליחותם כדבעי, ביז אַז זיי האָבן געזאָגט[102] אַז „טובה הארץ מאד מאד"[103].

[נאָכמער: אויך די כוונה פון די מרגלים איז געווען בפנימיות לטוב, ובאותה שעה כשרים היו[104], כמבואר אין ספרים[105] — אַז מצד גודל מעלתם זאָגט מען[106] אַז „אין להם חלק לעוה"ב", ווייל זיי זיינען העכער פאַר אַ חלק לעוה"ב].

און אין דעם זעט מען אויך דעם ענין פון „שלהבת עולה מאלי'": דורך דעם וואָס יהושע האָט לכאורה זיך אָפּגעלערנט פון משה'ן צו שיקן מרגלים [ול־העיר אַז שילוח המרגלים ע"י משה איז געווען „לדעתך"[107], ע"ד „מאלי'"] — האָט ער דערנאָך אַליין — „מאלי'" — געשיקט מרגלים און זיי האָבן אויסגעפירט שליחותם און דערנאָך האָט יהושע דוקא אַריינגעפירט אידן אין ארץ ישראל מיט די אַלע מעלות שבזה. ויומתק בזה וואָס יהושע איז „כפני לבנה" — וואָס לבנה איז מקבל פון „פני חמה" (משה), אָבער דערנאָך ווערט דאָס אַן אור משלה („עולה מאלי'"), מעלת אור הלבנה.

96) ראה יבמות סג, סע"ב ואילך. ספרי ופרש"י עה"פ.
97) פסחים ג, א. ב"ב קכג, א.
98) טושו"ע או"ח ר"ס רפד. שו"ע אדה"ז שם וסרפ"ג. טואו"ח סתכ"ח. רמ"א שם סכ"ח.
99) יהושע ב, א ואילך.
100) תשא לג, יא.
101) ב"ב עה, א.
102) שלח יד, ז.
103) ראה לקו"ת בפרשתנו עה"פ.
104) פרש"י שם יג, ג.
105) ראה לקו"ש חכ"ג ע' 102. וש"נ.
106) משנה סנהדרין קח, א.
107) סוטה לד, ריש ע"ב (כגירסת הע"י). פרש"י ר"פ שלח.

יג. ויש לקשר זה אויך מיט דעם וואָס אין דער וואָך פון פ' בהעלותך (וקורין פ' שלח בשבת בתפלת מנחה) ווערט די עלי' ושלימות („ויכולו"[108]) פון חמשה עשר בסיון, ווען עס ווערט „קיימא סיהרא באשלמותא"[109] פון חודש סיון — די מעלה ושלימות פון אור הלבנה, און פון ישראל הדומין ומונין ללבנה[110], והם עתידים להתחדש כמותה[111].

און פון ט"ו סיון קומט מען צו ט"ז — ד' פעמים ד' — סיון, און טו"ב סיון, און ח"י סיון, ביז דעם שבת י"ט סיון, וועלכער פירט דערנאָך אַריין אין יום ראשון כ"ף סיון — וואָס האָט מעלת התשובה ומעלת הצדיקים יחד, עת רצון תענית כ"ף סיון[112], די עבודה פון „שלהבת עולה מאלי'" אָבער במצב טוב:

דער מגן אברהם שרייבט[113], אַז „נוהגין להתענות עשרים בסיון בכל מלכות פולין". אעפ"כ האָבן רבותינו נשיאינו זיך אַזוי ניט געפירט, אפילו אין דעם זמן ווען כ"ק מו"ח אדמו"ר איז געווען אין פולין (און כמה האָבן זיך דעמולט געפירט דאָרטן פאַסטן).

ויש לומר אַז דאָס איז ניט באופן אַז בּאַ רבותינו נשיאינו האָט געפעלט ח"ו די מעלה פון תענית בעשרים בסיון, נאָר אדרבה: מ'האָט די מעלה שבזה — דורך ניט פאַסטן (ע"ד מעלת פורים שלגבי יום (שהוא) כפורים). ובפרט ע"פ הידוע די מעלה גדולה אין עשרים — בגימטריא כתר[114]. ויש לומר אַז דאָס איז ע"ד די מעלה פון תשובה בעבודת הצדיקים (לאתבא צדיקיא בתיובתא[115]).

ולהוסיף בהשייכות מיט „מלכות פולין" דוקא: ס'איז ידוע אַז בשעת די ערשטע אידן זיינען געקומען לעבן אין פולין, האָט מען געזאָגט אַז „פולין" איז מלשון „פה לין", אַז דאָ וועט מען נעכטיקן בזמן ומקום הגלות[115*]. [און דאָס איז דער טעם אמיתי פאַרוואָס די אומה האָט אַזוי אָנגערופן די מדינה — דאע"פ אַז איהו לא חזו מזלייהו חזו[116]].

ולהוסיף, אַז לינה איז בלילה דוקא, וואָס (חושך ה)גלות איז בדוגמת ענין הלילה[117]. ד.ה. אַז דער טייטש פון „פה לין" איז — אַז דאָס לעבן במקום זה איז נאָר אַן ענין פון נעכטיקן, בזמן הגלות, אָבער דערנאָך וועט מען דערפון אַרויסגיין און קומען צו דעם מקום האמיתי פון יעדער איד — ארץ ישראל, בגאולה האמיתית והשלימה. אָבער לאידך גיסא — איז דאָס פאָרט אין אַן אופן פון „לין", אַז הגם וואָס מ'איז נאָך אין גלות העלפט דער אויבערשטער אַז מ'האָט וואו צו נעכטיקן במנוחה (לפי ערך).

— ווי ס'איז געווען אין די גוטע יאָרן אין פולין, אַז די אידן האָבן דאָרט געלעבט במנוחה[118], ובזמנים מיוחדים —

---

108) בראשית ב, א. וראה לקו"ת בהר מא, א. אוה"ת עה"פ. ועוד.

109) זח"א קנ, רע"א. ועוד.

110) סוכה כט, א. ב"ר פפ"ו, ג.

111) סנהדרין מב, א.

112) נזכר במג"א או"ח סו"ס תקפ (נעתק לקמן בפנים).

113) שם. וראה גם מג"א שם סתקס"ח סק"ח.

114) לקו"ת שה"ש לה, ג.

115) ראה לקו"ת שמע"צ צב, ב. שה"ש ג, סע"ב. ובכ"מ. וראה זח"ג קנג, ב.

115*) וראה סה"מ תקס"ה ח"א ע' קו־קז. אוה"ת וישב (כרך ו') תתרפב, סע"ב.

116) ראה מגילה ג, א. סנהדרין צד, רע"א.

117) ראה זח"ג סז, ריש ע"ב. ועוד.

118) ראה שו"ת הרמ"א סצ"ה: עדיף טפי פת חריבה ושלוה במדינות אלו [פולין] . . אשר אין שנאתם גברו עלינו כמו במדינת אשכנז, מי יתן והי' עד ביאת משיחנו. וראה גם תשובות מהר"ם מינץ

באופן אַז „כל שרי המדינות גו' מנשאים את היהודים"[119], כידוע אַז כמה פון די שרי הממשלה פלעגן געבן זייערע נכסים צו אידן [„משה'קע" — ווי די גויים האָבן זיי אָנגערופן, דמזלייהו חזו בחי' משה שבכאו"א מישראל[120]] אַז די אידן זאָלן דערמיט אָנפירן, און די אידן האָבן דאָס אויסגענוצט אויף ענינים טובים וקדושים לפי דעתם דבנ"י ושכלם („לדעתך"), ע"ד „ונצלתם את מצרים"[121] (היפך ווי די גויים האָבן אויסגענוצט די נכסים ווען דאָס איז געלעגן באַ זיי אין די הענט, כידוע).

דערפון איז דאָ אַ רמז אין עבודת השם (כידוע[122] אַז מ'דאַרף אַרויסנעמען אַ הוראה פון יעדער זאַך וואָס מ'הערט אָדער מ'זעט): לכל לראש דאַרף אַ איד וויסן, אַז גלות איז חושך ולילה, און ס'איז נאָר וואָס מ'נעכטיקט דאָרטן (אָבער דאָס איז ניט זיין מקום ומצב האמיתי). צוזאַמען דערמיט — דאַרף מען וויסן אַז מ'דאַרף אויסנוצן דאָס וואָס „פה לין" גופא (באופן פון „עולה מאלי'") לטוב וקדושה — ביז אַז דעם אידן ווערט לא איברי לילה אלא לגירסא[123] — דורך אויסנוצן די מנוחה פון דעם אָרט אויף (מוסיף זיין ב)לימוד התו־רה, כולל אויך בפשטות אין מדינת פולין בפשטות — צוצושטעלן וואו מ'דאַרף דאָס האָבן אַ רב ומורה דרך, און די וואָס זאָלן זיך פאַרנעמען מיט מחזיר זיין לתשובה די אידן וואָס לעבן דאָרט וכו'.

יד. ובכל זה קומט צו נאָכמער הדגשה בדורות האחרונים, בעקבתא ועקבתא דעקבתא דמשיחא ובפרט בדורנו זה, דער דור האחרון פון גלות:

אע"פ וואָס „אכשור דרי"[124] (בתמי'), ובפרט אין עקבתא דעקבתא דמשיחא כמבואר בחותם מסכת סוטה, און אויך די מעלות פון דעם דור קומען אַלס המשך פון די דורות שלפני זה, און מ'באַקומט די אַלע כחות און דעם ריבוי העבודה ב־תומ"צ פון די דורות שקדמו, ביז אַז די „הדלקה" פון די „נרות" פון דעם דור קומט אַלס תוצאה פון דער עבודה והד־רכה פון דעם דור שלפני זה וכו' — האָט מען אָבער דעם כח, אַז דערנאָך אָבער מיד — זאָל זיין „שלהבת עולה מאלי'".

ואדרבה: דוקא דער עקב שברגל, דער דור הכי אחרון, האָט דעם כח צו זיין „עולה מאלי'" און אויפהויבן די אַלע דורות שלפני זה, דורך דעם וואָס דער דור האחרון פון גלות ווערט דער דור הראשון פון גאולה — די גאולה פאַר אַלע אידן במשך כל הדורות!

ובפרט אַז הרועה[125] אהרן הכהן שבדורנו — כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו — האָט באַוויזן בגלוי זיין אהבה צו אַלע אידן, כולל — „אוהב את הבריות ומקרבן לתורה", דורך זיינע פעולות רבות אין הפצת התורה והיהדות און הפצת המעינות חוצה [ובפרט ע"פ הידוע[126] אַז בדורנו זה זיינען ניטאָ אַזוינע עמי־הארצים ווי בדורות הראשונים, וואָרום היינט האָט יעדער איד אַ שייכות וידיעה אין תורה (עכ"פ אין תושב"כ, אין וועלכע מ'איז

סס"א: ביושבי תחת המלך מפולין מלכות קרקוב וסביבותי' אשר מקדם ומאז חשבו לפליטה לבני גולה.

119) אסתר ט, ג.

120) ראה תניא רפמ"ב.

121) שמות ג, כב.

122) כש"ט סקצ"ז ואילך. ושי"נ.

123) ראה עירובין סה, א. רמב"ם הל' ת"ת פ"ג הי"ג.

124) יבמות לט, ב. ושי"נ.

125) שכן נקרא אהרן במקרא מפורש „שלשת הרועים" (זכרי' יא, ח. וראה תענית ט, סע"א).

126) ראה תו"א מקץ מא, א. סה"מ תקס"ח ח"ב ס"ע תרמט ואילך.

יוצא יד"ח אפילו ווען לא ידע מאי קאמר[127]].

ובמיוחד – דורך זיינע „קול קורא'ס" פון „לאלתר לתשובה לאלתר לגאולה"[128], און די הכרזה[129] אַז מ'דאַרף נאָר „צופוצן די קנעפּלעך", און דערנאָך – די הודעה אַז מ'האָט שוין דאָס אויך פאַרענדיקט, און עס דאַרף נאָר זיין „עמדו הכן כולכם"[130] צו גיין מקבל זיין פני משיח צדקנו בגאולה האמיתית והשלימה.

און דעריבער – דאַרף דאָס צוגעבן נאָכמער חיות און שמחה אין מסיים זיין די עבודה פון זיך גרייטן באופן פון „עמדו הכן כולכם" צו דער גאולה, ובפרט – דורך מוסיף זיין אין „נר מצוה ותורה אור" ובאופן אַז דאָס זאָל דערגרייכן און באַלייכטן דעם גאַנצן אַרום. ביז – בכל העולם כולו.

ותיכף ומיד ממש – גייען אַלע אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לבית המקדש (השלישי) ולקדש הקדשים, „בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו"[131].

127) שו"ע אדה"ז חאו"ח ס"נ. הל' ת"ת שלו פ"ב סי"ב־יג.

128) נדפסו באגרות קודש שלו ח"ה ע' שסא ואילך. שעז ואילך. תח ואילך. ח"ו ע' תל ואילך.

129) ראה שיחת שמח"ת תרפ"ט.

130) ראה אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ד ע' רעט. „היום יום" טו טבת. ובכ"מ.

131) בא י, ט.

חלק משיחת ש"פ בהעלותך, י"ט סיון ה'תנש"א
— ע"ד כולל חב"ד —

א. בקשר למסיבת המלוה מלכה לטובת המוסד כולל חב"ד שמתקיימת ב־מוצאי ש"ק פרשת בהעלותך — יש להזכיר ולעורר ע"ד גודל המעלה והחשיבות דכולל חב"ד:

ידוע ומפורסם ע"ד גודל החיבה וההשתדלות של רבותינו נשיאינו לטובת כולל חב"ד, החל מאדמו"ר הזקן, מייסד הכולל ונשיאו, אשר, בכו"כ אגרות קודש שלוי הפליא והגדיל במעלת הצדקה ד־כולל חב"ד, „צדקת ארץ הקודש", וחלקם נדפסו ביחד עם ספר התניא (ע"י בני הגאון המחבר) בתור חלק רביעי דספר התניא[2], ובהמשך לזה השתדלו לטובת כולל חב"ד כל רבותינו נשיאינו (ממלאי מקומו גם בנשיאות הכולל) בדורות שלאח"ז, עד לכ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו.

וכיון שבהשגחה פרטית מתקיימת המסיבה לטובת הכולל במוצאי ש"ק — יש לקשר זה עם פרשת השבוע, פרשת בהעלותך, כדלקמן.

ב. „בהעלותך את הנרות אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות"[3]:

„שבעת הנרות" — קאי על נשמות ישראל כפי שנחלקים לז' סוגים, „כי ה־נשמה קרוי' נר, כמ"ש נר ה' נשמת אדם"[5], שדולק ומאיר (באופן ד„בהעלותך", „עד שתהא שלהבת עולה מאלי'"[6], כנ"ל בארוכה) ע"י „נר מצוה ותורה אור"[7], וכיון שיש „ז' מדרגות בעבודת ה', יש עובד מאהבה וכו'"[5], כנגד שבעת המדות, מתחל־קים נשמות ישראל לז' סוגים, „שבעת הנרות".

ו„מנורה", „מקשה זהב עד ירכה עד פרחה מקשה היא"[8] — קאי על כללות נש"י, „מנורת זהב כולה"[9] (כמ"ש בהפטורה דפרשתנו — בהעלותך).

ותוכן הציווי ד„אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות" — שכל פרטי העני־נים ד„שבעת הנרות", ז' הסוגים דנשמות ישראל שמתחלקים לז' מדרגות בעבודת ה', יתאחדו ויתכללו בה„מנורה" שהיא ה„כלל" דשבעת הנרות, עד ל„פני המנו־רה", הפנימיות דהמנורה, „פנימיות רצון העליון הנמשך ומאיר מול פני המנורה"[10].

ויש להוסיף, שענין זה שייך גם בכאו"א מישראל בפרט — כי, בכל נשמה פרטית ישנם כל ז' המדות שכנגדם הם ז' אופני העבודה דשבעת המדות, היינו, שבכל נר („נר ה' נשמת אדם") ישנם

---

1) ראה לדוגמא אג"ק אדה"ז ס"א. ס"ג־ה. ועוד.

2) ראה תניא אגה"ק ס"ד: „צדקת א"י (ש)היא צדקת ה' ממש, כמ"ש תמיד עיני ה' אלקיך בה, והיו עיני ולבי שם כל הימים, והיא שעמדה לנו לפדות חיי נפשנו כו'". ושם ס"ח: „זריעת הצדקה . . שזורעין באה"ק התחתונה . . שהזריעה נקלטת תיכף ומיד בארץ העליונה בלי שום מניעה ועיכוב בעולם מאחר שאין שום דבר חוצץ ומפסיק כלל בין ארצות החיים כי זה שער השמים, משא"כ בחו"ל".

3) פרשתנו ח, ב.

4) משלי כ, כז.

5) לקו"ת ריש פרשתנו.

6) פרש"י ריש פרשתנו.

7) משלי ו, כג.

8) פרשתנו שם, ד.

9) זכרי' ד, ב.

10) לקו"ת שם ל, סע"ד.

בפרטיות „שבעת הנרות": ועז"נ „אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות" — שהעבודה בפרטי שבעת המדות מוארת וחדורה בהכלל (העצם) דהנשמה, ועד לשרש הנשמה כפי שמושרשת בעצמותו ית' („פני המנורה").

ג. ויש לומר, שענין זה שייך ומודגש במיוחד ב„כולל חב"ד":

לכל לראש בהשם „כולל חב"ד": „חב"ד", חכמה בינה דעת — הם השורש ומקור דשבעת המדות[11], „שבעת הנרות". ו„כולל חב"ד" — הוא הכלל דחב"ד ובמילא גם הכלל דשבעת המדות (נרות), כללות המנורה.

ועוד ועיקר — בהעבודה ד„כולל חב"ד": תוכן העבודה דכולל חב"ד היא העזר והסיוע ל(כאו"א מ)ישראל אנשים נשים וטף, עזר גשמי, צדקה כפשוטה, ועזר רוחני, צדקה רוחנית, ע"י הפצת התורה והיהדות והפצת המעיינות חוצה, שעי"ז נעשית ההתאחדות וההתכללות דכל בנ"י („כולל"), הן בצדקה גשמית[12], ש„מתוך שגומל חסד בגופו לחבירו הוא מכיר שהוא אוהבו ובא לידי אחוה ושלום"[13], והן (ועאכו"כ) בצדקה רוחנית, שעל ידה נעשית האחדות וההתכללות דכל בנ"י („כולל") עם הקב"ה, באופן ש„אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות".

ויש להוסיף, שהענין ד„אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות" נעשה ע"י נשיאי הכלל, רבותינו נשיאינו שבכל דור, מאדמו"ר הזקן ועד לכ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, כי, „הנשיא הוא הכל"[14], להיותו „ראש בני ישראל", בדוגמת ה„ראש" שכולל החיות דכל אברי הגוף, וממנו מתפשטת החיות לכל אברי הגוף, ועל ידו נעשית ההנהגה דכל הגוף[15], ודוגמתו בנמשל, שעל ידי נשיא הדור נמשכים כל ההשפעות הרוחניים והגשמיים[16] לכל אנשי הדור, ועוד ועיקר, שעל ידו מתאחדים ומתכללים כל אנשי הדור להיות „מנורת זהב כולה" בפועל ובגלוי[17], ועד ש„אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות", שנעשים מוארים וחדורים בהאור דפנימיות המנורה, „פנימיות רצון העליון", שנמשך ומאיר ע"י פנימיות התורה שנתגלתה בתורת החסידות דרבותינו נשיאינו, שעל ידה נעשית האחדות דפנימיות (סתים) הנשמה עם הפנימיות (סתים) דהקב"ה[18].

ד. ויה"ר שכאו"א מהמשתתפים ועוזרים ומסייעים (בנשמתם בגופם ובממונם) לכולל חב"ד יהי' בעצמו בבחינת „כולל חב"ד", עי"ז שעבודתו הפרטית תהי' באופן ד„אל מול פני המנורה יאירו שבעת

---

11) ראה תניא פ"ג: „חב"ד נקראו אמות ומקור למדות כי המדות הן תולדות חב"ד".

12) ומעלה יתירה בצדקת ארץ ישראל שבה מודגשת ביותר אחדותם של כל בנ"י, כיון שלכאו"א מישראל יש חלק בארץ ישראל (ד' אמות או אמה אחת), כפי שמצינו להלכה בנוגע לפרוזבול (ראה לקו"ש ח"כ ע' 309 בהערות. וש"נ).

13) פרש"י ברכות ח, רע"א.

14) פרש"י חוקת כא, כא.

15) ראה תניא פ"ב.

16) ומודגש בפרשת השבוע — שכשאמר משה „מאין לי בשר לתת לכל העם הזה", השיב לו הקב"ה „אספה לי שבעים איש גו' ואצלתי מן הרוח אשר עליך ושמתי עליהם וגו'" (יא, יג ואילך), היינו, שגם השפעת בשר גשמי צ"ל באמצעות משה דוקא (ראה לקו"ת פרשתנו לא, ד. לג, ב. סה"מ תר"ס ע' קיב. סה"מ קונטרסים ח"ב שלג, ב. ועוד).

17) כמודגש בהתחלת הכתוב „ראיתי והנה מנורת זהב כולה".

18) ראה זח"ג עג, א. לקו"ת ויקרא ה, ג. נצבים מו, א. ובכ"מ.

הנרות", ויפעל כן גם בהזולת, ועד לה־פעולה בכל בנ"י[19].

ועוד והוא העיקר — שע"י ההוספה במצות הצדקה[20] ש"מקרבת את הגאו־לה"[21], ובפרט צדקת ארץ ישראל, מקר־בים וממהרים ומביאים תיכף את הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, שאז תהי' ההתאחדות וההתכללות האמיתית דכל בנ"י, "שבעת הנרות", כמ"ש[22] "עוד אקבץ עליו לנקבציו", שמתקבצים ונעשים מציאות אחת, "מנורת זהב כולה", "מקשה זהב עד ירכה עד פרחה מקשה היא".

ואדרבא: תורה איז געגעבן געוואָרן (באַ מתן תורה) דוקא אין עוה"ז התחתון שאין תחתון למטה ממנו (ביז אַז „לא בשמים היא"[12]), ווייל דער עיקר כח ותוקף פון אלקות איז ניכר בגלוי דוקא אין גשמיות העולם הזה, אין דעם תחתון שאין תחתון למטה ממנו, און דוקא דורך עבודת התחתונים ווערט אויפגעטאָן המ־שכת העצמות, ביז אַז דורך אויפהויבן דעם תחתון ביותר ווערט אויפגעהויבן דער גאַנצער „בנין", אויך די דרגות הכי עליונות, פון סדר השתלשלות[13]:

און די שלימות הגילוי פון דעם כח פון „ירחא תליתאי" (דער כח פון מ"ת) איז – כ"ח בסיון, ווען מ'האָט די שלי־מות פון דריי מאָל דריי טעג אין ירחא תליתאי.

ג. וועט מען עס פאַרשטיין לויט דער שייכות מיט פרשת שלח – וועלכע מ'האָט געלייענט לעצטן שבת, שמיני' מתברך[14] כ"ח סיון (ברוב השנים)[15]:

„שלח לך אנשים ויתורו את ארץ כנען" גייט אויף שליחות המרגלים דורך משה רבינו צו גיין באַקוקן די לאַנד בכדי פאַרלייכטערן די כניסה לארץ און כיבוש הארץ[16].

והיות אַז דאָס איז געווען אַ שליחות פון משה רבינו – טאַקע אין אַן אופן פון „שלח לך, אני איני מצוה אותך", נאָר „לך, לדעתך"[17] – איז דאָס אָבער לדעתו של משה רבינו (און דער אויבערשטער איז מעיד אַז דאָס איז „לדעתך", דעתו של משה), וואָס ענינו בכלל איז ספירת הדעת[18] – איז פאַרשטאַנדיק, אַז די שליחות (מצד דעתו של משה) האָט זיך זיכער אויסגעפירט, און דאָס האָט ב־פועל פאַרלייכטערט די וועג אַז מ'זאָל דערנאָך קענען איינגעמען און אַרייַנגיין אין ארץ ישראל ווי דאָס איז געווען דורך יהושע, תלמידו וממלא מקומו של משה[19].

דער ענין אין עבודת השם:

יעדער איד דאַרף „כובש זיין" חלקו בעולם אין ארץ הלזו התחתונה און מאַכן דערפון „ארץ ישראל"[20], בלשון

---

9) תנחומא וארא טו. שמו"ר פי"ב, ג. ועוד.

10) תניא פל"ו.

11) ראה בארוכה לקו"ש חט"ז ע' 212 ואילך. ובכ"מ.

12) נצבים ל, ג. וראה ב"מ נט, ב. שבת פט, א.

13) ראה תו"א בראשית ד, א. וראה לקו"ש ח"ח ע' 33.

14) ראה זח"ב סג, ב. פח, א.

15) ולפעמים חל כ"ח סיון בש"פ שלח עצמה. ובשנה זו כ"ח סיון הוא ביום שני בשבוע, שהוא מ„בתר שבתא", ולכן יכול להבדיל בו באם לא הבדיל במוצש"ק (פסחים קו, סע"א).

16) ראה רמב"ן ר"פ שלח.

17) פרש"י שם.

18) תניא פמ"ב. וראה לקו"ש ח"ו ע' 247 ואילך.

19) ראה בארוכה שיחת ש"פ שלח, מבה"ח תמוז (לעיל ע' 617 ואילך).

20) כפתגם הצמח־צדק: „מאַך דאָ ארץ ישר־אל" (אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"א ע' תפה).

הידוע[21] — לעשות לו יתברך דירה בתחתונים.

ובכדי דאָס אויספירן בנקל האָט מען די שליחות „ויתורו את ארץ כנען"[22], כמבואר דער פירוש אין דעם[23], אַז „ויתורו" איז מלשון „ויתרון ארץ בכל היא"[24]: דער יתרון ומעלה וואָס איז דאָ דוקא אין ארץ (תחתונים), מער ווי אין שמים און אַלע מדריגות למעלה (כ־ידוע[25] אַז דוקא אין ארץ איז דאָ דער כח הצמיחה יש מאין וואָס נעמט זיך מלמעלה פון סדר השתלשלות). ובפרט דורך דער עבודה אין ארץ פון מברר זיין די בירורים למטה, וואָס דורך דעם ווערט אַ יתרון, יתרון האור מן החושך[26].

ובשרש הענינים[27]:

ארץ איז ספירת המלכות, וועלכע האָט אין זיך אַ יתרון ומעלה לגבי אַלע ספירות שלמעלה ממנה. און נאָכמער — „ויתרון ארץ בכל היא": מלכות איז כולל אין זיך „כל", ספירת היסוד, וועל־כע איז אין זיך כולל אַלע (כל) ספירות שלפני זה, און דער יתרון אין מלכות ווערט אויפגעטאָן דורך דער המשכה פון „כל" (אַלע ספירות וואָס זיינען נכלל אין ספירת היסוד) אין ארץ (מלכות), אָבער דערנאָך, בשעת דאָס ווערט נמשך אין מלכות, ווערט נתגלה דער יתרון וכח פון מלכות (לגבי אַלע ספירות), „אשת חיל עטרת בעלה"[28], אַ יתרון שלא בערך מער ווי ס'איז דאָ אין די אַנדערע ספירות (שלמעלה ממלכות), ביז אַז עס ווערט דער „יתרון ארץ בכל היא" — אַז דער „בכל" שטייט בגלוי אין מלכות דוקא, כידוע אַז ענינה של מלכות איז צו אַרויסברענגען יעדער זאַך בגלוי ובש־לימות, און אין אַן אופן של תוקף וקיום (וואָרום דער כח ותוקף פון אלקות ווערט נתגלה דוקא אין און דורך ארץ, און דער בירור פון דעם תחתון ביותר (וואָס נעמט זיך פון מלכות, די ספירה האחרונה און שרש אויף עולמות בי"ע), ביז אַז דאָס הויבט אויף אַלע דרגות שלמעלה, כנ"ל).

און דאָס איז דער פירוש אין „ויתורו את ארץ כנען": דורך דער עבודה פון אַ אידן אין ארץ (כנען) דוקא, איז ער דאָרט מגלה דעם יתרון וואָס איז דאָ אין ארץ, „יתרון ארץ בכל היא", וואָס דאָס גיט דעם כח צו כובש זיין און אַריינגיין אין דעם ארץ און זיך דאָרט באַזעצן באופן של קביעות, ביז מאַכן דאָרט (אין די תחתונים) אַ דירה לו יתברך.

עפ"ז איז פאַרשטאַנדיק די שייכות מיט כ"ח סיון (וועלכער ווערט געבענטשט פון שבת פ' שלח) — ווען עס שטייט בגלוי דער כח פון „ירחא תליתאי" — דער כח וואָס איז געגעבן געוואָרן באַ מתן תורה צו אויפטאָן און מגלה זיין דעם יתרון אין ארץ („ויתרון ארץ בכל היא"), וועלכער ערמעגלעכט אַז מ'זאָל דערפון מאַכן אַ דירה פאַרן אויבערשטן.

ד. דערפון האָט מען אַ לימוד מיוחד בדורותינו אלו:

ס'איז ידוע דער פירוש[29] אין דעם וואָס כלב האָט געזאָגט (בפ' שלח[30]

21) ראה תנחומא נשא טז. ועוד. תניא פל"ו. ובכ"מ.
22) ר"פ שלח.
23) אוה"ת שלח ע' תמו ואילך.
24) קהלת ה, ח.
25) אוה"ת שם. וראה אגה"ק ס"כ (קלב, א ואילך). ובכ"מ.
26) קהלת ב, יג.
27) אוה"ת שם.
28) משלי יב, ד.

29) תו"א ר"פ שמות.
30) יג, ל.

„עלה נעלה" (ב' עליות, וע"ד „ואנכי אעלך גם עלה"[31]) — אַז דאָס גייט אויף צוויי עליות: די ערשטע עלי' פון גלות מצרים אין ארץ ישראל ובנין בית המקדש, און די צווייטע עלי' פון גלות זה האחרון אין ארץ ישראל בגאולה האמיתית והשלימה ובנין ביהמ"ק ה־שלישי (הנצחי); און „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות"[32] — כשם ווי דער עיקר תכלית המכוון פון גלות מצרים איז בכדי מקבל זיין די תורה באַ מתן תורה (תורה הנגלית[33]), „כך כל אריכות הגלות הזה הוא כדי לזכות לגילוי פנימיות התורה שיהי' לע"ל" (ווי רש"י איז מפרש אויף „ישקני מנשיקות פיהו"[34] — „מובטחים מאתו להופיע עוד עליהם לבאר להם סוד טעמי' ומסתר צפונותי'"[35]).

און וויבאַלד אַז עס דאַרף זיין „טועמי' חיים זכו"[36] (בסוף אלף הששי, ערב שבת הגאולה[37]) — דעריבער[38] איז געווען דער גילוי פון פנימיות התורה והפצת המעינות חוצה אין (מחצית השני פון) אלף הששי, אָנהויבנדיק דורכן בעש"ט און מגיד (תורת החסידות הכללית), און דערנאָך — באופן פון התלבשות אין חכמה בינה ודעת (תורת חסידות חב"ד) — דורך דעם אַלטן רבי'ן (ובפרט נאָך דער גאולה פון י"ט כסלו, בחודש השלישי פון חדשי החורף, ע"ד חודש סיון, דער חודש פון מ"ת, חודש השלישי פון חדשי הקיץ[39]) און רבותינו נשיאינו ממלאי מקומו — וואָס גילוי תורת החסידות איז די התחלה — באופן של „טעימה" עכ"פ, אָבער דאָס גיט אַ טעם אין דעם גאַנצן ענין (כפשטות ענין של טעימה) — פון גילוי פנימיות התורה דלע"ל.

וכשם ווי באַ מתן תורה (בירחא תליתאי) איז בכללות געגעבן געוואָרן דעם כח פון „ויתורו את הארץ", צו איבערמאַכן עולם הזה התחתון, ביז אַז די וועלט זאָל מסייע זיין און מגלה זיין אלקות — אַזוי ווערט עס אויך אויפ־געטאָן דורך דעם גילוי פון פנימיות התורה והפצת המעינות חוצה ובפרט באופן של התלבשות בהשגה (חב"ד) אין שכל האדם, ביז אין שכל פון נה"ב ושכל העולם, וואָס דאָס גיט דעם כח אַז טבע העולם און די ענינים שלמטה זאָלן זיין כלים לאלקות[40].

ואדרבא: דורך גילוי פנימיות התורה (באלף הששי) קומט צו אַ חידוש לגבי מתן תורה, אַז מ'באַקומט נאָך אַ טיפערן כח צו מגלה זיין אלקות אין עולם, מער ווי ס'איז געווען (בגלוי) באַ מתן תורה (נאָר דאָס גופא איז אויך געגעבן גע־וואָרן בכח ובהעלם באַ מ"ת, ע"ד „כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש ניתן למשה מסיני"[41]): דורך נתינת התורה הנגלית, גליא דאורייתא (וואָס איז געווען בעיקר באַ מ"ת) באַקומט מען

31) מקץ מו, ד.

32) מיכה ז, טו.

33) תו"א שם.

34) שה"ש א, ב.

35) וראה לקו"ש חכ"ב ע' 77 הערה 68. וש"נ.

36) פע"ח שער השבת רפ"ג. מג"א או"ח סר"נ סוסק"א. שו"ע אדה"ז שם ס"ח. ועוד.

37) ראה אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ב ע' תקלא. סה"מ הש"ת ע' 245. ס' השיחות תש"נ ח"א ע' 254, 256. וש"נ.

38) ראה לקו"ש חט"ו ע' 282. ח"כ ע' 173.

39) אלא שכסלו שייך בעיקר לנסתר דתורה כו' — לקוטי לוי יצחק אגרות ע' רה. ע' ריז.

40) „שהטבע ממש יהי' אלקות והענינים של־מטה יהיו כלים לאלקות" — סד"ה פדה בשלום תרפ"ה (ע' פח).

41) ראה מגילה יט, ב. ועוד.

בעיקר דעם כח צו מגלה זיין גליא דקוב"ה און גליא דישראל[42], און דורך דעם אויך – גליא דאלקות אין עולם; דורך גילוי סתים דאורייתא באַקומט מען דעם כח צו מגלה זיין סתים דקוב"ה און סתים דישראל[42], און דורך דעם – סתים דאלקות בעולם, די דרגות הכי נעלות פון אלקות וואָס זיינען באַהאַלטן אין ארץ („ויתרון ארץ בכל היא"), ביז דער כח העצמות וואָס איז דאָ אין עולם הזה הגשמי דוקא (וואָס „הוא לבדו בכחו ויכלתו לברוא יש מאין כו'"[43]).

ה. דער ענין (אַז גילוי תורת החסי־דות גיט דעם כח צו מגלה זיין אלקות אין עולם וביתר שאת וביתר עוז) איז אונטערשטראָכן אין דעם לשון[44] „יפוצו מעינותיך חוצה"[45]:

מ'האָט גערעדט מערערע מאָל, אַז יעדערער פון די דריי ווערטער גיט אַרויס אַ גאַנצן ענין וביאור אין תוכן העבודה, און זייענדיק לשונות אין תורה[44], באַדייט יעדער לשון די אמיתית ושלימות פון תוכן לשון זה: „יפוצו" ב־אמיתית ובשלימות, „מעינותיך" באמיתית ובשלימות, אין „חוצה" באמיתית וב־שלימות[46].

וואָס הייסט „חוצה" בשלימות – לכ־אורה איז „חוצה" פונקט פאַרקערט פון שלימות (וואָס איז נאָר אין פנים, אין קדושה און אלקות)?!

איז דער ביאור אין דעם: וויבאַלד אַז „חוצה" איז אַ לשון בתורת אמת, באַווייזט עס אויף אמיתית הענין פון „חוצה" (כנ"ל) – וואָס באמיתית הענינים איז ניטאָ קיין „חוץ" פון דעם אויי־בערשטן ח"ו (כמ"ש „אין עוד מלבדו"[47], „אין עוד"[48]); און דאָס וואָס עס שטייט אין תורה דער לשון „חוצה" מיינט דאָס דער אמת פון דער „חוצה" – ווי „חוצה" איז מגלה אלקות, ואדרבא: דוקא אין און דורך דעם חוץ (תחתונים בהסתר אורו ית'[49]) איז ניכר בגלוי ובשלימות ובתכלית השלימות דער אמת פון אלקות, אַז „אין עוד (מלבדו)" אפילו אין „חוצה" [וע"ד די מעלה פון נסים ה־מלובשים בטבע[50]].

און דער כח אויף דאָס מגלה זיין אין „חוצה" איז – דורך „יפוצו מעינותיך", די הפצה פון די מעינות פון פנימיות התורה, באמיתית ובשלימות, באופן אַז עס ווערט נתגלה דער יתרון וכח נעלה אין „חוצה", אַז דאָס איז מסייע און מגלה אלקות, ואדרבא – באופן נעלה יותר ווי אין „פנים".

ו. ויש לומר אַז דער כח אויף דעם איז געקומען פון דעם מאסר וגאולה פון דעם אַלטן רבי'ן בי"ט כסלו (בחודש השלישי), כידוע (בשיחות רבותינו נשיאינו)[51] אַז דעמולט האָט זיך אָנגע־הויבן דער עיקר ענין פון „יפוצו מעינו־תיך חוצה":

בקשר מיט זיין גאולה שרייבט דער

---

42) ראה לקמן סי"ג.

43) אגה"ק ס"כ (קכט, ריש ע"ב).

44) משלי טז, ה.

45) כמענה המשיח על שאלת הבעש"ט „אימתי אתי מר": בעת שיתפרסם למודך ויתגלה בעולם ויפוצו מעינותיך חוצה (אגה"ק הבעש"ט הידועה – כתר שם טוב בתחלתו. ובכ"מ).

46) נתבאר בשיחת ש"פ שלח, כ"ח סיון תשמ"ו – „קובץ כ"ח סיון יובל שנים" ע' 38. לקו"ש חל"ג ע' 274.

47) ואתחנן ד, לה.

48) שם, לט.

49) תניא פל"ו.

50) ראה ד"ה כימי צאתך תשל"ח – „קובץ כ"ח סיון יובל שנים" ע' 97 ואילך.

51) ראה ס' השיחות תורת שלום ס"ע 112 ואילך.

אַלטער רבי[52]: „כשקריתי בספר תהלים בפסוק[53] פדה בשלום נפשי . . יצאתי בשלום" [וואָס דערפאַר איז בא חסידים אָנגענומען דער ניגון פון „פדה בשלום נפשי" בקשר מיט דער גאולה].

וי"ל איינער פון די ביאורים אין דער שייכות פון „פדה בשלום נפשי" מיט דער גאולה והתחלה פון דעם עיקר פון הפצת המעינות חוצה: נאָך „פדה בשלום נפשי" שטייט[53] „כי ברבים היו עמדי". וואָס דאָס באַווייזט אויף כללות הענין, אַז דער „רבים" און „רשות הרבים" פון דער גאַנצער וועלט (עלמא דפרודא) ווערט אין אַ מצב פון „היו עמדי"[54], אַז ניט נאָר וואָס מ'דאַרף ניט האָרעווען און עכ"פ עפּעס טאָן אַז דער „רבים" זאָל ניט שטערן, נאָר אדרבא: דער „רבים" שטייט „עמדי", ביז אַז דאָס איז מסייע, נאָכמער מסייע צו דעם „רשות היחיד" ליחידו של עולם, אַז דאָס זאָל זיין בתכלית השלימות ובתכלית האמיתיות (כנ"ל).

און דעריבער טוט דאָס אויף „פדה בשלום נפשי", אַז די פדי' (וגאולה) איז בדרך שלום (בלי קיין מלחמה), ועד"ד ווי ס'איז געווען בימי שלמה, אַז אַלע פעלקער זיינען בטל געוואָרן לגבי שלמה (אָן קיין מלחמה), ביז אַז זיי האָבן אים מסייע געווען („עמדי"), און דערפאַר ווערט ער אָנגערופן בשם שלמה ווייל שלום[55] הי' בימיו[56]. ביז אַז דאָס („פדה בשלום נפשי") גייט אויף תכלית ה־שלימות אין שלום, אַז די וואָס זיינען פריער געווען מנגדים „נעשים אוהבים גמורים", ווי ס'וועט זיין בשלימות ב־גאולה האמיתית והשלימה, כמ"ש[57] „אז אהפוך אל עמים (לשון רבים) שפה ברורה גו' לעבדו שכם אחד" (ווי דער מיטעלער רבי איז מבאר[58]).

ז. אין דער שלשלת פון „יפוצו מעינותיך חוצה" עצמה (דורך רבותינו נשיאינו) זיינען געווען כמה דרגות ושלבים — במשך השבעה־תשעה דורות פון דעם בעש"ט און דעם אַלטן רבי'ן ביז דורנו זה:

נאָכדעם אַלטן רבי'ן (וועלכער האָט געלעבט אין ליאָזנאָ[59] און דערנאָך אין ליאַדי[60]) זיינען רבותינו נשיאינו געווען כמה דורות אין ליובאַוויטש[61]. און דערנאָך (בדור השביעי פון בעש"ט) — האָט מען זיך איבערגעקליבן אין ראַסטאָוו[62], און דערנאָך — לעני־נגראַד[63] (אָדער פּעטערבורג, ווי עס האָט אַמאָל געהייסן[64]), ולאחרי זה — אין

52) אגרות קדוש שלו סל"ח. וש"נ.

53) תהלים נה, יט.

54) כדברי חז"ל עה"פ, שגם אנשי אבשלום התפללו בעד דוד (ירושלמי סוטה פ"א סה"ח).

55) דה"א כב, ט.

56) ושייך גם לשלמה מלשון שלימות, ש־שלימות גילוי אלקות היא דוקא כשזה באופן של „שלום" ע"י ש„רבים היו עמדי".

57) צפני' ג, ט. וראה רמב"ם הל' מלכים ספי"א וספי"ב.

58) שערי תשובה ד"ה פדה בשלום נפשי פי"א.

59) משנת תקכ"ז („שלשלת היחס וראשי פרקים מתולדות בית רבינו" — בהקדמת „היום יום").

60) מי"א מנחם אב תקס"א עד ערב שבת מברכין אלול תקע"ב (שם).

61) ק"ג שנים — מח"י אלול תקע"ג (שאז קבע אדהאמ"צ דירתו בעיר ליובאַוויטש) עד י"ז מרחשון תרע"ו (כשעזב אדמו"ר מהורש"ב ליובאַוויטש והעתיק מושבו לעיר רוסטוב ע"נ דאן) — שם.

62) בשנת תרע"ו (כבהערה הקודמת).

63) משנת תרפ"ד עד לאחרי מאסר וגאולה של כ"ק מו"ח אדמו"ר בשנת תרפ"ז, שאז העתיק מושבו למושבה מאַלאַכאָווקא — סמוכה למאָסקווא (שם).

64) ובימים אלה יש שקו"ט להחזיר שמו ל־פּעטערבורג. ראה שיחת ש"פ קרח, ג' תמוז (לקמן ע' 658).

פולין[65], ביז — דער לעצטער שלב — ווען מ׳איז אנגעקומען אין ארצות ה־ברית[66], אין „חצי כדור התחתון״, און דארט גופא בכמה מקומות, ביז מ׳איז אנגעקומען אין דעם ארט און בנין וואו מ׳געפינט זיך איצטער, ביהכנ״ס וביהמ״ד ליובאוויטש — אין „770״ (ווי עס ווערט אנגערופן).

זעט מען בפועל, אז אע״פ וואס בכל דורות ומקומות אלו איז געווען התגלות החסידות והפצת המעינות חוצה — איז דוקא אין „חצי כדור התחתון״, וואו מתן תורה איז ניט געווען (בגלוי)[67] — גע־ווארן די התגלות החסידות והפצת המעינות חוצה ביתר שאת וביתר עוז, מער ווי אין די דורות ומקומות שלפני זה, ביז באופן אז דאס דערגרייכט אין חוצה שאין חוצה ממנה — ווי מ׳זעט בפשטות[68].

און דער טעם לזה איז — כנ״ל בנוגע צו דעם גילוי פון מ״ת דוקא למטה — ווייל דוקא אין דעם תחתון ביותר ווערט נתגלה דער „יתרון ארץ בכל היא״, ועד״ז איז פארשטאנדיק לאחרי מתן תורה עצמו, אז דוקא אין דעם „חצי כדור התחתון״, וואו מ״ת איז ניט געווען בגלוי, ווערט די שלימות ההתגלות פון דעם „יתרון ארץ בכל היא״, די שלימות גילוי התורה ופנימיות התורה באופן פון יפוצו מעינותיך חוצה.

ווי ס׳איז מרומז אויך אין דעם מספר הכתובת פון דעם בנין (דער מרכז פון ליובאוויטש בחצי כדור התחתון, פון וואנעט אורה יוצאה לכל העולם כולו בהפצת המעינות חוצה) — 770, כידוע אז 770 איז די גימטריא פון „פרצת״ (ווי אידן האבן מפרסם געווען).

ויש לומר השייכות: מספר שבעה באווייזט אויף דער שלימות פון שבעת ימי ההיקף, שבעה מדות — די השפעה אין אלע דרגות (פון חסד ביז מלכות). און די שלימות פון שבעה איז — מאה פעמים שבעה (700) צוזאמען מיט עשר פעמים שבעה (70), וואס צוזאמען ווערט דאס — 770. און דעריבער איז דאס בגימטריא „פרצת״ — ווייל די שלימות פון „פרצת״, די פריצה פון אלע הגבלות פון זמן ומקום („ופרצת ימה וקדמה וצ־פונה ונגבה״[69]) — ביז באופן פון „פרצת״ בתוך „פרצת״ — ווערט (ניט דורך ארויסגיין פון זמן ומקום, נאר אדרבא —) דוקא אין און דורך שלימות הזמן (והמקום) — 770, די שלימות פון מספר שבעה (זיבן הונדערט און זיבעציק).

דאס הייסט, אז צוזאמען דערמיט וואס מ׳האט די פריצה שלמעלה ממדידה והגבלה („פרצת״) — האט מען אויך דעם מקום וזמן, ווי דער דין איז בפשטות אז דער מקום ובנין דארף

---

65) באסרו חג סוכות תרפ״ח נסע מרוסיא ו־התיישב בריגא, לטביא. בשנת תרצ״ד העתיק מושבו לעיר ווארשא, פולין. ובשנת תרצ״ו — העתיק את מושבו לעיר אטוואצק (שם), עד שהעתיק משם בחודש אלול תרצ״ט, עד שהגיע לריגא בה׳ טבת ת״ש. ובחודש אדר ראשון יצא משם (לשטאקהאלם) בדרכו לארצות הברית והגיע לשם בט׳ אדר שני ה׳ש״ת (ראה מבוא לאגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״ה).

66) בט׳ אדר שני ה׳ש״ת (כבהערה הקודמת). ובכ״ח סיון תש״א הגיע כ״ק אדמו״ר שליט״א והרבנית הצדקנית נ״ע — יבחל״ח. המו״ל.

67) מכתב כ״ק מו״ח אדמו״ר — נדפס בסה״מ תש״ח ע׳ 232 ואילך. וראה אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״ב ע׳ שלא. אגרות קודש אדמו״ר מהורש״ב ח״א ע׳ קסא. ועוד.

68) ראה גם ה„פתח דבר״ ל„קובץ כ״ח סיון יובל שנים״.

69) ויצא כח, יד.

האָבן ד' כתלים און אַ גג ותקרה וכו', נאָר דער זמן ומקום עצמו שטייט באופן של „פרצת" (ואדרבא: דוקא זמן ומקום למטה טוט אויף שלימות ענין הפריצה כנ"ל). ע"ד ווי עס שטייט אויף ירו־שלים[69], אַז „פרזות תשב ירושלים" און צוזאַמען דערמיט „ואני אהי' לה חומת אש סביב".

און דער אָרט — „770" גימטריא „פרצת" — ווערט דער מקור ונתינת כח אויף יפוצו מעינותיך חוצה בכל העולם כולו, באופן אַז מ'טוט אויף דעם „פרצת" און דעם יפוצו מעינותיך אין „חוצה", ביז אין חוצה שאין חוצה ממנה, אַזוי אַז מ'איז דאָרט מגלה דעם „יתרון ארץ בכל היא".

ולהוסיף: דער סך־הכל ושלימות[71] פון די שבעים (70) שנה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר[72] איז געווען דוקא אין „חצי כדור התחתון", אין „770", וואו ער איז אָנגעקומען און געלעבט במשך די עשר שנים האחרונות בחיים חיותו בעלמא דין; און דאָס גיט דערנאָך דעם כח צו דעם דור השביעי שלאחרי זה (כנגד ספירת המלכות) — עס זאָל זיין די שלימות הגילוי פון שבעים (עשר פעמים שבעה) צוזאַמען מיט שבע מאות (מאה פעמים שבעה) = 770, ושלימות הגילוי פון „ויתרון ארץ (מלכות) בכל (יסוד[73]) היא".

וע"פ המדובר לעיל איז מובן, אַז דער ענין קומט אַרויס בגילוי ביום כ"ח סיון, ווען עס איז מגלה דעם כח פון דעם חודש — „ירחא תליתאי", און דעם כח פון „אוריאן תליתאי", און דעם כח פון „עמא תליתאי", און פון אַלע ענינים של „תליתאי" פאַרבונדן מיט מתן תורה (ווי רב נסים גאון[74] רעכנט אויס), ובכללות — דער כח פון מלכות, „ויתרון ארץ בכל היא", וואָס איז מגלה „כל" בשלימות ובאופן של קיימא (שלש פעמים שלש פעמים שלש)[75], און דוקא אין גשמיות העולם, באופן של ממש (ממשות).

ח. ע"פ הנ"ל איז פאַרשטאַנדיק די שליחות („שלח לך") פון דעם דור:

אע"פ וואָס מ'געפינט זיך אין עוה"ז התחתון אין גלות, אין גלות זה האחרון, און דאָרטן גופא — אין חצי כדור התחתון [דער מקום פון רוב מנין ובנין פון אידן בזמננו] — איז אדרבא: דוקא פון און אין דעם מצב ומקום התחתון

70) זכרי' ב, ח.

71) כידוע שבעת הסתלקות הצדיק נעשה ה־עלי' של „כל מעשיו ותורתו ועבודתו אשר עבד כל ימי חייו" (אגה"ק ביאור לסי' ז"ך), ונמשך ומתגלה ומאיר מלמעלה למטה (שם סי' כ"ח).

72) שנולד בליובאַוויטש בשנת תר"ם (י"ב תמוז), ונסתלק בניו־יאָרק ושם מ"כ, בחצי כדור התחתון, בשנת תש"י (יו"ד שבט).

73) וידוע שכ"ק מו"ח אדמו"ר הוא כנגד ספירת היסוד (ושמו (הראשון) יוסף, שהוא מדת היסוד, לאחרי החמש מדות כנגד החמשה נשיאים שלפניו — ראה ס' השיחות תש"ה ע' 60. ועוד.

וי"ל שכל דורנו האנשים נשים וטף הוא ספירת המלכות.

74) וע"ד הרמז יש לומר, ש„נסים" מורה על גילוי הנסים בעולם [וכנראה במיוחד בשנים אלו — שנת תש"נ ר"ת תהא שנת נסים, ושנת תנש"א ר"ת תהא שנת אראנו נפלאות, כמדובר כמ"פ], כולל גם — הנסים המלובשים בטבע (ראה מכתבי חודש ניסן ש.ז. נדפסו לקמן ע' 894 ואילך), ו„גאון" מרמז על גילוי שלימות התורה, כידוע מהטעמים לקריאת שם גאון, כי גאון הוא בגימטריא ששים, שמורה על בקיאותו בששים מסכתות (ראה הקדמת המאירי לאבות). וי"ל שלכן, דוקא ר' נסים גאון מבאר הפרטים בקשר התורה לענין תליתאי, שמורה על הקיום (חוט המשולש) שנעשה ע"י מ"ת, כנ"ל ס"א.

75) ראה לקמן סי"ג.

והגלות, ביז אין דעם תחתון שאין תחתון למטה ממנו — ווערט אויפגעטאָן די גרעסטע עלי' און פון אַלע דרגות און דורות שלפני ושלמעלה זה, כולל אויך פון חצי כדור העליון און פון די דורות נעלים ביותר (דור דיעה של משה רבינו וכיו"ב), ביז די עלי' פון דער גאולה האמיתית והשלימה, אַ גאולה פאַר כל העולם כולו (אויך חצי כדור העליון), און פאַר אַלע דורות כולם.

וכידוע אַז דער וואָרט „גאולה" ווערט אויפגעמאַכט דוקא דורך דעם וואָרט „גולה" בתוספת אל"ף — ווייל די גאולה ווערט נמשך אין און קומט פון און דורך (דער עבודה פון) אַריינשטעלן דעם אל"ף פון אלופו של עולם אין גלות (גולה)[76]:

און וויבאַלד אַז די גאולה קומט דוקא פון דעם מצב הכי תחתון, דערי־בער טוט עס אויך אויף אַז עס זאָל זיין אַ גאולה האמיתית והשלימה, אַ גאולה נצחית שאין אחרי' גלות, אויף וועלכע מ'זאָגט „שיר חדש" לשון זכר[77] [ניט ווי די גאולות שלפני זה, וועלכע האָבן דערנאָך געהאַט אַ הפסק], וואָרום דוקא דורך דעם וואָס דאָס קומט פון דעם תחתון ביותר, ווערט נתגלה דער אמת ושלימות הענין, אַז דאָס איז אַ דבר של קיימא, און באופן גלוי דוקא — די מעלה פון ספירת המלכות (שענינה גילוי באופן של קיימא, כנ"ל ס"ג), וואָס ווערט נתגלה בשלימות בגאולה האמיתית וה־שלימה ע"י משיח צדקנו (ממלכות בית דוד), כידוע אַז דער אויפטו פון גאולה איז — גילוי אלקות למטה בעוה"ז התחתון שאין תחתון למטה ממנו, אַ דירה לו (לעצמותו) יתברך בתחתונים, וואָס אין אַ דירה שטייט דער עצם ב־גלוי. -- ווי"ל אַז דאָס איז אויך דער שרש פון וואָרט „גאולה" און „גולה" — מלשון גילוי.

ט. ויש לומר, אַז כשם ווי דאָס איז בנוגע צו כללות ענין הגלות וגאולה, אַזוי איז דאָס אויך בנוגע צו דעם מקום פרטי וואו מ'געפינט זיך אין „חצי כדור התחתון" — אַז היות אַז דאָס (דער „מקדש מעט"[78]) איז דער אָרט וואו כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו האָט קובע גע־ווען מקומו, אַלס דער מקור אויף הפצת המעינות חוצה בכל העולם כולו, ווערט דוקא אין און פון דעם אָרט אויפגעטאָן די גאולה און בנין בית המקדש השלישי, „מקדש אד' כוננו ידיך"[79],

דאע"פ אַז מקומו איז אין ארץ ה־קודש, אין ירושלים עיר הקודש, על הר הקודש — איז אָבער וויבאַלד אַז דאָס ווערט אויפגעטאָן דורך „מעשינו ועבוד־תינו כל זמן משך הגלות"[80], ובפרט אין סיום פון זמן הגלות דורך דער עבודה פון „יפוצו מעינותיך חוצה" — האָט מען אין דעם אָרט, און דוקא אין דעם אָרט, די גאַנצע צוגעגרייטקייט צום „מקדש אד' כוננו ידיך",

76) לקו"ת בהעלותך לה, ג. וראה שיחת ש"פ אחו"ק וש"פ אמור (לעיל ע' 504 ואילך. 520 ואילך).

77) מכילתא בשלח טו, א. תוד"ה וה"ג ונאמר — פסחים קטז, ב.

78) יחזקאל יא, טז. מגילה כט, א.

79) בשלח טו, יז.

80) וגם לפני זה הרי הוא „מקדש מעט". ולהעיר מ„התמים" (חוברת ב ע' קכו [קי, ב]) דברי אחד מזקני חסידי האָמיל בימי הצ"צ: מיום שחרב ביהמ"ק וקד"ק עד אשר ירחם השי"ת וישלח לנו גואל צדק . . ויבנה לנו את ירושלים וביהמ"ק עם הקד"ק, הנה ליובאַוויטש הוא ירושלים שלנו, והבית הכנסת אשר כ"ק אדמו"ר מתפלל בו הוא ביהמ"ק שלנו וכו'.

81) תניא רפל"ז.

ביז אַז תיכף ומיד ווערט אין דעם אָרט דער גילוי פון „מקדש אד' כוננו ידיך" — וואָס דאָס קען דאָך כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו מאַנען און אויס־פירן, אַז צום אַלעם ערשטן ווערט דער גילוי פון „מקדש אד' כוננו ידיך" אין דעם אָרט („זיבן הונדערט און זיבעציק") וואו ער האָט געלעבט און געטאָן עבו־דתו במשך עשר שנים האחרונות שלו, דער סך־הכל פון כל עבודתו (כנ"ל).

און דוקא דורך דעם סיום העבודה אין חצי כדור התחתון, ביז אין דעם תחתון תחתון ביותר — „הויבט מען אויף" און מ'איז מגלה דעם גאַנצן בנין פון „מקדש אד' כוננו ידיך", ביז אויף דעם גג של הבנין, וואָס „מלך המשיח . . עומד על גג בית המקדש והוא משמיע להם לישראל ואומר ענוים הגיע זמן גאולתכם"[82] — ווערט דאָס אַלץ „אויפ־געהויבן" (אויפגעטאָן) דורך דער עבודה (הגבהה) פון דעם תחתון ביותר.

ותיכף ומיד ממש — „וארו עם ענני שמיא"[83] — ווערן אַלע אידן, „בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו"[84], איבערגע־שטעלט אין ארצנו הקדושה, צוזאַמען מיטן בית המקדש השלישי וואָס מ'האָט דאָ, און מ'נעמט דאָס אַלץ מיט צוזאַמען, צוזאַמען מיט „כספם וזהבם אתם"[85], די עבודה פון אהבת ה' ויראת ה'[86], וואָס דאָס איז כולל אַלע מצוות עשה און אַלע מצוות לא תעשה[87].

י. דער לימוד דערפון:

82) ילקוט שמעוני ישעי' רמז תצט.
83) דניאל ז, יג. סנהדרין צח, א.
84) בא י, ט.
85) ישעי' ס, ט.
86) ראה תו"א ר"פ וישב.
87) ראה תניא פ"ד.

שטייענדיק אין אַ זמן ומקום זכאי — בחודש השלישי, און אַ בית משולש, בית תורה תפלה ומעשים טובים (דער „חוט המשולש" פון תורה עבודה וגמילות חסדים), און דעמולט גופא, אין דעם טאָג פון כ"ח סיון — ווען עס שטייט בגלוי דער כח פון גאַנץ חודש השלישי (ג' פעמים ג'), שענינו: המשכת וגילוי אלקות למטה באופן של קיימא —

באַקומט יעדער איד אַ תוספת כח און שטאַרקייט צו מקיים זיין די שליחות פון אונזער דור — וועלכער האָט די שליחות און אָנזאָג פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, אַז מ'דאַרף שטיין „עמדו הכן כולכם"[88] אויף מקבל זיין די גאולה האמיתית והשלימה, ובראשם — משיח צדקנו, דוד מלך ישראל.

און זייענדיק די שליחות פון דעם דור — דער חידוש פון דעם „תלמיד ותיק" בדורנו (וואָס כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש שניתן למשה מסיני) — איז פאַרשטאַנדיק, אַז בשעת אפילו אַ קליין קינד זאָגט בימינו אלה אַז ער האָפט און בעט אַז משיח וועט קומען — איז דאָס אַ חידוש אמיתי אין תורה, ביז אַז דאָס ווערט אַ חלק פון דעם „חידוש תורה" וואָס „מאתי תצא"[89], פון דעם אויבערשטן אַליין, וואָרום דער אויבער־שטער איז מסכים צו די ווערטער און בקשות פון אידן — „נער ישראל ואוהבהו"[90], און דער אויבערשטער איז מגלה זיין אהבה בפשטות ממש, באופן שלמעלה ממדידה והגבלה, וביחד עם זה — בגלוי למטה מטה, אין עולם הזה התחתון שאין תחתון למטה ממנו.

88) אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ג ע' רעט.
89) ישעי' נא, ד. ויק"ר פי"ג, ג.
90) הושע יא, א.

ובפרט אַז מ׳האָט דערצו דעם סיוע פון כל עניני העולם — „ברבים היו עמדי״ — אַזוי אַז אַלע עניני העולם זיינען מסייע און פירן צו דער איין און איינציקער מטרה: די גאולה האמיתית והשלימה.

יא. אין דעם אַלעם קומט צו נאָכמער דורך דעם וואָס מ׳וועט געבן יעדערן אַ שליחות — מ׳מאַכט יעדערן פון די נמצאים כאן פאַר אַ שליח מצוה לצדקה, דורך געבן אים אַ שטר לצדקה און ער איז דערנאָך מוסיף מדילי׳,

וגדולה צדקה שמקרבת את ה־גאולה[91], ביז אַזאַ קירוב וזירוז אַז עס בלייבט ניט קיין איין רגע פנוי, נאָר גלייך פון אונזער צוזאַמענטרעפן זיך איצטער דאָ — „כאיש אחד בלב אחד״[92] [ווי דאָס איז געווען שוין בראש חודש סיון, און פון ראש ווערט עס נמשך על ובכל ימי החודש, ועאכו״כ ביום כ״ח בו — דער טאָג וואָס ער איז דער כח פון דעם גאַנצן חודש] — גייט מען אין ארץ הקודש,

ותיכף ומיד, ועוד והוא העיקר — ממש, באופן של ממשות, אָנהויבנדיק פון דעם גילוי פון דעם „חלק אלוקה ממעל[93] (און ווי דער אַלטער רבי איז מוסיף[94]:) ממש״, און דוקא אַלס נשמות בגופים צוזאַמען, ואדרבה — מיט אַ הוספה אין בריאות הגוף און בריאות הנשמה, און אויך — אין בריאות כל העולם כולו, ביז אַז עס ווערט נתגלה ווי דער גאַנצער וועלט ווערט באַשאַפן בכל רגע ורגע מאין ליש פון עצמותו ית׳[94], דורך תורה — אסתכל באורייתא וברא עלמא[95].

ועוד והוא העיקר: פון דעם דיבור בכל ענינים אלו, וועלכער איז פאַרבונדן מיט דיבורו של הקב״ה — איז דיבורו של הקב״ה חשיב מעשה[96], ווערט די מעשה של הקב״ה, וואָס די מעשה העיקרית שלו איז — גלייך אַראָפּברענ־גען און מגלה זיין (מיט אַלע פירושים שבדבר) די גאולה האמיתית והשלימה, תיכף ומיד ממש בפשטות.

* * *

[התפללו תפלת ערבית, ולאחרי התפלה המשיך[97] כ״ק אדמו״ר שליט״א:]

יב. נוסף אויף דעם וואָס כ״ח סיון איז אַ המשך צו כ״ז (זך) סיון (כנ״ל ס״א), וואָס דאָס רעדט זיך בעיקר וועגן דער עבודה פון אַ אידן אין וועלט (ביז אין חצי כדור התחתון), איז ער אויך אַ הכנה והקדמה צו דעם יום שלאחריו — כ״ט סיון, ערב ראש חודש (תמוז), וואָס רעדט זיך בעיקר וועגן דער התאחדות פון אַ אידן מיט דעם אויבערשטן (וואָס קומט בכח פון דער עבודה בכ״ח סיון).

דער ענין אין דעם:

בערב ראש חודש ווערט דער אור הלבנה נעלם לגמרי אַלס הכנה צו דעם מולד חדש בראש חודש. ובלשון

---

91) ב״ב י, א.

92) פרש״י יתרו יט, ב.

93) איוב לא, ב.

94) בתניא רפ״ב.

95) זח״ב קסא, א־ב.

96) ב״ר פמ״ד, כב. אוה״ת שמות ס״ע ב׳תשב ואילך.

97) לאחרי התפלה הכריז הגבאי שי׳ שתהי׳ כעת הפסקה ואח״כ יחלק כ״ק אדמו״ר שליט״א את הקונטרס והשטרות לצדקה. וכ״ק אדמו״ר שליט״א אמר (בחיוך): אַנשטאָט מאַכן אַ הפסקה, וועט מען איצטער מאַכן אַ המשך (ביז עס וועלן אָנקומען די קונטרסים). וראה לקמן בהשיחה. המו״ל.

הכתוב[98]: דורך דעם „יפקד מושבך" (העלם הלבנה) בערב ראש חודש („מחר חודש"), ווערט דער „ונפקדת" (מולד הלבנה בראש חודש), דער יחוד שימשא וסיהרא[99].

ובעבודת השם פון אידן – וועלכע זיינען דומין ומונין ללבנה[100]: בערב ראש חודש איז די שלימות העבודה פון אַ אידן, ווען ער שטייט בתכלית הביטול (בדומה צו דער לבנה וואָס איז דעמולט בהעלם), און דאָס ברענגט גלייך די עלי' פון דער נשמה („ונפקדת") – דער יחוד וזיווג פון כנסת ישראל (מלכות, סיהרא) און דעם אויבערשטן (ז"א, שמש), און אַזוי אויך דעם יחוד פון יעדער איד אַלס יחיד („ואתם תלוקטו לאחד אחד"[101]) מיט עצמות ומהות – אַזוי אַז זיי ווערן איין מציאות ממש, באחדות אמיתית – „והיו לבשר אחד"[102], ביז אין אַן אופן פון יחידו[103], ביז – נאָך העכער פאַר יחיד.

וואָס דעמולט איז דאָך זיכער ניט שייך קיין ענין פון הפסק ח"ו[104], וואָרום אדרבא: ס'איז דאָ דוקא נאָר אַן ענין פון התאחדות, און התאחדות בתכלית ה־שלימות.

ונוסף אויף דעם ענין ההתאחדות (צווישן אידן מיט דעם אויבערשטן) אין „והיו לבשר אחד" – איז דאָ אַ צווייטער ענין אין „והיו לבשר אחד": די תוצאות וואָס קומען דערפון אַרויס – אַז עס ווערן געבאָרן „תולדות" – „תולדותיהם של צדיקים מעשים טובים"[105],

ביז אַזוינע מעשים טובים (וואָס זיינען ניט קיין באַזונדער זאַך פון „והיו לבשר אחד", נאָר מעשים טובים) דורך וועלכע אַ איד (בגופו ונשמתו) ווערט אַ „שותף להקב"ה" (באופן של התאחדות) אין אַלע דעם אויבערשטן'ס ענינים, כולל ועיקר – אין ברענגען די גאולה האמיתית והשלימה, וואָס כדי דער אויבערשטער זאָל דאָס דורכפירן בשלימות דאַרף ער (כביכול) האָבן די השתתפות פון יעדער איד, און דוקא אַלס נשמה בגוף, אַז דורך „מעשינו ועבודתינו" קומט די גאולה, און מ'דאַרף כביכול אָנקומען אַז דער איד זאָל מסכים זיין, און נאָכמער – ער זאָל וועלן און מכריז זיין, אַז ניט נאָר וואָס „הגיע זמן גאולתכם"[106], נאָר ס'איז שוין דאָ די גאולה בפשטות, כמדובר לעיל (סו"ס ח) אַז גאולה איז מלשון גילוי – דער גילוי פון אלופו של עולם אין „גולה" (וואָס ווערט דורך דער עבודה פון אַ אידן אין גלות).

יג. און דער כח אויף דערגרייכן די התאחדות בערב ראש חודש [הן מלמטה למעלה, די התאחדות פון אידן מיטן אויבערשטן, ווי אידן דאַרפן אָנקומען צו דעם אויבערשטן, און הן מלמעלה למטה – דער אויבערשטער מיט אידן, ווי דער אויבערשטער דאַרף כביכול אָנקומען צו אידן] – קומט פון דעם יום שלפניו, כ"ח בחודש, וועלכער איז פאַרבונדן מיט דעם כח פון (מתן) תורה (ענינו פון חודש השלישי), ובפרט פון גילוי פנימיות התורה למטה (כנ"ל בארוכה):

דורך תורה ווערט די התקשרות

98) שמואל־א כ, יח.

99) ראה דרושי מחר חודש – סה"מ תקס"ז ע' מח ואילך. אוה"ת בראשית ד, סע"ב ואילך. ועוד.

100) סוכה כט, א. ב"ר פ"ו, ג. זח"א רלו, ב.

101) ישעי' כז, יב.

102) בראשית ב, כד.

103) ראה תו"א וארא נח, ב ואילך. ובכ"מ.

104) ראה לעיל הערה 97.

105) פרש"י ר"פ נח.

106) ראה לעיל ס"ט.

והתאחדות פון אידן מיטן אויבערשטן, כמאמר הידוע[107] „תלת קשרין[108] אינון מתקשראן דא בדא, קוב״ה אורייתא וישראל, וכל חד דרגא על דרגא סתים וגליא כו׳״, און דורך דער התקשרות פון ישראל ואורייתא ווערן ישראל פאַרבונדן מיט קוב״ה, ביז אַז ישראל וקוב״ה כולא חד (נאָך העכער ווי די התקשרות ע״י אורייתא, וואָס דערפאַר זיינען דאָ „תלת קשרין״[109]).

און אין דער התקשרות גופא זיינען פאַראַן צוויי אופנים וסדרים, כידוע[110]: (א) גליא דישראל פאַרבינדט זיך מיט גליא דתורה און מיט גליא דקוב״ה, און סתים דישראל פאַרבינדט זיך מיט סתים דתורה און סתים דקוב״ה[111], (ב) גליא דישראל פאַרבינדט זיך מיט סתים דישראל, און סתים דישראל מיט גליא דתורה, און גליא דתורה מיט סתים דתורה, און סתים דתורה מיט גליא דקוב״ה און גליא דקוב״ה מיט סתים דקוב״ה.

ואלו ואלו דברי אלקים חיים[112] — מ׳האָט ביידע אופנים וענינים צוזאַמען אין אַ לעבעדיקן (אלקים חיים) אופן באופן של קיום נצחי — סיי דער „חוט המשולש״ (תלת קשרין) פון גליא (גליא דישראל, גליא דתורה און גליא דקוב״ה), סיי דער „חוט המשולש״ פון סתים (סתים דישראל, סתים דתורה און סתים דקוב״ה), און סיי דער „חוט המשולש״ באופן שני — גליא בסתים, וסתים בגליא וכו׳ — אַזוי אַז מ׳האָט די אמת׳ע התאחדות פון אַלע דריי, אַזוי אַז מ׳האָט אַלע ענינים פון גליא, אַלע ענינים פון סתים, און אַלע ענינים פון סתים ווי זיי שטייען בגלוי (שלש פעמים שלש פעמים שלש), — אַלס אַן איין און איינציקע מציאות פון „יחידה ליחדך״[113].

און דער כח אויף דעם קומט פון כ״ח סיון, ווען מ׳האָט די שלימות פון שלש פעמים שלש פעמים שלש (די אַלע דריי אופנים אין דער התאחדות פון „תלת קשרין״), דער טאָג וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם שלימות גילוי הכח פון (מתן) תורה, און אויך פון פנימיות התורה, וב־אופן אַז אויך די סודות התורה שטייען בגלוי (ביז אין חוצה פון חצי כדור התחתון) — דורך וועלכער עס ווערט די שלימות ההתאחדות פון אידן מיטן אויבערשטן (יחוד שימשא וסיהרא), סיי בבחי׳ גליא און סיי בבחי׳ סתים.

און דורך דעם — ווערט נמשך די אחדות אויך אין עולם, סיי אין גליא שבעולם און סיי אין סתים שבעולם, און סיי אַז דער סתים שבעולם — ביז כח העצמות שבו — שטייט בגלוי.

יד. ועוד ועיקר, אַז דורך דעם גילוי פון יחידה שבנפש שבכל אחד ואחת מישראל — וואָס דאָס איז דער (חלק ה)משיח אין יעדער אידן[114], ובפרט אין כללות עם ישראל ווען מ׳קלייבט זיך צוזאַמען (כמה פעמים עשרה) אין אַ בית משולש (תורה תפלה ומעשים טובים) — זאָל זיין דער גילוי פון יחידה הכללית, משיח צדקנו[115],

---

107) זח״ג עג, א.

108) כן הובא בכ״מ בחסידות. וראה סה״מ תרנ״ז ס״ע כח־ט. הש״ת ע׳ 61 בהערה.

109) ראה סה״מ תרנ״ז שם (ע׳ כח ואילך). ועוד.

110) ראה אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״ג ע׳ תקלה.

111) ראה לקו״ת ויקרא ה, ג. נצבים מו, א.

112) עירובין יב, א.

113) נוסח הושענות (יום ג׳).

114) ראה מאור עינים ר״פ פינחס.

115) רמ״ז לזח״ב מ, ב. ולזח״ג רס, ב. ועוד

און עס ווערט „יחידה ליחדך" — די התאחדות פון כל הענינים ביחד אין אַן איין און איינציקער נקודה, וועלכע שטייט בגלוי אין דעם זמן ומקום פון גאולה האמיתית והשלימה, אָנהויבנדיק דוקא פון דעם דאָזיקן מקום און דעם איצטיקן זמן,

ביז אַז עס ווערט נתגלה די תכלית השלימות ותכלית האמיתית פון כל הענינים בכל העולם כולו — אַז עס ווערט אַ דירה לו יתברך בתחתונים,

און מ'האָט בשלימות דעם בית משולש, בית המקדש השלישי, „מקדש אד' כוננו ידיך",

צוזאַמען מיט דעם פאַרבונד פון יע־דער איד מיט זיין יחידה שבנפש, וואָס פאַרבינדט אים מיט יחידה הכללית, משיח צדקנו, יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, און אידן גייען צוזאַ־מען מיט דער תורה, מיט „תורה חדשה" פון משיח צדקנו[116], און דער המשך — דורך דעם אויבערשטן, „תורה חדשה מאתי תצא", ועוד ועיקר — תיכף ומיד ממש.

[אח"כ חילק כ"ק אדמו"ר שליט"א לכל אחד ואחת מהנוכחים שיחיו קובץ „כ"ח סיון — יובל שנים", ובצירוף אליו שטר של דולר, לתת אותו (או חילופו) לצדקה].

(נסמן בלקו"ש חכ"ט ע' 360 הערה 27). וראה שערי תשובה שבהערה 58. ועוד.

116) ראה שיחת יום ב' דחג השבועות בענין „תורה חדשה מאתי תצא" — לעיל ע' 566 ואילך.

משיחות יום ה' פ' קרח, בדר"ח תמוז*
וש"פ קרח, ג' תמוז ה'תנש"א

א. ג' תמוז איז דער טאָג ווען דער רבי דער שווער איז (אין יאָר תרפ"ז – פרז"ת) באַפרייט געוואָרן פון תפיסה בבית ה־אסורים („שפּאַלערקע" אין לענינגראַד), בתנאי אַז ער זאָל גלייך פאָרן אין גלות, אין עיר מקלטו[1] קאָסטראַמאַ אויף דריי יאָר[2].

בשעתו האָט מען נאָך ניט געוואוסט צי דאָס איז אַ גוטע זאַך[3] און ווי דאָס וועט זיך אויסלאָזן (וואָרום הגם אַז אַן עיר מקלט איז אַ „קלענערע" תפיסה ווי אַ בית האסורים, איז דאָס אָבער פאָרט אַ פאַר־שיקונג מיט אַלע הגבלות שבזה[4], און ס'איז נאָך געבליבן די סכנה אַז מ'קען חרטה האָבן וכו')[5]; אָבער דערנאָך, אין דעם טאָג פון י"ב תמוז[6], האָט ער (אין קאַסטראַמאַ) באַקומען די הודעה אַז מ'־באַפרייט אים, און די תעודת החופש וועט מען אים געבן אויף מאָרגן, י"ג תמוז, און דעמולט – בשעת ער איז אינגאַנצן באַ־פרייט געוואָרן – איז נתגלה געוואָרן, ווי ג' תמוז איז געווען די „אתחלתא דגאולה": נוסף אויף דעם וואָס ער איז דעמולט אַרויס פון בית האסורים און פאַרשיקט געוואָרן אין אַן עיר מקלט (אַ לייכטערער עונש) – האָט מען זיך דערנאָך דער־וואוסט אַז זיין פאַרשיקונג אין קאַסט־ראַמאַ איז געקומען אַנשטאָט דעם עונש וואָס מ'האָט אים פריער פאַר'משפט אויף היפך החיים ר"ל, וואָס דאָס וואָלט דאָך איינגעשטעלט אין סכנה און אָנגערירט – ר"ל – דעם גאַנצן המשך הענין פון הרבצת התורה וחיזוק היהדות בכלל און הפצת המעינות חוצה בפרט, און תמורת זה האָט מען פאַרלייכטערט דעם עונש און אים פאַרשיקט אין גלות[7], ביז אַז דאָס האָט דערפירט אַז מ'זאָל אים אינגאַנצן באַפרייען בי"ב־י"ג תמוז. און צוליב דעם נס איז דער טאָג באַשטימט געוואָרן[8] אַלס דער „חג הגאולה" מדי שנה בשנה.

שטעלט זיך די אויבנאויפיקע שאלה: וויבאַלד אַז די גאולה איז דאָך געווען אַ נס פון דעם אויבערשטן (וואָס דערפאַר דאַרף זיין „יודו לה' חסדו ונפלאותיו לבני

*) להמסיימות ד„בית רבקה" ולהמדריכות דמחנות־קיץ תחיינה.

1) כן נקרא ע"י בעל הגאולה („עיר מקלטי") – ראה מכתבו: ט"ו סיון תרפ"ח לחגיגת י"ב תמוז הראשונה (נדפס באגרות קודש שלו ח"ב ע' פ. וש"נ). י"ז אייר תרצ"ד (נדפס שם ח"ג ע' עט. וש"נ). ועוד.

2) פרשת המאסר והגאולה – ראה לקו"ד ח"ד תרי, א ואילך. ספר התולדות אדמו"ר מהוריי"צ ח"ג ע' 105 ואילך. ועוד.

3) ובפרט שבשעתו לא ידעו החסידים (משא"כ בעל המאסר והגאולה עצמו – ראה ספר השיחות תש"א ע' 139) שהשילוח לגלות הי' תמורת משפטו להיפך החיים ר"ל (כדלקמן בפנים).

4) ובלשונו במכתב ט"ו סיון הנ"ל: בו ביום (ג' תמוז) הוכרחתי לצאת בגולה אל עיר מקלטי כו'. – ולהעיר דגלות „שקול כמעט כצער מיתה" (חינוך מצוה תי).

5) ולכן לא בירך אז ברכת הגומל (עד לאחרי שהגיע לביתו בט"ו תמוז), כי „אין לברך עד שיצא מהסכנה לגמרי" (סדר ברכת הנהנין לאדה"ז פי"ג ס"ה).

6) יום הולדת בעל הגאולה (בשנת תר"ם).

7) בתחלה היתה הגזירה על עשר שנים גלות ב„סאלאווקי" (מקום גירוש בסיביר), ואח"כ שינו זה לשלש שנים בקאָסטראָמאַ (ס' השיחות שם).

8) מכתב שבהערה 4.

אדם"[9]) — פאַרוואָס איז דאָס לכתחילה ניט געווען אַ נס בתכלית השלימות, אַז די גאולה שלימה זאָל קומען בשלימות בבת אחת, און ניט ווי ס'איז געווען בפועל, אַז דאָס האָט זיך אויסגעשטעלט אין שלבים: פריער די התחלת הגאולה — די יציאה מבית האסורים — בג' תמוז (אָבער — מ'פאַרשיקט אים אין גלות), און ערשט כמה ימים לאחרי זה, די שלימות הגאולה בי"ב־י"ג[10] תמוז?

נאָכמער: אויך נאָך י"ב־י"ג תמוז איז ניט געווען די שלימות הנצחון איבער דעם צד שכנגד (במדינה ההיא), ווי מ'זעט בפועל אַז עס זיינען דעמולט געבליבן די פאַרשידענע גזירות אויף די אידן במדינה ההיא ביז אַז דער בעל הגאולה האָט געדאַרפט (כביכול) פון דאָרט אַוועקפאָרן, און די מניעות ועיכובים זיינען דאָרט געבליבן במשך כו"כ שנים לאחרי זה; און ערשט יעצט, בשנים הכי אחרונות — העכער זעכציק יאָר נאָך דער גאולה (בשנת תרפ"ז) — זעט מען דעם אויספיר פון דער גאולה — די גאולה פון אַלע אידן פון יענע מדינה (וכדלקמן).

וואָס זיכער איז דער סדר בזה — אַז די גאולה איז געקומען אין שלבים — ב־השגחה פרטית, מיט אַ טעם בדברי[11], ובפרט אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט דער מאסר וגאולה פון אַ נשיא בישראל, און אַ גאולה כללית פאַר אַלע אידן (ווי דער בעל הגאולה שרייבט[8]: „לא אותי בלבד גאל הקב"ה בי"ב תמוז, כי אם גם את כל מחבבי תורתנו הקדושה, שומרי מצוה, וגם את אשר בשם ישראל יכונה").

ב. אין דעם טאָג פון ג' תמוז — פיל יאָרן פיל דורות פיל פיל דורות פריער — איז געווען אַ נס: אין דעם טאָג[12] האָט יהושע געזאָגט[13] „שמש בגבעון דום", און „וידם השמש גו' עד יקום גוי אויביו"[14].

וויבאַלד אַז אַלץ איז בהשגחה פרטית[15], ובכל שנה חוזר'ן זיך איבער די ענינים ווי זיי זיינען געווען דעם ערשטן מאָל[16], דאַרף מען זאָגן אַז עס איז זיכער דאָ אַ שייכות צווישן די צוויי נסים וואָס האָבן פאַסירט ג' תמוז: „שמש בגבעון דום", און די התחלת הגאולה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר (כדלקמן ס"ז)[17].

ע"ד ווי די שאלה הנ"ל בנוגע צו ג' תמוז (פאַרוואָס דאָס איז לכתחילה ניט געווען אַ נס באופן פון גאולה שלימה), פאָדערט זיך אויך אַ הסברה בנוגע צו דעם נס פון „שמש בגבעון דום":

וויבאַלד אַז דאָ פאַסירט אַ נס, און אַזאַ גרויסער נס ווי צו אָפּשטעלן דעם שמש (וואָס דאָס איז פון די גרעסטע נסים וואָס האָבן ווען עס איז פאַסירט[18], ביז אַז דער

9) תהלים קז, טו. ברכות נד, ב. רמב"ם הל' ברכות פ"י ה"ח. טושו"ע או"ח ר"ס ריט. סדר ברה"נ לאדה"ז שם ס"ב.

10) וגם בי"ב תמוז רק נתבשר שחופשה ניתנה לו, אבל בהשגח"פ הי' משרד הממשלה סגור, עד למחרתו בי"ג תמוז, שבו ניתנה לו תעודת השחרור.

11) ראה שיחת בעל הגאולה בשמח"ת תרפ"ח (יום קודם נסיעתו ממדינה ההיא): נסיעתי מכאן אינה מצד ההכרח, אלא סדר מסודר ישנו כאן (סה"מ תרפ"ח בהוספות ע' רטו).

12) סדר עולם רבה פי"א.

13) יהושע י, יב.

14) שם, יג.

15) כתר שם טוב הוספות סקי"ט ואילך. וש"נ.

16) ראה רמ"ז בס' תיקון שובבי"ם, הובא ונת' בס' לב דוד (להחיד"א) פכ"ט.

17) ראה גם לקו"ש ח"ד ס"ע 1314 ואילך. ח"ח ע' 114 ואילך. חכ"ח ע' 260 ואילך.

18) ראה רלב"ג יהושע שם, יב (בתחלת פירושו): אם הי' שהשמש עמד ובטל מהתנועה הנראית לו הנה הי' זה המופת יותר נפלא לאין שיעור מהמופתים שנעשו ע"י משה כו'.

פסוק זאָגט[19] „ולא הי' כיום ההוא לפניו ואחריו") בכדי אַז יהושע און די אידן זאָלן קענען ממשיך זיין די מלחמה דורך זען די אויבים און זיי נאָכלויפן („כי בעת ההיא עמד השמש נוכח גבעון וחשש פן ישקע בעונתו ולא יוכלו לרדוף אחרי האויב באישון הלילה, ולזה אמר להשמש שלא ילך מהלכו וימתין עוד נוכח גבעון, במקום שהוא עומד"[20]) — האָט דאָך דער נס געקענט שוין זיין אַ נס בשלימות, אַז אַנשטאָט אָפּשטעלן דעם שמש בכדי מ'זאָל קענען מלחמה האָבן (בדרך הטבע) לאור היום, האָט דער נס געדאַרפט זיין (ד.ה. אַז יהושע האָט געקענט און גע־דאַרפט בעטן באַ דעם אויבערשטן) אַז מ'זאָל לכתחילה מנצח זיין אין דער מלחמה (און בכלל ניט דאַרפן אָנקומען צו אָפּשטעלן דעם שמש, אָדער באופן אַז אויך בלילה זאָל מען קענען מלחמה האָבן, ע"ד „ולכל בני ישראל הי' אור במושבותם"[21] בעת ס'איז געווען חושך באַ די מצריים, וכיו"ב), און ווי עס שטייט אין דעם פסוק שלפני זה[22], אַז „וה' השליך עליהם אבנים גדולות מן השמים גו'"?

אויך אין דעם עצם נס וואָס „ויעמוד השמש" — יש לחקור אין וועלכן אופן איז געווען דער נס: צי דאָס איז געווען נאָר בנוגע דעם פרט וואָס איז נוגע צו אויס־פירן תכלית הנס — אַז עס זאָל בלייבן לייכטן דעם אור השמש (אור היום), וואָס דערצו פאָדערט זיך אַז נאָר דער (גלגל ה)שמש אַליין זאָל זיך אָפּשטעלן און ממשיך זיין לייכטן על הארץ (ועד"ז „וירח בעמק אילון"[13]); אָדער דער נס איז געווען אין דעם גאַנצן סדר זיינעם (פאַרבונדן מיט מהלך השמש), ד.ה. אַז דער נס האָט אָפּגעשטעלט אויך די אַלע ענינים וואָס זיינען פאַרבונדן מיט מהלך השמש — די סיבות לזה (מהלך גלגל היומי, ובמילא — מהלך כל הגלגלים[23], וואָס ווערט דורך דעם סיבוב פון גלגל היומי, „המקיף ומסבב את הכל"[24]), און אויך די תוצאות מזה, און דער סיבוב פון די גלגלים קטנים אין גלגל השמש עצמו[25], וכיו"ב[26].

דער חילוק צווישן די צוויי אופנים איז: צי דאָס איז אַ נס וואָס איז משדד — צוברעכט — טבע, דורך דעם וואָס מ'שטעלט אָפּ נאָר דעם שמש (וירח) אַליין; אָדער אַ נס וואָס פועל'ט אין דעם טבע השמש, ובמילא אויך אין דעם גאַנצן סדר המהלך הטבעי פון דעם שמש (פאַרבונדן מיט מהלך כל הגלגלים).

ויש לומר אַז דאָס איז ע"ד די צוויי[27]

19) יהושע שם, יד.

20) מצו"ד שם, יב.

21) בא י, כג.

22) פסוק יא.

23) ואעפ"כ, מפורש בקרא „וידם השמש וירח עמד" — כי פרטים אלו היו נוגעים ליהושע לנצחון המלחמה (ראה מצו"ד שם).

24) רמב"ם הל' יסודי התורה פ"ג ה"א.

25) ראה רמב"ם שם ה"ב. ה"ד.

26) שקו"ט באופן תנועת הגלגלים, ואופן ההשפעה של גלגל א' על שאר הגלגלים (באם הם כולם כמו גוף אחד או כמו גופים מחולקים) — ראה ספר החקירה להצ"צ ו, ב. ח, ב ואילך. וש"נ.

27) ובפרטיות — יש בזה ג' סוגים: (א) שגם בעת הנס נשאר הדבר במהותו (להעיר שבעת מכת דם הרי „גיגית מלאה מים . . ישראל שותה מים כו'" — שמו"ר פ"ט, י). (ב) ע"ד הנס דקרי"ס, שהנס פעל שינוי בטבע המים שיהיו „כחומת אבנים", אבל לא נשתנה המים במהותו ליבשה, ולכן „אילו הפסיק ה' את הרוח כרגע היו המים חוזרים וניגרים" (שעהיוה"א פ"ב). (ג) הנס פועל שינוי בטבע הדבר, כמו הנס דידו של משה מצורעת כשלג. [ולהעיר מהג' אופנים בביאור שמשה לא אכל ולא שתה ארבעים יום, ראה לקמן הערה 114].

ובנדו"ד — נס העמדת השמש — אפשר לומר

סוגים אין נסים[28*]: (א) דער נס איז ניט משנה טבע הדבר. ווי דער נס פון מכת דם, אַז ווען די מים איז מהפך געוואָרן לדם זיינען זיי פאַרבליבן אין דעם מהות פון מים, און ווען דער נס איז נפסק געוואָרן, איז ממילא נתבטל געוואָרן דער שינוי המים לדם. ובנדו"ד — אַז „וידם השמש" איז נאָר געווען אַ נס ביחס צו דעם שמש אַליין, און דערנאָך האָט זיך אומגעקערט דער סדר הקבוע פון מהלך השמש בתוך מהלך שאר הגלגלים. (ב) אַ נס וואָס איז משנה טבע ומציאות הדבר (ווי דער נס פון „ידו מצורעת כשלג"[29], וואָס נאָכן נס איז די צרעת אויפן האַנט געווען באופן טבעי), און בכדי צוריקקערן צו טבעו הקודם דאַרף מען אָנקומען צו נאָך אַ נס.

ג. וי"ל שעד"ז הוא בביאור אויף אַן ענלעכע שאלה אין אונזער פרשה — בנוגע צו דעם נס פון „פרח מטה אהרן"[30]:

בהמשך צו דעם ערעור על הכהונה פון קרח ועדתו האָט דער אויבערשטער געהייסן משה'ן נעמען אַ מטה פון יעדער שבט, „שנים עשר מטות איש את שמו תכתוב על מטהו, ואת שם אהרן תכתוב על מטה לוי", „והי' האיש אשר אבחר בו מטהו יפרח"[31]. וכך הוה — אַז משה האָט אַוועקגעלייגט די אַלע מטות „לפני ה' באוהל העדות"[32], און אויף מאָרגן — „ויבוא משה אל אהל העדות והנה פרח מטה אהרן לבית לוי, ויצא פרח ויצץ ציץ ויגמול שקדים"[30*], און משה האָט אַרויסגעטראָגן אַלע מטות בכדי אַלע אידן זאָלן דאָס זען[33], און דער אויבערשטער האָט געזאָגט[34] „השב את מטה אהרן לפני העדות למשמרת לאות", „לזכרון שבחרתי באהרן הכהן כו'"[35].

דאַרף מען פאַרשטיין: וויבאַלד אַז „פרח מטה אהרן" איז געווען אַ נס בכדי באַווייזן אויף בחירת הקב"ה בכהונת אהרן — וואָלט געווען גענוג ווען עס וואָלטן געוואָרען פאַרטיקע שקדים אויף דעם מטה, וואָס דאָס וואָלט געווען אַ סימן פאַר אידן, ד.ה. אַז ס'איז לכאורה גענוג אַז דער נס איז נאָר אין דעם פרט וואָס איז נוגע צו כוונת הנס („שבחרתי באהרן הכהן") — צוליב וואָס האָט דער נס פון שקדים געדאַרפט זיין אַ צמיחה וגידול בסדר טבעי — „ויצא פרח ויצא ציץ ויגמול שקדים" (און דאָס אַלץ האָט משה באַוויזן אידן[36]), און נאָכמער — „למשמרת" ס'איז געבליבן ניט נאָר מטה אהרן און די שקדים, נאָר אויך די פרחים, ווי די גמרא זאָגט[37] „משנגנז ארון נגנז עמו כו' מקלו של אהרן ושקדי' ופרחי'"[38]?!

איז דער נקודת הענין אין דעם[39]: די תכלית און חידוש פון דעם נס איז, אַז הגם וואָס אַ מטה מצד עצמו איז בטבעו ניט שייך צו פריחה און צמיחת פירות, דאָס קען זיין נאָר בכחו של הקב"ה (אַ נס), פונדעסטוועגן, האָט דער נס אויפגעטאָן

באַ' מג' אופנים הנ"ל. ועי"פ המבואר לקמן בפנים (שנס זה פעל שינוי בטבע מהלך השמש), אפ"ל שזה הי' כאופן הב' או אופן הג' הנ"ל.

28) בהבא להלן, ראה לקו"ש ח"ה ע' 176. ח"ו ע' 89. חי"ח ע' 242 ואילך.

29) שמות ד, ו.

30) פרשתנו יז, כג.

31) שם יז-יח. כ.

32) שם, כב.

33) שם, כד.

34) שם, כה.

35) פרש"י עה"פ.

36) ראה בארוכה לקו"ש חכ"ג ע' 118.

37) יומא נב, ב. וש"נ.

38) ראה לקו"ש שם ע' 121. וש"נ.

39) בהבא להלן ראה גם לקו"ש שם ע' 119 ואילך.

אין מטה אהרן, אַז ס'איז געווען און געבליבן ניט סתם אַן ענין נסי שלמעלה לגמרי פון טבע, נאָר דאָס ווערט פאַרבונדן מיט דעם טבע המטה. און דערפאַר איז דער אופן הפריחה געווען אין אַ סדר טבעי (אבל לא בהגבלת הזמן) פון צמיחת פירות[40]: „ויוצא פרח (כמשמעו[41]) ויצץ ציץ (חנטת הפרי כשהפרח נופל[41]) ויגמול שקדים (כשהוכר הפרי הוכר שהן שקדים[41])".

[און דאָס האָט באַוויזן אידן, אַז בחירת הקב"ה אין אהרן הכהן איז באופן אַז די כהונה ווערט ביי אים זיין טבעיות'דיקע מעלה (וואָס בלייבט שטענדיק ביי אהרן ובניו)].

ועד"ז איז אויך דער ביאור אין דעם נס פון „שמש בגבעון דום", און דער נס הגאולה פון ג' תמוז, כדלקמן.

ד. ויש לומר דער ביאור בזה:

חז"ל זאָגן[42] אַז „כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו". ד.ה. אַז יעדער זאַך אין עולם — אע"פ וואָס עולם איז מלשון העלם והסתר[43] — איז באַשאַפן געוואָרן בכדי מגלה זיין כבודו של הקב"ה, און דאָס ווערט אויפגעטאָן דורך דער עבודה פון אַ אידן וואָס ער נוצט אויס די עניני העולם לכבודו של הקב"ה.

און דער טעם והכרח אויף דעם איז אויך מרומז אין לשון המשנה „(כל מה) שברא הקב"ה": וויבאַלד אַז דער אויבערשטער האָט מודיע געווען בתורתו אַז „ברא הקב"ה" — אַז ער האָט באַשאַפן די זאַך און מודיע געווען ווי ער האָט איר באַשאַפן, אַז ער האָט איר באַשאַפן אין אַן אופן אַז ער נעמט כביכול זיינע כחות און צייט (די ששת ימי בראשית) צו באַשאַפן יעדער נברא מיט אַ כח מיוחד — דער כח פון התהוות יש מאין וואָס איז דוקא בכח העצמות[44], ובפרט ע"פ תורת הבעש"ט[45] אַז די התהוות הבריאה ווערט נתחדש בכל רגע ורגע מאין ואפס ממש — איז דאָס אַ הוכחה אַז דער אויבערשטער וויל אַז די נבראים זאָלן האָבן אַ שייכות מיט זייער (כח ה)בורא (דער אויבערשטער), ביז אַז זיי זאָלן (קענען) צוגעבן כביכול בכבודו של הקב"ה,

ווייל אויב ניט שטעלט זיך די שאלה: פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער באַשאַפן די וועלט (ניט אין אַן „אָפּגעטראָגענעם" אופן, אַז די בריאה, למשל, ווייסט ניט אַז „ברא הקב"ה", און ווייסט ניט דעם אופן שברא, בעשרה מאמרות[46] וכיו"ב, נאָר) אין אַן אופן אַז ער האָט „אַרייַנגעלייגט" זיין כח (העצמות) און זיינע עשרה מאמרות אין דער בריאה, און נאָכמער: פאַרוואָס האָט ער באַשאַפן די וועלט אין אַן אופן אַז ער איז איר מהוה בכל רגע מחדש — ער האָט דאָך איר געקענט באַשאַפן מיט אַזאַ כח חזק, אַז דורך זיין התהוות בפעם הראשונה זאָל די וועלט האָבן דעם כח צו בלייבן קיים שית אלפי שנין[47], און ניט דאַרפן אָנקומען בכל רגע צו אַ התהוות חדשה פון דעם דבר ה'[48]?

---

40) וי"ל נפק"מ — שמותר ליהנות משקדים אלו ומהפירות הגדלים מהם, כי אינו מעשה נסים (ראה תענית כד, ב), דבפשטות משמע שהשקדים היו פירות טבעיים, שמהם אפשר לגדול עוד פירות (שקדים).

41) פרש"י עה"פ.

42) אבות ספ"ו.

43) ראה לקו"ת שלח לז, ד. מאמרי אדהאמ"צ דברים ח"א ע' שג. ח"ג ע' נט. ועוד.

44) אגה"ק ס"כ (קל, ריש ע"ב).

45) שעהיוה"א פ"א.

46) אבות רפ"ה.

47) ראה ר"ה לא, א.

48) שהרי הטעם וההוכחה שכלית לזה שההתהוות היא בכל רגע (כמבואר בשעהיוה"א פ"ב) וכל הטעמים שכליים בביאור אופן ההתהוות — הם ע"פ

וי"ל דער טעם אויף דעם, ווייל עלה ברצונו ית' אַז יעדער נברא זאָל פילן ווי ער טוט אויף (אָדער דורך אים טוט זיך אויף) אַ הוספה וחידוש [וואָס דעמולט האָט אַ נברא אַן אמת'ע און שלימות'דיקע פאַרגעניגן, כטבע הבריאה אַז „אדם[49] רוצה בקב שלו מתשעה קבים של חבירו"[50]]. ד.ה. אַז נוסף אויף דעם וואָס ער איז מקיים וואָס דער אויבערשטער הייסט אים, טוט ער אויף כביכול פון זיך אַ הוספה: וואָס איז אַן אמת'ער אויפטו — בשעת ער איז פאַרבונדן מיט דעם אויבערשטן, איז ער מגלה כבודו של הקב"ה.

און צוליב דעם האָט דער אויבערשטער אַריינגעגעבן זיין כח הבריאה אין דער וועלט, ובאופן אַז ער באַשאַפט איר שטענדיק בכל רגע מחדש — ווייל דאָס פאַרבינדט יעדער נברא יעדער רגע מיט דעם אויבערשטן, אַז בכל פרט ופרט ובכל רגע ורגע האָט דער נברא דעם כח צו מגלה זיין כבודו של הקב"ה מחדש (דער דבר ה' וואָס האָט אים די רגע ממש מחי' געווען מחדש)[51].

אויב די בריאה וואָלט באַשאַפן געוואָרן אין אַן אופן אַז ער האָט כחו של הקב"ה, און דאָס איז אַ כח חזק וואָס שטייט לתמיד אָדער אויף אַ משך זמן (און ווערט ניט נתחדש בכל רגע ורגע) — וואָלט דער גילוי פון כבודו של הקב"ה געווען באופן כללי און אַן איין מאָליקע זאַך. דורך דעם וואָס בכל רגע ווערט יעדער נברא באַשאַפן מחדש בדבר ה', איז מען מגלה בכל רגע מחדש כבודו של הקב"ה. לדוגמא: דורך טרינקען וואַסער — מאַכט אַ איד די ברכה „שהכל נהי' בדברו"[52], און איז דורך דעם מגלה די הוספה וחידוש וואָס די וואַסער טוט אויף [ווייל אָן די וואַסער זאָגט ער ניט די ברכה] בגילוי כבודו של הקב"ה, „שהכל נהי' בדברו" (דעם דבר ה' וואָס האָט מחי' געווען די וואַסער מחדש, און — „שהכל נהי' בדברו", דאָס איז מגלה דעם דבר ה' בכל הנבראים), און בשעת ער טרינקט וואַסער און מאַכט נאָך אַ ברכה אַ זמן שפעטער, איז דאָס מגלה דעם דבר ה' („דברו") החדש וואָס קומט דעמולט צו אין אים (דעם מברך) און בכל העולם[53] [ועד"ז

כללי השכל שנבראו ע"י הקב"ה, וכיון שהוא ית' אינו מוגדר בטעמים אלו, הי' יכול לברוא את העולם באופן אחר לגמרי. וטעמים אלו שייכים רק לאחרי שידענו שעלה ברצונו ית' שבריאת והנהגת העולם תהי' ע"פ כללי השכל (ראה ס' השיחות תשמ"ח ח"א ע' 134 ואילך. לקו"ש חכ"ז ע' 253).

49) ב"מ לח, א.

50) וראה מכתב י"א ניסן תשל"ב (הגש"פ עם לקוטי טעמים, מנהגים וביאורים — קה"ת תשמ"ו ואילך — ע' תרמב).

51) ועד שהנברא נעשה כמו „שלהבת עולה מאלי'" (בנוגע לגילוי הקדושה וכבודו של הקב"ה שעל ידו) — ראה שיחת ש"פ בהעלותך (לעיל ע' 598 ואילך) ובהערה 69.

52) משנה ברכות מד, א.

53) ויש לומר שזהו גם א' מהטעמים שהאדם נברא בטבע באופן כזה שזקוק לאכילה ושתי' תמיד מחדש* (ולכן הנשבע „שלא יאכל כלום שבעת ימים" ה"ז שבועת שוא (רמב"ם הל' שבועות פ"ה ה"כ)) — כי ע"י בכחו לגלות בכל אכילה ושתי' הדבר ה' החדש שמחי' האדם והמאכל וכל העולם („שהכל נהי' בדברו", וכיו"ב).

*) ורק בנוגע למשה נאמר (תשא לד, כח) ש„ארבעים יום וארבעים לילה לחם לא אכל ומים לא שתה" — שזהו הי' חידוש ונס, וגם בנוגע למשה יש דיעה במדרש שנצטער מזה (שמו"ר פמ"ז, ז. וראה יפ"ת שם. וראה גם אוה"ת שה"ש ס"ע תשעה. ס"ע תשצא. סה"מ תרכ"ט ע' שנז. המשך וככה תרל"ז פפ"ח). [ולדיעה שני' (במדרש שם) משמע שנשתנה טבעו ולא נצטער, ראה בארוכה לקו"ש חל"ו תשא חש"נ. וראה לקמן הערה 114].

דורך אַ ברכה פרטית, „בורא פרי הגפן"[54] וכיו"ב – דעם דבר ה' החדש אין אַלע „פרי הגפן" בכל העולם], א.א.וו.[55].

ה. ע"ד ווי דאָס איז בנוגע צו גילוי כבודו של הקב"ה בכללות הבריאה (טבע), עד"ז איז דאָס אויך אין דעם גילוי אלקות דורך נסים: די שלימות הכוונה ברוב הנסים איז, אַז דער נס זאָל ניט בלייבן אַ זאַך וואָס איז אינגאַנצן העכער פאַר טבע, נאָר אַז דער נס זאָל פאַרבונדן ווערן און דורכנעמען דעם טבע.

עד"ז איז אויך בנוגע צו דעם נס פון „פרח מטה אהרן" – אַז דער נס (וועלכער איז געקומען צו מגלה זיין „שבחרתי באהרן הכהן") האָט אויפגעטאָן אין מטה אהרן, אַז ס'איז געוואָרן און געבליבן פאַרבונדן מיט דעם טבע המטה, אַזוי אַז דער אופן הפריחה איז געווען אין אַ סדר טבעי פון צמיחת פירות, מיט דעם גאַנצן סדר השתלשלות שבזה, „ויוצא פרח ויצץ ציץ ויגמול שקדים".

ויש לומר – בלשון החסידות – די שייכות מיט כהונה דוקא: דער[56] אויפטו פון כהונה (ברכת כהנים) איז, אַז דאָס איז ממשיך פון למעלה מסדר השתלשלות[57]. און דערפאַר איז דאָס פאַרבונדן מיט זריזות („עד מהרה ירוץ דברו"[58]), וואָס מטעם זה איז דער סימן לבחירת הקב"ה בכהונת אהרן אין שקדים דוקא, ווייל זיי זיינען „ממהרים להגמר יותר מכל הפירות"[59] (בכ"א יום[60], שנעלער פאַר אַנדערע פירות), און בנדו"ד איז די מהירות געווען (ניט בכ"א יום, נאָר) בתוך לילה[30] – וואָרום זריזות ומהירות באַווייזט אויף אַ המשכה שלמעלה מסדר השתלשלות: אַ המשכה שבסדר השתלשלות איז „מתעכב ושוהה עד שנמשך ובא למטה שהרי בכל השתלשלות מהיכל להיכל הוא ע"י משפט אם ראוי הוא כו'", משא"כ בברכת כהנים ווערט דער שפע נמשך „במהירות דרך כל העולמות באין מונע ומעכב כו'"[61]. לאידך גיסא – איז די המשכה (במהירות) שלמעלה מסדר השתלשלות ווערט נמשך „דרך כל העולמות", ווי ס'איז מודגש אין דעם נס פון „פרח מטה אהרן", אַז ביחד עם זה וואָס דאָס איז אַ נס און געקומען במהירות, איז דאָס פאַרבונדן און גייט דורך דרך הטבע פון צמיחת הפירות.

ואולי י"ל ולהוסיף, די שייכות מיט (פ') קרח דוקא. ובהקדים, אַז „קרח" און „חקת"

---

54) משנה ברכות לה, א.

55) ובדוגמת זה בברכות הראי' על מעשי בראשית (וכיו"ב) – „ברוך עושה מעשה בראשית", „ברוך שכחו וגבורתו מלא עולם" – שעי"ז מגלים מעשי בראשית אלו כבודו של הקב"ה, ביחס לכל הבריאה כולה (מעשה בראשית). – ולהעיר שלאחרונה שמענו וראינו בעיר זו רעמים וברקים, עליהם מברכים ברכות הנ"ל. ראה אנציקלופדי' תלמודית ערך ברכות הראי' (ע' שנו ואילך). וש"נ.

ולהעיר, שלאחרונה הי' גם התפרצות „הר־געש" ורעידת האדמה (חידוש ושינוי בטבע העולם) במקום רחוק בעולם, אשר, ע"י ברכתם של כמה יהודים שם „שכחו וגבורתו מלא עולם" (ראה ברכות נט, א. וראה אנציקלופדי' שם ר"ע שנז. וש"נ), מגלה ה„הר־געש" כבודו של הקב"ה ובכל העולם כולו („מלא עולם"). ובפרט בנוגע לאלו הגרים בארצות הברית, כיון שאנשי הצבא שלה נמצאים שם ועוסקים בהצלת הניזוקים כו'.

56) בהבא להלן, ראה לקו"ת סוף פרשתנו (נה, ג ואילך). סהמ"צ להצ"צ מצות ברכת כהנים (דרמ"צ קיב, א־ב). ובכ"מ.

57) ראה גם סה"מ תרכ"ט בתחלתו. תרנ"ד ס"ע שטו ואילך. לקו"ש ח"י ס"ע 38 ואילך, ובהנסמן שם. ברכת ערב יוהכ"פ (לאחרי תפלת מנחה) ש.ז. – לעיל ח"א ע' 27 ואילך.

58) תהלים קמז, טו.

59) לקו"ת שם. וראה גם פרש"י פרשתנו יז, כג.

60) קה"ר פי"ב, ז – הובא בלקו"ת שם.

61) לקו"ת שם נה, ד.

באַשטייען ביידע פון די אותיות „חק", נאָר אין „קרח" קומט צו אַ רי"ש, און אין „חקת" — אַ תי"ו: באַ קרח (משבט לוי) איז געווען דער גילוי פון „חק", למעלה מטעם ודעת ולמעלה ממדידה והגבלה (כמבואר אין חסידות[62] אַז טענת קרח איז געקומען צוליב מעלתו, „פיקח הי'"[63], וואָס ער האָט געזען דער גילוי שלמעלה ממדידה ו־הגבלה ווי ס'וועט זיין לע"ל); זיין טעות (בערעור על כהונת אהרן) איז באַשטאַנען אין דעם ענין פון „ר'", „רש" (אָרעמ־קייט[64]), וואָס באַווייזט אַז די המשכה (פון מחשבה ודיבור) קומט ניט אַראָפּ אין סדר השתלשלות (קרח האָט געוואָלט פאַנאַנ־דערטיילן עליון און תחתון[65]), ווי אין דעם אות ר' וואו עס פעלט דער קו השלישי (פון אות ה') כנגד[66] מעשה[67].

משא"כ אין „חקת" — „זאת חקת התורה" — ווערט נמשך פון „חק" (למעלה ממדידה והגבלה) אין דעם אות „ת'", סוף וסיום כל הכ"ב אותיות התורה, ד.ה. אַז עס ווערט נמשך אין און דורך גאַנץ סדר השתל־שלות (אַלע אותיות פון אל"ף ביז תי"ו), אין אַלע דריי קוים (באות ת') פון מחשבה דיבור ומעשה, און תורה עבודה וגמילות חסדים, ואדרבה: באופן אַז זיי ווערן אַלע נתחבר — ווייל בסיום ושלימות העבודה, ווען מ'האָט די מהירות דקדושה (פון דער המשכה שלמעלה מסדר השתלשלות אין סדר השתלשלות), ווערט דער חיבור יחד פון אַלע דריי קוים, אַז פון דעם עליון (מחשבה ודיבור) קומט מען גלייך במהי־רות אין דעם תחתון (מעשה), אָן קיין הפסק ביניהם (ניט ווי אין דעם אות ה"א[68]). און דערפון קומט מען צו דער נקודה מתחתית ה(קו השמאלי פון) אות ת' — נקודת הביטול, און אַ נקודה גדולה (מיט אורך ורוחב), ד.ה. אַז דער ביטול גייט צוזאַמען מיט דער התפשטות לאורך ורוחב; און דאָס קומט בסיום האות — וואָס ווייזט אויף שלימות נקודת הביטול בסיום העבודה.

און דורך דעם ווערט אויפגעטאָן דעם ענין פון „חקת" — אויך מלשון חקיקה[69], וואָס ווייזט אויף אַ המשכה נצחית (בלי שינוי), פאַרבונדן מיט ת', כמאחז"ל[70] „תי"ו — תחי'" — ששלימותו חיים נצחיים.

ו. ע"פ הנ"ל י"ל אין דעם נס פון „שמש בגבעון דום":

די כוונה אין דעם נס איז געווען — ניט אַרויסגיין פון דרכי הטבע לגמרי — נאָר ווי אין רוב הענינים, אַז דער נס זאָל צוהעלפן אין דעם נצחון המלחמה[71] וואָס איז פאַרבונדן (עכ"פ במקצת) אויך מיט

62) שם נד, סע"ב ואילך. וש"נ. אוה"ת פרשתנו ע' תרסו. תרצד. סד"ה ויקח קרח העת"ר (המשך תער"ב ח"ב ע' א'מג ואילך). סה"מ מלוקט ח"ג ע' רג ואילך.

63) תנחומא פרשתנו ה. במדב"ר שם פי"ח, ח. פרש"י פרשתנו טז, ז.

64) ראה לקמן ס"ח. וש"נ.

65) ראה לקו"ש ח"ח ע' 117 ואילך. סה"מ מלוקט שם. וש"נ.

66) נסמן בהערה 68.

67) ראה בארוכה שיחת ש"פ קרח ג' תמוז תשמ"ח ס"ו (ס' השיחות ח"ב ע' 503). וש"נ.

68) ראה תו"א מגלת אסתר צה, סע"ב ואילך. לקו"ת ר"פ בלק (סז, א ואילך). סה"מ תר"ן ע' רעט ואילך. תרנ"ח ע' ריב. ה'שי"ת ע' 122. סה"מ קונטרסים ח"א רמא, א ואילך. שיחת ש"פ ויגש (לעיל ח"א ע' 215).

69) לקו"ת ר"פ חוקת.

70) שבת נה, א.

71) ראה רלב"ג שבהערה 18, ש„מה שאמר ולא הי' כיום ההוא לפניו ולאחריו לשמוע ה' בקול איש כי ה' נלחם לישראל, הורה בזה כי זה המופת הוא בענין המלחמה בעצמותה, ואם הי' זה המופת בעמידה מהתנועה לא הי' לו רושם בענין המלחמה כלל כו'", עיי"ש.

דרך הטבע. אפילו אין דער מלחמה — וואָס איז „ה׳ נלחם לישראל״[71] — האָט געדאַרפט זיין די התלבשות אויך בדרך הטבע.

דעריבער איז ניט געווען אַ נס וואָס האָט לגמרי שולל געווען די מלחמה בדרך הטבע (ע״י יהושע), נאָר אַ נס וואָס האָט צוגעהאָלפן די מלחמה שלהם: די הכנה והכשרה צו דעם נצחון איז געווען דורך דעם נס פון „שמש בגבעון דום״[72], אָבער דאָס אַליין האָט ניט אויפגעטאָן דעם נצחון. לאחרי וואָס עס האָט גע־לויכטן אור היום הטבעי (פון אור ה־שמש)[73], האָט יהושע און די אידן גע־דאַרפט נאָכלויפן און מלחמה האַבן מיט די אויבים בדרך הטבע.

ועפ״ז אולי יותר מסתבר זאָגן, אַז דער נס עצמו (פון „שמש בגבעון דום״) איז געווען אין אַן אופן וואָס איז פאַרבונדן מיטן טבע פון מהלך השמש (אופן שני הנ״ל ס״ב) — און דאָס האָט אָפּגעשטעלט ניט נאָר דער שמש וירח, נאָר אַלע כוכבים ומזלות, און דעם מהלך פון דעם גלגל היומי בכלל, און אַלע גלגלים וואָס זיינען פאַרבונדן מיט מהלך השמש.

[ויומתק ע״פ דעם ביאור אין חסידות[74] אין אמירת יהושע „שמש בגבעון דום וירח בעמק אילון״, אַז דורך אָפּשטעלן דעם מהלך השמש ולבנה (זייער השתחוואה וביטול[75]), וואָס דאָס איז דורך פועל׳ן אויפן שמש „דום[76] מלומר שירה״[77] — האָט יהושע געוואָלט מבטל זיין די השפעה צו די אומות העולם (מיט וועלכע אידן האָבן דאַמאָלס מלחמה געהאַט) וועלכע דינען דעם שמש וירח (וכוכבים ומזלות), און דורך דעם — ווערט אויך אויפגעטאָן ב־נצחון המלחמה. וואָס לויט דעם לייגט זיך נאָכמער צו זאָגן אַז מיט „שמש בגבעון דום״ האָט זיך אָפּגעשטעלט דער מהלך ניט נאָר פון שמש וירח נאָר אויך פון נאָך כוכבים ומזלות (אין די אַנדערע גלגלים)].

ז. ועד״ז אולי י״ל איז אויך די הסברה אין דעם נס הגאולה פון ג׳ תמוז (בשנת תרפ״ז):

צוזאַמען דערמיט וואָס דער נס פון ג׳ תמוז איז געווען אַ נס שלמעלה מהטבע, האָט ער געהאַט אַ ווירקונג אין דער טבע גופא, אַז זי האָט „מסכים״ געווען צו דעם נס [ובפרט אַז דאָס איז לכתחילה געווען אַ נס המלובש בטבע, ובמיוחד בערך צו דעם נס פון „פרח מטה אהרן״ און „שמש בגבעון דום״], כידוע אַז די זעלבע מענטשן וואָס האָבן דעם בעל המאסר והגאולה פאַרשפּאַרט אין תפיסה, האָבן זיי גופא (פאַרבלייבנדיק בתקפם) געמוזט אים באַפרייען, ביז אַז זיי האָבן געדאַרפט אַרויסהעלפן אין דעם שחרור וגאולה[78].

און דעריבער יש לומר, איז דער נס ניט געקומען בבת אחת (אין אַ גאולה שלימה), נאָר ער האָט זיך אויסגעשטעלט

72) ועד״ז הנס ש„וה׳ השליך עליהם אבנים גדולות מן השמים גו׳״, אף שעי״ז „ימותו רבים גו׳ מאשר הרגו בני ישראל בחרב״ (יהושע שם, יא).

73) וראה לקו״ש ח״ח ע׳ 120, שגם ע״י עצם הענין דביטול תנועת השמש נתקיימה הכוונה דטבע השמש עצמו.

74) סידור שער המילה קמב, א ואילך. סהמ״צ להצ״צ מצות מילה (ה, א ואילך). אוה״ת שבועות ע׳ קט ואילך. נ״ך (כרך ב) ע׳ תשלח ואילך. וראה לקו״ש חכ״ח ע׳ 261 ואילך.

75) ראה ב״ב כה, א.

76) פרש״י עה״פ.

77) ד„כל זמן שהוא דומם עומד ואינו מהלך, שבכל עת הילוכו הוא אומר שירה״ (פרש״י שם). וראה גם יל״ש יהושע רמז כב. מדרש תהלים יט, ה.

78) ראה גם לקו״ש ח״ח שם. חי״ח ע׳ 237 ואילך. חכ״ח ע׳ 256.

אין שלבים בדרך הטבע — בהתאם צו דעם מצב פון דעם צד שכנגד (וועלכער איז געווען בתקפו), אַז זיי מצד מצבם („טבעם") זאָלן קומען צו דער הכרה אַז מ'דאַרף אים באַפרייען, אַנהויבנדיק דורך מבטל זיין די גזירה פון היפך החיים ר"ל אויף פאַרשיקן אים לעיר מקלטו אין קאָסטראָמאַ, ביז — אַז זיי האָבן אים אינ־גאַנצן באַפרייט[79].

אָבער אויך דערנאָך איז די מדינה געבליבן בתקפה, כולל — בשייכות מיט די התנגדות צו דת ישראל וכו', און דעריבער האָט די שלימות הגאולה פון אידן (במדינה ההיא) געדויערט אַ משך זמן, ביז אַז זיי אַליין (במשך השנים) זאָלן סו"ס קומען צו דער הכרה און פון דאָרט אָנהויבן לאָזן אידן פירן זיך פרייערהייט אין אַלע ענינים פון אידישקייט, און אויך אַרויסלאָזן אידן פון מדינה ההיא (און זיי נאָך אַרויסהעלפן אין דעם).

כולל אויך — בימים אלו ממש — די שקו"ט און דער רצון פון כו"כ במדינה ההיא צו אומקערן דעם נאָמען פון שטאָט „לענינגראַד" (וואו ס'איז געווען דער מאסר וישיבה בבית האסורים) — דער נאָמען וואָס זיי האָבן איר געגעבן (על שם זייער פירער) — צוריק צו דעם נאָמען „פעטערבורג" (דער נאָמען פון שטאָט בזמן המאסר והגאולה פון דעם אַלטן רבי'ן[80]) — דער נאָמען וואָס דער צאַר בזמן בניית העיר האָט איר אָנגערופן (וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר דער סאַמע היפך פון די קאָמוניסטן). והגם אַז אויך אונטערן צאַר זיינען געווען מניעות ועיכובים צו אידישקייט — קומט עס ניט צו דעם וואָס איז געוואָרן דורך די וואָס האָבן אַרעסטירט און פאַרשפאַרט דעם בעל המאסר והגאולה: ויש לומר, אַז אין דעם שקו"ט ורצון צו צוריק אומקערן דעם שם העיר פון „לענינגראַד" אויף „פעטערבורג" — זעט מען נאָכמער בגלוי די פעולה נמשכת פון דער גאולה בי"ב־י"ג תמוז, די גאולה כללית פון אַלע אידן איבער זייערע מנגדים בכלל, ובפרט במדינה ההיא.

ח. ואולי יש לקשר זה אויך מיט דעם חודש הגאולה (חודש תמוז) — דער חודש הרביעי, וועלכער[81] קומט נאָך — ובכח פון — חודש השלישי („ירחא[82] תליתאי")[83], בדוגמא צו אות ג' וד' ר"ת „גמול דלים"[84], די השפעה (גמול) פון חודש הג', דער חודש פון מתן תורה, אין דעם חודש הד',

---

79) ובזה גופא — נתעכב נתינת תעודת השחרור בפועל עד י"ג תמוז (כנ"ל הערה 9), שבזה ניכר ומודגש שהפעולה רשמית דהחופש נעשית ע"פ חוק המדינה, כיון שנתעכב החופש עד לי"ג תמוז, שבו הי' המשרד הממשלתי פתוח באופן רשמי ע"פ חוק המדינה (ראה ס' השיחות תשמ"ט ח"ב ע' 568 ואילך).

80) ועד שעל שם עיר זה (פעטערבורג) נקראת גם הגאולה שלו, ופעולת הגאולה — שעיקר הענין דהפצת המעינות חוצה התחילה „נאָך פעטערבורג" (כן הוא הלשון בס' השיחות תורת שלום ס"ע 112).

— ולהעיר שגם גאולת אדה"ז היתה קשורה בדרכי הטבע (של אוה"ע) — ראה אגרות קודש אדה"ז סל"ח. וש"נ (וראה ס' השיחות תשמ"ט שם. לקו"ש חכ"ה ע' 186 ואילך). וכמודגש גם בסיפור הידוע בנוגע לקידוש הלבנה שלו על הספינה בזמן היותו במאסר (לקו"ד ח"ד תשנב, ב. וראה גם לקו"ש ח"ה ע' 80. ס' השיחות תש"נ ח"א ס"ע 201 ואילך. שיחת ש"פ ויק"פ שנה זו).

81) ראה בארוכה סה"ש תשמ"ז ח"ב — שיחת ש"פ קרח ס"ב ואילך. סה"ש תשמ"ח ח"ב ע' 494. 528. סה"ש תשמ"ט ח"ב ע' 549.

82) שבת פח, א.

83) ולהעיר שהתחלת המאסר היתה בט"ו סיון, קיימא סיהרא באשלמותא (זח"א קנ, רע"א. ח"ב פה, א. שמו"ר פט"ו, כו. ועוד) דירחא תליתאי.

84) שבת קד, א.

דער חודש פון דעם המשך וסיום המאסר (ע"ד ענין "דלים"), באופן אַז דאָס (בחי' דלים) ווערט נהפך צו דעם חודש הגאולה[85].

ויש לומר אַז דער ענין איז מרומז אין צורת ה(אות) ד':

אע"פ[86] וואָס דער אות ד' און אות ר' זיינען ענלעך דערמיט וואָס ביידע באַווייזן אויף ענין העניות: דלי"ת מלשון דלות ור"ת דלים, און רי"ש מלשון רש ("ולרש אין כל"[87]), און ביידע באַשטייען פון צוויי קוים, איינער למעלה ברוחב און איינער באורך (מלמעלה למטה) — איז דאָ אַן עיקריות'דיקער אונטערשייד צווישן זיי: אות ד' האָט אַ נקודה (י') מאחורי' (וועלכע פאַרבינדט די צוויי קוים), משא"כ אות ר'.

איינער פון די ענינים אין דעם: די נקודה באַווייזט אויף ענין הביטול, און דאָס גייט אויף דער נקודת היהדות וואָס איז דאָ בשלימות באַ יעדער איד, אפילו ווען ער שטייט אין אַ מצב פון "אחוריים" (ניט אין פנים דקדושה), כמאחז"ל[88] "אע"פ שחטא ישראל הוא", וואָרום די נקודת היהדות איז העכער פאַר אַלע העלמות והסתרים, און העכער פאַר אַלע דרגות אין סדר השתלשלות — די נקודה פון יחידה וואָס פאַרבינדט אַ אידן מיט דעם יחיד שלמעלה[89].

און די נקודה (ביטול) מאחורי הד' באַווייזט אַז די דלות ועניות פון דעם ד' איז דער ביטול פון קדושה — וואָס פאַרבינדט אים מיט די העכסטע דרגות, דלי"ת אויך מלשון "דליתני"[90] (הרמה), וע"ד די מעלה פון "תפלה לעני" וועלכע דערגרייכט אַז "לפני הוי' ישפוך שיחו"[91], משא"כ דער אות ר' וואָס האָט ניט קיין נקודה פון ביטול — איז די עניות פון דעם וואָס זי האָט קיין שייכות ניט צו קדושה.

ועפ"ז קען מען אויך מסביר זיין דער אונטערשייד צווישן די צוויי קוים פון דעם ר' און פון דעם ד': די צוויי קוים — ברוחב ואורך — זיינען כולל אַלע דרגות פון סדר השתלשלות, וועלכער טיילט זיך בכללות אויף עליון ותחתון, רוחב ואורך: דער קו למעלה (ברוחב) איז אַ שלימות בהרחבה, אָבער אין דער דרגא עליונה עצמה (ע"ד איכות), און דער קו באורך באַווייזט אויף דער המשכה מלמעלה למטה (צו נידעריקערע דרגות).

שלימות העבודה באַשטייט אין דעם אַז מ'זאָל האָבן ביידע מעלות צוזאַמען: נקודת הביטול און ווי דאָס ווערט נמשך און נעמט דורך אויך סדר השתלשלות (די צוויי קוים): בשעת מ'האָט די ביידע ענינים פון עליון ותחתון, אָבער עס פעלט די נקודת הביטול (פון דעם עצם) — דעמולט פעלט סו"ס אין דער חיבור פון די ביידע קוים (ביז אַז עס פעלט אויך אין דער שלימות פון ביידע קוים עצמם), ביז אַז דער פירוד ביניהם קען ברענגען צו אַ מצב פון "רש", עניות היפך הקדושה (ע"ד ווי ס'איז געווען באַ קרח, אותיות "חק ר"", כנ"ל ס"ה). בשעת ס'איז אָבער דאָ דער ביטול פון נקודת היהדות (די נקודה מאחורי הד') — וואָס איז מחוץ און העכער

---

85) ראה לקו"ש חי"ח ע' 309 ואילך. וש"נ.

86) בהבא להלן, ראה ספר הערכים-חב"ד מערכת אותיות — רי"ש ס"ב (ע' שס ואילך). וש"נ.

87) שמואל-ב יב, ג. וראה גם משלי י, טו. ל, ח.

88) סנהדרין מד, א.

89) ראה לקו"ת ראה כה, א. כז, א. ובכ"מ.

90) תהלים ל, ב.

91) תהלים קב, א. וראה כתר שם טוב סצ"ז. אור המאיר פ' וישלח. וראה לעיל ע' 555.

פון דיביידע קוים [נאָכמער ווי די מעלה פון אַ קרן זוית], און צוזאַמען דערמיט ביידע קוים (ווי אין דעם אות ד') — דעמולט האָט מען שלימות העבודה פון ביידע קוים, און אויך די שלימות החיבור ביניהם.

וואָס דאָס איז דער תוכן פון חודש הד', חודש הגאולה — גאולת ג' תמוז וי"ב־י"ג תמוז — אַז דער נס שלמעלה מטבע (ע"ד די נקודה) זאָל נמשך ווערן און איבער־מאַכן טבע העולם (די צוויי קוים פון אורך ורוחב). ביז אַז דאָס דערגרייכט אויך אין אַ מצב פון „רש", עניות דלעו"ז (דער ענין המאסר דורך די מנגדים לקדושה), און מאַכט דאָס אויך איבער[92]. ואדרבה: דוקא דורך דער ירידה למטה אין אַ מצב פון צרה — ווערט נתגלה ווי „עמו אנכי ב־צרה"[93], וואָס דאָס גייט אויף עצמותו ית', שלמעלה פון אַלע גדרים פון סדר השתל־שלות עליון ותחתון, און דעריבער — אע"פ וואָס דער אויבערשטער איז עליון שאין למעלה ממנו, און צרה איז בעולם תחתון שאין למטה ממנו — איז „עמו אנכי בצרה" (היפך השתלשלות, פון עליון ותחתון), און אויך אין דעם מצב — בחי' אחוריים — ווערט נתגלה דער יו"ד (נקודת היהדות), ביז אַז דאָס ווערט נמשך און פאַרבינדט אויך דעם עליון ותחתון פון סדר השתלשלות.

ט. פון דאָס אויבנגעזאָגטע זיינען פאַראַן כמה לימודים, הן בכללות עבודת האדם, הן בנוגע צו זיך והן בנוגע צו זיין עבודה בעולם, והן בעניני תומ"צ והן בעניני רשות (באופן פרנסת האדם), און אויך ובמיוחד — בקשר מיט דער גאולה פון ג' תמוז — בנוגע צו דער עבודה פון הרבצת התורה והיהדות און הפצת ה־מעינות חוצה.

ובפרט אַז מ'האָט דעם ציווי אַז מ'דאַרף אַוועקלייגן מטה אהרן „למשמרת לאות" („שבחרתי באהרן הכהן"), „משנגנז ארון נגנז עמו כו' מקלו של אהרן בשקדי' ופרחי'" — איז פאַרשטאַנדיק אַז דערפון איז דאָ אַ הוראה נצחית לדורות: און וויבאַלד אַז יעדער איד איז אַ חלק פון „ממלכת כהנים"[94], „כהנים גדולים"[95] [וכפס"ד הרמב"ם[96], אַז „לא שבט לוי בלבד אלא כל איש ואיש אשר נדבה רוחו כו' הרי זה נתקדש קדש קדשים"] — איז מובן, אַז באַ יעדן אידן דאַרף אויך זיין מעין דעם ענין פון „פרח מטה אהרן", „ויצא פרח ויצץ ציץ ויגמול שקדים".

י. דער לימוד דערפון אין כללות עבודת השם:

אע"פ וואָס די עבודה פון אַ איד דאַרף זיין מתוך קבלת עול — שלמעלה מטעם ודעת, און אין אַן אופן של זריזות של־מעלה ממדידה והגבלה, „בכל מאדך"[97], און דוקא דאָס דערגרייכט אין דעם „מאד" שלמעלה[98] — וואָלט מען דאָך געקענט מיינען אַז אין דעם באַשטייט שלימות העבודה, ובלשון הידוע[99]: אילו נצטווינו לחטוב עצים —

האָט מען די הוראה פון „פרח מטה אהרן", אַז לאחרי דעם יסוד פון קבלת עול, קען און דאַרף די נקודה שלמעלה

---

92) ובפרט לאחרי מאתיים (ר') שנה להולדת אדמו"ר הצמח צדק.

93) תהלים צא, טו.

94) יתרו יט, ו.

95) ראה בעה"ט עה"פ. וראה גם אגדת בראשית פע"ט (פ).

96) סוף הל' שמיטה ויובל.

97) ואתחנן ו, ה.

98) תו"א מקץ לט, ד. ובכ"מ.

99) לקו"ת שלח מ, א.

ממדידה והגבלה דערנאָך „פאַנאַנדער־בליען" אין אַלע זיינע כחות פנימיים, ביז אין זיין גאַנצע מציאות און טבע, ביז אַז דאָס זאָל אַרויסגעבן פירות – „ויצא פרח ויצץ ציץ ויגמול שקדים", ובאופן כזה – אַז זיין טבע ומציאות עצמו ווערט באופן של זריזות („אַ שנעלער טבע") ושלמעלה ממדידה והגבלה, אַז אַלץ וואָס ער טוט מיט זיינע כחות טבעיים איז בזריזות הכי גדולה, זריזות דקדושה.

עד"ז האָט מען אויך דעם לימוד אין דער עבודה בעניני רשות פון אַ אידן, ובפרט בנוגע צו זיין פרנסה גשמית: לכל לראש לערנט מען אָפּ פון „פרח מטה אהרן" (וואָס בלייבט „למשמרת") – ע"ד ווי דער לימוד פון „צנצנת המן" וואָס איז אויך געבליבן „למשמרת לדורותיכם"[100] – אַז בשעת אידן האָבן גע'טענה'ט צו ירמיהו'ן (וואָס ער האָט פון זיי געמאָנט „למה אין אתם עוסקים בתורה"): „נניח מלאכתנו ונעסוק בתורה מהיכן נתפרנס", האָט ירמיהו אַרויסגענומען דעם „צנצנת המן" און זיי געזאָגט: „ראו בזה נתפרנסו אבותיכם, הרבה שלוחין יש לו למקום להכין מזון ליראיו"[101]. עד"ז האָט מען דעם לימוד פון „פרח מטה אהרן", אַז שקדים (אַ מזון גשמי) וואַקסן אויס באופן נסי, ובזריזות, ועד"ז – איז בנוגע צו דער פרנסה פון אידן.

לאידך גיסא שטייט „וברכך ה' אלקיך בכל אשר תעשה"[102], אַז די המשכה פון פרנסה גשמית ווערט אויפגעטאָן דורך אַ סדר טבעי פון צמיחת שקדים („ויצא פרח ויצץ ציץ ויגמול שקדים"), וואָס קומט דורך משא ומתן באמונה[103] (חרישה ו־זריעה), אין די הגבלות פון טבע העולם, דורכגענומען מיט דער אמונה בה' – „שמאמין בחי העולמים וזורע"[104]: און דאָס ווערט די כלי אויף באַקומען די ברכות של הקב"ה אויף פרנסה באופן נסי, אָבער אַזאַ נס וואָס טוט זיך אָן אין טבע העולם, אַז מ'זעט ווי דער טבע העולם און אוה"ע עצמם איז מסייע אין דער השפעת פרנסה צו אַ אידן.

ווי מ'זעט עס במיוחד בדורות האח־רונים, וואָס דער אויבערשטער האָט גע־בענטשט אידן אַז זיי זאָלן באַקומען זייער פרנסה מיט ווייניקער יגיעה, מתוך מנוחת הנפש ומנוחת הגוף (מער ווי ס'איז געווען בדורות לפני זה), דורך דעם וואָס די וועלט אַליין איז מסייע לזה.

יא. דערפון האָט מען אויך אַ לימוד מיוחד אין דער עבודה פון הפצת המעינות חוצה, וועלכע איז נתרחב געוואָרן ביז באופן שלא בערך דורך און נאָך דער גאולה פון ג' תמוז און י"ב־י"ג תמוז:

יש לומר אַז די דריי ענינים פון „יפוצו[105] מעינותיך חוצה"[106] זיינען ע"ד די דריי ענינים אין דעם אות ד': יפוצו – נקודת הביטול, מעינותיך – דער קו ל־מעלה (רוחב), און חוצה – דער קו באורך וואָס באַדייט די השפעה מלמעלה למטה.

לכל לראש דאַרף אַ איד שטיין אין אַ

100) בשלח טז, לג.

101) פרש"י עה"פ.

102) פ' ראה טו, יח. ספרי עה"פ. וראה לקו"ש חי"ח ע' 294. ושי"נ. וראה מאמרי אדה"ז תקס"ה ח"ב ע' תרמח.

103) ועד שבשעה שמכניסין אדם לדין אומרים לו נשאת ונתת באמונה, עוד קודם ששואלים לו עסקת בתורה (שבת לא, סע"א).

104) תודי"ה אמונת – שבת שם (בשם ה־ירושלמי).

105) לשון הכתוב – משלי טז, ה.

106) ראה באגה"ק הבעש"ט (כש"ט בתחלתו. ובכ"מ): בעת שיתפרסם למודך ויתגלה בעולם ויפוצו מעינותיך חוצה.

מצב פון „יפוצו" — זיין מציאות דאַרף באַשטיין פון „יפוצו", אַ מציאות וואָס פאַרשפרייט אלקות, ובאופן שלמעלה ממדידה והגבלה (יפוצו אָן הגבלות[107]). נאָך איידער מ'זאָגט אים וואָס (בפרטיות) ער דאַרף מפיץ זיין [מעינותיך], און וואו ער דאַרף מפיץ זיין [חוצה] — דאַרף ער וויסן, אַז גלייך ווי ער שטייט אויף אינדערפרי (נאָך איידער ער טוט זיין עבודה בפרטיות) איז ער אַ מציאות פון „יפוצו" — „מודה אני לפניך כו' רבה כו'". „אני נבראתי לשמש את קוני"[108] איז ניט דער פשט אַז ער איז אַ מציאות לעצמו, און די מציאות איז זיך עוסק אין „יפוצו" (לשמש את קוני), נאָר כל מציאותו איז „יפוצו". ובלשון הידוע[109]: „לכתחילה אַריבער", גלייך מלכתחילה שטייט ער אַריבער.

דערנאָך דאַרף ער דאָס ממשיך זיין אין פרטים: „מעינותיך" — ער דאַרף מפיץ זיין דוקא די מעינות פון תורה, שמטהר בכל שהוא[110] [העכער פאַר די דרגות מים שלמטה מזה, מי מקוה וכיו"ב[111]], און ער דאַרף זיי מפיץ זיין „חוצה", אָנהויבנדיק פון חוצה אין זיך (פון זיין נקודת האמונה וקבלת עול אין זיין שכל ומדות וכחות פנימיים), ביז אין חוצה כפשוטה — חוץ פון די ד' אמות פון קדושה, פון ישיבה, ביהכנ"ס וביהמ"ד, ביז אין „חוצה" (מיט אַ ה"א וואָס איז כולל חוצה[112]) שאין חוצה למטה ממנה.

וע"ד דער סיפור הידוע מיט אַ חסיד וואָס איז געגאַנגען אין גאַס במדינה ההיא — ניט רעכענענדיק זיך מיט מדידות והגבלות, ווי דער סדר פון אַן אמת'ער חסיד איז — אין אַ זמן ווען דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט סכנה. און אַ פּאָליסמאַן האָט אים אָפּגעשטעלט און געפרעגט: „קטאָ אידיאָט" (ווער גייט)? האָט ער געענטפערט: „ביטול אידיאָט" (ביטול גייט)! ער האָט געענטפערט דאָס וואָס ביי אים האָט זיך געלייגט מיט אַן אמת — אַז כל מציאותו איז „ביטול", און די מציאות פון „ביטול" גייט!

צוזאַמען דערמיט האָט ער עס אים געענטפערט דוקא אויף רוסיש — ווייל זיין ביטול איז אויך נמשך געוואָרן אין דעם מצב און שפּראַך פון דעם מקום — אין דער טבע ומציאות פון רוסלאַנד — ע"ד „אזלת[113] לקרתא הלך בנימוסא"[114], אַזוי אַז דער טבע ולשון המקום עצמו זאָגט און דערהערט אַז „ביטול אידיאָט".

יב. דערביי קען נאָך זיין די שאלה — ווי אַנדערע פרעגן: אפילו בשעת איך אַליין טו מיין עבודה בשלימות, ביז אַז איך דערגרייך צו אַ דרגא וואָס מיין מציאות איז „יפוצו" (תכלית הביטול) — וואָס

107) ראה „קובץ כ"ח סיון – יובל שנים" ע' 38.

108) משנה ובריתא סוף קידושין.

109) אגרות־קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"א ע' תריז. לקו"ש ח"א ע' 124. ועוד.

110) מקואות פ"א מ"ז. רמב"ם הל' מקואות פ"ט ה"ח. טושו"ע יו"ד סר"א ס"ב.

111) ריש מס' מקואות. רמב"ם שם רפ"ט.

112) ראה לעיל ח"א ע' 144.

113) שמו"ר שבהערה 53.

114) ולהעיר שזהו הטעם שמשה לא אכל ולא שתה ארבעים יום (שמו"ר שם. ב"ר פמ"ח, יד. וראה גם ב"מ פו, ב) [ולהעיר שג' תמוז הוא בתוך ארבעים ימים הראשונים], וכמבואר במ"א (לקו"ש תשא תש"נ) שיש בזה ג' אפשריות ודרגות: (א) שטבע משה לא נשתנה (ולכן נצטער משה על זה שלא אכל ולא שתה. ראה הנסמן בהערה 53). (ב) שטבע שלו נשתנה (לפי שעה) ע"י נס של הקב"ה, נס שנמשך במשך כל הארבעים יום, (ג) הנס הי' רק פעם א' בתחלה, כי זה פעל שינוי בטבע שלו, שהטבע שלו עצמו נעשה כמו מלאך, שאינו זקוק לאכילה ושתי'.

העלפט עס, ווען „אתם המעט מכל ה־עמים"[115], און אין דער וועלט אַרום זיינען פאַראַן שבעים אומות וועלכע זיינען אַ ריבוי עצום בכמות בערך צו דער כבשה אחת[116].

ובסגנון אחר: וואָס וועט די וועלט און וואָס וועלן די אומות זאָגן אויף דעם וואָס אַ איד טוט זיין עבודה פון „יפוצו מעינו־תיך חוצה", ובמיוחד — אין ממהר זיין די גאולה האמיתית והשלימה, זיי פאַר־שטייען דאָך ניט וואָס דאָס מיינט?! ס'איז טאַקע גאָר אַ גרויסע און הויכע עבודה — אָבער מ'דאַרף זיך דאָך לכאורה רעכענען — טענה'ט ער — מיט דער וועלט!

איז דער ענטפער אויף דעם: די וועלט איז שוין צוגעגרייט, פאַרטיק! בשעת אַ איד וועט טאָן זיין עבודה כדבעי — באופן שלמעלה ממדידה והגבלה, וביחד עם זה ווי דאָס איז אָנגעטאָן אין די כלים פון לבושי הטבע — וועט ער זען ווי דער עולם, טבע העולם און אומות העולם זיינען אים מסייע אין זיין עבודה.

אפילו אַמאָל (ווען עס זיינען געווען מניעות ועיכובים) איז דער סדר ביי דעם חסיד געווען, אַז מצבו איז, און במילא האָט ער געזאָגט, „ביטול אידיאָט": עאכו"כ איצטער, ווען מ'האָט ניט כו"כ פון די אַלע מניעות ועיכובים [וכאמור לעיל, אַז אויך אין מדינה ההיא זיינען געוואָרן שינויים גדולים לטוב], ואדרבה — אין דער וועלט אַליין זעט מען די נסים ונפלאות וואָס קומען פאָר בפרט אין די לעצטע יאָרן [שנת נסים, און שנת אראנו נפלאות] — איז שוין הגיע הזמן, אַז הגם וואָס עס דאַרף זיין אַן ענין שלמעלה ממדידה והגבלה — נסים ונפלאות, ביז די נסים ונפלאות פון דער גאולה האמיתית והשלימה — נעמט עס דורך אויך טבע העולם, אַז די וועלט אַליין איז מסייע צו צמיחת הגאולה [אַזוי ווי „פרח מטה אהרן" האָט גע'פועל'ט אין טבע המטה, אַז עס זאָל זיין צמיחת הפירות בדרך הטבע].

וע"ד ווי ס'איז געווען באַ יציאת מצרים — וואָס כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות[117] — אַז נוסף צו די נסים וואָס זיינען דעמולט געווען, איז געווען „וינצלו את מצרים"[118], באופן כזה אַז הגם דאָס האָט זיך אָנגעהויבן בדרך נס, האָט דאָס געפירט דערצו אַז די מצריים אַליין האָבן אין דעם מסייע געווען אידן, און געגעבן מער ווי מ'האָט זיי געבעטן[119]. עאכו"כ אין דער גאולה האמיתית וה־שלימה — ווען עס וועלן זיין נפלאות אפילו בערך צו די נפלאות באַ יצי"מ[120], וועט דאָס אויך זיין באופן כזה אַז דער עולם וטבע העולם עצמו וועט דערצו צוהעלפן.

יג. ובנוגע לפועל:

גייענדיק פון ג' תמוז צו און אין די ימי הגאולה פון י"ב־י"ג תמוז — וואָס בכל שנה ושנה (שנה — שכולל כל שינויי הזמן[121]) קומט אין דעם צו אַן עלי' — דאַרף יעדערער מוסיף זיין ביתר שאת וביתר עוז אין אַלע פעולות פון הפצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה, ובאופן של זריזות, ומתוך ההכרה — אַז די

115) ואתחנן ז, ז.

116) תנחומא תולדות ה. אסת"ר פ"י, יא. פס"ר פ"ט, ב.

117) מיכה ז, טו.

118) בא יב, לו.

119) ראה פרש"י שם, ממכילתא עה"פ.

120) ראה אוה"ת נ"ך עה"פ (ע' תפז). וש"נ.

121) רמ"ז לזח"ג רעז, ב. שרש ישע ערך שנה. עבוה"ק ח"ד פ"ט. וראה אוה"ת מקץ שלח, סע"א. תתקעו, א.

וועלט אַליין וועט מסייע זיין אַ אידן אין זיין עבודה.

ובמיוחד — שטייענדיק בזמן הקיץ — ווען קינדער גייען אין מחנות־קיץ, דאַרף מען זיך משתדל זיין אַז אידישע קינדער זאָלן גיין אין מחנות קיץ וואָס זיינען מיוסד אויף אַ חינוך הכשר ועל טהרת הקודש: און די וואָס פאַרנעמען זיך מיט מחנך זיין די קינדער — דאַרפן זייען אויס־נוצן דעם זמן הקיץ בתכלית השלימות, און בתכלית הזריזות, אויסנוצן יעדער רגע פנוי אויף אין זיך אַליין צוגעבן און צוגעבן באַ די קינדער אין אַלע ענינים פון אידישקייט, מיט לעבעדיקייט און פריי־לעכקייט.

ומענין לענין: ע"פ ה„יש נוהגין"[122] צו זאָגן[123] פרקי אבות בכל שבתות הקיץ (נאָך תפלת מנחה) — איז כאן המקום נאָכ־אַמאָל מעורר זיין וועגן דעם [ובפרט אַז דעם שבת איז דער פעם העשירית[124] **פון זאָגן פרקי אבות בשנה זו (די זעקס וואָכן בין פסח ועצרת, און פיר וואָכן נאָך עצרת ביז דעם שבת)], ומה טוב — זייענדיק תורה שבעל־פה — אַז מ'זאָל לערנען איין משנה (עכ"פ) לעיונא.**

און אַזוי אויך יש לעורר אויף דעם מנהג טוב בכמה מקומות צו חזר'ן אַ מאמר חסידות נאָך תפלת מנחה בשבת. — ויה"ר אַז עס זאָל זיין אין אַן אופן פון „חקת" (ווי מ'גייט לייענען עתה בתפלת מנחה), אַז דאָס זאָל דערנעמען די שומעים און אין זיי אויפטאָן אַ שינוי ביז אין אַן אופן פון חקיקה, אַז דאָס ווערט אין זיי איינגע־קריצט.

און תיכף ומיד ממש זאָל דאָס שוין ברענגען די גאולה האמיתית והשלימה, און הקרבת פרה העשירית, שיעשה מלך המשיח מהרה יגלה, אמן כן יהי רצון[125],

ובנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו[126] גייען אַלע אידן אין ארץ הקודש, ירושלים עיר הקודש, בבית המקדש השלישי, וכאמור — תיכף ומיד ממש.

---

122) סידור אדה"ז במקומו.

123) וי"ל הטעם על זה (אף שבתושבע"פ צ"ל לימוד והבנה — ראה הל' ת"ת לאדה"ז ספ"ב) — כי אמירת פרקי אבות באה בהמשך לתפלה (תפלת מנחה), שענין התפלה אינו לימוד (ואדרבה, בלשון הידוע (שו"ת הריב"ש סקנ"ז. הובא ונת' בסהמ"צ להצ"צ שרש מצות התפלה פ"ח) אני מתפלל לדעת זה התינוק), ולכן גם אמירת הפרק אינה בגדר לימוד כ"כ — כנראה בפועל בהנהגת הרוב.

124) וגם ברפ"ד דאבות (הפרק דשבת זה) מרומז הענין דעשירי — כי הד' ענינים (דחכם, גבור, עשיר ומכובד) הם כנגד הד' אותיות דשם הוי' (שער מארז"ל ולקוטי הש"ס לאבות כאן), ששם הוי' במילואו הוא — עשר אותיות.

125) רמב"ם הל' פרה אדומה ספ"ג.

126) בא י, ט.

קטע משיחת ש"פ קרח, ג' תמוז ה'תנש"א
– בקשר לחנוכת הבית של הבנין החדש
דישיבת תומכי תמימים ליובאַוויטש בקראון–הייטס –

דובר לעיל ע"ד החילוק בין תיבת „קרח" ו„חקת" (שתי הפרשיות שקורין בשבת זה – פ' קרח בקריאת היום, ופ' חוקת בקריאת תפלת המנחה) – ששתיהן כלולות מאותיות „חק", אלא שב„חקת" ניתוספה אות ת' (משא"כ ב„קרח" – אות ר'), הכוללת ג' קוים מחוברים (מלמעלה וב' הצדדים), ופתח (שער) למטה, ונקודה בצדה.

ובעבודת האדם: אות ת' (סיום כל הכ"ב אותיות התורה) מורה על סיום ושלימות העבודה בכל הג' קוין (כפי שהם מחוברים) יחד (כמו הג' קוין דאות ת' שמחוברים יחד ואין שם מקום לענינים צדדיים) – תורה עבודה וגמילות חסדים[1], ובכל שלשה לבושי הנפש יחד – מחשבה דיבור ומעשה[2]. דאף שצ"ל הפסק בין מחשבה דיבור ומעשה, כמרומז בההפסק בין רגל השמאלי והגג ורגל הימני דאות ה"א[3] – הרי ע"י סיום ושלימות העבודה בקדושה, הנרמזת באות ת"י (סיום כל הא"ב), נעשה החיבור של מעשה עם מחשבה ודיבור, שהמעשה באה בהמשך אחד עמהם, באופן של זריזות דקדושה (כנרמז גם ב„פרח מטה אהרן . . ויגמול שקדים"[4], הזריזות דגידול שקדים[5]);

וכיון שת' מורה על שלימות העבודה – יש בזה גם המעלה שע"י עבודת התשובה (שזהו"ע הפתח למטה[6], ע"ד „לאתבא צדיקיא[7] בתיובתא"[8] – אשר, כל זה נעשה על ידי הנקודה (שבצדה) שלמעלה ממדידה והגבלה, שזהו"ע הביטול, שנמשך וחודר בכל הענינים והדרגות כולן.

ויש לקשר זה גם עם החגיגה המתקיימת מחר ביום א' פרשת חקת – חנוכת הבית של בנין החדש דישיבת תומכי תמימים[9] ליובאוויטש:

ענינה של ישיבת תומכי תמימים הוא[10] – שלימות („תמים") העבודה בכל הג' ענינים והקוין דתורה [נגלה דתורה ופנימיות התורה], עבודה [תפלה] וגמ"ח [כללות העבודה ד„יפוצו מעינותיך חוצה"], וכולם ביחד, וע"י כל ג' לבושי הנפש (מחדו"מ)

---

1) ראה אבות פ"א מ"ב.

2) ראה תניא פ"ד.

3) ראה תו"א מג"א צה, סע"ב ואילך. לקו"ת ר"פ בלק (סז, א). ובכ"מ.

4) פרשתנו יז, כג.

5) ראה קה"ר פי"ב, ז. פרש"י פרשתנו עה"פ. לקו"ת פרשתנו נה, ג.

6) למטה דוקא – כי למעלה ומב' הצדדים הכל סתום ואין מקום לענינים צדדיים (ועאכו"כ – הפכיים), כיון שהאדם הגיע לשלימות העבודה, ודוקא למטה (בעולם הזה התחתון) יש פתח ואפשריות לענין של ירידה ח"ו (ראה מנחות כט, ב), וגם בצדיקים – הפתח הוא למטה, כי עבודת התשובה (באופן ד„והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה" (קהלת יב, ז)) שייכת דוקא בעוה"ז התחתון.

7) ועי"ז נעשה הפתח למטה „שער" לצדיקים, כמ"ש (תהלים קיח, כ) „זה השער לה' צדיקים יבואו בו".

8) מאמר הזהר, הובא בלקו"ת שמע"צ צב, ב. שה"ש נ, סע"ב. מאמרי אדה"ז תקס"ב ח"ב ע' תקלד. – וראה זח"ג קנג, ב.

9) להעיר שהראשי תיבות ד„תומכי תמימים" היא אות ת'. וכפליים (ל)ת(ושי').

10) בהבא להלן – ראה בארוכה לקו"ש חי"ד ע' 316 ואילך. ספר השיחות תשמ"ט ח"ב ע' 697. וש"נ.

יחד. ונוסף לזה — גם המעלה שבעבודת התשובה („לאתבא צדיקיא בתיובתא"), ע"י העבודה ד„יפוצו מעינותיך חוצה" (החל מה„חוצה" שבהאדם עצמו) — אשר, כל זה נעשה על ידי גילוי הנקודה[11] (ביטול) שלמעלה ממדוה"ג.

וענין זה מודגש במיוחד בבנין בית (חדש) של תומכי תמימים — שהבית מורה שהעבודה (דישיבת תומכי תמימים) נעשית באופן שמוקפת וסתומה מכל הצדדים, ללא אפשריות להשפעות מבחוץ ח"ו — בדוגמת הג' קוין המחוברים וסתומים שב־אות ת' [והפתח למטה הוא כדי להוסיף מעלת התשובה]. ובפרט ע"י בנין בית חדש, כמ"ש[12] „כי תבנה בית חדש ועשית מעקה לגגך גו' כי יפול הנופל ממנו". וי"ל שנרמז בזה רמז על פעולת התשובה של־מעלה מתורה שאפילו הנופל — ע"י מעקה בשלימותה יחי' מהקב"ה[13] יעשה תשובה ולא יפול.

ומזה מובן גם בנוגע לתלמידי הישיבה — אשר בקשר לחנוכת הבית של הישיבה, צ"ל אצלם הוספה בכל עניני העבודה דהישיבה באופן האמור לעיל, ולכל לראש — בלימוד התורה, הן נגלה דתורה והן פנימיות התורה, ובהקדמת עבודת התפלה, ו„תלמוד גדול שמביא לידי מעשה"[14] — גמילות חסדים, וביחד עם עבודת התשובה, וכללות העבודה דהפצת המעינות חוצה, הן בהאדם עצמו, והן ב„חוצה" כפשוטה — להפיץ המעינות מ־חוץ לד' אמות הישיבה וד' אמות הקדושה, ועד ל„חוצה" שבעולם, עד ל„חוצה" שאין חוצה ממנו. וכל ענינים אלו — מיוסדים וחדורים בנקודת הביטול.

ועד — שעי"ז מביאים בזריזות את קיום הבטחתו של משיח להבעש"ט[15], שע"י יפוצו מעינותיך חוצה „אתי מר" דא מלכא משיחא, תיכף ומיד ממש.

---

11) ראה לקו"ש שם ע' 319.

12) תצא כב, ח.

13) ראה ירושלמי מכות פ"ב ה"ו. יל"ש יחזקאל רמז שנח. יל"ש תהלים רמז תשב.

14) קידושין מ, ב. וש"נ.

15) אגה"ק הידועה דהבעש"ט (כתר שם טוב בתחלתו. ובכ"מ).

משיחות ש"פ חוקת, יו"ד תמוז ה'תנש"א

א. הייַנטיקער טאָג – ווי אַלע טעג פון יאָר אין דעם אידישן־תורה לוח – באַשטייט פון צוויי צאָלן: דער טאָג אין וואָך, און דער טאָג אין חודש[1]. הייַנט איז דער זיבעטער טאָג אין וואָך, יום השביעי (יום שבת קודש), און דער צענטער טאָג אין חודש (תמוז).

די צוויי מנינים – „ימי השבוע" און „ימי החודש" – ווערן גערעכנט לויט צוויי באַזונדערע חשבונות, וועלכע באַשטימען דער תורה־לוח: דעם מהלך השמש – וואָס פון אים זייַנען אָפּהענגיק די טעג פון וואָך (ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד[2] א.א.וו. און אַזוי חזר'ט זיך עס איבער יעדער וואָך[3]: היום יום ראשון בשבת[4] וכו'), און דעם מהלך הלבנה – וואָס אין אים זייַנען תלוי די טעג פון מאָנאַט.

אַזוי ווי יעדער זאַך אין תורה און אין אידישקייט (במכל־שכן פון אַלע וועלט געשעענישן[5]), זייַנען די צוויי מנינים ניט צופעליק ח"ו, נאָר זיי זייַנען בכוונה ובדיוק אַזוי אייַנגעשטעלט געוואָרן דורך דעם אויבערשטן. זיי שפּיגלען אָפּ צוויי סדרים אין דעם אופן ווי דער אויבערשטער באַשאַפט און פירט אָן מיט דער וועלט; און דערפון קען און דאַרף יעדער איד (וואָס זייַן טאָג־טעגלעכע הנהגה ווערט באַשטימט לויט די צוויי חשבונות) אַרויסנעמען אַ לימוד און הוראה אין עבודת השם[6].

אַזוי איז אויך פאַרשטאַנדיק בנוגע צו דעם הייַנטיקן טאָג – יום השביעי בשבוע און יום העשירי בחודש [ובפרט אַז אין די מספרים איז מודגש במיוחד דער אונטערשייד צווישן ימי השבוע און ימי החודש, כדלקמן ס"ג] – אַז דאָס אַנטהאַלט אַ לימוד אין עבודת האדם – סיי פון יעדערן פון די צוויי מספרים (שבעה ועשרה) באַזונדער (וואָס די צוויי חשבונות זייַנען אומאָפּהענגיק איינער פון צווייטן), און סיי פון חיבור שניהם יחד. היות אַז זיי קומען ביידע צוזאַמען אין איין טאָג (וואָס דאָס איז דאָך בהשגחה פרטית ובדיוק), באַווייַזט עס אַז זיי האָבן צווישן זיך אַ שייכות[7] ביז אַז זיי ווערן איין זאַך (איין

1) וממנו נשתלשל שכן הוא בלוח אוה"ע (שמונין לחמה – סוכה כט, א. מכילתא בא יב, ב. ב"ר פ"ו, ג. זח"א רלו, סע"ב), שמחלקים שנת החמה לי"ב חלקים־חדשים, אבל חלוקה זו היא „רק הסכם לבד ולא שהוא כן בתולדה" (ד"ה החודש תרנ"ד – ע' קלז) ע"י מהלך החמה עצמו (כי „אין לשמש חודש בלל" – ראב"ע בא שם), ולא כמו חלוקת החדשים ע"י מהלך הלבנה (כפי שהוא בבנ"י), שבכל כ"ט יום וחצי (וב' ידות שעה וע"ג חלקים) נעשה סיבוב חדש דהלבנה (ר"ה כה, א. רמב"ם הל' קדה"ח פ"ו ה"ג. ועוד).

2) בראשית א, ו.

3) ראה לקו"ת שה"ש כה, סע"א. סה"מ תרע"ח ע' רסט. תש"ד ע' 192. תש"ה ע' 167. וראה גם אוה"ת שבועות ע' פו. אוה"ת ברכה ע' א'תתצא. א'תתצט. ובכ"מ.

4) כמ"ש בשיר של יום.

5) ראה כתר שם טוב (הוצאת „קה"ת") הוספות סקי"ט ואילך. וש"נ.

6) במכ"ש מתורת הבעש"ט, שכל דבר ודבר אשר האדם רואה או שומע הוא הוראת הנהגה בעבודת השם (שם סקכ"ז ואילך. וש"נ).

7) וכמובן מהא דזבחים (צא, רע"א) שקדושת (מוספי) ראש חודש „אהני למוספי שבת". וראה גם לקו"ש חט"ז ע' 481.

טאָג וואָס באַשטייט פון צוויי מנינים: שביעי ועשירי).

און וויבאַלד אַז דער טאָג איז שבת פרשת חוקת, און אַ טאָג אין חודש תמוז – באַווייזט עס אַז דאָס האָט אַ שייכות מיט דער פרשה און מיט דעם חודש; און אויך אַ שייכות מיט די טעג וואָס ווערן געבענטשט פון דעם שבת[8]: (א) י"ב־י"ג תמוז, דער חג הגאולה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר (בשנת תרפ"ז[9]), און (ב) שבעה עשר בתמוז (בשבת הבאה[10]).

און אויך ועיקר: אַ שייכות מיט דער גאולה האמיתית והשלימה – דער ענין הכי עיקרי שהזמן גרמא, כמדובר כמ"פ, ובפרט לאחרונה[11].

ב. דער כללות'דיקער חילוק צווישן די ימי השבוע און ימי החודש איז: די זיבן טעג אין וואָך זיינען ניט תלוי אין מעשה האדם, נאָר זיי ווערן באַשטימט מלמעלה, מצד סדר מעשה בראשית ווי דער אויבערשטער האָט אים באַשאַפן, אַז דורך דעם וואָס „ויהי ערב ויהי בוקר" (ע"י מהלך השמש) גייט במילא דורך אַ טאָג, און נאָך ששה ימים (היקפים), קומט במילא דער יום השביעי, וקדושת שבת – כדברי חז"ל[12] (בנוגע צו קדושת שבת) אַז „שבת מקדשא וקיימא (משׁשת ימי בראשית)". משא"כ (ימי ה)חודש איז תלוי אין קביעות בית־דין[13], „ישראל דקדשינהו לזמנים . . ישראל דקדשינהו לראשי חדשים"[14] (און דערפאַר זאָגט מען „מקדש ישראל והזמנים", ש„צריך להקדים קדושת ישראל לקדושתן, שעל ידי קדושת ישראל נתקדשו הם ואילו לא נתקדשו ישראל לא היו קובעים חדשים וקוראין מועדים בבית־דין"[15]).

ווי דאָס איז אויך אין פשטות הענינים: די שבעת ימי בראשית (און יום השבת) זיינען געווען גלייך בתחלת הבריאה (ווי דערציילט בתחלת התורה). משא"כ קידוש החודש („החודש הזה לכם גו'"[16]) איז אַ מצוה וואָס איז אָנגעזאָגט געוואָרן צו אידן („מצוה ראשונה שנצטוו ישראל"[17]) ערשט באַ יציאת מצרים. ומבואר בכ"מ[18], אַז דאָס איז די התחלה פון דער עבודה פון אידן אין תורה ומצוות וואָס איז העכער פאַר דער בריאה.

וברוחניות הענינים: ימי השבוע גייט אויף דעם סדר הבריאה ווי ס'איז באַשאַפן געוואָרן במילואה דורך דעם אויבערשטן, „עולם על מילואו נברא"[19], כמ"ש[20] „אלה תולדות השמים והארץ בהבראם", תולדות מלא כתיב[21]. ימי החודש גייט אויף דער

8) ראה זח"ב סג, ב. פח, א.

9) אותיות תפז"ר. – ולהעיר שבמזמור תהלים המתאים למספר שנותיו של בעל הגאולה שמתחילים לומר בי"ב תמוז (יום הולדתו) השתא (מזמור ק"ב) – נאמר (בפסוק ט): „פזר נתן לאביונים".

10) ראה לעיל ח"א ע' 395 הערה 6.

11) שיחת כ"ח ניסן, ושיחות והתוועדויות שלאח"ז (לעיל ע' 470 ואילך).

12) ביצה יז, א (ובפרש"י). וראה תו"א יתרו סט, סע"ג.

13) ועד שאחז"ל (שמו"ר פט"ו, ב. דב"ר פ"ב, יד) שהקב"ה אומר לב"ד של מעלה „אני ואתם נלך אצל ב"ד של מטה כו'". ועד כדי כך, ש„אתם אפילו שוגגין אתם אפילו מזידין כו'" (ר"ה שם).

14) ברכות מט, א.

15) פרש"י ביצה שם ד"ה אטו.

16) בא שם.

17) פרש"י ר"פ בראשית.

18) ראה אוה"ת בא ע' רסב. סה"מ אעת"ר ע' רסב. עטר"ת ע' קצו. תרפ"ד ע' פב. מלוקט ח"ב ע' רפג ואילך. ח"ג ע' פב ואילך.

19) ראה ב"ר פי"ד, ז. פי"ג, ג.

20) בראשית ב, ד.

21) ב"ר עה"פ (פי"ב, ו). שמו"ר פ"ל, ג.

הוספה וחידוש (חודש מלשון חידוש[22]) וואָס ווערט אויפגעטאָן אין דער בריאה דורך עבודת האדם[23], כמאחז"ל[24] „אשר ברא אלקים לעשות[25] – לתקן", ביז אַז מען טוט אויף אַ חידוש ושלימות אין דער גאַנצער בריאה (אפילו לגבי שלימות הבריאה מצ"ע), „שמים חדשים וארץ חדשה"[26] – וואָס עס וועט זיין בגאולה האמיתית והשלימה, ווען עס וועט זיין „אלה תולדות פרץ גו' (וישי הוליד את דוד)"[27], תולדות מלא (העכער פאַר תולדות מלא באַ בריאת השמים והארץ[28]).

ובשרש הענינים נעמט זיך דער חילוק פון די צוויי דרגות אין אלקות: אלקות וואָס איז בערך צו דער בריאה, און טוט זיך אָן אין דער בריאה (שבוע); און אלקות וואָס איז העכער פאַר דער בריאה (חודש).

ג. ויש לומר אַז דאָס שפיגלט זיך אָפּ במיוחד אין דעם חילוק צווישן יום ה־שביעי (בשבוע) און יום העשירי (בחודש) – די צוויי מנינים פון היינטיקן טאָג:

שביעי באַדייט די שלימות ההיקף פון דער בריאה – שבעת ימי בראשית, שבעת ימי ההיקף[29]. ובשרשם – די שבע מדות מיט וועלכע עס ווערט באַשאַפן די וועלט, די שבעה ימים (יום ראשון – חסד, יום שני – גבורה, ביז יום השביעי – מלכות)[30]. די דרגא אין אלקות וואָס באַשאַפט און טוט זיך אָן אין דער וועלט.

עשרה איז פאַרבונדן (אויך) מיט דער דרגא אין אלק:ת שלמעלה מעולם – די עשר ספירות, הכוללות די שלשה מוחין וועלכע זיינען העכער פאַר (מקור ה־)עולם[31];

און דער גילוי פון בחי' עשרה (אלקות שלמעלה מעולם) ווערט אויפגעטאָן דורך עבודת האדם, וואָס ער איז מוסיף ומחדש (אויף דער בריאה שנבראת בשבע מדות) די המשכה פון די ג' מוחין, אַזוי אַז עס ווערט די שלימות הגילוי פון עשרה – נוסף צו דער גילוי פון בחי' שבע (מדות) אין דער בריאה, אויך דער גילוי פון די ג' מוחין.

ובעבודת האדם: אויף דעם וואָס עס שטייט[32] „אל תצר את מואב" – איז מבואר אין חסידות[33], אַז בזמן הזה איז געגעבן

22) ראה ראב"ע שם. ס' השרשים לר' יונה בן ג'נאח ולהרד"ק ערך חדש. וראה לקו"ת נצבים מו, ב.

23) דאע"פ שמהלך הלבנה ומולד הלבנה (בראש חודש) הוא חלק מהבריאה, הרי קביעת וקדושת ראש חודש במנין הזמן תלוי' בב"ד, ועד ש„אתם אפילו שוגגין אתם אפילו מזידין" כנ"ל (הערה 13).

ומה שאמחז"ל (שמו"ר פט"ו, יא) „משבחר הקב"ה בעולמו קבע בו ראשי חדשים (ושנים)" – (א) ה"ז דוקא ע"י בחירת הקב"ה בעולמו (ולא ע"י בריאת העולם מצ"ע), כי ענין החודש (מלשון חידוש) הוא למעלה מהבריאה, (ב) אמיתית הענין דחדשי השנה נעשה דוקא ע"י מצות קידוש החודש (שע"י ב"ד), „החודש הזה לכם ראש חדשים ראשון הוא לכם לחדשי השנה" (וראה שמו"ר שם, ב: „ל־שעבר הי' בידי כו' מכאן ואילך הרי מסורה בידכם ברשותכם כו'") – ראה ד"ה החודש תשל"ט (סה"מ מלוקט ח"ג שם).

24) ראה ב"ר פי"א, ו ובפרש"י. וראה אוה"ת בראשית (כרך ג) תקיד, א ואילך.

25) בראשית שם, ג.

26) ישעי' סה, יז. סו, כב. וראה לקו"ת שה"ש בסופו (נא, ג). ספר הליקוטים דא"ח – צ"צ ערך לע"ל ע' תריב ואילך. ועוד.

27) רות ד, יח. כב.

28) ראה סה"מ מלוקט ח"ג ע' ח. וש"נ.

29) ראה שו"ת הרשב"א ח"א ס"ט.

30) ראה ס' המאמרים תרע"ח, תש"ד ותש"ה שבהערה 3.

31) ראה סה"מ תש"ח ע' 273. ובכ"מ.

32) דברים ב, ט.

33) ד"ה אל תצר את מואב לאדמו"ר האמצעי – מאמרי אדהאמ"צ דברים ח"א בתחלתו.

געוואָרן צו אידן נאָר די שבע ארצות, וואָרום דער עיקר עבודה בזמן הזה איז צו מברר ומזכך זיין די שבע מדות (און די עבודה אין די דריי מוחין, איז צוליב פועל זיין אויף די מדות), אָבער בגאולה האמיתית והשלימה וועלן געגעבן ווערן אַלע עשר ארצות (אויך קיני קניזי וקדמוני[34]), וואָרום דעמולט וועט עבודת השם זיין מיט דער פולסטער שלימות, און ס'וועט זיין די עבודה פון די ג' מוחין (אויך) פאַר זיך (ביז די שלימות פון „אלה תולדות פרץ" שלמעלה פון „אלה תולדות השמים והארץ בהבראם")[35].

ד. דער אויפטאָן די ביידע ענינים פון שבעה ועשרה איז פאַרבונדען דערמיט וואָס אין דער בריאה עצמה זיינען דאָ די צוויי דרגות:

אין תורה שבכתב שטייט אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אין שבעה ימים, „ויכל[36] אלקים ביום השביעי מלאכתו"[37];

אין תורה שבעל־פה — „תורה בפירושה ניתנה"[38] — שטייט [אין היינטיקן פרקי[39]] אַז „בעשרה מאמרות נברא העולם". ויש לומר, אַז דאָס איז מתאים מיט דעם וואָס דער אונטערשייד צווישן תורה שבכתב און תורה שבעל־פה איז ע"ד דער אונטערשייד צווישן שבעה און עשרה:

תושב"כ איז געגעבן געוואָרן מלמעלה פון דעם אויבערשטן[40], און ס'איז ניט שייך אַז אַ מענטש זאָל אין דעם מוסיף זיין ח"ו. מצד דער דרגא פון המשכת אלקות מלמעלה (תושב"כ) איז שלימות הבריאה אין אַן אופן פון שבעה. און דאָס גיט דעם כח אויף דער עבודה פון בירור השבע מדות, גילוי אלקות אין ובערך גדרי העולם.

תושבע"פ איז רובה נתגלה געוואָרן דורך דער עבודה ויגיעה בכח עצמם (בדרך עיון ופלפול) פון די חכמי ישראל במשך הדורות („שלומדים מפי דעתם באחת מן המדות שהתורה נדרשת בהם . . (או) שעשאום סייג לתורה"[41]), וואָס דורך דעם ווערן נתחדש אַ ריבוי דינים ופרטים אין די תרי"ג מצוות[42]. און דעריבער איז דאָרט די הדגשה אַז „בעשרה מאמרות נברא העולם". מצד עבודת המטה אין תורה (תושבע"פ) און אין דער וועלט — זעט מען אין דער בריאה בחי' עשר.

און דאָס גיט דעם כח אויף דער עבודה בכח עצמו — „לעשות לתקן" — צו אויפ־

---

34) לך לך טו, יט ובפרש"י.

35) ומעין זה הי' לפני זה — כמסופר בפרשתנו* ע"ד כיבוש והתיישבות בנ"י בארץ סיחון ועוג, שבה נכלל חלק מארץ עמון ומואב (ראה גיטין לח, א. וש"נ), שהם מהשלש ארצות, קיני קניזי וקדמוני, ש„עתידים להיות ירושה לעתיד" (פרש"י שם). וי"ל שהפתיחה וההכנה לשלימות כיבוש וירושת הארץ לע"ל (עשרה) נעשתה ע"י ההתיישבות בארץ סיחון ועוג — שבפרשתנו (וראה בארוכה סה"ש תש"נ ח"ב ע' 541 ואילך). וראה לקמן ס"ט, שמעין וטועמי' דגילוי זה (דג' מוחין) נעשה ע"י הפצת המעינות חוצה.

36) בראשית ב, ב.

37) ד„מה הי' העולם חסר מנוחה, באת שבת באת מנוחה, כלתה ונגמרה המלאכה" (פרש"י עה"פ — מב"ר פ"י, י. וראה גם פרש"י מגילה ט, א ד"ה ויכל. תוד"ה חצבה — סנהדרין לח, א).

---

*) בשיעור חומש דיום השבת (משביעי עד סיום הפרשה), עשירי בתמוז.

---

38) הקדמת הרמב"ם לספרו היד בתחלתה.

39) אבות פ"ה מ"א.

40) ראה בארוכה פתיחת הרמב"ן עה"ת. וראה גם פיה"מ להרמב"ם סנהדרין פ' חלק ביסוד הח'.

41) רמב"ם הל' ממרים פ"א ה"ב. וראה ס' השיחות תשמ"ט ח"ב ע' 725.

42) ראה בארוכה המשך תרס"ו ע' עח ואילך. ע' צ ואילך. ע' שפג ואילך.

טאָן אַ הוספה וחידוש אין דער בריאה, דער גילוי פון בחי׳ עשר בתכלית השלימות דורך דער עבודה אין עולם, ביז די שלימות פון „אלה תולדות פרץ״ (אַ חידוש אין דער בריאה[43]).

ה. אין די צוויי ענינים — פון שביעי (שבוע) און עשירי (חודש) — איז יש בזה מה שאין בזה:

די מעלה פון שביעי איז — אַז דאָס איז די שלימות הבריאה ווי דער אויבערשטער האָט איר באַשאַפן מלכתחילה, טוב ושלימות מלכתחילה. און אויך — אַז דאָס איז די שלימות פון (גילוי אלקות אין) דער בריאה עצמה, ווי דאָס איז זיך מתלבש באופן פנימי אין גדר הבריאה (ווי זי איז לכתחילה באַשאַפן געוואָרן).

די מעלה פון עשירי איז — אַז דאָס טוט אויף (דורך עבודת האדם) גילוי אלקות שלמעלה ממדידה והגבלה פון דער בריאה. ובלשון הכתוב[44] — „העשירי יהי׳ קדש״, די דרגא פון קדש מלה בגרמי׳, וואָס איז אינגאַנצן העכער (קדש מופרש ומובדל) פון אַנדערע ענינים („גרמי״״), ועאכו״כ פון גדר העולם.

— אויך שבת (יום השביעי) איז בדרגת (שבת) קדש, „קדש מלה בגרמי״״[45] — אָבער דאָס איז ווי די קדושה ווערט נמשך מלמעלה (מקדשא וקיימא), משא״כ „העשירי יהי׳ קדש״ ווערט אויפגעטאָן דורך עבודת[46] התחתון[47], וואָס דאָס דערגרייכט (אין קדש מלה בגרמי׳ בעצמה) העכער פון דער המשכה מלמעלה[48].

ועפ״ז איז מובן דער עילוי פון דעם טאָג [ובכלל — פון יעדער טאָג, מצד דעם וואָס ער איז מאחד אַ יום בשבוע ויום בחודש, כנ״ל, אָבער דאָס איז נאָכמער בגלוי ובהדגשה ביום זה] — יום השביעי בשבוע און יום העשירי בחודש: דער חיבור (אין דעם זעלבן טאָג) פוןביידע מעלות הנ״ל, גבול און בלי גבול, גילוי אלקות אין עולם און גילוי אלקות שלמעלה מעולם, וחיבור שניהם יחד — אַז אלקות שלמעלה מעולם ווערט נמשך אין מציאות העולם עצמה[49].

ויש לומר אַז דאָס איז אויך מרומז אין

---

43) שמזה מובן שהוא חידוש וגילוי נעלה יותר מבחי׳ העשרה מאמרות שבהן נברא העולם ע״י הקב״ה [וגם גילוי ענין זה הוא בתורה], שהרי ע״י עבודת האדם (בתיקון העולם שנברא בעשרה מאמרות) יהי׳ לע״ל חידוש בהבריאה (שנבראה בעשרה מאמרות), „שמים חדשים וארץ חדשה״.

44) בחוקותי כז, לב. וראה זח״ב רעא, א.

45) זח״ג צד, ב. וראה סידור (עם דא״ח) ר, סע״ג ואילך. ועוד.

46) כפי שהוא גם בפשטות הענין ד„העשירי יהי׳ קודש״ שנאמר במעשר בהמה, שקדושת הבהמה העשירית נעשית ע״י פעולה: יציאת הבהמה מן הדיר (ויציאה מן הכלל ע״י מנין האדם). ראה לקו״ש ח״ז ע׳ 362 ואילך.

47) ולהעיר ש„מלה בגרמי״״ הוא בלשון תרגום (ולא בלשון הקודש), המורה על העבודה והפעולה בעולם (ראה תו״א משפטים עז, ד. עח, ג).

48) כמבואר בכ״מ העילוי דאתעדל״ע הבאה ע״י אתעדל״ת לגבי אתעדל״ע הבאה מצ״ע (לקו״ת שה״ש כג, ד ואילך. וראה סה״מ מלוקט ח״ג ע׳ צג־ד).

49) ואף שעשרה מצ״ע כולל גם השבע (מדות) בהוספת שלשה (מוחין), הרי זהו כפי שהשבעה הם חלק מה(מעלה שב)עשרה, היינו (א) שמציאות העולם (שבעה) נתעלית לדרגת עשרה שלמעלה מעולם (ולא שהגילוי אלקות מתלבש בהעולם עצמו, כפי שהוא במדריגתו), ו(ב) דרגת עשרה היא בערך ושייכת לדרגת העולם (ולא למעלה ממנו לגמרי). משא״כ כשיום זה הוא יום שביעי בפ״ע (בימי השבוע) ויום עשירי בפ״ע (בימי החודש), ה״ז מורה על חיבור ב׳ המעלות: השלימות דגילוי אלקות במציאות העולם עצמה (שביעי כפ״ע), והשלימות דגילוי אלקות שלמעלה לגמרי מעולם (עשירי בפ״ע), וחיבור שניהם יחד.

דעם וואָס דער חיבור פון שביעי (ז') און עשירי (י') איז — שבעה עשר (י"ז), בגימטריא טוב — וואָס (טוב סתם בלי תואר והגבלה —) באַשטייט פון טוב למעלה און טוב למטה [בלשון חז"ל[50]: טוב לשמים וטוב לבריות], טוב וואָס איז גלוי מלכתחילה (מצד הבריאה) — ווי עס שטייט בנוגע למעשה בראשית, „וירא אלקים כי טוב"[51], ביז (ווי עס שטייט[52] בסיום הבריאה ביום הששי) „וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד", און טוב (הנעלם מצ"ע) וואָס ווערט נתגלה דורך עבודת האדם („לעשות — לתקן"), ד.ה. אַז י"ז בגימטריא „טוב" איז כולל סיי טוב שבעולם (ז') און סיי טוב בל"ג וואָס איז למעלה מעולם (י').

ו. עפ"ז וועט מען פאַרשטיין די שייכות מיט שבעה עשר בתמוז (שבשבת הבאה, ובמילא איז דאָס אַ תענית נדחה), וועלכער ווערט געבענטשט פון דעם שבת, עשירי בחודש:

שבעה עשר (בתמוז) איז בגימטריא טוב, וואָרום שלימות הטוב איז ווען מ'האָט אויך דעם גילוי הטוב פנימי — אַ טוב בלי גבול — וואָס איז באַהאַלטן און ווערט נתגלה דורך עבודת האדם.

כידוע אַז בפנימיות איז אַ יום תענית — „יום רצון לה'"[53]. און דורך דעם ווערט נתגלה דער טוב פנימי אין דעם ענין בלתי רצוי וואָס צוליב אים פאַסט מען (התגלות פנימיות האהבה פון דעם אויבערשטן צו אידן, כמשל המלך הרוחץ בעצמו בנו יחידו מרוב אהבתו[54]) — ווי דאָס וועט נתגלה ווערן בגאולה האמיתית והשלימה ווען „כל הצומות האלו . . עתידים להיות ימים טובים וימי ששון ושמחה, שנאמר[55] כה אמר ה' צבאות צום הרביעי . . יהי' לבית יהודה לששון ולשמחה ולמועדים טובים"[56].

ויש לומר, אַז דער טוב פנימי (אין טו"ב תמוז) שטייט בגלוי ווען שבעה עשר בתמוז קומט אויס ביום השבת — יום השביעי (ווי בקביעות שנה זו), וואָס דעמולט פאַסט מען ניט[56*], וואָרום בשבת „אין עצב בה"[57], ואדרבה — מצוה „לענגו בעונג אכילה ושתי'"[58], ענינו של שבת איז עונג, במילא איז דאָס דוחה דעם תענית, און ס'איז אסור דעמולט צו פאַסטן.

דאָס הייסט, אַז בשבעה עשר בתמוז שחל להיות בשבת זיינען פאַראַן ביידע מעלות צוזאַמען: די שלימות הטוב למעלה — שביעי (שבת), און שלימות פון גילוי טוב הנעלם וואָס קומט דורך עבודת המטה — עשירי.

און דער כח אויף דעם קומט פון ווי די ביידע ענינים (שבת וצום שבעה עשר בתמוז) זיינען אין תורה (ע"ד האמור לעיל (ס"ד) אַז דער כח אויף דער עבודה פון שביעי ועשירי קומט פון דעם וואָס אין תורה זיינען די ביידע ענינים, שבעת ימי בראשית בתושב"כ, בעשרה מאמרות נברא העולם בתושבע"פ):

דער טעם פשוט אויף איסור תענית בשבת איז, ווייל שבת (ומצות עונג שבת)

50) קידושין מ, א.

51) בראשית א, ד. י. יב. יח. כא. כה.

52) שם, לא.

53) ישעי' נח, ה. וראה אגה"ת ספ"ב.

54) תניא אגה"ק סכ"ב (קלד, סע"ב). וראה בארוכה אוה"ת מסעי (כרך ד) ס"ע א'שפד ואילך — לענין ד' הצומות.

55) זכרי' ח, יט.

56) רמב"ם סוף הל' תעניות.

56*) רמב"ם שם פ"ה ה"ה. טושו"ע או"ח סתקנ"ג ס"ג.

57) משלי י, כב. ירושלמי ברכות פ"ב סה"ז. הובא בתוד"ה מאן דאמר — מו"ק כג, ב. — ואמרו חז"ל „וביום שמחתכם אלו השבתות" (ספרי בהעלותך י, י).

58) שו"ע אדה"ז או"ח ר"ס רמב.

איז מן התורה[59], וואָס דאָס איז דוחה די תעניות וועלכע זיינען מדברי קבלה[60].

וי"ל הביאור בזה בפנימיות הענינים, ובהקדים דעם טעם פאַרוואָס אַלע תעניות — מלבד יוהכ"פ — זיינען מדברי קבלה און ניט מן התורה:

הטעם לזה יש לומר ע"פ דעם חילוק המדובר לעיל צווישן תורה שבכתב און תורה שבע"פ: מן התורה — תורת חסד[61] — איז ניטאָ דער ענין פון תענית (מלבד יוהכ"פ[62]). דאָס הייסט: מן התורה — ווי די וועלט איז מצד למעלה (מצד בריאתה ע"י הקב"ה) — איז זי במילואה ובשלימותה, און דאָרט איז ניטאָ (אויף אַזויפיל[63]) אַן ענין בלתי רצוי (חטא) וואָס אויף דעם זאָל דאַרפן זיין אַ תענית (וואָס קומט „מפני הצרות שאירעו בהן כדי לעורר הלבבות לפתוח דרכי התשובה" אויף „מעשינו הרעים ומעשה אבותינו שהי' כמעשינו עתה שגרם להם ולנו אותן הצרות"[64]).

משא"כ מצד דברי קבלה (בערך צו „דברי תורה"), וואָס זיי פסק'ענען די הלכות לויט דעם ווי מ'שאַצט אָפּ דעם מצב העולם בפועל למטה (ע"ד תושבע"פ לגבי תושב"כ כנ"ל) — איז, וויבאַלד אַז מצד דעם עולם למטה (וואו ס'איז געגעבן געוואָרן בחירה בטוב או בהפכו), קען זיין אַ ירידה ע"י החטא ר"ל, דעריבער קומען די תעניות אויף דאָס צו מתקן זיין דורך עבודת התשובה — די הוספה וחידוש וואָס טוט זיך אויף אין דער בריאה ע"י עבודת האדם (מער וויפל ס'איז דאָ אין דער בריאה מצ"ע).

מן התורה שטייט בגילוי (בעיקר) דער טוב הגלוי אין דער בריאה; משא"כ דורך דברי קבלה (ועד"ז תושבע"פ בכלל) ווערט נתגלה אויך דער טוב הנעלם וואָס איז דאָ למטה, כולל — דעם טוב פנימי אין דעם צום פון שבעה עשר (טר"ב) בתמוז, ווי עס וועט נתגלה ווערן לע"ל ווען יהפכו ימים אלו לששון ולשמחה.

ועפ"ז איז פאַרשטאַנדיק דער כח פון שבת צו דוחה זיין אַ תענית: וויבאַלד אַז שבת איז מן התורה, איז דאָס פאַרבונדן מיט דעם גילוי הטוב מלמעלה (שביעי), „וקראת לשבת עונג"[65], דעריבער איז דעמולט ניטאָ קיין אָרט אויף אַ תענית[66] [מלבד יוהכ"פ וואָס איז מן התורה].

---

59) „ואף להאומרים שהוא (מצות עונג שבת) מדברי קבלה . . מ"מ להתענות לגמרי לד"ה אסור מן התורה" (שו"ע אדה"ז או"ח סרפ"ח ס"ז).

60) רמב"ם הל' תעניות פ"ה ה"ד.

61) משלי לא, כו.

62) וגם בנוגע ליוהכ"פ מבואר ש„מאהבת הקב"ה לישראל שלא ציוום להתענות אלא יום א' בשנה ולטובתם לכפר עונותיהם וציוום שיאכלו וישתו תחלה שלא יזיק להם העינוי". ויתירה מזה: נאמר (אמור כג, לב) „ועניתם את נפשותיכם ב־תשעה לחודש", „שהוציא הכתוב את האכילה בלשון עינוי ולא אמר בפירוש שיאכלו וישתו, לומר לך שהאוכל ושותה בתשיעי מעלה עליו הכתוב כאילו הי' מתענה בו (בתשיעי ועשירי) מחמת מצות הקב"ה שצוה להתענות בו כו' שהאוכל ושותה בתשיעי שכרו הרבה מאד כאילו הי' מתענה בט' וי' כו'" (שו"ע אדה"ז או"ח ר"ס תרד). וראה הערה הבאה.

63) אלא שמכיון שכל הענינים — גם ענין ה־תשובה (על החטא) — נמשכים מן התורה, וליכא מידי דלא רמיזא באורייתא (ראה זח"ג רכא, א. וראה תענית ט, א) — לכן, יש תענית דיוהכ"פ מן התורה, „לכפר על בני ישראל מכל חטאתם" (אחרי טז, לד)*.

*) וראה שיחת צום גדלי' (לקמן ע' 835 ואילך. לעיל ח"א ע' 17 ואילך), שימי הצומות שמדרבנן נמשכים מצום יוהכ"פ (שמה"ת), כיון שכל המצוות דרבנן „יוצאות ונמשכות ממצוות התורה (דוגמתן)" — תניא אגה"ק סכ"ט (קנ, סע"א).

64) רמב"ם הל' תעניות רפ"ה.

65) ישעי' נח, יג.

66) ומה שהתירו חכמים להתענות תענית חלום בשבת — הרי זה (החלום) לא מצד סדר הבריאה

אָבער צוזאַמען דערמיט איז אין דעם שבת שבעה עשר בתמוז אויך דאָ די מעלה פון גילוי טוב הפנימי פון דעם תענית (בחי' עשר), וואָרום אַנשטאָט פאַסטן איז מצוה לענגו בעונג אכילה ושתי', און ס'איז אַ יום שמחה, מעין און אַלס הכנה צו דחיית התענית בשלימות לע"ל, ווען יהפכו ימים אלו לששון ולשמחה [כפתגם הידוע[67] בנוגע צו שבעה עשר בתמוז שחל בשבת: הלואי שיהי' נדחה בשלימות ויהפך לששון ולשמחה].

ז. און אין דעם קומט צו נאָכמער דורך שבת עשירי בתמוז: ווען שבעה עשר בתמוז איז חל בשבת, איז דער שבת שלפני זה – פון וועלכע עס ווערט גע־בענטשט שבת שבעה עשר בתמוז – אַלע־מאָל יום עשירי בחודש (תמוז). ויש לומר ע"ד הרמז: פון דעם ענין השביעי (שבת) ועשירי (בחודש) – דער חיבור פון דעם טוב גלוי און דעם טוב הנעלם (וואָס ווערט נתגלה דורך עבודת המטה) – ווערט נמשך די ברכה (מלשון המשכה[68]) ונתינת כח צו דעם שבת הבא צו אויפטאָן דעם חיבור פון דיביידע מעלות אין שבת שבעה עשר בתמוז: דער גילוי הטוב פון שבת (הבא מלמעלה), און דער גילוי הטוב פנימי אין שבעה עשר – (בגימטריא) טו"ב – בתמוז.

ויש לקשר זה אויך מיט דעם וואָס „בשבעה עשר בתמוז נשתברו הלוחות"[69]: אין דעם ענין פון שבירת הלוחות איז דאָ דער טוב פנימי (וואָס דורך דעם איז צוגעקומען דער ריבוי אין תורה בלוחות השניות מער ווי עס וואָלט געווען מצד די לוחות ראשונות, כדאיתא במדרשי[70]). וואָס דערפאַר האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו משהי[71] „יישר כחך ששברת": דער עילוי קומט אַרויס דוקא דורך „כחך" של האדם (עבודת המטה) – ע"ד די מעלה פון עבודת התשובה (נאָר אין דעם באַקומט מען דערנאָך אויך דער סיוע פון דעם אויבערשטן, וועלכער זאָגט „יישר כחך").

און אין דעם שבת שלפני זה – וואָס איז נאָך אין די ארבעים ימים הראשונים פון משה'ס זיין בהר סיני, קודם שבירת הלוחות – שטייט בגלוי די מעלה פון די לוחות ראשונות – עבודת הצדיקים, מצד דעם וואָס „עשה האלקים את האדם ישר"[72], נאָר אין דעם האָט מען אויך די

מצ"ע (שהוא טוב), אלא „הוראה מן השמים"* (ולכן „אם הרהר ביום וחלם בלילה לא יתענה עליו כלל בשבת בכל ענין שאין בזה הוראה מן השמים כלל" – שו"ע אדה"ז או"ח סרפ"ח סוס"ז). כלומר: תענית חלום שייך דוקא בזמן הזה קודם המצב ד„ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ" (זכרי' יג, ב), שאז התירו לו חכמים להתענות תענית חלום „בשביל שיקרע גזר דינו" (שו"ע אדה"ז שם ס"ג).

ולומדים ה„תורה חדשה מאתי תצא" באופן ד„אלה הדברים", מראה באצבעו ואומר זה, לימוד באופן של ראי'[108], „והיו עיניך רואות את מוריך"[109], „יראה אל אלקים בציון"[110], „ותחזינה עינינו בשובך לציון", „כי[111] אלקים יושיע ציון גו' וישבו שם גו'"[112], „ישבו ישרים את פניך"[113], תיכף ומיד ממש.

---

105) מכילתא בשלח טו, א. ועוד.

106) עירובין מג, ב.

107) בשלח טו, יז.

108) לקו"ת צו יז, א ואילך. ובכ"מ.

109) ישעי' ל, כ.

110) תהלים פד, ח.

111) שם סט, לו.

112) לאחרי (חלק זה ד)השיחה ניגנו ניגון על פסוק זה, וכ"ק אדמו"ר שליט"א עמד מלא קומתו ורקד בשמחה רבה (המו"ל).

113) שם קמ, יד.

משיחות ש"פ פינחס, מבה"ח מנחם־אב, כ"ד תמוז ה'תנש"א

א. איינער פון די חידושים אין אונזער פרשה איז — דער ענין פון נחלת וחלוקת ארץ ישראל צו יעדער שבט און צו יעדער איד.

שטייענדיק באַ דעם שוועל פון דער גאולה האמיתית והשלימה, כמובן פון די אַלע סימני הגאולה (ווי גערעדט לאחרונה כמ"פ) — איז פאַרשטאַנדיק אַז לכל לראש האָט מען דערפון דעם לימוד בנוגע צו נחלת וחלוקת ארץ ישראל בפשטות אין דער גאולה[1]. אָבער וויבאַלד אַז מ'שטייט נאָך אַ רגע פאַר דער גאולה, איז מובן אַז מ'דאַרף דערפון האָבן אַ לימוד אויך איצטער — וואָרום התורה היא נצחית[2], אַ הוראה נצחית לכל הזמנים ולכל ה־מקומות.

ויש לומר לויט דער הוראה פון דעם צמח־צדק צו אַ איד וואָס האָט געוואָלט עולה זיין אין ארץ ישראל צו דאָרט שוקד זיין בתורה ועבודה — „מאַך דאָ ארץ ישראל". היות אַז דאָס איז דערציילט ונתפרסם געוואָרן (דורך כ"ק מו"ח אדמו"ר[3]) צו יעדער איד, איז פאַר־שטאַנדיק אַז דערפון ווערט אַ הוראה פאַר יעדערן — אַז אויך ווען מ'געפינט זיך „דאָ", אין חוץ לארץ, און אין זמן הגלות (אפילו רגע האחרון שבה) — דאַרף מען „דאָ" — אין דעם מקום וזמן — מאַכן „ארץ ישראל".

דאַרף מען האָבן ביאור אין וואָס באַשטייט די עבודה פון „מאַך דאָ ארץ ישראל" — דלכאורה: ע"פ דין איז „דאָ" (חוץ לארץ) ניט „ארץ ישראל"! די שלימות העבודה בתומ"צ פון אַ אידן איז דוקא אין ארץ ישראל (כמבואר בכמה מדחז"ל[4]). און אויך זייענדיק „דאָ", אין מקום וזמן הגלות, איז אַ איד מתפלל (ופניו כנגד ארץ ישראל[5]) ג' פעמים בכל יום (חול) „וקבצנו יחד מארבע כנפות הארץ לארצנו"[6], וכיו"ב,

ובפרט בדורות האחרונים ובזמנים האחרונים, ובזמן הכי אחרון — וואָס לויט אַלע סימני הגאולה איז „הנה זה (משיח) בא"[7] (כדלקמן סי"א),

אין וואָס באַשטייט די הוראה „מאַך דאָ ארץ ישראל"?!

ובפרט אַז ברגע שלאחרי זה גייט מען שוין אַרויס פון גלות און מ'גייט אין ארץ ישראל כפשוטה.

ב. וועט מען עס פאַרשטיין בהקדים אַן ענין בפרשתנו:

בנוגע צו חלוקת ארץ ישראל וואָס איז געווען „על פי הגורל" — ווי געזאָגט בפרשתנו[8] — ברענגט רש"י[9] (פון מדרשי חז"ל[10]) אַז „הגורל הי' מדבר", „הגורל

1) ב"ב קכב, א.

2) תניא רפי"ז (כב, ב). ובכ"מ.

3) במכתבו מכ' מנ"א תרפ"ה — אגרות קודש שלו ח"א ע' תפה ואילך. וראה לקו"ש ח"ב ס"ע 621.

4) ראה כתובות קי, ב ואילך. וראה בארוכה אנציקלופדי' תלמודית ערך ארץ ישראל ע' ריח ואילך. ע' רכג ואילך. וש"נ.

5) ברכות ל, א. טושו"ע או"ח רסצ"ד.

6) ברכת תקע בשופר ב„שמונה עשרה".

7) שה"ש ב, ח. ובשהש"ר עה"פ.

8) כו, נו.

9) כו, נו. שם, נד.

10) תנחומא פרשתנו ו. במדב"ר פרשתנו פכ"א, ט.

עצמו הי' צווח ואומר אני הגורל עליתי לגבול פלוני לשבט פלוני".

דאַרף מען פאַרשטיין דער טעם און די תועלת פון דעם נס: דער אויבערשטער מאַכט דאָך ניט אַ נס „למגנא"[11]. איז צוליב וואָס האָט ער געמאַכט דעם נס אַז „הגורל הי' מדבר". מען וואָלט אויך געהאַט דעם בירור בנוגע צו חלוקת הארץ (גבול פלוני לשבט פלוני) ע"פ הגורל (ווי דאָס איז באַ יעדער גורל בלי נס אַז הגורל מדבר)[12]?!

ואע"פ אַז דער אויבערשטער האָט גע־וואָלט באַווייזן אידן אַז דער גורל איז אַן אמת'ער ענין על פי ה' (און ניט באקראי) — איז דערצו שוין געווען אַ פריערדיקע נס וואָס האָט באַוויזן אַז „הגורל הי' על פי רוח הקודש": „אלעזר הכהן הי' מלובש באורים ותומים ואומר ברוח הקודש אם שבט פלוני עולה תחום פלוני עולה עמו"[13], וואָס דאָס האָט באַוויזן אידן אַז דער גורל איז אמת און ישר[14]. איז צוליב וואָס האָט מען געדאַרפט אָנקומען צו אַ נס[15] אַז „הגורל הי' מדבר"[15*]?

ג. ויש לומר הביאור בזה:

וויבאַלד אַז דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט אַז „אך בגורל יחלק את ה־ארץ"[16] („על פי הגורל תחלק נחלתו"[17], „והתנחלתם את הארץ בגורל"[18]), און דוקא ע"י הגורל („אך בגורל") און ניט באופן אחר — דערפאַר האָט די חלוקה און דער בירור פון כל חלק בארץ גע־דאַרפט זיין דורך דעם גורל עצמו (און ניט דורך אַן אַנדער זאַך)[19].

ויש לומר אַז דעריבער איז אויך דער בירור באמיתית ענין הגורל געווען דורך דעם גורל עצמו („הגורל עצמו הי' צווח כו'"), וואָרום אויב ס'איז שייך אַ ספק צי דער גורל איז באקראי, און מ'דאַרף אָנ־קומען צו אַן אַנדער זאַך (רוח הקודש וכיו"ב) צו באַווייזן אַז דאָס איז אמת ומכוון — באַווייזט דאָס אַז דער גורל אַליין טוט ניט אויף די חלוקת הארץ בשלימות, און דערפאַר איז „הגורל עצמו הי' צווח כו'", דורך דעם האָט דער גורל עצמו אויפגעטאָן בשלימות די חלוקה, אַליין „געזאָגט" באופן ברור וגלוי אַז „גבול פלוני לשבט פלוני"[20].

---

11) דרשות הר"ן דרשה ח. ועוד.

12) ועפ"ז צלה"ב גם: מהו ההכרח ש„על פי הגורל" פירוש ש„הגורל הי' מדבר". דאף שלמדים זה מיתור הכתוב, שהרי לעיל מיני' נאמר „אך בגורל יחלק את הארץ" (ראה מפרשי המדרש שם. משכיל לדוד כאן) — הרי יש לפרש היתור כדרשת הגמרא (ב"ב קכב, א) עה"פ, ש„על פי הגורל" בא להוסיף שנתחלקה באורים ותומים (ראה רשב"ם ב"ב שם: על פי — משמע על פי אורים ותומים. וראה גם פרש"י עה"פ (בהמשך לדבריו ש„הגורל הי' מדבר"): מגיד שנתחלקה ברוח הקודש לכך נאמר על פי ה'. ואכ"מ), שאלעזר הכהן הי' מלובש באורים ותומים והי' מכוין ברוח הקודש לעליית הגורלות.

13) פרש"י פרשתנו שם, נד. מב"ב שם. וכ"ה בתנחומא ובמדב"ר שם.

14) רשב"ם ב"ב שם: ועי"ז מתקררה דעתן של ישראל שרואין שהגורל הי' עולה כמו שנתנבא תחלה ויודעים שחלוקה ישרה היא.

15) ראה תנחומא ובמדב"ר שם: „וזו היתה יתרה".

16) ולהעיר מתוד"ה אך — סנהדרין מג, ב. וראה ד"ה אך בגורל באוה"ת פרשתנו (ע' א'סד ואילך), תרכ"ו (ע' קעא. קעט־פ).

17) פרשתנו כו, נה.

18) מסעי לג, נד.

19) ראה רשב"ם ב"ב שם בביאור הטעם שלהגורל היו צריכים לשני קלפי „אחד לשבטים ואחד לתחומין ולא סגי בחד דתחומין ולימא עכשיו אני נוטל מה שיעלה בידי לצורך ראובן דא"כ אין כל החלוקה עשוי' בגורל וקרא קאמר אך בגורל וגו' בלא הוצאת דיבור מפיו".

20) והטעם (בפנימיות הענינים) שהיו צריכים

ד. דאָס דאַרף נאָך אָבער האָבן ביאור:

דער ענין הגורל איז ניט קיין ענין לעצמו, נאָר אַ מיטל — אַן אמצעי — אויף חלוקת הארץ וישוב הארץ. ועד"ז דער „דיבור" פון דעם גורל איז ניט נוגע צו עצם חלוקת הארץ ע"פ הגורל, נאָר דאָס איז אַ דבר צדדי לכאורה — אַ הוכחה אויף אמיתית הגורל, אָדער לפרסם ה־דבר. איז למאי נפקא מינה בחלוקת הארץ אויב דער בירור באמיתית ענין הגורל (ופרסום הדבר) קומט דורך דעם גורל עצמו אָדער באופן אחר (דורך רוח ה־קודש פון די אורים ותומים, אָדער על פי ה' וכיו"ב). אפילו אויב דאָס קומט ניט דורך דעם גורל אַליין — איז מען אויך מקיים בשלימות דעם ציווי „בגורל יחלק את הארץ".

בסגנון אחר: אויב דער גורל וואָלט געווען אַ מצוה און אַ תכלית לעצמה (און ניט צוליב אַ צווייטע זאַך — חלוקת הארץ), און „הגורל הי' מדבר" וואָלט געווען אַ חלק פון עצם ענין הגורל וחלוקת הארץ על ידו, וואָלט מען געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס אַלע פרטים פון דער חלוקה — כולל דעם בירור אַז דער גורל איז אַן ענין אמיתי — דאַרפן אויפגעטאָן ווערן דוקא דורך דעם גורל עצמו; אָבער היות אַז דער גורל איז נאָר די וועג ווי דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַז מ'זאָל צוטיילן ארץ ישראל, ד.ה. אַז אין דעם איז נוגע די תוצאה פון דעם גורל (און ניט דער גורל עצמו) — איז בכדי מקיים זיין דעם ציווי „אך בגורל יחלק את הארץ" איז לכאורה גענוג אַז מ'זאָל מחלק זיין את הארץ ע"פ הגורל, און דער בירור באמיתית הדבר — וואָס איז אַ פרט צדדי — קען קומען באופן אחר: פאַרוואָס דאַרף דער אמת שבזה נתברר ווערן דוקא דורך דעם גורל עצמו, און מ'דאַרף דערצו מאַכן אַ נס מיוחד, און ס'איז ניט גענוג אַז מ'זאָל דאָס וויסן דורך דעם נס אַז „הגורל הי' ע"פ רוח הקודש" פון די אורים ותומים על ידי אלעזר הכהן?

ויש לומר בזה ע"פ דעם ביאור פון דעם ראָגאַטשאָווער[21], אַז אין תורה און אין קדושה איז „כל דבר אף שהוא הכרחי לכאורה הכל בכוונה מכוון ומצוה ע"פ ה'". ווי דאָס איז בנוגע צו די מסעות פון אידן אין מדבר, אַז אע"פ וואָס דאָס איז אַ געווען אַ הכנה ואמצעי אויף אָנקומען אין ארץ ישראל — „הוה המצוה גם עצם ההליכה וכן המקומות שבאמצע הדרך הוה ג"כ מצוה" (כמ"ש[22] „ויכתב משה את מוצאיהם למסעיהם על פי ה'")[23]. ועד"ז בכמה עניני קדושה (בעבודת המקדש), איז אַ זאַך וואָס איז נאָר אַ הכנה והקדמה (מוכרחת) צו אַן אַנדער זאַך, באַקומט זי אויך אַ חשיבות וגדר פון קדושה[24]. ווי דאָס איז בנוגע צו הולכת הדם למזבח, אַז הגם די הולכה איז נאָר צוליב דער עבודה פון זריקת דם על המזבח (וואָס ע"פ טבע דאַרף דערצו זיין אַ הולכה), איז דער דין[25] אַז די הולכה גופא האָט די חשיבות און דעם גדר פון עבודה, ביז אַז „מחשבה פוסלת" בה.

גם לרוה"ק (ע"י אורים ותומים) — ראה ד"ה אך בגורל תשל"ה ס"ט (סה"מ מלוקט ח"א ע' קמו).

21) ראה צפע"נ עה"ת ר"פ מסעי. מהדו"ת נא, ג. מפענח צפונות פ"ז. ובכ"מ.

22) מסעי לג, ב.

23) ראה עירובין נה, ב: כיון דכתיב בהו על פי ה' יחנו ועל פי ה' יסעו כמאן דקביע להו דמי (הובא בצפע"נ שם).

24) ויש לומר דוגמא לזה מחצר המשכן והקלעים, שאף שהם טפלים והקדמה לקדושת המשכן עצמה, נקבעת הקדושה גם בהם.

25) זבחים יג, א במשנה. רמב"ם הל' פסוה"מ פי"ג ה"ד.

ויש לומר אַז עד"ז — און נאָכמער — איז בנוגע צו דעם גורל דורך וועלכן „יחלק את הארץ": אע"פ וואָס דער גורל איז אַ הקדמה צו חלוקת הארץ, וויבאַלד אָבער אַז דאָס איז דער וועג אויף מחלק זיין את הארץ, און נאָכמער: חלוקת הארץ על פי הגורל איז אַ ציווי ה' (וכמה פעמים) — באַקומט עס (דער גורל) אַ חשיבות וגדר לעצמו (נוסף אויף דעם וואָס דאָס איז אַן אמצעי אויף חלוקת הארץ), און אויך די פרטים צדדיים שבזה — דער בירור אַז דער גורל איז ע"פ ה' און פרסום הגורל — זייענדיק פרטים פון אַ דבר שבקדושה, זיינען נוגע צו דעם עצם ענין;

און דעריבער איז געווען נוגע צו שלימות ענין הגורל — בקיום ציווי ה' אַז חלוקת הארץ זאָל זיין „על פי גורל" — אַז „הגורל עצמו הי' צווח ואומר אני הגורל עליתי לגבול פלוני לשבט פלוני", וואָס דאָס באַווייזט אַז דער גורל עצמו (וואָס האָט אַ חשיבות לעצמו) האָט בכח צו אויפטאָן חלוקת הארץ (בלי ספק), כנ"ל.

ה. דער ביאור אין דעם בפנימיות הענינים:

כיבוש, חלוקת וישוב הארץ באַדייט די עבודה פון אידן צו כובש זיין „ארץ כנען", „ארצות שבעה גוים"[26], און דערפון מאַכן אַן ארץ ישראל, אַן ארץ הקודש, ד.ה. אַ אידישע און הייליקע לאַנד, אַ לאַנד אין וועלכן ס'איז ניכר בגלוי איר שייכות צו אידישקייט, ג-טלעכקייט און הייליקייט, דורך דעם וואָס אידן נוצן אויס די לאַנד אויף דאָרט (און דורך איר) מקיים זיין די מצוות התלויות בארץ, און דאָרט אויפ־בויען דעם בית המקדש, אויף וועלכן דער אויבערשטער זאָגט[27] „ועשו לי מקדש ו־שכנתי בתוכם".

וואָס דאָס איז די כוונה ותכלית פון דער גאַנצער בריאה — צו כובש זיין די גשמיות'דיקע וועלט (כמ"ש[28] „פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה") און מאַכן דערפון אַ דירה לו יתברך בתחתונים[29], אַן אָרט וואו דער אויבערשטער געפינט זיך בגילוי (כביכול ווי אַ מענטש אין זיין אייגענע דירה).

בכדי אַז די עבודת הכיבוש זאָל זיין בשלימות דאַרף עס זיין אין אַלע פרטים — סיי פון דעם נכבש און סיי פון דעם כובש: (א) כיבוש הארץ בשלימות הייסט ווען מ'נעמט איין די גאַנצע לאַנד (ווי דאָס איז געווען בכיבוש ארץ ישראל). אויב עס בלייבט אַ חלק פון לאַנד וואָס מ'האָט ניט כובש געווען — איז דער גאַנצער כיבוש ניט בשלימות[30] (אויך פון די חלקים פון לאַנד וועלכע מ'האָט יע כובש געווען). כפשטות הענין, אַז דעמולט בלייבט אַ סכנה פון די מענטשן וואָס געפינען זיך אין דעם חלק הארץ שלא נכבשה. ועד"ז (ב) מצד דעם כובש: ווען איז דער כיבוש בשלימות — ובאופן אַז ס'איז ניכר בגלוי אין דעם נכבש אַז ער איז אינגאַנצן איינגענומען געוואָרן דורך דעם כובש — ווען דער כובש לייגט זיך אַריין אין פעולת הכיבוש מיט אַלע זיינע כחות, בכל פרטי המציאות שלו, וואָס כללות פעולת האדם (הכובש) בעולם איז דורך זיינע דריי לבושים — מחשבה דיבור ומעשה[31]. אויב ער איז כובש די לאַנד ניט מיט אַלע

26) לשון רש"י ר"פ בראשית.

27) תרומה כה, ח.

28) בראשית א, כח.

29) תנחומא נשא טז. ועוד. תניא פל"ו.

30) ולהעיר שכיבוש ארץ ישראל צ"ל כיבוש רבים, „אבל יחיד מישראל או משפחה או שבט שהלכו וכבשו לעצמם מקום אפילו מן הארץ שנתנה לאברהם אינו נקרא ארץ ישראל כו'" (רמב"ם הל' תרומות פ"א ה"ב).

31) תניא פ"ד. וראה בארוכה סה"ש תש"נ ח"ב ע' 463 ואילך.

דריי לבושים (נאָר מיט מעשה אַליין אָן אַ פלאַן (במחשבה), און אָן די הוראות (בדיבור) לפקידי החיל און להנכבשים, אָדער נאָר מיט מחשבה און מעשה, וכיו"ב) — פעלט אין שלימות הכיבוש (און בדרך ממילא — אויך אין כיבוש פון אַלע פרטים פון מציאות הנכבש).

ועד"ז איז אויך בנוגע צו כיבוש העולם בעבודה רוחנית צו מאַכן אַ דירה לו יתברך בתחתונים — וואָס שלימות הדירה איז דוקא בשעת (א) דאָס נעמט דורך אַלע פרטים פון דער דירה עצמה (ע"ד הנכבש), אַז אין יעדער פרט פון דער דירה איז ניכר אַז דאָס באַלאַנגט צו דעם בעל הדירה, און (ב) פון דעם אדם הדר בהדירה, אַז ער שטייט אינגאַנצן בגילוי ובהתפשטות — בכל פרטי מציאותו (במחשבה דיבור ומעשה) אין זיין דירה, וויבאַלד אַז דאָס איז מקום קביעותו (דירתו). און אַזוי איז אויך כביכול בנוגע צו דער דירה לו יתברך בתחתונים: שלימות הדירה באַשטייט אין דעם אַז כל פרטי התחתונים (לשון רבים) זיינען אַ דירה בגלוי פון דעם אויבערשטן, און אַז עצמותו ומהותו ית' שטייט דאָרט בגלוי, צוזאַמען מיט אַלע זיינע „כחות" און „לבושים", די גילויים בסדר השתלשלות (עשר ספירות), וועלכע שטעלן זיך אויס בכללות אין מחשבה דיבור ומעשה (בריאה יצירה ועשי')[32].

ו. און וויבאַלד אַז די דירה לו יתברך בתחתונים ווערט אויפגעמאַכט דורך דער עבודה פון אַ אידן, איז פאַרשטאַנדיק אַז אויך באַ דעם אידן (הכובש את הארץ) דאַרף זיין די שלימות העבודה בכל פרטי הכחות ולבושים שלו, במחשבה דיבור ומעשה: נוסף אויף דעם וואָס ער מאַכט

---

32) בהבא להלן ראה סה"ש תש"נ שם.

פון זיך אַליין אַ „דירה" צו דעם אויבערשטן, דורך דעם וואָס ער דינט דעם אויבערשטן מיט זיין מחשבה דיבור ומעשה — דאַרף אויך זיין עבודה בעולם (בקיום המצוות ועד"ז בדברי רשות לשם שמים) זיין מיט זיין גאַנצע מציאות, מחשבה דיבור ומעשה שלו.

כידוע אַז שלימות קיום המצוות איז דורך זיי מקיים זיין במחשבה דיבור ומעשה — סיי בכללות המצוות וועלכע טיילן זיך אויף מצוות התלויות במחשבה, התלויות בדיבור והתלויות במעשה [ובכללות: תורה וואָס איז בעיקר בדיבור, עבודה (תפלה) וואָס איז בעיקר בלב (מחשבה), און גמילות חסדים (מצוות) וואָס איז בעיקר במעשה[33]], און סיי יעדע מצוה עצמה דאַרף אַ איד מקיים זיין במחשבה דיבור ומעשה[34]: כוונת המצוה[35] (מחשבה)[36], ברכת המצוה[37] (דיבור) און מעשה המצוה (מעשה)[38].

דהגם אַז מן הדין זיינען פאַראַן

---

33) לקו"ת אחרי כה, סע"ד ואילך.

34) לקו"ת ריש פרשתנו. אוה"ת יתרו ע' תתקלז.

35) דקיי"ל מצוות צריכות כוונה (ברכות יג, א. וש"נ) — אוה"ת שם.

36) וגם להמ"ד שמצוות אין צריכות כוונה — צ"ל הקדמת המחשבה קודם המעשה.

37) ובמצוות אלו שאין מברכים עליהם — התפלה עולה במקום הברכה למצוות אלו (אוה"ת שם ע' תתקלח).

38) וגם במצות תלמוד תורה וק"ש ותפלה וכיוצא בהן אף שאינן בעשי' גשמית ממש כו', מ"מ הא קיי"ל דהרהור לאו כדיבור דמי (ברכות כ, ב) ואינו יוצא ידי חובתו עד שיוציא בשפתיו וקיימא לן דעקימת שפתיו הוי מעשה (סנהדרין סה, א), כי אי אפשר לנפש האלקית לבטא בשפתיים ופה ולשון ושיניים הגשמיים כי אם ע"י נפש החיונית הבהמית המלובשת באברי הגוף ממש כו' (תניא פל"ז — מז, א).

חילוקים במצוות, מצוות התלויות בעיקר במעשה, אָדער בדיבור אָדער במחשבה (אָדער בשנים מהם אָדער בכל שלשה) — איז אָבער שלימות קיום המצוות, ובפרט ווען עס רעדט זיך ביחס צו מילוי שליחות האדם למטה (ניט נאָר וועגן שכר ועונש און עבודתו בדיעבד) — איז דאָס דוקא בשעת דער אדם איז מקיים די מצוה בתכלית השלימות, בכל מהותו ומציאותו, ווי דאָס איז בנוגע צו מצות אהבת ה' בקריאת שמע — וואָס איז כללות העבודה (וכולל אַלע מצוות) — לית פולחנא כפולחנא דמהימנותא[39] — אַז דאָס דאַרף זיין „בכל לבבך בכל נפשך ובכל מאדך"[40]: און דערפון לערנט מען אָפּ און עס ווערט נמשך בנוגע צו כל עניני העבודה („פולחנא"), אַז דאָס דאַרף זיין בשלימות בכל כחו — במחשבה דיבור ומעשה.

[אפילו ביי אַ צדיק (ובינוני) וואָס איז מבחין אין דעם חילוק צווישן מצוות שבמחשבה שבדיבור ושבמעשה, ועאכו"כ ביי אנשים פשוטים, וואָס זיינען ניט אַזוי מבחין דעם חילוק, במילא זיינען זיי מקיים יעדע מצוה בפשטות מיט זייער מחשבה דיבור ומעשה].

און דורך דעם וואָס אַ איד טוט זיין עבודה בשלימות בכל הפרטים, דורך זיין מחשבה דיבור ומעשה — מאַכט ער אויף פון כל העולם — וואָס טיילט זיך אויך אויף דריי דרגות פון מחשבה דיבור ומעשה — אַ דירה לו יתברך. ווי דאָס איז אויך בפשטות, אַז ברוב הענינים איז ניכר אין דעם נפעל בעולם די פעולה פון דער מחשבה דיבור ומעשה פון דעם (כח ה)פועל, ובמילא, ווען דער אדם הפועל בעולם טוט אַ זאַך מיט אַלע זיינע לבושים (מחשבה דיבור ומעשה) איז דאָס ניכר אויך אין דער שלימות פון דער זאַך וואָס ער טוט אויף בעולם.

ז. עפ"ז וועט מען פאַרשטיין דאָס וואָס „הגורל הי' מדבר":

כשם ווי די עצם עבודה פון כיבוש וישוב הארץ דאַרף זיין בתכלית השלימות, במחשבה דיבור ומעשה, אַזוי איז אויך בנוגע צו אַלע פרטים אין דער עבודה, און אויך די ענינים וואָס זיינען בלויז אַ הכנה והקדמה צו דער עבודה — אַז הגם זיי זיינען ניט קיין תכלית פאַר זיך, אָדער נאָר אַ פרט אין דער עבודה, דאַרפן זיי אויך געטאָן ווערן בתכלית השלימות, במחשבה דיבור ומעשה.

וכידוע דער פתגם פון דעם רבי'ן (מהורש"ב) נ"ע (איבערגעגעבן דורך בנו יחידו ממלא מקומו, כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו) — אַז אַ פנימי[41], אַלץ וואָס ער טוט, ליגט ער אין דעם אינגאַנצן:

אַמאָל ביי אַ פאַרברענגען האָט דער רבי נ"ע מרגיש געווען אַז די בחורים זינגען אַ ניגון היילנדיקערהייט, אַלס הקדמה צו דאָס וואָס וועט קומען לאחרי הניגון (אמירת חסידות וכיו"ב). האָט ער אויף דעם אָפּגעגעבן אַ גאַנצע שיחה[42], וואָס תוכנה איז, אַז אין דער עבודה פון אַ אידן דאַרף ער יעדער זאַך טאָן בשלימות. אפילו ווען עס רעדט זיך וועגן אַן ענין וואָס איז אַ הקדמה צו נאָך אַ זאַך — איז

39) ראה זח"ב נה, ב. ח"ג רסז, א. לקו"ת שלח מב, ג. ובכ"מ.

40) ואתחנן ו, ה.

41) להעיר מ„היום יום" דשבת זה פ' פינחס (כ"ד תמוז) בנוגע לעבודתו של פנימי.

42) שיחת י"ט כסלו תרס"ד (הנחת כ"ק מו"ח אדמו"ר) — ספר השיחות תורת שלום ע' 39 ואילך. וראה גם לקו"ד ח"א ט, א. ס' השיחות ה'ש"ת ע' 113 ואילך. שיחת כ' שבט תש"ל. ש"פ תצוה (לעיל ח"א ע' 352 ואילך). ועוד.

בשעת מ'געפינט זיך נאָך אין דעם מצב, דאַרף מען אין דעם ליגן אינגאַנצן[43]. „בכלל איז דאָס אַ עיקר גדול, אַז וואו מי איז זאָל מען זיין מיט אַ אמת", „וואו מ'איז דאַרף מען דאָרטן זיין כו', כל זמן איך טוא דאָס דאַרף איך דאָ זיין", און דערנאָך וועט מען קומען צו דעם צווייטן ענין (צו וועלכן דאָס איז אַ הקדמה), און טאָן יענע זאַך בשלימות.

— ויש לומר אַז דער יסוד לזה אין נגלה דתורה (כידוע אַז אַלע ענינים אין פנימיות התורה שפיגלען זיך אָפּ אין נגלה) איז פון דעם ביאור הנ"ל (ס"ד) פון דעם ראָגאַטשאָווער בנוגע צו עניני קדושה, אַז אויך אַ הקדמה האָט אין זיך אַ חשיבות לעצמה.

ח. ועפ"ז יש לומר דער טעם אויף דעם נס וואָס „הגורל הי' מדבר":

כשם ווי די עצם עבודה פון כיבוש הארץ דאַרף געטאָן ווערן בשלימות, במחשבה דיבור ומעשה, אַזוי איז אויך בנוגע צו דער הכנה והקדמה לזה ע"י חלוקת הארץ על פי הגורל — אַז הגם דער גורל איז אַ הקדמה ואמצעי צו חלוקת, כיבוש וישוב הארץ, האָט דאָס אָבער אויך אַ חשיבות לעצמו (כנ"ל ס"ב), און דעריבער איז אויך דער גורל עצמו געווען בתכלית השלימות, דער גורל עצמו האָט אויפגעטאָן די גאַנצע חלוקה און אויך דער בירור האמת ופרסום הדבר („הגורל עצמו הי' צווח כו'"),

און די שלימות דריקט זיך אויס אין דעם, אַז אין דעם גורל איז געווען אַלע דריי ענינים פון מחשבה דיבור ומעשה: נוסף אויף מעשה השלכת הגורל ונטילת הפתקין (ולפני זה — כתיבת הי"ב פתקין פון שמות שבטים און כתיבת שמות גבולות הארץ), און די מחשבה וכוונה וואָס מ'דאַרף דערצו האָבן (נוסף אויף דעם וואָס דאָס איז געווען „על פי רוח הקודש", ענין המחשבה) — איז „הגורל הי' מדבר". חלוקת הארץ על פי הגורל — האָט זיך אויפגעטאָן בשלימות ע"י הגורל עצמו („אך בגורל", אָן קיין אַנדער זאַך[44]), ווייל נוסף צו דעם עצם הגורל (מעשה ומחשבה שבו) וואָס האָט אָנגעוויזן ווי די חלוקה דאַרף זיין, „הגורל עצמו הי' צווח ואומר — באופן ברור וגלוי (אַזוי אַז עס בלייבט ניט קיין שום ספק בדבר) — אני הגורל עליתי לגבול פלוני לשבט פלוני".

ויש לומר דעם טעם פאַרוואָס די שלימות האָט זיך אויסגעדריקט דוקא אין דעם נס וואָס „הגורל הי' מדבר" („על פי הגורל"), און ניט אין מחשבה ומעשה — ווייל בכדי עס זאָל זיין אַ גורל איז מוכרח אַז עס זאָל זיין מעשה און מחשבה (מעשה הגורל ע"פ המחשבה וכוונה שבזה). דער אבן הבוחן אַז דאָס ווערט געטאָן בתכלית השלימות — איז דורך דעם ענין הדיבור, וועלכער ברענגט אַרויס די תוצאות פון דעם גורל בשלימות הבירור והגילוי, און דאָס באַווייזט אַז דער גורל עצמו איז בתכלית השלימות (במחשבה דיבור ו־מעשה). ווי דאָס איז אין עבודת האדם, אַז דיבור איז דער עיקר אבן הבוחן ווי דאָס נעמט דורך דעם אדם העובד (הכובש), און אויך ווי ער פועל'ט אין דעם זולת (הנכבש).

ט. ובטעם הדבר [פאַרוואָס אַ „פנימי"

---

43) וראה תורת שלום (ע' 52) שם שמביא דוגמא לזה מזהר ס"פ פקודי גבי מעשה המשכן, שההוא סבא פתח בענין מעשה המשכן והתחיל לדבר בענין אחר, ואמרו לו למה זה מהרת, „וויבאַלד דו האָלסט דאָ דאַרפסטו דאָ מפרש זיין".

44) גם „בלא הוצאת דיבור מפיו" (רשב"ם דלעיל הערה 19), כ"א הדיבור של הגורל עצמו.

ליגט איינגאַנצן אין יעדער עבודה וואָס ער טוט, אפילו די וועלכע איז אַ הקדמה צו אַ צווייטע זאַך] איז דער רבי נ"ע מסביר (אין דער שיחה הנ"ל) צוויי טעמים: (א) דאָס באַווייזט אויף אמת און פנימיות — אַז וואו מ'איז מען מיט אַן אמת און אַ פנימיות. (ב) דוקא דורך טאָן די הקדמה בשלימות — וועט מען דערנאָך נעמען אויך דעם עצם בשלימות. היות אַז דאָס איז אַן אמת'ע הקדמה (ע"פ תורה), במילא וואָס מערער ער וועט ליגן אין דער הקדמה (און ניט איילן), וועט ער אַלץ מער קענען דערנאָך ווייטער און טיפער פאַרשטיין דעם עצם הענין.

ויש להוסיף, אַז וויבאַלד אַז דער אויבערשטער האָט אויסגעשטעלט טבע הדברים אַז איידער מ'קומט צו דעם עצם זאַך גייט מען פריער דורך אַ הכנה והקדמה (אָדער כמה הכנות), בכדי אַז דער מענטש און די וועלט זאָל דערצו איינגעוואוינט ווערן (בלשון החסידות: ווערן אַ כלי צו דעם אור המשפיע) — דעריבער איז אויך די הכנה והקדמה עצמה נוגע צו קולט זיין בפנימיות דעם עצם הענין, און דערפאַר באַקומט עס אַ חשיבות לעצמה, מעין פון דער חשיבות פון דעם עצם ענין (די תכלית המכוון), און מ'דאַרף עס טאָן בתכלית השלימות, איידער מ'קומט אָן צו דעם עצם הדבר.

ווי דאָס איז בנוגע צו כללות ענין החינוך, אַז וויבאַלד אַז דאָס איז אַ הכנה מוכרחת צו קיום המצוות, דעריבער באַקומט עס אַ חשיבות וענין לעצמו [ואדרבה: במדה מסויימת איז דאָס „העכער" פאַר גדר מצוה, ווי גערעדט אַמאָל[45]], און מ'דאַרף זיך מיט דעם איינגאַנצן אָפּגעבן בכל ההשתדלות והכחות.

ובעומק יותר: וויבאַלד אַז די כוונה פון דירה בתחתונים איז אַ כוונה אחת פון ה' אחד [נוסף לזה וואָס יעדער זאַך בעולם ווערט באַשאַפן בכח העצמות, וואָס „הוא לבדו בכחו ויכלתו לברוא יש מאין כו'"[46]], און מילוי כוונה זו בשלימותה ווערט דורכגעפירט דורך אַלע פרטים פון תחתונים — כולל אויך די ענינים וואָס זיינען נאָר אַ הכנה והקדמה צו אַ צווייטע זאַך — איז מצד די כוונה בעצמותו ית', איז דאָ אין יעדער זאַך בעולם (אויך די פרטים הטפלים, והכנות וכו') דער כח הא"ס, דער כח העצמות אין דער זאַך, וואָס מאַכט די זאַך אַליין פאַר אַן ענין אמיתי, מיט אַ תכלית וכוונה, און דעריבער דאַרף אין דעם זיין די עבודה בשלימותה, במחשבה דיבור ומעשה (און דוקא דורך דעם פירט זי דורך איר תכלית אַלס הכנה וואָס פירט צו צו דעם עצם הענין).

ובפרטיות יותר איז דאָס אַזוי אויך אין מחשבה דיבור ומעשה עצמם: מחשבה ודיבור זיינען אַ הכנה והקדמה צו מעשה — וואָס המעשה הוא העיקר[47]. אָבער דורך דעם וואָס זיי ברענגען לידי מעשה, און די מעשה איז מיוסד אויף דער מחשבה ודיבור — ווערט אויך אין זיי אויפגעטאָן אַ חשיבות לעצמם. ע"ד ווי דאָס איז בנוגע צו כללות סדר השתלשלות, אַז דורך דער עבודה אין מאַכן אַ דירה בתחתונים (ע"ד ענין המעשה בערך מחשבה ודיבור), וואָס דאָס קומט בכח ועל יסוד פון די גילויים בעולמות העליונים — ווערט אויפגעטאָן אַז עלי' און גילוי כח הא"ס אויך אין די עולמות העליונים (אע"פ וואָס מצד עצמן זיינען זיי אַ „ירידה מאור פניו ית'"[48]).

---

45) ס' השיחות תשמ"ח ח"ב ע' 615. ועוד.

46) אגה"ק ס"כ (קל, ריש ע"ב).

47) אבות פ"א מי"ז.

48) תניא פל"ו.

י. עפ"ז וועט מען פאַרשטיין דעם לימוד דערפון אין עבודת האדם במקום וזמן זה, בהתאם צו דער הוראה פון דעם צ"צ (כנ"ל ס"א, צו דעם אידן וואָס האָט געוואָלט עולה זיין לארץ ישראל און דאָרטן שוקד זיין בתורה ועבודה) — "מאַך דאָ ארץ ישראל":

אע"פ וואָס "דאָ" (חוץ לארץ) איז ניט ארץ ישראל, און די עבודה אין חוץ לארץ און אין זמן הגלות איז אַ הכנה צו שלימות העבודה בגאולה האמיתית והשלימה בארץ ישראל (ווי אידן זיינען מתפלל בכל יום) — איז אָבער, וויבאַלד אַז אונזער זיין אין גלות אין חוץ לארץ איז זיכער ניט מקרה נקרית ח"ו, נאָר בהשגחה פרטית[49], ו"איני מבקש כו' אלא לפי כחן"[50] — איז דאָ אַ כוונה ותכלית אין דעם מקום ומצב עצמו, וואָס איז פאַרבונדן און מעין פון כללות הכוונה והענין (ארץ ישראל) צו וועלכע די עבודה אין גלות איז אַ הכנה.

און דעריבער דאַרף אַ איד עובד זיין עבודתו "דאָ" — במקום ובזמן זה — בתכלית השלימות (לויט די אַלע כחות ואפשריות במעמדו ומצבו) במחשבה ודיבור ומעשה, ווי אַ "פנימי" וואָס ליגט אינגאַנצן אין דער עבודה מיט וועלכן ער איז פאַרנומען איצטער (און טראַכט ניט בשעת מעשה וועגן אַן אַנדער עבודה שפעטער):

און אין וואָס באַשטייט די כוונה פון זיין עבודה "דאָ" — צו מאַכן אַ דירה לו יתברך בתחתונים, ובלשון הצ"צ: "מאַך דאָ ארץ ישראל", צו מאַכן דעם מקום (וזמן) אַ לאַנד אין וועלכן ס'איז ניכר בגלוי אידישקייט (ישראל). היות אַז אַ איד איז "ישראל" בכל מקום שהוא — האָט ער בכח צו מאַכן פון דעם אָרט וואו ער געפינט זיך (דוגמת) "ארץ ישראל"[51], ובפרט אין די בתי כנסיות ובתי מדרשות בחוץ לארץ (בבל) שעתידין שיקבעו בארץ ישראל[52].

און נאָכמער: דוקא דורך דעם וואָס מ'טוט די עבודה בשלימות "דאָ" (במקום וזמן הגלות), מ'ליגט אין דער עבודה אינגאַנצן במחשבה דיבור ומעשה שלו — איז דאָס גופא געוויינט אין דעם מענטשן און ברענגט אים צו די תכלית (צוליב וועלכע ער טוט די עבודה "דאָ") — די עבודה אין ארץ ישראל כפשוטה בגאולה האמיתית והשלימה. ע"ד מאחז"ל[53] אַז די מצוות בזמן הזה זיינען "ציונים", אַז "כשאתם חוזרים לא יהיו לכם חדשים".

ובפרט אַז עס רעדט זיך וועגן אַ הכנה צו דער גאולה האמיתית והשלימה, וואָס ענינה איז כשמה: אמת ושלימות בכל הענינים, בכל פרטי מציאות האדם וה־עולם. וואָס דערפון איז מובן, אַז שלימות הגאולה (וואָס ענינה איז דער גילוי השלימות בכל פרט, אויך אין די ענינים וואָס זיינען נאָר אַ הכנה צו אַ צווייטע זאַך) איז תלוי אין דעם גופא וואָס זייענדיק "דאָ" איז עבודת האדם בשלימות מחשבה דיבור ומעשה שלו, "מאַך דאָ ארץ ישראל" (און ניט באופן אַז ס'איז ניכר ווי

49) כמבואר בארוכה במכתב שבהערה 3. וראה גם לקו"ש ח"ח ע' 91.

50) במדב"ר פי"ב, ג.

51) ראה מאירי כתובות קי, ב: כל מקום שחכמה ויראת חטא מצויין שם דינו כארץ ישראל. ועד שאסור לצאת מבבל לשאר הארצות (מפני התורה והחכמה אשר שם). ראה בארוכה לקו"ש חי"ח ע' 399 ואילך.

ולהעיר מהדין שב"ד שנסמכו בא"י ויצאו לחו"ל ה"ה דנים (אפילו) דיני קנסות בחו"ל (רמב"ם הל' סנהדרין פ"ד הי"ב).

52) מגילה כט, א.

53) ספרי ופרש"י עקב יא, יז. וראה רמב"ן אחרי יח, כה.

ער גרייט זיך צו אַ צווייטע זאַך): און דוקא די עבודה בשלימות „דאָ" (ווייל נאָר מ'קען דאָרט טאָן די עבודה בשלימות), געוויינט איין דעם מענטשן (און ברענגט אים) צו דער שלימות העבודה אין ארץ ישראל בגאולה האמיתית והשלימה.

ועפ"ז איז מובן די הוראה „מאַך דאָ ארץ ישראל": הגם מ'געפינט זיך אין גלות און ברגע לאחרי זה קומט די גאולה און מ'גייט אין ארץ ישראל — (א) דאַרף די עבודה ברגע זה במקום זה — „דאָ" — זיין בשלימות לויט דעם איצטיקן מצב און דאָזיקן מקום, (ב) די עבודה דאַרף באַשטיין פון „מאַך דאָ ארץ ישראל", אַריינברענגען אין דעם „דאָ" (מקום וזמן זה) „ארץ ישראל", די שלימות פון מצב הגאולה — אַזוי ווי אַ „פנימי" וואָס ברענגט אַריין שלימות אין יעדער פרט פון זיין עבודה (אויך אין די ענינים וואָס זיינען נאָר אַ הכנה צו אַנדערע זאַכן), און (ג) דאָס גופא געוויינט איין אידן צו דער גאולה, ביז אַז דאָס ברענגט די גאולה השלימה ווען אַלע אידן קערן זיך אום אין ארץ ישראל כפשוטה, ועתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות[54] (דורך דער עבודה איצטער פון „מאַך דאָ ארץ ישראל").

יא. דער ענין שטייט נאָכמער בהדגשה אין דעם וואָס בשנה זו איז דער שבת פ' פינחס (ווען מ'לייענט וועגן נחלת וחלוקת הארץ) אויך שבת מברכים ראש חודש מנחם אב, וועלכער קומט אויס בשנה זו ביום הששי בשבוע:

אע"פ וואָס אין תורה[55] ווערט דער חודש אָנגערופן בשם „אב", איז מנהג ישראל צו אים אָנרופן „מנחם אב", מ'איז מוסיף דעם וואָרט „מנחם", און נאָכמער: מ'הויבט גאָר אָן מיט „מנחם"[56]. ויש לומר איינער פון די טעמים אויף דעם — ווייל „מנחם", וואָס באַדייט נחמת הגאולה — איז די כוונה ותכלית פון (די ירידה בחודש) אב. און נאָכמער: „מנחם" (גאולה) איז די התחלה וואָס קומט פאַר אַלע ענינים של ירידה, כמאחז"ל[57] (עה"פ[58] „ורוח אלקים מרחפת על פני המים") אַז גלייך בתחלת הבריאה איז געווען „רוחו של משיח"[59], וואָרום גאולה איז דער יסוד וכוונה פנימית פון אַלע ענינים, אויך פון „אב" מלשון שרש ומקור (בלשון הש"ס — „אבוהן דכולהו"), דער מקור אויף אַלע ענינים (אויך עניני קדושה). ויש לומר, אַז דאָס גיט דערנאָך דעם כח, אַז ווען עס קומט אַ ירידה (בחיצוניות ולפי שעה) זאָל מען אין דעם קענען מגלה זיין ווי כל ענינה איז (ניט נאָר אַ הקדמה צו אַ צווייטע זאַך, נאָר דאָס גופא איז ענינה) — די עלי' („מנחם") שבזה. כידוע[60] אַז דער ענין פון „גאולה" באַשטייט פון „גולה" בתוספת אל"ף, ווייל דורך דעם גילוי פון אלופו של עולם אין גלות עצמה — ווערט דאָס גופא „גאולה".

און שטייענדיק בשבת מברכים מנחם אב — דער שבת ווען מ'בענטשט „מנחם אב" — שטייט נאָכמער בגלוי די כוונה פנימית אין דעם מצב הגלות „דאָ"

---

54) ראה פסיקתא רבתי פ' שבת ור"ח. יל"ש ישעי' רמז תקג. ועוד.

55) משנה תענית פ"ד מ"ה־ו. תרגום שני למג"א ג, ז. תיב"ע שלח יג, כה. ועוד.

56) ראה גם לקו"ש ח"ד ע' 1080 ואילך. חכ"ג ע' 214 ואילך. ועוד.

57) ב"ר פ"ב, ד. בעה"ט עה"פ.

58) בראשית א, ב.

59) וזהו גם א' מהביאורים במאחז"ל (רלב"ג מ"א יז, א. וראה תיב"ע וארא ו, יח. זח"ב קצ, סע"א. ועוד) „פינחס זה אליהו" (אף שאליהו הנביא הי' לאחרי פינחס) — כי ענינו של אליהו, מבשר הגאולה, שייך תיכף לתחלת הבריאה.

60) ויק"ר ספל"ב. לקו"ת בהעלותך לה, ג. ובכ"מ. וראה לעיל ע' 504 ואילך. ע' 520 ואילך.

[כידוע[61] אַז אין שבת בכלל, ובפרט אין די שבתות פון „בין המצרים", שטייט בגלוי די עלי' וואָס איז דאָ אין דעם זמן בשנה], וואָס גיט נאָכמער כח צו אויפטאָן דעם „מאַך דאָ ארץ ישראל", און ברענגען די גאולה בפועל אין „גולה".

אין דעם קומט צו נאָכמער בדורנו זה ובזמננו זה – ובהדגשה אין דער קביעות פון ר"ח מנחם אב בשנה זו, ביום הששי, וואָס דעמולט איז „הכל מוכן לסעודה"[62] פאַר אדם הראשון[63]: מ'געפינט זיך איצטער אין דעם אלף הששי (וואָס איז כנגד יום הששי), און דעמולט גופא – „ערב שבת נאָך חצות"[64], און לויט אַלע סימני הגאולה האַלט מען שוין ממש באַ דער גאולה, ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט מודיע, מפרסם און מכריז געווען, אַז מ'האָט שוין אַלץ פאַרענדיקט, כולל אויך „צופוצן די קנעפ"[65], און אויך פאַרענדיקט דעם „עמדו הכן כולכם"[66], דאָס הייסט אַז ס'איז שוין „הכל מוכן לסעודה", און מ'איז שוין גרייט צוגיין צום טיש, און עסן סעודת לויתן ושור הבר, וואָרום „הנה זה (משיח) בא", תיכף ומיד ממש!

יב. וויבאַלד אַז די גאולה איז נאָך ניט געקומען ברגע זה, און בהשגחה פרטית געפינט מען זיך נאָך „דאָ", במקום וזמן זה – דאַרף מען זיכער דאָס אויסנוצן אויף מקיים זיין די הוראה „מאַך דאָ ארץ ישראל", כנ"ל.

ובנוגע לפועל:

היות אַז „מאַך דאָ ארץ ישראל" איז אַ הוראה וואָס כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו האָט מפרסם געווען (ולפני זה איז דאָס ניט געווען בגלוי, מער ניט ווי פאַר יחידי סגולה) – איז פאַרשטאַנדיק אַז דאָס איז אַ הוראה צו כל אנשי הדור, וואָס זיינען אַלע פאַרבונדן מיט דעם נשיא הדור („הנשיא הוא הכל"[67]).

ובמיוחד ווען מ'שטייט אין די וואָכן ווען מ'לייענט אין תורה וועגן נחלת וחלוקת הארץ, און אין אַ צייט ווען ס'איז שוין „הכל מוכן לסעודה" און מ'שטייט באַ דעם שוועל פון דער גאולה און חלוקת ארץ ישראל בפשטות – דאַרף יעדערער נאָכמער צוגעבן אין זיין עבודה פון „מאַך דאָ ארץ ישראל", כל אחד ואחת, אנשים נשים וטף, במקומו ומצבו הוא, און טאָן דאָס בתכלית השלימות במחשבה דיבור ומעשה שלו – און דורך דעם זיך איינגע־וואוינען צו דער שלימות פון מצב הגאולה (כנ"ל).

יג. יעדער איד האָט זיין חלק ושלי־חות בעולם וואָס דער אויבערשטער האָט אים געגעבן. איינער איז אַ בעל עסק (פון „זבולון"), אַ צווייטער איז ענינו לימוד התורה („יששכר"), וכיו"ב, און אין יעדער סוג גופא – האָט יעדערער אַ באַזונדער חלק ושליחות בעולם. און יעדערער געפינט זיך אין אַ חלק מסויים בעולם – וואו דער אויבערשטער האָט אים געפירט („מה' מצעדי גבר כוננו"[68]), וואָרום זיין שליחות איז דוקא אין דעם מקום.

ועד"ז בנוגע צו זמן – האָט יעדער רגע, יעדע שעה, יעדער טאָג, יעדער

61) ראה לקו"ש ח"ד ע' 1090 ואילך. חכ"ח ע' 280.

62) ל' המשנה – אבות פ"ג מט"ז.

63) סנהדרין לח, א.

64) סה"מ תש"י ע' 245. וראה אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"א ע' תקלא. ספר השיחות תש"נ ח"א ע' 256.

65) ראה שיחת שמח"ת תרפ"ט.

66) ראה אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ד ע' רעט. וראה „היום יום" טו טבת.

67) פרש"י חוקת כא, כא.

68) תהלים לז, כג.

חודש, יעדער יאָר, און יעדע תקופה — זיין עבודה ושליחות מסויימת.

וואָס הגם אַז יעדע נקודה אין מקום און יעדער רגע אין זמן, און יעדערן'ס שליחות בעולם — איז נאָר אַ חלק קטן פון כל העולם, כל המקומות וכל הזמנים, און אַמאָל קען איינער טראַכטן: ווי וואָלט געווען ווען ער וואָלט זיך געפונען במקום אחר בזמן אחר, אפשר וואָלט זיין עבודה געווען באופן אחר, און אפשר גאָר בע־סער ווי דאָס איז יעצט, וכיו"ב;

ועד"ז קען ווערן די שאלה: וויבאַלד אַז מיין עבודה איז נאָר אין אַ קליינעם ווינקל בעולם, און אין אַ פרט שבפרט — איז למאי נפק"מ כ"כ ווי כ'וויל זיך אין דעם אויפפירן, ועאכו"כ אַז דאָס האָט לכאורה ניט — לדעתו — קיין ווירקונג אויף די גאַנצע וועלט?

נאָכמער — פרעגט ער: ווי מאָנט מען פון אים אַז ער זאָל ברענגען די גאולה — אַ גאולה כללית פאַר דער גאַנצער וועלט — ווען זיין עבודה איז נאָר אין אַ חלק קטן בעולם (במקום ובזמן)?!

זאָגט מען יעדן אידן, אַז דו האָסט די הוראה פון נשיא דורנו — „מאַך דאָ ארץ ישראל": דיין עבודה דאַרף באַשטיין — ניט אין טראַכטן וועגן וואָס עס טוט זיך אין אַן אַנדער עק וועלט און אין אַן אַנדער זמן בפני עצמם ולתועלת נפרדה — נאָר זיך אינגאַנצן אַריינלייגן (במחשבה דיבור ומעשה) אין מאַכן „דאָ ארץ ישראל" — אין דיין מקום פרטי און אין יעדער רגע פון דיין זמן פרטי.

און דוקא דורך דעם וועסטו אויך אויפטאָן בכל העולם (בכל מקום ובכל זמן) — וואָרום אין דיין חלק בעולם איז נכללו אַלע חלקים בעולם,

[וע"ד ווי דאָס איז געווען בנוגע צו חלוקת ארץ ישראל — אַז אע"פ וואָס יעדער שבט (און יעדער משפחה בכל שבט) האָט באַקומען אַ חלק מסויים בארץ ישראל[69], האָט יעדער חלק אין זיך געהאַט אַלע מעלות פון (כל חלקי) ארץ ישראל (אויף וועלכע עס שטייט[70] „ארץ אשר גו' עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה", ואמרו חז"ל[71] „אין ארץ ישראל חסרה כלום שנאמר[72] לא תחסר כל בה") — כמאחז"ל[73] „אין לך מישראל[74] שאין לו בהר ובשפלה ובנגב ובעמק"[75]],

כמובן פון דעם וואָס „כל אחד ואחד חייב לומר בשבילי נברא העולם"[76], וואָס וויבאַלד אַז כל העולם נברא בשבילו, איז פאַרשטאַנדיק אַז ער האָט בכח צו אויפ־טאָן בכל העולם, דורך דעם וואָס ער — בחלקו הפרטי — איז אין זיך כולל כל

---

69) לדעת רש"י — „לשבט שהי' מרובה באוכלסין נתנו חלק רב . . לא היו החלקים שווים הרי הכל לפי ריבוי השבט חלקו החלקים" (פרש"י פרשתנו כו, נד), ולדעת הרמב"ן (שם), שחלקו הארץ לחלקים שוים לכל שבט (בין שאנשיו מרובים ובין שאנשיו מועטים), והכתוב „לרב תרבה נחלתו למעט תמעיט נחלתו" לא על השבטים נאמר אלא על המשפחות שבתוך השבט עצמו (ראה בכל זה — אנציקלופדי' תלמודית ערך ארץ ישראל ע' רג. ערך גורל ע' תטז. וש"נ). ובכל אופן — „לא נת־חלקה הארץ במדה לפי שיש גבול משובח מחבירו אלא בשומא בית כור רע כנגד בית סאה טוב הכל לפי הדמים" (ספרי ופרש"י פינחס שם), היינו חלקים שוים באיכות.

70) עקב יא, יב.

71) יומא פא, ב.

72) עקב ח, ט.

73) ב"ק פא, ב.

74) ואית דגריס „אין לך שבט ושבט מישראל" (תוד"ה העולם — ב"ב קכב, א).

75) אלא „בעולם הזה אין להם בשוה מזה כמו מזה, אלא מזה מעט ומזה הרבה, אבל לעולם הבא יש לו מן הכל שיעור שוה" (תוס' שם).

76) משנה סנהדרין לז, א.

העולם כולו (כמ"ש[77] "ואת העולם נתן בלבם").

והגם אַז זיין עבודה איז נאָר אין איין קו וכיו"ב [כדמוכח אויך פון די אידן וצדיקים וואָס האָבן שוין מסיים געווען שליחותם בעלמא דין, און וויבאַלד אַז כל ישראל בחזקת כשרות[78] דאַרף מען זאָגן אַז זיי (חלקם עכ"פ) האָבן מקיים געווען בשלימות שליחותם בעולם, אע"פ וואָס דאָס איז געווען ניט אין אַלע קוי העבודה] – איז באמת איז יעדער איד כולל אין זיך אַלע קוי העבודה – כמובן פון דעם וואָס מ'זאָגט בקריאת שמע על המטה "בין בגלגול זה בין בגלגול אחר", וואָס היות אַז דאָס איז אַ חשבון צדק, איז מובן אַז ער האָט בכח צו פועל'ן אויך בנוגע צו אַ גלגול אחר (וואָס דערפאַר קען ער אויף דעם מאַכן אַ חשבון הנפש), ועפ"ז איז פאַרשטאַנדיק אַז די עבודה פון אַלע גלגולים שלו איז זיך מצטרף אין זיין עבודה.

וואָס דערפון איז מובן, אַז יעדער איד – וואָס זיין שליחות בעולם זאָל נאָר זיין – האָט בכח צו מאַכן "דאָ (גאַנץ) ארץ ישראל", און דורך דעם – פועל'ן אַזוי בכל העולם כולו. אפילו אויב איינער איז אַ בעל עסק בעניני העולם, ניט קיין גבאי אין אַ בית הכנסת וכיו"ב, ובמילא קען ער לכאורה מיינען וואָס האָט ער פאַר אַ שייכות מיט קדושת "ארץ ישראל" (דאָס איז לכאורה שייך דוקא אין אַ ביהכנ"ס וביהמ"ד וכיו"ב) – איז נוסף לזה וואָס ער קען אין דעם האָבן אַ שותפות דורך זיך משתתף זיין בבנין ביהכנ"ס וביהמ"ד ב־ממונו וכיו"ב, איז אויך זיין עבודה פרטית (ווען ער טוט עס בשלימות לפי כחו) אין זיך כולל כל עניני העבודה און כל חלקי "ארץ ישראל".

ועפ"ז איז אויך פאַרשטאַנדיק, ווי יעדער איד האָט די אחריות צו ברענגען די גאולה פאַר כל העולם כולו – וואָרום דורך דעם וואָס ער טוט זיין עבודה פרטית בשלימות (במחשבה דיבור ומעשה), אפילו אין אַ פרט שבפרט – אין איין רגע און איין מקום ("דאָ"), האָט ער בכח צו מאַכן דערפון "ארץ ישראל", און דורך דעם אויפטאָן און ברענגען די גאולה שלימה בכל העולם!

ובאותיות פשוטות: שטייענדיק קרוב גלייך פאַר דער גאולה – דאַרף יעדער איד זיך איינגעוואוינען צו דער גאולה און זיך אַריינשטעלן אין אַ מצב ורגש של גאולה, דורך מאַכן זיין פרטיות'דיקן טאָג אַ "גאולה (פרטית) טאָג", און מאַכן זיין מקום פרטי – "ארץ ישראל", דורך דעם וואָס ער טוט די עבודה שלו ברגע זה ובמקום זה בתכלית השלימות, במחשבה דיבור ומעשה.

יד. און אַלס אַ תוצאה פון די אייגענע שלימות העבודה (במחשבה דיבור ומעשה) – דאַרף זיך דאָס אויך אַרויס־זאָגן אין זיין דיבור, ע"ד ווי "הגורל הי' מדבר", אַז וויבאַלד ער איז דורכגענומען בפנימיות מיט דער הוראה ועבודה פון "מאַך דאָ ארץ ישראל", מיט אַן אינער־לעכע לעבעדיקייט – רעדט ער וועגן דעם מיט חיות אויך צו אַנדערע, און איז מפרסם די הוראה פון "מאַך דאָ ארץ ישראל" באַ בני ביתו, באַ די קרובים אליו, ועאכו"כ באַ זיינע תלמידים, ביז אַז ער רעדט וועגן דעם מיט די אַלע צו וועמען ער קען דערגרייכן, און וויבאַלד אַז דאָס קומט פון זיין פנימיות, רעדט ער דברים היוצאים מן הלב וואָס נכנסים אל הלב[79]

---

77) קהלת ג, יא. וראה לקו"ת במדבר ה, ריש ע"ב.

78) רמב"ם הל' קידוש החודש פ"ב ה"ב.

79) ספר הישר לר"ת סי"ג. הובא בשל"ה סט, א.

ופועלים פעולתם, ועאכו"כ דורך דעם וואָס ער באַווייזט אַ דוגמא חי' פון זיין אייגענע עבודה. ביז אַז ער מאַכט אַז אויך די שומעים ווערן מדברים – "הגורל הי' מדבר".

ובנוגע לפועל: גלייך מוצאי שבת (אויב משיח וועט ח"ו ניט קומען פאַר דעם) – זאָל מען זען מפרסם זיין בכל מקום שהוא (באופן המותר לאחרי שבת) די הוראה "מאַך דאָ ארץ ישראל". און ממשיך זיין אין פרסום ההוראה בימים שלאחרי זה, ביז עס וועט קומען משיח צדקנו און דעמולט ממשיך זיין אין ארץ ישראל כפשוטה, נוסף על עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות.

טו. צווישן די ענינים מיוחדים אין דער עבודה פון "מאַך דאָ ארץ ישראל" וואָס זיינען שייך במיוחד צו די "ניין טעג" (וועלכע הויבן זיך אָן ביום הששי) – איז דער מנהג[80] צו מאַכן "סיומים" במסכתות הש"ס יעדער טאָג פון די "ניין טעג" (אפילו אויב מ'עסט דערנאָך ניט קיין סעודת בשר), פון ראש חודש ביז תשעה באב (אויך בערב תשעה באב ובתשעה (עשירי) באב – באופן המותר ע"פ שו"ע).

ומהטעמים בדבר – ווייל אין די טעג זוכט מען אַלע אופנים המותרים ווי מ'קען מוסיף זיין אין ענינים טובים ושמחים, און דורך דעם מגלה זיין דעם טוב פנימי אין דער ירידה פאַרבונדן מיט ימים אלו, אָנהויבנדיק פון "פקודי ה' ישרים משמחי לב"[81] – עושין שמחה לגמרה של תורה[82] [ומפני טעם זה איז כדאי אויך מאַכן אַ סיום ביום השבת פון די "ניין טעג", ובשנה זו – סיי שבת ב' אב, און סיי שבת תשעה באב (נדחה)].

ויהי רצון, אַז נאָך פאַר די התחלה פון די טעג זאָל שוין קומען די גאולה און מקויים ווערן דער יעוד יהפכו[83] ימים אלו "לששון ולשמחה ולמועדים טובים"[84],

און דורך דעם וואָס אידן טוען די עבודה פון "מאַך דאָ ארץ ישראל" בשלימות, צו איינגעוואוינען זיך צו דער גאולה – וועט מען תיכף ומיד ממש אַריינטאַנצן אין דער גאולה, און מ'וועט אַלע גיין טאַנצנדיג אין ארץ ישראל, און איינטייל נעמען אין חלוקת ארץ ישראל לע"ל "לשלשה עשר שבטים", דורך דעם אויבערשטן אַליין, "הקדוש ברוך הוא מחלק להם בעצמו"י, ו(כנ"ל) עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות.

---

80) ספר המנהגים חב"ד ע' 46. וראה גם ספר השיחות תשמ"ח ח"ב ע' 564. ועוד.

81) תהלים יט, ט.

82) רמ"א יו"ד סו"ס רמו. או"ח סתקנ"א ס"י.

83) ירמי' לא, יג.

84) זכרי' ח, יט. רמב"ם סוף הל' תעניות.

משיחות ש"פ מטות־מסעי, ב' מנחם־אב ה'תנש"א

א. מהענינים המיוחדים דיום השק זה – שבו מסיימים ספר במדבר, ספר רביעי שבתורה, שסיומו מהוה גם סיום כל התורה[1] (ד' הספרים, שהרי ספר החמישי הוא „משנה תורה"[2], שחוזר וכולל ד' הספרים שלפניו), ולאח"ז מכריזים (בקול רם ובשמחה) „חזק חזק ונתחזק"[3], שמורה על החוזק (תוקף) דבנ"י בכל עניני התורה, ועד שהחוזק גופא הוא ג"פ („חזק חזק ונתחזק")[4], שיש בו העילוי והשלימות ד„(בתלת זימני הוי) חזקה"[5].

וצריך להבין הקשר והשייכות דסיום ספר רביעי שבתורה לתוכנו של הזמן[6] – שלעולם מסיימים ספר רביעי בשבתות שבג' השבועות דבין המצרים, ובכמה שנים (כבשנה זו) בשבת (הראשון) שבתשעת הימים – דלכאורה, הזמן דג' השבועות ובפרט ט' הימים (חורבן וגלות) קשור עם מעמד ומצב של „חלישות" בקדושה, היפך בתכלית ד„חזק חזק ונתחזק"?

לכאורה יש לומר שהיא הנותנת: כיון שזמן זה קשור עם מעמד ומצב של „חלישות", מודגש יותר הצורך וההכרח בהחיזוק ד„חזק חזק ונתחזק". אבל, יותר נראה לומר שהחיזוק עצמו קשור עם תוכנו של הזמן (ולא שהחיזוק הוא היפך תוכנו של הזמן, והזמן מדגיש הצורך דהפכו), וכמודגש בשמו של יום השבת (שהשם מורה על תוכן ומהות הדבר) שנקרא „שבת חזק", היינו, ש(התוכן ד)שבת זה (בג' השבועות, ובשנה זו גם בט' הימים) הוא החיזוק („חזק חזק ונתחזק") ד„מעשינו ועבודתינו" בקיום התומ"צ (תוכן ד' הספרים).

ב. ויובן בהקדם הביאור בהקשר והשייכות ד„חזק חזק ונתחזק" לתוכן הפרשה שבה מסיימים הספר – פרשת מטות־מסעי[7], שבזה נכלל (בפרטיות) ה„חזק" ד„מטות", ה„חזק" ד„מסעי", וה„חזק" שבחיבור ד„מטות־מסעי" יחד:

ענין החוזק (והתוקף), „חזק", ובפרט

---

1) וכפשטות הכתוב דסיום הספר: „אלה המצוות והמשפטים אשר צוה ה' ביד משה אל בני ישראל בערבות מואב על ירדן ירחו", שאז נשלמו כל עניני מצוות התורה, גם אלה שנאמרו בתחלת ובמשך הארבעים שנה.

2) מגילה לא, ב. זח"ג רסא, א. ועוד.

3) ראה שו"ע או"ח סו"ס קלט ובנ"כ. הנסמן בלקו"ש חכ"ה ע' 474.

4) ולהעיר, שמקור המנהג הוא מזה ש„כשסיים יהושע אמר לו הקב"ה חזק ואמץ, מכאן למסיים את התורה שאומרים לו חזק" (נסמן בלקו"ש שם), והחידוש הוא – שאף שבכתוב נאמר ענין החוזק ב"פ, „חזק ואמץ", מ"מ, נוסף בזה גם פעם שלישית ע"י „מנהג ישראל", שנוסף לכך ש„תורה היא", יש בו מעלה יתירה לגבי תושב"כ ותושבע"פ (ראה לקו"ת דרושי סוכות פ, ג. ובכ"מ).

5) ב"מ קו, ריש ע"ב. וש"נ.

6) ע"ד המבואר בנוגע לתוכן הפרשה, ש„פרשיות . . מטות מסעי הם תמיד בשבתות שבין המצרים" (של"ה חלק תושב"כ ריש פרשתנו (שסו, א ואילך). וראה בארוכה לקו"ש חי"ח ע' 378 ואילך. ועוד).

7) כלומר: נוסף על פרשת מסעי שבסיום הספר ממש, גם פרשת מטות, שבכמה שנים (כבשנה זו) מחברים אותה ביחד עם פרשת מסעי להיות פרשה אחת, כמודגש במנין הקרואים – ז' קרואים (ולא י"ד), ולא עוד אלא שהקרוא הרביעי מחבר ב' הפרשיות בברכה לפני סיום הקריאה בפ' מטות ובברכה לאחרי התחלת הקריאה בפ' מסעי (ראה לקו"ש שם ע' 380. וש"נ).

ג"פ חזק („חזק חזק ונתחזק") — שייך (לכאורה) ל„מטות", כי, „מטה" מורה על חוזק ותוקף בל ישונה, בדוגמת ה„מטה" כפשוטו שהוא חזק וקשה, ועד ש„מטה" הוא „לשון ממשלה ושררה"[8], כלשון הכתוב[9] „מטות עוז אל שבטי מושלים".

משא"כ „מסעי", שענינו הליכה ונסיעה („ויסע גו' הלוך ונסוע"[10]) ממקום למקום, שאינו עומד על מקומו, אלא הולך ונוסע למקום אחר (ועד להליכה ונסיעה אמיתית שהיא באופן שנעקר לגמרי ממקומו הקודם למקום שבאין־ערוך[11]) — ה"ז להיפך (לכאורה) מענין החוזק והתוקף („חזק") באופן בל ישונה.

ומזה שההכרזה ד„חזק חזק ונתחזק" היא לעולם (גם כשמטות־מסעי מחוברין) בסיומה של פרשת מסעי דוקא, משמע, שהתוכן ד„חזק חזק ונתחזק" שייך בעיקר לפרשת מסעי (אלא בכמה שנים מצרפים גם פרשת מטות).

ג. ויש לומר הביאור בזה:

„חזקה" שהיא במספר שלש („בתלת זימני הוי חזקה"), ובפרט חזקה משולשת („חזק חזק ונתחזק") — מדגישה החוזק והתוקף גם במקום שיש מנגד, כידוע[12] שמספר אחד מורה על מעמד ומצב שיש מלכתחילה רק טוב וקדושה[13], מספר שנים מורה על (התחלקות ו)מחלוקת[14] בגלל מציאותו של המנגד, ומספר שלש מורה על החוזק והתוקף דקדושה גם במעמד ומצב של ניגוד.

ובחוזק ותוקף שבמספר שלש (במעמד ומצב של ניגוד) ישנם ב' אופנים: (א) מצד העליון, היינו, חוזק ותוקף המשכת אור הקדושה (המשכה מלמעלה למטה) בכל מקום, גם במקום שיש ניגוד, מצד גודל מעלת האור שהוא בלי גבול, (ב) מצד התחתון, שהעבודה דהעלאת התחתון (העלאה מלמטה למעלה) היא באופן של חוזק ותוקף, לבטל המנגד, ויתירה מזה, להפכו לקדושה.

וב' אופנים אלו מרומזים בה„חזק" ד־פרשת מטות־מסעי:

ה„חזק" דפרשת מטות הוא החוזק וה־תוקף שמצד העליון — „וידבר משה אל ראשי המטות גו' זה הדבר אשר צוה ה'" — החוזק והתוקף דהמשכת ציווי ה' גם ב־מקום שיש ניגוד:

וה„חזק" דפרשת מסעי הוא החוזק והתוקף שמצד התחתון — „אלה מסעי בני ישראל אשר יצאו מארץ מצרים גו'" — החוזק והתוקף שבעבודת בנ"י בבירור והעלאת התחתון, שלמרות השינויים וחי־לוקי הדרגות שבפרטי המסעות ב„מדבר" (תחתון) לפי־ערך מעמדו ומצבו של התח־תון (מצד המנגד), נמצאים תמיד בתנועה של הליכה ונסיעה ממצרים (המיצרים וגבולים דהתחתון) לארץ ישראל (המרחב דקדושה)[15].

ועפ"ז יש לבאר השייכות ד„חזק" ל־„מסעי" דוקא — כיון שהחוזק והתוקף במקום שיש ניגוד מודגש יותר בבירור

8) לקו"ת פרשתנו פג, ב.

9) יחזקאל יט, יא.

10) לך לך יב, ט.

11) ראה לקו"ש חכ"ג ס"ע 225 ואילך. וש"נ.

12) ראה לקו"ש חכ"א ע' 111. וש"נ.

13) ובלשון חז"ל — „יום אחד . . הקב"ה יחיד בעולמו" (בראשית א, ה ובפרש"י).

14) ולכן לא נאמר „כי טוב" ביום שני דמע"ב — לפי שנבראת בו מחלוקת (ב"ר פ"ד, ו).

15) ועד שגם המסעות שנקראו ע"ש הענינים הבלתי־רצויים שאירעו בהם נכללים ב„מסעי בני ישראל אשר יצאו מארץ מצרים", ואדרבה, בהם מודגש יותר הענין דיציאה ודאתהפכא חשוכא לנהורא.

התחתון („מסעי בני ישראל אשר יצאו מארץ מצרים״), שלא זו בלבד שהחוזק והתוקף (הבלי־גבולי) דאור הקדושה נמשך ומאיר בכל מקום מבלי להתחשב במציאות המנגד, אלא עוד זאת, שישנה ההתעסקות עם המנגד לבטלו מכל וכל, ועד — להפכו לקדושה.

והשלימות האמיתית ד„חזק״ היא בה־חיבור דמטות־מסעי גם יחד:

החוזק ד„מטות״ — יש בו מעלת אור הקדושה שלמעלה מהגבלה, אבל, כיון שחוזק זה הוא מצד העליון, ואינו שייך למציאותו של התחתון, המנגד (ואדרבה — לא מתחשבים בו).

החוזק ד„מסעי״ — יש בו המעלה דביטול (ועד להפיכת) המנגד, אבל, להיותו מצד התחתון שאין בו התוקף הבלתי־מוגבל דהעליון, ה״ה במדידה והגבלה, ושייך בו שינוי והפסק.

ולכן, השלימות האמיתית ד„חזק״ היא בחיבור מטות־מסעי גם יחד[16] — שישנם ב׳ המעלות: חוזק ותוקף המשכת האור של־מעלה מהגבלה, והחוזק והתוקף שבביטול (והפיכת) המנגד ע״י העלאת התחתון. ושניהם יחד — שביטול המנגד (ע״י העלאת התחתון) הוא באופן קבוע ונצחי.

ד. ויש להוסיף, שהחיבור דמטות־מסעי הוא ברביעי דוקא (שקורין לרביעי סיום פרשת מטות והתחלת פרשת מסעי), ועי״ז נעשית השלימות ד„חזק״ שבפרשת מטות־מסעי (כשהן מחוברין) בסיומו של ספר רביעי שבתורה:

אע״פ שמספר שלש מורה על החוזק („חזקה״) והתוקף גם במצב של ניגוד (כנ״ל ס״ג), מ״מ, להיותו בהמשך לאחד ושנים, נרגשת בו גם השייכות אליהם. כלומר, אף שמחבר האחד (העליון, שענינו המשכה מלמעלה למטה) עם השנים (התחתון, שענינו העלאה מלמטה למעלה), מ״מ, נרגש בו חיבור של ב׳ קוין (עליון ותחתון, המשכה והעלאה).

ולכן, השלימות האמיתית דחוזק ותוקף (מצד העליון ומצד התחתון גם יחד) היא ב„רביעי״ — דרגא מיוחדת בפני עצמה שאינה בהמשך לאחד ושנים, שבה מוד־גשת שלימות ההתיישבות, כמו כסא של ארבע רגלים שהוא באופן של התיישבות יותר מכסא של שלש רגלים, שמורה על החוזק והתוקף (ביטול המנגד) באופן קבוע ונצחי (בלי גבול).

ויש לומר, שענין זה מודגש עוד יותר בהשייכות דרביעי לחמישי[17] — שבשבת פרשת מטות־מסעי (סיום ספר רביעי שב־תורה) מתחילין לקרוא (במנחה) ספר חמישי שבתורה, והוספה יתירה בשנה זו, שסיום ספר רביעי שבתורה הוא בחודש מנחם־אב (דלא כבכמה שנים שקורין מט״מ בשבת מברכים מנ״א בסיומו של חודש תמוז), חודש החמישי — כידוע ש־„חמישי״ היא דרגא הכי נעלית שלמעלה ממדידה והגבלה ולמעלה מסדר השתל־שלות, „החמישית לפרעה״[18], ד„אתפריעו ואתגליין מיני׳ כל נהורין״[19], ובכח זה דוקא נעשה חיבור ב׳ הקוין דהמשכה והעלאה (תוכן החיבור דמטות־מסעי, וה„חזקה״ הקשורה עם מספר שלש ע״י

16) ויש לומר, שמזה נמשך כח גם להשנים שמטות ומסעי הם בפ״ע, שגם בהם תהי׳ העבודה באופן של חוזק ותוקף דמטות־מסעי גם יחד.

17) משא״כ רביעי מצ״ע ששייך לשלישי — כמובן ממארז״ל (שבת קד, א) „גימ״ל דל״ת, גמול דלים״, היינו, שגימ״ל הוא דרגת המשפיע (המשכה מלמעלה למטה), ודל״ת הוא דרגת המקבל (העלאה מלמטה למעלה).

18) ל׳ הכתוב — ויגש מז, כד.

19) זח״א רי, א.

החיבור דאחד ושנים) בתכלית ה־שלימות[20].

ה. עפ"ז יש לבאר הקשר והשייכות ד„חזק חזק ונתחזק" על ספר רביעי שמ־סיימים בשבת פרשת מטות־מסעי — לתוכן הזמן דג' השבועות (ובשנה זו — בט' הימים):

ובהקדמה — שהכוונה והתכלית דה־חורבן והגלות (התוכן דבין המצרים), היא, על מנת לבוא להמעלה והשלימות דבנין ביהמ"ק העתיד וגאולה העתידה[21], מעלה ושלימות שמודגשת בענין ה„חזקה" — ביהמ"ק השלישי וגאולה השלישית.

וההסברה בזה:

מעלתו של ביהמ"ק העתיד, „מקדש אדנ־י כוננו ידיך"[22] („בשתי ידים . . כשה' ימלוך לעולם ועד, לעתיד לבוא, שכל המלוכה שלו"[23]), נאמרה כבר בשירת הים, בנוגע לבנין ביהמ"ק שהיו צריכים לבנות בהכניסה לארץ תיכף ומיד, כמארז"ל[24] „אילו זכו ישראל כיון שעלו פרסות רגליהם מן הים היו נכנסים לארץ", ואז היתה הכניסה לארץ (ע"י משה) באופן של גאולה נצחית שאין אחרי' גלות[25], ובנין ביהמ"ק נצחי (שאין אחריו חורבן).

ויש לומר, שכיון שכל עניני התורה הם אמיתיים ונצחיים, כולל גם הענינים שהובאו בתור קס"ד[26], כבנדו"ד, „אילו זכו כו'", ישנו גם עתה (לאחרי החורבן והגלות) הענין דגאולה נצחית וביהמ"ק נצחי באופן של חוזק ותוקף, אלא, שה־חוזק והתוקף שלהם הוא מצד העליון בלבד, ולכן בעולמו של התחתון (יכול להיות ו)ישנו מצב של חורבן וגלות.

ולאידך, לא מספיק החוזק והתוקף בגאולה ובנין ביהמ"ק מצד התחתון בלבד, דכיון שהתחתון הוא מדוד ומוגבל, הרי, החוזק והתוקף שבו הוא במדידה והגבלה, ולא באופן נצחי.

ולכן, יש צורך בחיבור ב' המעלות — חוזק ותוקף דהגאולה ובנין ביהמ"ק מצד העליון ומצד התחתון גם יחד, שאז נעשית גאולה נצחית וביהמ"ק נצחי.

ו. וזהו החילוק שבין ב' ביהמ"ק —

---

20) ויש לומר, שענין זה מרומז בהתחלת הספר — „אלה הדברים" — שקאי על „הדברים אשר דבר משה", דברי התורה*, שענינה המשכה מלמעלה למטה, ורומז גם על בירור העולם באופן של העלאה מלמטה למעלה, כמובן מדרז"ל (עה"פ „אלה הדברים" שבפרשת ויקהל) „דברים הדברים אלה הדברים, אלו ל"ט מלאכות"** (שבת ע, א).

ונעוץ תחלתן בסופן (סיום ספר חמישי, וכל חמשה חומשי תורה) — „לעיני כל ישראל", „שנשאו לבו לשבור הלוחות לעיניהם . . יישר כח ששברת" (פרש"י עה"פ) — שעי"ז נוסף על מעלת לוחות ראשונות, עבודת הצדיקים באופן של המשכה מלמעלה למטה, גם מעלת לוחות שניות, עבודת הבעלי תשובה באופן של העלאה מלמטה למעלה.

21) וכמרומז בלשון חז"ל „עלה ארי' כו' והחריב את אריאל כו' על מנת שיבוא ארי' כו' ויבנה אריאל" (יל"ש ירמי' בתחלתו (רמז רנט)).

---

*) ובחורה גופא — „משנה תורה", ש„משה מפי עצמו אמרן", ו„ברוח הקודש" (מגילה לא, ב ובתוס'), חיבור דמלמטלמ"ע עם מלמעלמ"ט.

**) וכולל גם מלאכת הארבעים („ארבעים מלאכות חסר אחת") השייכת לשבת, מלאכת שמים, היינו, שגם בירור העולם (מלמטלמ"ע) קשור עם העבודה בעניני קדושה (מלמעלמ"ט).

---

22) בשלח טו, יז.

23) פרש"י עה"פ.

24) ספרי דברים א, ב.

25) ראה מגלה עמוקות אופן קפה. הנסמן בלקו"ש חי"ט ע' 346.

26) ויתירה מזה — אפילו ענינים שהתורה עצמה אומרת ש„בדותא היא" (ראה לקוטי לוי"צ אג"ק ע' רסו).

בית ראשון ובית שני (גאולה ראשונה ושני׳) לביהמ״ק השלישי (גאולה שלישית)[27]:

בית ראשון (מספר אחד) שנבנה ע״י שלמה, שנאמר בו[28] „וישב שלמה על כסא הו״, הי׳ עיקר ענינו מצד העליון, באופן של המשכה מלמעלה למטה (עבודת הצדיקים), וכיון שלא הי׳ קשור כ״כ עם (ומצד) מציאות התחתון, הי׳ בו חורבן והפסק.

בית שני (מספר שנים) שנבנה ע״י עולי בבל בימי עזרא — הי׳ עיקר ענינו מצד התחתון, באופן של העלאה מלמטה למעלה (עבודת התשובה), ולכן היתה לו שייכות גדולה יותר לעולם (תחתון), שהי׳ גדול מבית ראשון (כמ״ש[29] „גדול יהי׳ כבוד הבית הזה האחרון מן הראשון״) בבנין ובשנים[30], אבל לאידך, להיותו מצד התחתון שהוא במדידה והגבלה, הי׳ גם בו חורבן והפסק, ואדרבה, במשך זמן ארוך יותר מהחורבן והפסק דבית ראשון, ונוסף לזה, גם בזמן קיומו לא היתה בו המעלה והשלימות דבית ראשון (מצד העליון), שחסרו בו ה׳ דברים[31].

והחידוש דבית שלישי בגאולה ה־שלישית (מספר שלש) הוא בהחיבור וה־אחדות דהעליון והתחתון גם יחד, שלכן יהי׳ באופן של חוזק ותוקף בתכלית השלימות, גאולה נצחית („שיר חדש״, לשון זכר, גאולה שאין אחרי׳ גלות[32]), וביהמ״ק נצחי.

ויש לומר, שמעלת החוזק והתוקף דביהמ״ק השלישי וגאולה השלישית (מצד החיבור והאחדות דהעליון והתחתון) מוד־גשת יותר בכך שהגאולה העתידה נקראת לפעמים בשם גאולה רביעית (ולפעמים גם בשם גאולה חמישית)[33] — דרגא מיו־חדת בפני עצמה, שכיון שאינה בהמשך לאחד ושנים (עליון ותחתון), מודגש שהיא למעלה מהגדרים דעליון ותחתון, ולכן נעשה על ידה החיבור דעליון ותחתון (כנ״ל ס״ד).

ז. וענין זה מודגש ב„שבת חזק״ דספר רביעי שבימי בין המצרים:

בהכרזה „חזק חזק ונתחזק״ (חזקה משולשת) שבשבת פרשת מטות־מסעי, מרומזת החזקה דביהמ״ק השלישי וגאולה השלישית, שבאה לאחרי (וע״י החיבור ד)בית ראשון ובית שני (לאחרי ההפסק דחורבנם בימי בין המצרים), ע״י חיבור ב׳ המעלות דשניהם (בית ראשון ובית שני), עליון ותחתון, המשכה והעלאה — כמרומז בתוכן החיבור דמטות־מסעי.

וחיבור זה הוא ברביעי, ועוד וג״ז עיקר, שעי״ז מסיימים ספר רביעי (ותיכף לאח״ז, בזמן המנחה, מתחילים ספר חמישי) — שמורה על דרגא בפ״ע של־מעלה לגמרי מהגדרים דעליון ותחתון, שעל ידה נעשה החיבור דעליון ותחתון בביהמ״ק העתיד וגאולה העתידה.

ויש לומר, שפרטי המספרים השייכים

---

27) בהבא לקמן — ראה לקו״ת פרשתנו (מטות) פג, ג. אוה״ת שם ריש ע׳ א׳שכח. וראה בארוכה לקו״ש ח״ט ע׳ 26 ואילך.

28) דה״א כט, כג.

29) חגי ב, ט.

30) ב״ב ג, סע״א ואילך.

31) יומא כא, ב.

32) מכילתא בשלח טו, א. ועוד.

33) להעיר, שבכמה מדרשי חז״ל נמנית גלות מצרים בין ד׳ הגלויות, ובכמה מדרשי חז״ל נימנו ד׳ גלויות חוץ מגלות מצרים (ראה לקו״ש חט״ז ע׳ 91. וש״נ), ובזה תלוי מנינה של הגאולה העתידה — גאולה רביעית או גאולה חמישית. ולהעיר מהרמז דארבע לשונות של גאולה — גאולה רביעית (ד׳ כוסות) ולשון חמישי של גאולה — גאולה חמישית (כוסו של אליהו).

לביהמ"ק העתיד וגאולה העתידה מרומזים גם בהזמן שבו קורין פרשת מטות־מסעי ומכריזים „חזק חזק ונתחזק" על ספר רביעי: בג' השבועות — מרומזת המעלה דביהמ"ק השלישי וגאולה ה־שלישית, בחודש הרביעי (בשנים שקורין פרשת מטו"מ בסיומו של חודש תמוז[34]) — גאולה הרביעית, ובחודש החמישי (כבשנה זו, שקורין פרשת מטו"מ בחודש החמישי[35]) — גאולה החמישית.

וזהו גם החיזוק על כל עניני התומ"צ (כנ"ל ס"א), ובמיוחד בנוגע ל„מעשינו ועבודתינו כל זמן משך הגלות"[36] (לאחרי החורבן והגלות דבין המצרים) — כיון שעי"ז באים להחוזק והתוקף דגאולה האמיתית והשלימה, גאולה נצחית, ו־ביהמ"ק נצחי.

*

ח. ענין נוסף בשבת זה הקשור עם ערב שבת — „מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת"[37] (מה שטרח) — שחל בר"ח מנחם־אב, מפורש בקרא בפרשתנו (מסעי[38]): „ויעל אהרן הכהן אל הר ההר גו' וימת שם גו' בחודש החמישי באחד לחודש", יום ה־הילולא של אהרן הכהן.

ובהקדמה — שענין זה שיום המיתה נתפרש בתורה שבכתב („בחודש החמישי באחד לחודש") הוא חידוש שלא מצינו דוגמתו בכל התורה כולה (אצל משה רבינו, אצל מרים אחותם, אצל ג' האבות וכו').

ומסתבר לומר, שבתוכנו של יום זה („בחודש החמישי באחד לחודש") מרומז כללות עבודתו של אהרן הכהן, שלכן, נעשה בו ביום גמר ושלימות עבודתו, ש„כל מעשיו ותורתו ועבודתו אשר עבד כל ימי חייו . . מתגלה ומאיר . . מלמעלה למטה . . ופועל ישועות בקרב הארץ"[39], כדלקמן.

ט. ענינו המיוחד של אהרן הכהן למדים מיום הסתלקותו, גמר ושלימות עבודתו:

כתיב[40] „ויראו כל העדה כי גוע אהרן ויבכו את אהרן שלושים יום כל בית ישראל"[41], „האנשים והנשים, לפי שהי' אהרן רודף שלום ומטיל אהבה כו'"[42], ובלשון המשנה[43] „אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות ומקרבן לתורה".

ובהמשך לזה נאמר „וישמע הכנעני גו'", „שמע שמת אהרן ונסתלקו ענני כבוד"[44], ועד"ז בפרשתנו, שבהמשך למיתת אהרן נאמר „וישמע הכנעני גו'", „ללמדך שמיתת אהרן היא השמועה שנסתלקו ענני כבוד"[45].

ובביאור הקשר והשייכות דב' הענינים המודגשים במיתת אהרן, גמר ושלימות עבודתו (רודף שלום וענני הכבוד) — יש לומר:

34) וכיון שבו מברכים חודש החמישי — מרומזת בו גם גאולה החמישית.

35) ומעלה יתירה כששבת פרשת מטו"מ חל ביום השני דחודש החמישי (ולא בר"ח עצמו) — שאז חל תשעה באב בשבת, ונדחה לעשירי באב, ובזה גם מרומזת השלימות דעשר שתהי' בהגאולה האמיתית והשלימה (שירה עשירית, מנין עשירי, וכיו"ב).

36) תניא רפל"ז.

37) ע"ז ג, סע"א.

38) לג, לח.

39) תניא אגה"ק סכ"ז־כח.

40) חוקת כ, כט.

41) משא"כ במשה כתיב „ויבכו בני ישראל", „הזכרים" (ברכה לד, ח ובפרש"י).

42) פרש"י עה"פ.

43) אבות פ"א מי"ב.

44) כא, א ובפרש"י.

45) לג, מ ובפרש"י.

המעלה המיוחדת ד„ענני כבוד" שהיו בזכות אהרן גם לגבי ה„מן" וה„מים" שניתנו לכל העדה בזכות משה ומרים[46] — שה„מן" ניתן במדידה והגבלה, „עומר לגלגלת"[47], ה„מים", עם היות שלא היו במדידה והגבלה, ה"ה באים באופן של התחלקות לכאו"א בפ"ע[48], משא"כ „ענני כבוד" הם בבחינת מקיף שלמעלה מהתחלקות, שהקיפו את (והגינו על) כל בנ"י בשוה.

וזהו גם תוכן הענין ד„אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות ומקרבן לתורה" — מצד הדגשת נקודת האחדות של כל בנ"י שלמעלה מהתחלקות.

י. ויש להוסיף, שענין זה מרומז גם בשמו של „אהרן"[49]:

„הר" („אהרן") — הר"ע האהבה, והקדמת האל"ף („אהרן") מורה על שרש האהבה (א' שלפני ה„הר") מבחי' „פלא", שלכן האהבה היא אהבה רבה[50], שזהו החילוק שבין אברהם לאהרן, שאף ששניהם בקו החסד והאהבה, מ"מ, מדת החסד והאהבה דאברהם היא במדידה והגבלה דסדר השתלשלות, ומדת החסד והאהבה דאהרן היא חסד ואהבה רבה שלמעלה מהשתלשלות.

ויש לומר גם, שהענין דאהבה רבה מרומז גם בסדר האותיות שבתיבת „אהרן": „אה" — ר"ת אהבה, והר' ר"ת רבה[51]. והנו"ן פשוטה („אהרן") — מורה על המשכת והתפשטות בחי' האהבה רבה למטה מטה, גם לבנ"י שנמצאים בדרגא תחתונה, שהם בדוגמת אותיות התורה שלמטה מן השורה, כידוע שבאותיות התורה ישנם ג' אופנים: למעלה מן השורה, בהשורה, ולמטה מן השורה[52], ודוגמתם בבנ"י שנמשלו לאותיות התורה, כידוע ש„ישראל" שכללותם ששים ריבוא, ר"ת יש ששים ריבוא אותיות לתורה[53].

ונקודת הענין — שדרגתו של אהרן היא בחינה שלמעלה מהתחלקות, שלכן בכחה לחבר ולאחד כל פרטי ההתחלקות דבנ"י בשווה.

יא. ובפרטיות יותר — מודגש בענינו של אהרן חיבור והתאחדות ב' הקוין דהמשכה והעלאה (ע"ד ובדוגמת החיבור דמטות־מסעי, כנ"ל ס"ג), מצד דרגא נעלית יותר שלמעלה מהתחלקות דעליון ותחתון:

מהענינים העיקריים דאהרן הכהן הו"ע ברכת כהנים[54], „מצות עשה מן התורה

---

46) תענית ט, א.

47) בשלח טז, טז.

48) נוסף על ההתחלקות ש„כל נשיא ונשיא . . נוטל מקלו ומושך אצל דגלו ומחנהו ומי הבאר נמשכין דרך אותו סימן ובאין לפני חניית כל שבט ושבט" (פרש"י חוקת כא, כ).

49) בהבא לקמן — ראה ספר הערכים חב"ד ערך אהרן (כרך ב' בתחלתו). ושי"נ.

50) ולכן היתה הסתלקותו ב„הר ההר" — ש„הר" סתם מורה על אהבה סתם, ו„הר ההר" מורה על אהבה רבה.

51) ובזה מודגש העילוי בשם „אהרן" לגבי השם „מרים" — שאף שבשם „מרים" ישנם כל ג' האותיות ד„מים", מ"מ, האות ר' שבאמצע מפסיק (וי"ל שרומז על ההתחלקות), משא"כ בשם „אהרן", שהר"ת דאהבה רבה (אהר) הוא בהמשך אחד ללא הפסק בינתיים (נקודת האחדות).

52) ויש לומר, שנכללים כולם בנו"ן פשוטה: התגין דאות נו"ן הם למעלה מן השורה, רובה של הנו"ן (ציור אות וא"ו) בתוך השורה, וחלקה התחתון למטה מן השורה — אות אחת.

53) מג"ע אופן קפו.

54) ומודגש בנוסח הברכה: „אשר קדשנו בקדושתו של אהרן כו'". — ולהעיר מהשייכות דברכת כהנים לאהבת ישראל — „לברך את עמו ישראל באהבה" (ראה שו"ע אדה"ז או"ח סקכ"ח סי"ט — ע"פ זח"ג קמז, ב).

שיברכו הכהנים את ישראל בכל יום בנשיאת כפים"[55], שישנו גם בזמן הזה[56], בחוץ לארץ בכל יו"ט, ובארץ ישראל (כפי שנהוג בכמה ק"ק) גם בכל יום[57], ובכל תפלה מן התפלות שביום (מלבד במנחה, משום חשש שכרות[58]).

וידוע[59] שבברכת כהנים ישנם ב' המעלות דברכה ותפלה גם יחד, מעלת הברכה שענינה המשכה מלמעלה למטה, ומעלת התפלה שענינה העלאה מלמטה למעלה, להיותה מדרגא שלמעלה מהת־חלקות דהמשכה והעלאה (עליון ותחתון), ולכן מחברת שניהם יחדיו.

ויש לומר, שחיבור ב' הקוין דהמשכה והעלאה (ברכה ותפלה) ע"י בחינה שלישית שלמעלה משניהם, מרומז גם בכך שברכת כהנים היא ברכה משולשת.

ועפ"ז י"ל הרמז במספר שנותיו של אהרן, "ואהרן בן שלש ועשרים ומאת שנה במותו בהר ההר"[60], שנוסף על השלימות דמאה ועשרים שנה, כשנות חייו של משה שנאמר בו[61] "היום מלאו ימי ושנותי", כמ"ש[62] "והיו ימיו מאה ועשרים שנה", חי עוד שלש שנים ("שלש ועשרים ומאת שנה") — שבמספר שלש שנים (היתרים על השלימות דק"כ שנה) מרומזת כללות עבודתו בחיבור ב' הקוין ע"י בחינה ה־שלישית שלמעלה משניהם.

יב. עפ"ז יש לבאר הקשר והשייכות דדרגת ועבודת אהרן ליום הסתלקותו — "בחודש החמישי באחד לחודש":

"חודש החמישי": — קשור ושייך לדרגא החמישית שלמעלה מההתחלקות שבסדר השתלשלות, "החמישית לפרעה", ד"את־פריעו ואתגליין מיני' כל נהורין" (כנ"ל ס"ד).

וגם "אחד לחודש" (ב"חודש החמישי" עצמו) — קשור ושייך לדרגת האחדות שלמעלה מהתחלקות, כמודגש גם בענינו של ראש חודש, יום אחד[63] שלמעלה מהתחלקות ולכן כולל כל ימי החודש.

ויש לומר, שבזה שהתורה כותבת בפירוש שהסתלקותו של אהרן (גמר ושלימות עבודתו) היתה "בחודש החמישי באחד לחודש", מרומזת הנקודה העיקרית ד"כל מעשיו ותורתו ועבודתו אשר עבד כל ימי חייו" — אחד שלמעלה מהתחלקות שמאחד כל חילוקי הדרגות, הן בנוגע לחיבור אופני העבודה דהמשכה והעלאה שבברכת כהנים, והן בנוגע להאחדות דכל חילוקי הדרגות שבבנ"י המודגשת בעני כבוד שבזכותו, ובעבודתו המיוחדת ד"אוהב שלום ורודף שלום", שכל זה נעשה ע"י דרגא שאינה בערך לחילוקי הדרגות, דרגא חמישית (בריחוק הערך מדרגא השלישית (וגם מדרגא הרביעית)

55) שו"ע אדה"ז שם ס"א.

56) נוסף על אמירתה ע"י כאו"א מישראל (שנקראים "ממלכת כהנים") בהתחלת כל יום, לאחרי ברכת התורה, ובהדגשה יתירה — בחזרת הש"ץ במקום ברכת כהנים.

57) ראה שו"ע אדה"ז שם סנ"ז.

58) שם ס"א. ר"ס קכט.

59) ראה בהנסמן בלקו"ש ח"י ע' 38.

60) פרשתנו לג, לט.

61) פרש"י וילך לא, יב.

62) בראשית ו, ג.

63) שהרי ענינו של ראש חודש (ובפרט בזמן שמקדשים ע"פ הראי') הוא יום אחד, ורק כשנשתהו העדים (מצב בלתי־רצוי) עושין ר"ח שני ימים.

וגם בזמן הזה שקביעות החדשים היא ע"פ החשבון, שלאחרי כל חודש מלא עושין ר"ח שני ימים (חודש אחד יום אחד בלבד וחודש אחד שני ימים), עיקר ענינו של ראש החודש הוא ביום השני, ש"ממנו הוא המנין והוא יום הקביעה" (רמב"ם הל' קדוה"ח פ"ח ה"ד) — יום אחד.

ולהעיר, שר"ח אב הוא לעולם יום אחד בלבד (כיון שחודש תמוז הוא לעולם חסר).

שבה ניכרת השייכות לב׳ הקוין, כנ״ל ס״ד).

ויש להוסיף, ש„חודש החמישי באחד לחודש״ (שכולל כל ימי החודש) הוא הכנה לכללות העבודה ד„אני לדודי ודודי לי״[64], העלאה מלמטה למעלה („אני לדודי״) והמשכה מלמעלה למטה („דודי לי״), שמתחילה בר״ח אלול („אני לדודי״) ונמשכת בחודש תשרי („דודי לי״)[65] — מצד נקודת האחדות שלמעלה מהתחלקות („בחודש החמישי באחד לחודש״) שעל ידה נעשה חיבור ב׳ הקוין. ובפרטיות יותר — שב׳ הדרגות באהבה מלמטה ל־מעלה ומלמעלה למטה, „אני לדודי ודודי לי״ (ש„דודי״ מורה על ענין האהבה), באות לאחרי הקדמת האהבה רבה שלמעלה מהשתלשלות, חסד דאהרן, שיום הסתל־קותו „בחודש החמישי באחד לחודש״.

*

יג. מההוראות מהאמור לעיל בנוגע למעשה בפועל:

בעמדנו בשבת חזק דספר רביעי, שבו מתחילים גם ספר חמישי, ובפרט כשחל בחודש החמישי, שבו מודגש החוזק וה־תוקף דביהמ״ק העתיד בגאולה העתידה, שהיא (לא רק גאולה שלישית, אלא גם גאולה רביעית, ועד) גאולה חמישית, להיות למעלה לגמרי מחילוקי הדרגות דבית ראשון ושני, גאולה ראשונה ושני׳ (כנ״ל ס״ו) — צריכה להיות הדגשה מיוחדת בנוגע לנקודת האחדות שלמעלה מהתחלקות.

וענין זה בא במעשה בפועל ע״י הה־ליכה בדרכיו של אהרן (שיום הסתלקותו בחודש החמישי באחד לחודש) — כציווי והוראת המשנה במסכת אבות: „הוי מתלמידיו של אהרן אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות ומקרבן לתורה״, ע״ז שמגלים את נקודת האחדות שלמעלה מהתחלקות.

ובפרטיות יותר — ע״פ דיוק לשון המשנה „הוי מתלמידיו של אהרן כו״: (א) „הוי״ — לשון ציווי, שאין זה רק סיפור ע״ד הנהגה דמדת חסידות, כבכמה ענינים במסכת אבות, אלא ציווי והוראה (ויש לומר, שהלשון „הוי״ כולל גם נתינת רשות והיכולת) להיות מתלמידיו של אהרן, (ב) „מתלמידיו (של אהרן)״ דייקא, בלשון רבים (ולא „תלמידו״) — שהשתדלותו בקיום הנהגתו של אהרן היא ביחד עם הרבים, שעי״ז ניתוסף בזה יותר מצד הענין ד„קנאת סופרים תרבה חכמה״[66], „תרבה״ דייקא, שריבוי אמיתי הוא בלי גבול, היינו, לא רק באופן ד„בכל מאדך״, מאד שלך[67], אף שלגבי חבירו ה״ז במדידה והגבלה, אלא שזהו באופן של בלי גבול גם לגבי חבריו (שאר תלמידיו של אהרן), ועד שקשור עם בלי גבול (מאד) האמיתי.

ויש להוסיף ולהדגיש הקשר והשייכות דאהבת ישראל להגאולה העתידה — לא (רק) מפני שביטול הגלות הוא ע״י ביטול סיבת הגלות (שבא ע״י ההיפך דאהבת ישראל[68]), שהרי בעמדנו לאחרי סיום מעשינו ועבודתינו כל זמן משך הגלות, לאחרי סיום כל מ״ב המסעות ב„מדבר העמים״[69], נמצאים כבר „על ירדן ירחו״[70]

---

64) שה״ש ו, ג.

65) ראה לקו״ת ראה לב, א. ובכ״מ.

66) בבא בתרא כא, סע״א. שם כב, רע״א. וראה אוה״ת ויצא ריח, ב ואילך. וש״נ.

67) ראה תו״א מקץ לט, ד. ובכ״מ.

68) ראה יומא ט, ב.

69) ראה לקו״ת פרשתנו פח, ג ואילך.

70) לג, מח.

(דרגתו של משיח ד„מורח ודאין"[71]), על סף הגאולה, בודאי שכבר נתתקנה סיבת הגלות, ולכן, ההדגשה דאהבת ישראל היא — בתור טעימה ועד להתחלה דהגאולה האמיתית והשלימה הקשורה עם נקודת האחדות שלמעלה מהתחלקות, שמודגשת באחדותם של ישראל, מצד בחי' היחידה (דרגה החמישית) שבכל ישראל בשווה, שהיא ניצוץ מנשמתו של משיח[72], יחידה הכללית[73].

ועפ"ז יש להוסיף גם בהפירוש „ומקרבן לתורה" — שהכוונה היא להקירוב ללימוד התורה דגאולה העתידה, „תורה חדשה מאתי תצא"[74].

יד. ויש לקשר זה עם מאמר המשנה במסכת אבות בפרק דשבת זה — „רבי[75] שמעון אומר הוי זהיר בקריאת שמע ובתפלה":

רבי שמעון דמשנתנו הוא רבי שמעון בן נתנאל שנמנה לפנ"ז[76] בין חמשת הה' תלמידים של רבי יוחנן בן זכאי, ובהמשך לזה באים מאמריהם, „הם אמרו שלשה דברים וכו'"[77], ונקרא כאן „רבי שמעון" סתם — לרמז על שייכותו לרשב"י, שסתם ר"ש הוא רשב"י[78], ש„תורתו אומנתו"[79], כולל ובמיוחד הלימוד בפנימיות התורה, כרשב"י מארי דהזהר, כפי שמצינו[80] שר"ש בן נתנאל „פתח במעשה מרכבה כו'"[81].

והטעם שרבי שמעון מדגיש „הוי זהיר בקריאת שמע ובתפלה", אף שלכאורה הי' צריך להדגיש הזהירות בלימוד התורה באופן ד„תורתו אומנתו"[82] — כי, ההנהגה ד„תורתו אומנתו" באופן שאין מפסיקין לק"ש ותפלה[83] היא הנהגה מיוחדת ששייכת ליחידי סגולה בלבד (גם בין אלו ש„תורתם אומנתם"), ולכן צריך ר"ש להזהיר את תלמידיו וכל בנ"י שיהיו זהירים בק"ש ובתפלה (כמשנ"ת בארוכה במק"א[84]).

ויש לבאר דיוק הלשון „הוי זהיר בקריאת שמע ובתפלה", „זהיר" דייקא, מלשון זוהר ואור, כמו „זהר הרקיע"[85] — שאף שעיקר ענין הזוהר והאור נעשה ע"י לימוד התורה, „תורה אור"[86] (ובפרט כשהלימוד הוא באופן דתורתו אומנתו, שכל מציאותו היא „תורה אור"), מ"מ, משתדל ר"ש בטובתם של אלה שעדיין לא הגיעו להדרגא ד„תורתו אומנתו", שגם אצלם יהי' ענין הזוהר והאור ע"י ק"ש

---

71) סנהדרין צג, ב. וראה לקו"ת פרשתנו פט, ב.

72) כידוע שהפסוק „דרך כוכב מיעקב" שקאי על מלך המשיח, קאי גם על כאו"א מישראל שנמשל לכוכב, כיון שבכאו"א מישראל יש ניצוץ מנשמת משיח (ראה לקו"ש ח"ב ע' 599. ושי"נ).

73) רמ"ז לזח"ב מ, ב. ולזח"ג רס, ב. ועוד.

74) ישעי' נא, ד. ויק"ר פי"ג, ג.

75) פ"ב מי"ג.

76) משנה ט.

77) משנה יו"ד.

78) פרש"י שבועות ב, ב (ד"ה משמו). הקדמת הרמב"ם לפיה"מ (פרק הששי). ועוד.

79) שבת יא, א.

80) חגיגה יד, ב. ירושלמי שם (פ"ב ה"א).

81) ראה בארוכה לקו"ש חי"ז ע' 356 ואילך.

82) ואף שגם ק"ש הוא בכלל לימוד התורה (כדברי רשב"י „זה שינון וזה שינון" (ירושלמי ברכות ושבת פ"א סה"ב)), הרי, נוסף לכך שהכוונה כאן לק"ש כפי שהיא חלק מתפלה, גם לימוד התורה שבק"ש אינו בגדר אופן הלימוד ד„תורתו אומנתו", אלא בגדר הלימוד דפרק אחד שחרית וערבית (כדברי רשב"י (מנחות צט, ב) „אפילו לא קרא אדם אלא קריית שמע שחרית וערבית קיים לא ימוש").

83) ירושלמי שם.

84) לקו"ש שם.

85) דניאל יב, ג.

86) משלי ו, כג.

ותפלה (ועד שסר"ס יגיעו גם להזוהר ואור דתורתו אומנתו) – ע"ד ובדוגמת תוכן המאמר „הוי מתלמידיו של אהרן כו' אוהב את הבריות (כולל גם „בריות") ומקרבן לתורה".

ויש לומר, שההוראה והנתינת־כח ל־זהירות בק"ש ובתפלה ע"י ר"ש שתורתו אומנתו, היינו, שר"ש שתורתו אומנתו „מכניס" הזוהר והאור („זהר הרקיע") שלו בק"ש ותפלה – נמשכת מדרגת האחדות שלמעלה מהתחלקות, שעל ידה נעשה חיבור ב' אופני העבודה דתורה (המשכה מלמעלה למטה) וק"ש ותפלה (העלאה מלמטה למעלה).

ויש להוסיף, שבלימוד התורה (תורתו אומנתו) גופא ישנם ב' האופנים דהמשכה והעלאה – כידוע פתגם הרה"צ ר' הלל מפאַריטש[87] בנוגע לדא"ח דהצמח־צדק (ועד"ז אצל כל רבותינו נשיאינו), שאמירת המאמר היא באופן ד„שכינה מדברת מתוך גרונו", „כנתינתה מסיני"[88], משא"כ הבי־אור והשקו"ט בהמאמר אפילו ע"י בעל המאמר בעצמו לאחרי אמירת המאמר, היינו, שבתורה גופא ישנם ב' האופנים דהמשכה מלמעלה למטה (כנתינתה מסיני) והעלאה מלמטה למעלה (ביאור ושקו"ט בשכל האדם), ע"ד ובדוגמת כללות החי־לוק שבין תורה (המשכה) לק"ש ותפלה (העלאה)[89].

טו. האמור לעיל קשור גם לענין נוסף

87) שיום ההילולא שלו כ"א מנחם־אב (תרכ"ד) – ראה (ראשי פרקים מתולדותיו ב)הקדמה לספרו פלח הרמון בראשית ושמות.

88) ועד"ז בנוגע לדרשה דר"ש במעשה מרכבה.

89) וי"ל הפירוש ד„הוי זהיר בק"ש ובתפלה" (בתורה גופא) – שצ"ל זהירות מיוחדת בהביאור והשקו"ט במאמר דא"ח שאמירתו כנתינתה מסיני.

שהזמן גרמא – בנוגע לעריכת „סיומים" בתשעת הימים:

נוסף על כללות המנהג[90] דעריכת סיומים בתשעת הימים כדי להרבות ב־שמחה של תורה („פיקודי ה' ישרים מ־שמחי לב"[91]), „שמחה לגמרה של תורה"[92], ודוגמתו בסיום מסכת, „כי חזינא צורבא מרבנן דשלים מסכתי' עבידנא יומא טבא לרבנן"[93], כולל גם ההוספה בצדקה[94] („ב־משפט (תורה[95]) ובצדקה"[96]) ש„מקרבת את הגאולה"[97] – יש להשתדל במיוחד בשנה זו בעריכת הסיומים „ברוב עם הדרת מלך"[98], לאחד רבים מישראל בהשמחה לגמרה של תורה, כולל גם הקטנים (לא רק קטנים בידיעות, אלא גם קטנים ב־שנים) שעדיין אינם שייכים להבנה והש־גה, ע"ד ובדוגמת הסיום דערב פסח[99] ש־מנהג ישראל להביא גם בכורים הקטנים.

ולהעיר, שהסיום דערב פסח אינו דוגמא בעלמא, אלא שייך גם להסיומים דתשעת הימים[100] – כי, הסיום דערב פסח

90) ספר המנהגים־חב"ד ע' 46. וראה לקו"ש חכ"ג ע' 223. וש"נ.

91) תהלים יט, ט. וראה תענית ל, סע"א. טושו"ע או"ח ר"ס תקנד.

92) טור ורמ"א או"ח סתרס"ט.

93) שבת קיח, סע"ב ואילך. רמ"א יו"ד סרמ"ו סכ"ו.

94) גם ב(הסיומים ד)יום השבת – באופן המותר, ע"י אכילה ושתי', וכיו"ב.

95) לקו"ת ר"פ דברים (בפי' הכתוב: „ציון במשפט תפדה גו'").

96) ירמי' ד, ב – סיום וחותם הפטרת שבת זו.

97) ב"ב י"ד, א. וראה תניא פל"ז.

98) משלי יד, כח. וראה אנציקלופדי' תלמודית בערכו. וש"נ.

99) ראה טושו"ע ואדה"ז או"ח סת"ע.

100) להעיר מהסימן דקביעות השנה: א"ת – שבאותו יום שחל א' דפסח חל תשעה באב (טושו"ע או"ח סתכ"ח ס"ג. וראה לקו"ש חי"ח ע' 313).

הוא הכנה להגאולה דפסח, והסיומים ד־תשעת הימים הם הכנה להגאולה העתידה שהיא „כימי צאתך מארץ מצרים (אראנו נפלאות)"[101], ובהדגשה יתירה בשנה זו, הי' תהא שנת אראנו נפלאות, כשעומדים על סף הגאולה.

טז. ויה"ר שהדיבור וההחלטות טובות בכהנ"ל ימהרו ויזרזו ויביאו בפועל ובגלוי ממש את ה(חוזק והתוקף ד)גאולה השלישית וביהמ"ק השלישי.

ובפשטות — שנוסף לכך שכבר סיימו כל פרטי מ"ב המסעות במדבר העמים שבזמן הגלות, ועומדים כבר „על ירדן ירחו", „מעבר לירדן ירחו קדמה מזרחה"[102], עוברים את הירדן מערבה ונכנסים לארץ ישראל, ובארץ ישראל עצמה הולכים מערבה — לירושלים עיר הקודש, ולבית המקדש השלישי, ועד לקדש הקדשים (במערבו של ביהמ"ק), שבו נמצא הארון והלוחות.

ו„הקיצו ורננו שוכני עפר"[103], ומשה ואהרן (בעל ההילולא דר"ח מנ"א) עמהם[104], וכל הצדיקים ונשיאי ישראל עמהם, וכ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו עמהם, ביחד עם נשמות בגופים דכל בנ"י שבדורנו זה, „בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו"[105], „ואתם תלוקטו לאחד אחד בני ישראל"[106], וכולם יחדיו לומדים „תורה חדשה (ש)מאתי תצא", „אלה הדברים אשר דבר משה („גואל ראשון הוא גואל אחרון"[107]) אל כל ישראל", „אלה" דייקא, מראה באצבעו ואומר אלה[108], בפועל ובגלוי, ותיכף ומיד ממש.

---

101) מיכה ז, טו.

102) פרשתנו לד, טו.

103) ישעי' כו, יט.

104) ראה יומא ה, ב. תוד"ה אחד — פסחים קיד, סע"ב.

105) בא יו"ד, ט.

106) ישעי' כז, יב.

107) ראה לקו"ש חי"א ע' 8 ואילך. וש"נ.

108) שהרי לימוד התורה דלעתיד לבוא יהי' באופן של ראי' (ראה לקו"ת צו יז, א ואילך. ובכ"מ).

משיחות ש"פ דברים, שבת חזון, תשעה באב (נדחה), יום א', עשירי באב (לפני תפלת ערבית*) ויום ב', י"א באב (לאחרי תפלת ערבית) ה'תנש"א

א. די איצטיקע טעג — ובפרט קומענדיק פון שבת תשעה באב (נדחה) — זיינען ימים מסוגלים ביותר אויף ביאת משיח צדקנו:

נוסף אויף דעם וואָס ס'איז אַן עיקר אין אמונת ישראל („אני מאמין") אַז „אחכה לו בכל יום שיבוא"[1], בפירושו „שיבוא בכל יום" — ובפרט אין דעם איצטיקן זמן בכלל, ווי גערעדט לאחרונה כו"כ פעמים, אַז לויט אַלע סימני הגאולה איז „הנה זה (משיח) בא"[2] תיכף ומיד ממש (און דאָס וואָס משיח איז נאָך ניט געקומען איז אינגאַנצן ניט פאַרשטאַנדיק) — איז דאָס נאָכמער אונטערשטראָכן אין די טעג פון חודש אב, ווי עס שטייט אין מדרש[3]: „עלה ארי' במזל ארי' (חודש החמישי) והחריב את אריאל (בית המקדש) כו' על מנת שיבוא ארי' (זה הקב"ה) במזל ארי' (והפכתי אבלם לששון[4]) ויבנה אריאל". ד.ה. אַז אין חודש אב וועט זיין דער בנין בית המקדש השלישי, „מקדש אד' כוננו ידיך"[5]. און נאָכמער: דאָס איז די כוונה און דער תנאי, וואָס „על מנת" זה איז געווען דער חורבן בית המקדש בחודש זה[6].

ווי ס'איז אויך מודגש אין דעם נאָמען פון דעם חודש (ווי ער ווערט אָנגערופן ע"פ „מנהג ישראל (וואָס) תורה היא"[7] — „מנחם אב"[8], אַז פאַר „אב" (פאַר דעם שם החודש אין תורה[9]) איז מען מקדים „מנחם" — נחמת הגאולה, וואָס דאָס באַדייט אַז אין דעם חודש קומט די נחמת הגאולה („מנחם"), די נחמה אויף אַלע עניני אב, דורך מהפך זיין די ענינים בלתי רצויים פון דער ירידה בחודש אב צו אַן עלי' הכי גדולה („מנחם"[10]) — „שיבוא ארי' במזל ארי' ויבנה אריאל" (וואָס „על מנת" זה איז געווען די ירידה), כנ"ל.

ב. אין חודש מנחם־אב עצמו איז דאָס נאָך שטאַרקער אין דעם טאָג פון תשעה באב, סיי מצד כללות היום, און סיי מצד זיין קביעות בשנה זו ביום השבת:

חז"ל זאָגן[11] אַז אין דעם טאָג פון תשעה באב (יום שחרב הבית) „יליד מלכא משיחא". און דער ענין חזר'ט זיך איבער מחדש בכל[12] תשעה ב־

---

*) בשעה 8:35 בערב נכנס כ"ק אדמו"ר שליט"א לבית הכנסת ואמר שיחה. ואח"כ נתן לכאו"א שטר של דולר ע"מ לתת אותו (או חילופו) לצדקה ובהוספה מדילי'. ואח"כ התפללו תפלת ערבית. ולאחרי התפלה התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן ניגון הקפות דאביו ז"ל. המו"ל.

1) עיקר הי"ב מהי"ג עיקרים — בנוסח „אני מאמין" שנדפס בכמה סידורים. וראה פיה"מ להרמב"ם פרק חלק.

2) שה"ש ב, ח. ובשהש"ר עה"פ.

3) יל"ש ירמי' רמז רנט.

4) ירמי' לא, יב.

5) בשלח טו, יז.

6) ראה לקו"ש חכ"ט ע' 10 ואילך.

7) תוד"ה נפסל — מנחות כ, ב. ובכ"מ — נסמן בלקו"ש חכ"ב ע' 56 הערה 2.

8) ראה לקו"ש חכ"ג ע' 214. וש"נ.

9) משנה תענית פ"ד מ"ה־ו. תרגום שני למגי"א ג, ז. תיב"ע שלח יג, כה. ועוד.

10) שזהו גם שמו של משיח, כדלקמן בפנים.

11) ירושלמי ברכות פ"ב ה"ד. איכ"ר פ"א, נא. וראה במדב"ר פי"ג, ה (בסופו).

12) כידוע בנוגע לכל עניני קדושה, שביום השנה חוזרים וניעורים הענינים כפי שהיו בפעם

אב[13], און היות אַז ביום הולדתו פון אַ מענטשן איז „מזלו גובר"[14], הייסט עס, אַז בתשעה באב איז מתגבר מזלו של משיח צדקנו און ער איז אַ יום מסוגל אויף דער גאולה האמיתית והשלימה.

און דאָס איז אויך נוגע אין הלכה למעשה, ווי עס שטייט אין כתבי ה־אריז"ל[15], אַז מ'זאָגט תפלת נחם („פסוקי נחמה") ביום תשעה באב במנחה — „כי אז במנחת ט"ב נולד המשיח הנקרא[16] מנחם"[17].

ויש לומר, אַז ווען תשעה באב איז חל בשבת (ווי בקביעות שנה זו), און דער תענית (ואמירת נחם) איז נדחה ליום א', ווערן דאַן נדחה נאָר די ענינים בלתי רצויים — דער ענין הצום און די דיני עינוי ואבילות כו', אָבער די ענינים חיוביים ורצויים — וואָס ביום זה נולד מושיען של ישראל — ווערן ניט נדחה, אפילו ניט אָפּגעשוואַכט ח"ו דורך שבת.

ואדרבה: די ענינים טובים שטייען נאָך מער בגלוי ובתוקף ביום השבת[18].

און דער טעם לזה — יש לומר: ווי־באַלד אַז אַלע עניני העולם — כולל אויך די ענינים הכי נעלים אין סדר השתלשלות (ווי מלאכים און אפילו עשר ספירות וכו') — זיינען באַשאַפן געוואָרן „בשביל ישראל" (און „בשביל התורה")[19], [און „מחשבתן של ישראל" איז „קדמה ל־תורה"[20] (תורה איז געגעבן געוואָרן צוליב אידן, שנאמר צו את בני ישראל, דבר אל בני ישראל)[21]] — קען דאָך ניט זיין אַ מציאות בעולם, כולל אַ קביעות בזמן (התלוי במהלך השמש והלבנה והמזלות[22]) שנברא בשביל ישראל, וואָס זאָל שטערן אָדער אָפּשוואַכן ח"ו אַ המשכה וגילוי פון קדושה באַ אידן, כולל ועאכו"כ אַזאַ ענין עיקרי באַ אידן ווי לידת והתגברות מזלו של משיח (בתשעה באב).

ועאכו"כ ווען עס רעדט זיך וועגן יום השבת (קביעת תשעה באב בשבת): ווי־באַלד אַז אידן זיינען „בן זוגך"[23] פון שבת [סיי שבת און סיי אידן זיינען למעלה ונבדל מעניני העולם[24] (די אַנדערע ימי השבוע, וואָס יעדערער פון זיי האָט אַ „בן זוג")], און שבת איז פאַרבונדן מיט דעם

הראשונה ביום זה, ואדרבה: בכל שנה — באופן נעלה יותר. וכידוע פירוש האריז"ל ב„הימים האלו נזכרים ונעשים" (רמ"ז בס' תיקון שובבי"ם, הובא ונת' בס' לב דוד להחיד"א פכ"ט. וראה משנה גיטין ספ"ג. וראה גם מחצית השקל לשו"ע או"ח סתס"ח ס"י).

13) ראה סד"ה אל תצר את מואב לאדמו"ר האמצעי (מאמרי אדהאמ"צ דברים ח"א ע' קב). וראה יפה ענף (השלם) לאיכ"ר שם.

14) ראה ירושלמי ר"ה פ"ג ה"ח ובקה"ע ופני משה שם.

15) שער הכוונות ענין ט"ב בסופו, הובא ב־ברכ"י או"ח סתקנ"ט אות ז.

16) ירושלמי ברכות ואיכ"ר שם. וכ"ה ב־סנהדרין צז, ב.

17) וזהו גם הטעם שאומרים ברכת הלבנה במוצאי ת"ב „כי בט' באב נולד משיח" (פע"ח שכ"ג — כוונת ט"ב ובין המצרים בסופו. משנת חסידים סוף מס' תמוז ואב).

18) ראה גם לקו"ש שבת חזון תנש"א ס"א.

19) פרש"י בראשית א, א.

20) ב"ר פ"א, ד.

21) ראה תדבא"ר פי"ד.

22) השייכים להנהגת העולם ואוה"ע, ולא לישראל, כמ"ש (ירמי' י, ב) „אל דרך הגוים אל תלמדו ומאותות השמים אל תחתו כי יחתו הגוים מהמה", ואמחז"ל „אין מזל לישראל" (שבת קנו, א. נדרים לב, א).

23) ב"ר פי"א, ח.

24) כמאחז"ל ששבת „מיקדשא וקיימא" (ביצה יז, א), „קדש מלה בגרמי'" (זח"ג צד, ב).

גילוי פון דער גאולה (ווי ס'איז מודגש אין שירו של יום, „מזמור שיר ליום השבת, מזמור שיר לעתיד לבוא, ליום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים"[25], און יעדער שבת איז מעין זה[26]) — קען מען דאָך ניט זאָגן, אַז שבת זאָל ח"ו דוחה זיין דעם ענין נעלה באַ אידן פון לידת משיח צדקנו בתשעה באב. נאָר אדרבה: שבת איז דוחה אַלע ענינים בלתי רצויים פון אידן (צום ועינוי) און ענינים פון היפך הגאולה, און איז נאָכמער מגלה ומחזק ביתר שאת וביתר עוז די עניני הגאולה בתשעה באב, דעם ענין פון לידת המשיח ביום זה.

ובפרט אַז דער שבת (תשעה באב) איז שבת חזון, חזון מלשון מחזה: אין דעם שבת „מראין לכאו"א מישראל המקדש דלעתיד מרחוק" (כידוע די תורה בזה[27]), ובפרט אַז מ'איז דאָס מבאר מיט אַ משל פון אַ לבוש ובגד („מאב שיש לו בן יקר ועשה לו מלבוש יקר וכו'", אע"פ וואָס דער נמשל רעדט וועגן בית המקדש), וואָס באַווייזט אַז דער גילוי המקדש ווערט נמשך מער בגלוי בבחי' לבוש[28] (מקיף הקרוב), וואָס איז נעענטער צו דעם אדם (ווי דער מקיף הרחוק פון בית)[29], ע"ד דער ענין פון בגדי כהונה (במקדש) — איז דאָך פאַרשטאַנדיק (במכ"ש פון יעדער שבת), אַז דער גילוי פון מושיען של ישראל ביום זה איז ביתר שאת וביתר עוז. וכמודגש אויך בסיום הפטרת שבת חזון: „ציון במשפט תפדה ושבי' בצדקה"[30].

ג. דער עילוי הנ"ל פון שבת תשעה באב איז נאָכמער בהדגשה אין דעם ענין האכילה ושתי' שביום זה, ווען מ'האָט די מצוה פון עונג שבת, „לענגו בעונג אכילה ושתי'"[31], „דגים גדולים . . בשר ויין"[32], ביז אַז אפילו בנוגע צו דער סעודה שלישית (בתשעה באב שחל בשבת), די סעודה מפסקת — איז דער דין[33] אַז „אוכל בשר ושותה יין בסעודה המפסקת ומעלה על שולחנו אפילו כסעודת שלמה בעת מלכותו".

דערפון זעט מען, אַז אין אַ יום תענית שחל בשבת איז ניט בלויז פאַראַן שלילת העינוי דורך העדר אכילה ושתי', נאָר אויך ובעיקר — די שמחה ותענוג וואָס איז דאָ אין אכילת בשר שמן ושתיית יין ישן [ויש לומר, אַז אין אַ יום תענית שחל בשבת דאַרף מען מוסיף זיין אין דעם נאָכמער ווי בשאר שבתות השנה, כדי שולל זיין דעם קס"ד פון דעם יום התענית[34]].

און דער ביאור בזה איז — ווי גערעדט מערערע מאָל[35] — אַז בפנימיותו איז אַ

---

25) תמיד בסופה.

26) ראה המשך תרס"ו ע' תקמב. המשך תער"ב ח"ב ע' א'קכז. ועוד.

27) מהרה"ח ר' הלל מפאַריטש בשם הרב מבאַרדיטשוב נבג"ם — נעתקה באוה"ת נ"ך ע' א'צז בשוה"ג — על רשימת הצ"צ שם „ומחזון תחזינה עינינו". נתבאר בלקו"ש ח"ט ע' 24 ואילך. חכ"ט ע' 18 ואילך. סה"ש תשמ"ז ח"ב — שיחת ש"פ דברים. לקו"ש שבת חזון תנש"א.

28) ולהעיר מהנהגת כ"ק אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע בתשעה באב, ש„הי' לובש הטלית — בבוקר — ופושטו כו'" (שיחת כ"ק מו"ח אדמו"ר — ספר המנהגים חב"ד ע' 47), והרי הטלית הוא לבוש שמעוטף בו ראשו ורובו. ואולי יש לקשר זה עם הגילוי דמשיח (וביהמ"ק השלישי) בתשעה באב גם בבחי' לבוש (מקיף הקרוב), ע"ד בגדי כהונה, כבפנים.

29) ראה בארוכה לקו"ש חכ"ט שם.

30) ישעי' א, כז.

31) שו"ע אדה"ז או"ח סרמ"ב ס"א.

32) שו"ע אדה"ז שם ס"ב.

33) שו"ע או"ח סתקנ"ב ס"י.

34) ראה לקו"ש ח"ד ע' 1091.

35) ראה לקו"ש חל"ג ע' 158 ואילך. שיחת ש"פ בלק, י"ז תמוז (נדחה) תשמ"ח (סה"ש ח"ב ע' 526 ואילך). שנה זו (לעיל ע' 683). ועוד.

תענית אַן ענין טוב — „יום רצון לה׳״[36]. און די כוונה פנימית פון די תעניות איז — אַז עס זאָל נתגלה ווערן זייער ענין טוב, יהפכו ימים אלו „להיות יום טוב וימי ששון ושמחה״[36*], ווי עס וועט נתגלה ווערן בגאולה האמיתית והשלימה. און דער ענין פנימי פון אַ תענית שטייט בגלוי ווען דער תענית איז חל ביום השבת — וואָס דעמולט ווערט נדחה נאָר דער ענין הצום, אָבער ניט דער ענין טוב („יום רצון לה׳״), ואדרבה: וויבאַלד אַז יעדער שבת איז אַ יום רצון[37], „חמדת ימים אותו קראת״[38], און מצוה לענגו כו׳, און ס׳איז אַ טאָג פאַרבונדן מיט דער גאולה (כנ״ל) — איז דער „עת רצון״ פון דעם תענית דעמולט ביתר שאת וביתר עוז, און דער תענית איז דעמולט אַזוי ווי אַ „יום טוב ויום ששון ושמחה״[36*], מעין ובדוגמת ווי עס וועט זיין בימות המשיח. ביז אַז דחיית התענית ע״י שבת גיט דעם כח אויף אים דוחה זיין לגמרי (בימות המשיח), ווי אונטערשטראָכן במיוחד באַ תשעה באב שחל להיות בשבת „ודחינהו לאחר השבת ואמר רבי הואיל ונדחה ידחה״[39].

ויש לומר, אַז דאָס שטייט נאָכמער בהדגשה אין סעודת תשעה באב שחל בשבת — וואָרום בתשעה באב איז דאָ דער גילוי פון לידת המשיח (כנ״ל), ובפרט לאחרי חצות היום, בזמן תפלת מנחה (ווען „נולד המשיח״), ובפרט אין דער סעודה מפסקת — די סעודה שלישית פון דעם שבת, ווייל די סעודה שלישית בכל שבת איז דאָך פאַרבונדן[40] מיט דער סעודה דלעתיד לבוא, סעודת לויתן ושור הבר ושתיית יין המשומר[41] (אַ סעודה גשמית[42]), ועאכו״כ די סעודה שלישית (די סעודה המפסקת) פון שבת תשעה באב, ווען „נולד המשיח״[43].

ד. ויש לומר נאָכמער, אַז ווען תשעה באב איז חל בשבת און דער תענית איז נדחה לעשירי האָט מען מעין המעלה פון תשיעי ועשירי בתשרי (ערב יום הכפורים ויום הכפורים) — כדברי חז״ל[44] „כל ה־אוכל ושותה בתשיעי מעלה עליו הכתוב כאילו התענה תשיעי ועשירי״.

ובהקדים די שייכות פון תשעה באב מיט יום הכפורים:

די[45] ימי צומות — וועלכע זיינען אַלע מדברי קבלה ומדרבנן — האָבן אַ שייכות, זיי זיינען מעין און ווערן נמשך פון דעם צום יום הכפורים וואָס איז מן התורה. כידוע אַז אַלע מצוות מדרבנן זיינען „כעין דאורייתא״[46], ביז אַז זיי זיינען „יוצאות ונמשכות ממצות התורה״ (דוגמתן)[47].

36) ישעי׳ נח, ה. וראה אגה״ת ספ״ב.

*36) ל׳ הרמב״ם סוף הל׳ תעניות.

37) וכמ״ש במנחת שבת „ואני תפלתי לך ה׳ עת רצון״ (תהלים סט, יד. וראה זח״ג קכט, א).

38) נוסח תפלת עמידה דש״ק.

39) מגילה ה, ריש ע״ב. וראה שיחות שבהערה 35.

40) ראה ב״ח או״ח סרצ״א ס״ה.

41) ראה ברכות לד, ב. פסחים קיט, ב. ב״ב עה, א. ויק״ר פי״ג, ג. ועוד.

42) ראה לקו״ת ר״פ שמיני. תו״ח תולדות יב, ד ואילך. ספר הליקוטים־דא״ח צ״צ ערך לע״ל ע׳ תרמו ואילך. ושי״נ. ועוד.

43) ועפ״ז יש לומר בדיוק הלשון (דלעיל ב־פנים) בנוגע אכילת סעודה המפסקת „אפילו כ־סעודת שלמה בעת מלכותו״, „כסעודת״ (בכ״ף הדמיון) דייקא, כי סעודה דלע״ל היא שלא בערך לסעודת שלמה בעת מלכותו.

44) יומא פא, ב. ושי״נ.

45) בהבא להלן, ראה בארוכה שיחת צום גדלי׳ (לקמן ע׳ 829 ואילך. לעיל ח״א ע׳ 17 ואילך).

46) פסחים ל, ב. ושי״נ.

47) אגה״ק סכ״ט: „ז׳ מצוות דרבנן אינן נחשבות מצות בפני עצמן שהרי כבר נאמר לא תוסף (ראה יג, א*), אלא הן יוצאות ונמשכות ממצות התורה וכלולות בהן במספר תרי״ג״.

*) וראה לקו״ש חט״ו ע׳ 138 הערה 8, ושי״נ.

צווישן די ד׳ צומות גופא איז תשעה באב דער סאַמע־ענלעכסטע צו יוהכ״פ — „אין בין תשעה באב ליום הכפורים כו׳״[48], „תשעה באב לילו כיומו לכל דבר כו׳ ובין השמשות שלו אסור כיוהכ״פ״[49].

ובפרט ע״פ דברי חז״ל[50], אַז מ׳פאַר־גלייכט דער יום טוב פון ט״ו באב — וואָס קומט אַלס אַ תיקון אויף די דברים ש־אירעו בתשעה באב („יום[51] שכלו בו מתי מדבר״[52], ווען ס׳האָט זיך געענדיקט די גזירה פון די מתי מדבר וואָס איז געווען בתשעה באב[53]) — מיט יום הכפורים — „לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכפורים כו׳״.

ובפנימיות הענינים[54]: דער גודל ה־עילוי פון תשעה באב, דער זמן פון לידת המשיח (וואָס בזמן הגלות שטייט עס בהעלם) קומט אַרויס בגילוי בחמשה עשר באב, ווען קיימא סיהרא באשלמותא[55], עס ווערט די עלי׳ ושלימות אין דער לבנה (ספירת המלכות), בחי׳ דוד מלכא משיחא (ווי מ׳זאָגט אין קידוש לבנה), נאָך דעם גודל הירידה והעלם שבזה בתשעה באב (בזמן הגלות), וואָס איז „על מנת שיבוא ארי׳ במזל ארי׳ ויבנה אריאל״. ומעין גילוי זה האָט מען אין שבת תשעה באב — ווען עס שטייט בגלוי נאָר דער טוב פנימי (לידת המשיח) אין תשעה באב. און (אויך) דעריבער „לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב״ — צוליב דעם גודל העלי׳ פון ט״ו באב, „שאז מאיר מעין גילוי דלעתיד שאין בו הפסק״[56], פאַרבונדן מיט דעם בנין בית המקדש[57].

און דערפאַר פאַרגלייכט מען דעם גודל היו״ט פון חמשה עשר באב מיט יוהכ״פ — ווייל אין דעם „אחת בשנה״[58] פון יוהכ״פ — פאַרבונדן מיט דעם גילוי פון יחידה[59] (משיח, בחי׳ יחידה ה־כללית[60]) — ווערט אויך די עליית המלכות בפנימיות עתיק, „שהוא ג״כ מעין דלעתיד״[61] (פאַרבונדן אויך מיט דעם בית המקדש[62]).

ולהוסיף, אַז דער סיום פון די „שבעה דנחמתא״ (וואָס קומט נאָך תשעה באב) איז בראש השנה[63] („מאחר תשעה באב עד ראש השנה״[64]), וואָס שלימות פון ר״ה איז

---

48) פסחים נד, ב.

49) רמב״ם הל׳ תעניות פ״ה ה״ז. וראה טושו״ע או״ח סתקנ״ג.

50) תענית כו, ב במשנה.

51) שם ל, ב בגמרא.

52) וכן שאר הטעמים בגמרא שם שייכים ל־תיקון המאורעות דתשעה באב — ראה לקו״ש חכ״ד ע׳ 51 ואילך. סה״ש תשמ״ז — שיחת ט״ו באב ס״ג. ועוד.

53) פרש״י ותוס׳ תענית שם, סע״ב — מאיכ״ר פתיחתא לג.

54) ראה אוה״ת ואתחנן ע׳ ב׳קצז ואילך. נ״ך ע׳ א׳צו־ז. ד״ה נחמו עת״ר (ע׳ רכא ואילך).

55) שמו״ר פט״ו, כו. זח״א קנ, רע״א. ועוד.

56) ד״ה נחמו עת״ר (ע׳ רל). וראה אוה״ת ואתחנן ונ״ך שם.

57) ראה חדא״ג מהרש״א משנה תענית שם, ש„טעמי שמחתו (דחמשה עשר באב) . . תלויים בבנין המקדש״.

58) ס״פ תצוה. אחרי טז, ל.

59) ראה תוד״ה עד אחת — מנחות יח, א. וראה עטרת ראש שער יוהכ״פ פ״ב ואילך. ובארוכה — סה״ש תשמ״ז — ברכת עיוהכ״פ (ע׳ 2 ואילך). ושי״נ.

60) רמ״ז לזח״ב מ, ב. ולזח״ג רס, ב. ועוד. וראה סה״מ תרצ״ט ע׳ 207. ובכ״מ.

61) ד״ה נחמו שם (ע׳ רלא). וראה אוה״ת שם. המשך תרס״ו בסופו (ע׳ תקמו).

62) ראה מפרשי המשנה תענית שם (רע״ב. רש״י על הרי״ף) ש„יום שמחת לבו זה בנין ביהמ״ק״ קאי על יוהכ״פ שבו נתחנך המקדש.

63) ולהעיר מהיש נוהגין שמחמשה עשר באב ואילך מברכים ומאחלים „כתיבה וחתימה טובה״ (שהיא גם הגימטריא ד„חמשה עשר באב״) — שער יששכר ענין יום תבר מגל דרוש ב. דרכי חיים ושלום סתרפ״ד.

64) רמב״ם סדר תפלות כל השנה בסופו.

– ביוהכ"פ[65] (ר"ה בבחי' פנימיות[66]). און יוהכ"פ איז „יום חתונתו זה מתן תורה" (דלוחות האחרונות)[67] – דער סיום פון די ארבעים יום האחרונים פון משה בהר, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן בר"ח אלול, נאָך די מ' ימים אמצעיים מי"ז תמוז עד ר"ח אלול (כולל תשעה באב וט"ו באב)[68].

וע"פ המדובר לעיל, אַז בשבת תשעה באב ווערט נתגלה דער טוב פנימי וגודל העילוי פון תשעה באב (מעין פון יהפכו ימים אלו לששון ולשמחה ולמועדים טובים בגאולה האמיתית והשלימה) – קומט אויס, אַז תשעה באב עצמו האָט אין זיך ע"ד הגילוי פון יוהכ"פ (נאָר בזמן הגלות שטייט עס בהעלם אין די יאָרן ווען תשעה באב קומט אויס בימי החול).

ה. ע"פ דער שייכות הנ"ל פון תשעה באב מיט יוהכ"פ – יש לומר, אַז דאָס וואָס עס שטייט בנוגע צו יוהכ"פ אַז „כל האוכל ושותה בתשיעי מעלה עליו הכתוב כאילו התענה תשיעי ועשירי", איז ע"ד ומעין זה דאָ בקביעות שנה זו ווען תשעה באב איז חל בשבת, וואָס דעמולט איז דאָ דער „האוכל ושותה בתשיעי" (בתשיעי באב) צוליב מצות עונג שבת [ואדרבה, מיט אַ הוספה (כנ"ל), ויו"ל ע"ד די אכו"ש בתשיעי בתשרי וואָס דאַרף זיין „כפי שיעור ב' ימים ערב יוהכ"פ ויוהכ"פ"[69]], וואָס דורך דעם איז „מעלה עליו הכתוב" – דער כתוב (תורה) אַליין טוט אויף אין אים (אין דעם אוכל) אַן עלי' (מעלה עליו הכתוב), און אַן עלי' „כאילו התענה תשיעי ועשירי", ער האָט די מעלה (דורך אכילה ושתי' בתשיעי) פון „התענה" – מעין עוה"ב וואָס „אין[70] בו לא אכילה ולא שתי'"[71] – „תשיעי ועשירי", צוויי טעג.

נאָכמער: וויבאַלד אַז „אחכה לו בכל יום שיבוא", כולל אויך „שיבוא בכל יום", ביום זה ממש (שבת תשעה באב ה'תנש"א), וואָס דעמולט וועט דער תענית אינגאַנצן נדחה ווערן, און תשעה באב וועט זיין אַ יום טוב גדול – איז פאַרשטאַנדיק אַז דער „מעלה עליו הכתוב" (די עלי') וואָס קומט דורך „האוכל ושותה בתשיעי" (מעשינו ועבודתינו בתשעה באב זה) באַשטייט ניט פון „התענה (תשיעי ועשירי)", וואָרום עס וועט דאַמאָלס זיין אכילה ושתי' אויך בעשירי באב[72], און די אכילה ושתי' וועט אין זיך האָבן אַ מעלה גדולה ביותר, ובפרט אַז דאָס וועט בפשטות זיין פאַרבונדן אויך מיט חנוכת ביהמ"ק השלישי, שירד למטה תיכף ומיד ממש[73], ע"ד – און נאָך מער – ווי די מעלה וזכות פון דער אכילה ושתי' ביוהכ"פ (עשירי בתשרי) בחנוכת בית ראשון[74]. [ובמכ"ש וק"ו, וואָרום בימות המשיח וועט אינגאַנצן בטל ווערן דער תענית פון תשעה באב (משא"כ דחיית התענית ביוהכ"פ בחנוכת בית ראשון איז געווען נאָר אַ הוראת שעה)].

---

65) ולהעיר גם, ש„ארי'" (המזל דחודש אב) ר"ת „אלול, ראש השנה, יוהכ"פ, הושענא רבה" (של"ה ריש מס' ר"ה (ריג, א). הובא באוה"ת נ"ך ע' תסז, ס"ע א'נז). וראה סה"ש תשמ"ז ח"ב – שיחת ט"ו באב בסופה.

66) לקו"ת ר"ה (נח, א).

67) משנה תענית שם (כו, ב) ובפרש"י.

68) וראה שיחת ט"ו באב שם ס"ו ובהערה 83, שי"ל שבט"ו באב מתחילה ההכנה ד„יום חתונתו זה מתן תורה".

69) פע"ח שער יוהכ"פ פ"א. סידור אדה"ז לאחרי סדר כפרות. אשל אברהם (להרה"צ כו' מבוטשאטש) או"ח ר"ס תרד.

70) ברכות יז, א.

71) ראה המשך תרס"ו שם.

72) ורק „כאילו התענה", שתהי' המעלה ד„עוה"ב אין בו לא אכילה ולא שתי'", ביחד עם המעלה דסעודה לע"ל (ראה תשובות וביאורים סי"א בסופו בהערה).

73) ראה רש"י ותוס' סוכה מא, סע"א.

74) מו"ק ט, א.

ולהוסיף, אַז בקביעות שנה זו (ווען ס׳איז דאָ דער „האוכל ושותה בתשיעי״) איז עשירי באב ביום אחד בשבוע — וואָס איז בדוגמת יום אחד הראשון (פון מעשה בראשית) — ווען „הקב״ה הי׳ יחיד בעולמו״[75]; און אויב משיח קומט תיכף ומיד ממש, וועט מאָרגן, יום אחד עשירי באב, מאיר זיין בתכלית הגילוי אחדותו ית׳ — ע״ד דער גילוי פון „אחת בשנה״ פון עשירי בתשרי (יחידה וואָס איז פאַרבונדן מיט יחיד שלמעלה[76]) — „והי׳ ה׳ למלך על כל הארץ ביום ההוא יהי׳ ה׳ אחד ושמו אחד״[77]. וי״ל אַז דאָס איז אויך מתאים לזה וואָס יום עשירי בחודש איז פאַרבונדן מיט „העשירי יהי׳ קודש״[78], קדש מלה בגרמי׳.

ו. ויש להוסיף, אַז בקביעות שנה זו, ווען תשעה באב איז חל בשבת, און אויך די התחלה פון די „בין המצרים״ (שבעה עשר בתמוז) איז חל בשבת (און דער תענית איז נדחה) — קומט אויס אַז די התחלה און דער סיום פון די „תלתא דפורענותא״ איז ניט מיט אַן ענין של פורעניות ח״ו, נאָר אדרבה — מיט אַ יום השבת, „חמדת ימים״, ומצוה לענגו כו׳, און וויבאַלד אַז „אחכה לו בכל יום שיבוא״ וועט מאָרגן אויך ניט זיין קיין תענית (און אפילו אויב משיח וועט זיך ח״ו פאַרהאַלטן, איז דאָס אַ תענית מחוץ פון די „תלתא דפורענותא״ וועלכע האָבן זיך שוין געענדיקט מיט שבת).

ויש לומר, אַז דאָס ברענגט אַרויס בגלוי אויך דעם תוכן פנימי פון די „תלתא דפורענותא״ — ווי דאָס איז כנגד די ג׳ מוחין[79] [נאָר בזמן הגלות שטייען די ג׳ מוחין בהעלם ובהסתלקות[80]], ווי דאָס וועט נתגלה ווערן בשלימות בגאולה האמיתית והשלימה, ווען ס׳וועט זיין דער כיבוש פון אַלע עשר ארצות — נוסף צו די שבע ארצות, כנגד בירור הז׳ מדות, אויך די ג׳ ארצות פון קיני קניזי וקדמוני, כנגד די ג׳ מוחין[81]. ואדרבה: וויבאַלד אַז דער גילוי פון די ג׳ מוחין קומט אַרויס לאחרי ההעלם, איז דאָס ביתר שאת וביתר עוז, כיתרון האור מן החושך[82].

ויש לקשר זה אויך מיט די פרשיות השבוע פון די „דריי וואָכן״ — פינחס, מטות־מסעי, דברים[83]: דער צד השוה פון די דריי פרשיות איז, אַז אין זיי רעדט זיך וועגן חלוקת הארץ: בפ׳ פינחס — „לאלה תחלק הארץ בנחלה גו׳ אך בגורל יחלק את הארץ״[84]; בפ׳ מטות — בקשת בני גד וראובן „יותן את הארץ הזאת לעבדיך לאחוזה . . מעבר הירדן מזרחה״[85], ובפ׳ מסעי — „זאת הארץ אשר תפול לכם

---

75) פרש״י בראשית א, ה.

76) ע״ח שער דרושי אבי״ע פ״א. הובא בלקו״ת ראה כה, א.

77) זכרי׳ יד, ט.

78) בחוקותי כז, לב.

79) דרוש הרה״ח ר׳ הלל מפאריטש ד״ה איתא בפסיקתא כו׳ (י״ל בקופיר). וכנראה מיוסד על דרוש כ״ק אדמו״ר הצ״צ.

80) והטעם לתלתא דפורענותא — אף שתלתא מורה על חזקה וקיום (ב״מ קו, ב. וש״נ) ששייך דוקא בקדושה, ולא בענין הפורעניות — יש לומר א׳ מה־ביאורים בזה: כדי שתהי׳ שלימות ענין הבחירה, שהרי „זה לעומת זה עשה אלקים״ (קהלת ז, יד), שבכל דבר שבקדושה (כולל ענין של חזקה בשלשה) יש לעומת זה; והכוונה היא (על מנת) להפוך ה„זה״ (דלעומת זה) לקדושה — זדונות נעשו לו כזכיות, ועד זכיות ממש. וראה גם סה״ש ה׳תש״נ ח״ב ע׳ 584 ואילך.

81) רד״ה אל תצר את מואב — מאמרי אדהאמ״צ דברים בתחלתו.

82) קהלת ב, יג.

83) כהבא להלן — ראה גם סה״ש תש״נ ח״ב ע׳ 568־9.

84) כו, נג. נה.

85) לב, ה. יט.

בנחלה גו' אשר תתנחלו אותה בגורל גו'"[86]: און בפ' דברים – בהתחלת ה־פרשה, „פנו וסעו לכם ובואו הר האמורי ואל כל שכניו וגו' ארץ הכנעני והלבנון עד הנהר הגדול נהר פרת", „ראה נתתי לפניכם את הארץ בואו ורשו את הארץ אשר נשבע ה' לאבותיכם גו'"[87], און בסיום הפרשה, כיבוש ארץ סיחון ועוג ונתינתה לבני גד ובני ראובן[88].

ובפרטיות יותר – רעדט זיך אין די דריי פרשיות וועגן חלוקת הארץ כולה, ניט נאָר בעבר הירדן מערבה, נאָר אויך בעבר הירדן מזרחה (נחלת בני גד ובני ראובן), וואָס דאָס איז געווען די התחלה פון כיבוש וחלוקת ארץ ג' אומות קיני קניזי וקדמוני, „אדום ומואב ועמון[89] . . (ש)עתידים להיות ירושה לעתיד"[90]. ויש לומר, אַז אין דעם זיינען מרומז די ג' מוחין וואָס קומען צוזאַמען מיט די ז' מדות (כיבוש ז' ארצות מעבר הירדן מערבה) אין די ג' שבתות פון די „דריי וואָכן" (ווען מ'לייענט די דריי פרשיות בשנה זו) וואָס פירן אַריין אין די „שבע דנחמתא" שלאחרי זה.

ובעבודת האדם באַדייט עס די עבודה פון „מאַך דאָ ארץ ישראל"[91] – כיבוש וחלוקת חלקו בעולם, און מאַכן דערפון „ארץ ישראל", אַ דירה לו יתברך בתח־תונים[92], ובתכלית השלימות – במחשבה דיבור ומעשה, אַלס הכנה צו עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות[93], כ־מדובר לעיל[94].

ז. ויש לומר, אַז דער ענין פון גילוי המשיח בתשעה באב (במנחה), און ווי ס'איז פאַרבונדן מיט דער עבודה אין ארץ ישראל – איז נאָכמער בהדגשה אין דער פרשה וואָס מ'לייענט בתפלת מנחה פון דעם שבת תשעה באב (שבת חזון), פ' ואתחנן:

לויט דעם כלל אַז התורה היא נצחית[95] און תורה מלשון הוראה[96], אַלע ענינים אין תורה זיינען נצחיים לעולם ועד, און גיבן אַרויס הוראות נצחיות צו אידן בכל זמן ובכל מקום – ווערט די שאלה: וואָס איז די הוראה נצחית פון „ואתחנן אל ה'", תפלת משה צו דעם אויבערשטן ער זאָל אַריינגיין אין ארץ ישראל, אַ תפלה ובקשה וואָס איז דעמולט ניט מקויים געוואָרן, ובמילא איז דאָס לכאורה בגדר פון „מאי דהוה הוה"[97]?

איז דער ביאור אין דעם: ס'איז מובן ופשוט אַז תפלתו של משה בלייבט אַלעמאָל בתוקף און וועט זיכער מקויים ווערן, במכ"ש פון דער תפלה פון יעדער צדיק [ובמכ"ש דערפון וואָס „צדיק גוזר והקב"ה מקיים"[98]], עאכו"כ תפלתו של משה רבינו (וואָס אפילו מעשה ידיו זיינען נצחיים[99], עאכו"כ תפלתו לה'), ובפרט אַז משה האָט אויף דעם מתפלל געווען תקט"ו (כמנין „ואתחנן") תפלות[100].

---

86) לד, ב. טו.

87) א, ז־ח.

88) ב, כד ואילך.

89) ע"ז ש„עמון ומואב טיהרו בסיחון" (גיטין לח, א. ושי"נ) – ראה סה"ש תש"נ ח"ב ע' 545־6.

90) פרש"י לך לך טו, יט.

91) אגרות קודש כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ ח"א ע' תפה ואילך.

92) ראה תנחומא נשא טז. ועוד. תניא פל"ו. ובכ"מ.

93) ראה פסיקתא רבתי פ' שבת ור"ח. יל"ש ישעי' רמז תקג. ועוד.

94) שיחת ש"פ פינחס (לעיל ע' 695 ואילך).

95) תניא רפי"ז. ובכ"מ.

96) ראה רד"ק לתהלים יט, ח. ועוד.

97) ל' חז"ל – פסחים קח, א. ובכ"מ.

98) תנחומא וירא יט. וראה שבת נט, ב.

99) סוטה ט, סע"א.

100) דב"ר פי"א, י.

אילו זכו וואָלט תפלת משה דעמולט מקויים געוואָרן, און ער וואָלט אַריינגעפירט אידן אין ארץ ישראל, און געבויט דעם בית המקדש, און דעמולט וואָלט דאָס געווען אַ בית נצחי, בגאולה הנצחית – די גאולה שלימה, כמבואר בספרים[101].

מפני סיבות שונות איז תפלת משה דעמולט ניט מקויים געוואָרן בפועל בעוה"ז הגשמי (צוליב די גזירה וואָס איז דאַן געווען אַז משה דאַרף בלייבן מיט בני דורו אין מדבר, כדלקמן), אָבער זייענדיק אַ תפלה פון משה (און נאָך תקט"ו תפלות) וועט זי זיכער מקויים ווערן נאָר שפּעטער – בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, וואָס „גואל ראשון (משה) הוא גואל אחרון"[102], און ער פירט אַריין אַלע אידן אין ארץ ישראל, בגאולה שאין אחרי' גלות[103], ובבנין ביהמ"ק השלישי, בית נצחי[104].

קומט דערפון אויס, אַז תפלתו של משה איז קיימת לעולם און פועלת פעולתה, נאָר ניט בזמן ההוא, נאָר לאחרי זמן – ווען עס קומט די גאולה נצחית, און משה – גואל ראשון הוא גואל אחרון – פירט אַריין אַלע אידן אין ארץ ישראל.

ח. עפ"ז וועט מען אויך פאַרשטיין די הוראה נצחית דערפון בכל הדורות:

משה האָט אָנגעהויבן זיין תפלה זאָגנדיק[105] „אתה החילות להראות את עבדך – פתח להיות עומד ומתפלל"[106], ד.ה. אַז „אע"פ שנגזרה גזירה [אַז משה זאָל ניט אַריין אין ארץ ישראל], אמר לו, ממך למדתי שאמרת לי ועתה הניחה לי וכי תופס הייתי בך אלא לפתוח פתח שבי הי' תלוי להתפלל עליהם, כמו כן הייתי סבור לעשות עכשיו"[106], „אתה אין מי שימחה בידך אם תמחול לי ותבטל גזירתך"[106].

וואָרום, היות אַז עס רעדט זיך וועגן אַריינגיין אין ארץ ישראל און ברענגען די גאולה שלימה פאַר אַלע אידן – איז הגם אַז ער האָט געוואוסט וועגן דער גזירה, האָט משה געטאָן כל התלוי בו: צו מתפלל זיין, און נאָכאַמאָל מתפלל זיין און ווידער אַמאָל מתפלל זיין, ביז – מתפלל זיין תקט"ו תפלות [אָדער אַ תפלה וואָס גייט דורך אַלע ט"ו פעמים ת"ק דרגות פון סדר השתלשלות, בין רקיע לרקיע פון די שבעה רקיעים ובין רקיע לארץ[107]] – אפשר וועט ער פועל'ן אַז דער אויבערשטער זאָל מבטל זיין די גזירה און אים לאָזן אַריינפירן אידן אין ארץ ישראל.

נאָכמער: אפילו לאחרי וואָס דער אויבערשטער האָט אים געזאָגט „אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה"[108] – איז אַ ספק גדול צי משה האָט כביכול אויך אויף דעם געפאָלגט, וואָרום ס'איז דאָך דאָ דער כלל אַז „כל מה שיאמר לך בעה"ב עשה חוץ מצא"[109], איז אפילו ווען דער בעה"ב אמיתי (דער אויבערשטער) הייסט משה'ן „צא", „אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה" – איז מסתבר זאָגן, אַז משה האָט זיך מוסר נפש געווען און ממשיך

---

101) מגלה עמוקות אופן קפה (הובא בילקוט ראובני פ' ואתחנן). אלשיך, אוה"ח ועוד ריש פ' ואתחנן. שערי תשובה לאדהמ"צ ח"ב חינוך ב־תחלתו. אוה"ת ואתחנן ע' סה. צג. ב'רא. ועוד.

102) ראה שמו"ר פ"ב, ד. זח"א רנג, א. ועוד.

103) ראה מכילתא בשלח טו, א. תוד"ה ה"ג ונאמר – פסחים קטז, א.

104) זח"א כח, א. ח"ג רכא, א.

105) ואתחנן ג, כד.

106) פרש"י שם.

107) אוה"ת ואתחנן ס"ע קיג, ע"פ תוד"ה ורגלי – חגיגה יג, א.

108) ואתחנן ג, כו.

109) פסחים פו, ב. ועוד.

געוועזן בעטן און מתפלל זיין ער זאָל אַריינגיין אין ארץ ישראל [וביחד עם זה כפשוט, אַז דאָס זאָל ח"ו ניט שאַטן אַ צווייטן אידן, יהושע בן נון, וועמען דער אויבערשטער האָט שוין קובע געוועזן פריער ער זאָל אַריינפירן אידן אין ארץ ישראל]:

און אפילו אויב משה האָט געקענט פועל'ן ע"י תפלתו ער זאָל אַריינגיין אין ארץ ישראל (און זיכער האָט ער דאָס געקענט פועל'ן, במכ"ש מתפלת כל צדיק כנ"ל) — איז אָבער זייענדיק אַ רועה ישראל אמיתי, איז אַן אמת'ער רבי, אַן אמת'ער מלמד תורה לישראל — גייט ניט אַרויס פון גלות איבערלאָזנדיק דאָרט זיינע תלמידים (ווי דער דין איז, אַז „תלמיד שגלה כו' מגלין רבו עמו"[110]), נאָר די שלימות פון זיין גאולה באַשטייט דערפון וואָס צוזאַמען מיט אים ווערן נגאל אַלע זיינע תלמידים[110*] (במכ"ש פון דעם קצה ההפכי, אַז „הרב שגלה מגלין ישיבתו עמו"[110*]). און במילא איז פאַרשטאַנדיק, אַז תפלת משה צו אַריינגיין אין ארץ ישראל האָט אין זיך כולל געוועזן, אַז אויך די אידן פון זיין דור (דור דיעה), דור המדבר, זאָלן מיט אים אַריינגיין אין ארץ ישראל אין דער גאולה שלימה.

דערפון האָט מען אויך דעם לימוד לדורות — בנוגע צו אתפשטותא דמשה שבכל דור ודור[111], ביז משה שבדורנו, כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, ועד"ז בנוגע צו בחי' משה וואָס איז דאָ אין יעדער איד[112] — אַז ניט קוקנדיק אויף די תפלות ובקשות וואָס זיינען געוועזן ביז איצטער, דאַרף מען נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל מתפלל זיין און בעטן באַ דעם אויבערשטן „עד מתי"[113]...

און ס'איז אַ זיכערע זאַך אַז די תפלה ובקשה ווערט מקויים, און תיכף ומיד ממש — ובאופן פון „מתנת חנם" („ואתחנן", „אין חנון בכל מקום אלא לשון מתנת חנם"[114]), שלא בערך צו דער עבודה — קומט די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, „גואל ראשון הוא גואל אחרון", און אַלע אידן גייען אין ארץ ישראל, אין דער גאולה נצחית, און עס קומט אַראָפּ דער ביהמ"ק השלישי הנצחי וואָס איז עומד מוכן ובנוי למעלה[73].

ט. דער ענין איז נאָך שטאַרקער גע־פינענדיק זיך איצטער אין אַ בית משולש, אַ ביהכנ"ס, ביהמ"ד און בית מעשים טובים וגמילות חסדים, ובמיוחד — פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, משה שבדורנו — וואָס דאָס איז מעין והכנה צו דעם בית המקדש השלישי, וואָס איז אויך אַ בית משולש[115]: ביתי בית תפלה[116], בית תורה (מקום סנהדרין לעבן לשכת ה־גזית[117]), און בית גמילות חסדים (וואָס ווערט נמשך דורך) הקרבת הקרבנות[118].

און אין דעם בית משולש גופא געפינט

110) רמב"ם הל' רוצח ושמירת נפש פ"ז ה"א.

110*) וראה דב"ר פ"ב, ט.

111) זח"ג רעג, א.

112) תניא רפמ"ב.

113) ראה לקו"ש ח"ל ע' 182 ואילך. וש"נ.

114) פרש"י ר"פ ואתחנן.

115) נוסף על זה שביהמ"ק השלישי כולל בתוכו גם בית ראשון ובית שני, „אלה פקודי המשכן משכן", הב' מקדשות שנתמשכנו בשני חורבנין (פרש"י ר"פ פקודי) ויוחזרו לע"ל (כפשטות ענין המשכון).

116) ישעי' נו, ז.

117) ירושלמי מכות פ"ב ה"ו. מכילתא ס"פ יתרו. פרש"י ר"פ משפטים. מדות פ"ה מ"ד. סנהדרין פו, ב (במשנה). רמב"ם הל' סנהדרין פי"ד הי"ב.

118) ראה בארוכה מכתב בין עשירי בשבט וט"ו בשבט תשמ"ז (סה"ש תשמ"ז ח"ב — בהוספות). שיחת ש"פ תרומה תשמ"ז (סה"ש שם ח"א ע' 340 ואילך). וש"נ.

מען זיך איצטער אין אַ התוועדות צוזאַ־מען מיט כמה עשיריות מישראל, „ברוב עם הדרת מלך"[119], וואָס נוסף לזה וואָס יעדער איד איז אַ בעה"ב אויף כל ה־מציאות, ועאכו"כ אויף זיין אייגענע מציאות און זיין אייגענע עבודה פון „אדם כי יקריב — מכם קרבן לה'"[120], „מכם" דוקא[121], און דורך דעם איז ער אויך מקריב כל עניני העולם (דצח"ם)[122] וואָס זיינען נכלל אין אים[123] (און אין אַ קרבן[124]) — איז דאָס ביתר שאת וביתר עוז בשעת דאָס קומט דורך כו"כ עשיריות מישראל, וועלכע שטייען באחדות, וואָס די אהבה ואחדות צווישן אידן איז מבטל סיבת הגלות[125], ובמילא — ווערט בטל דער מסובב (גלות), און עס קומט תיכף ומיד ממש די גאולה.

ובפרט אַז דערצו איז דאָס אויך דער זמן זכאי — שבת תשעה באב בזמן תפלת מנחה, ווען עס ווערט אַ התגברות חדשה פון (לידת ו)מזל משיח צדקנו, און דערצו נאָך — אין דעם יאָר ה'תשנ"א, ר"ת הי' תהי' שנת נפלאות אראנו, ביז די נפלאות פון דער גאולה האמיתית והשלימה (אויף וועלכע עס שטייט „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות"[126]).

איז דערפון אַלעם מובן — אַז די איצטיקע צייט און דער דאָזיקער אָרט איז אַ זמן ומקום הכי מסוגל אויף ביאת משיח צדקנו.

ובפשטות — אַז אַ איד איז מאמין באמונה שלימה, אַז משיח צדקנו, „מלך מבית דוד הוגה בתורה ועוסק במצות כו'"[127], און אַלס „משיח ודאי" (דורך דעם וואָס „עשה והצליח ובנה מקדש במקומו וקבץ נדחי ישראל")[128] — קומט איצטער ממש אַריין אין דעם בית הכנסת, יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, ער פירט אַלע אידן בתוך כלל ישראל אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לבית המקדש השלישי,

וכאמור — תיכף ומיד ממש, ברגע זה ממש בשבת תשעה באב ה'תנש"א, אַזוי אַז עשירי במנחם אב — עשירי יהי' קודש — ווערט שוין קודש, נהפך ליום טוב ולששון ולשמחה,

ועאכו"כ אחד עשר במנחם אב, וואָס איז פאַרבונדן מיט „אחד עשר יום מחורב" (שבפרשתנו[129]), בחי' אחד עשר פון מתן תורה בהר סיני (חורב), דער גילוי פון בחי' כתר (ביז פנימיות הכתר)[130], ווי תורה איז בשרשה למעלה מעלה, למעלה פון די עשר ספירות, וביחד עם זה ווערט דערפון נמשך אין אַלע עשר ספירות (אַזוי אַז מ'האָט אַ „מהלך" פון „אחד עשר יום"), ובעבודת האדם — דער ענין פון ברכת התורה („אשר נתן לנו את תורתו", תורתו של הקב"ה, „חמדה גנוזה"[131], ביז ווי אורייתא וקוב"ה כולא חד[132]), וואָס קומט און ווערט דערנאָך נמשך אין די פרטי' עניני תורה וואָס אַ איד לערנט (מיט זיינע

(119) משלי יד, כח.

(120) ויקרא א, ב.

(121) ראה לקו"ת ויקרא ב, ב ואילך. „היום יום" כ' אד"ש.

(122) ראה תניא פל"ד (מג, ב).

(123) ראה תניא פל"ח.

(124) ראה טעמי המצוות (להאריז"ל) ר"פ ויקרא. ובכ"מ.

(125) יומא ט, ב.

(126) מיכה ז, טו.

(127) רמב"ם הל' מלכים פי"א ה"ד.

(128) רמב"ם שם.

(129) א, ב.

(130) ראה יהל אור ע' מח. אוה"ת פרשתנו ע' יט. סה"מ עטר"ת ע' תקפז. ועוד.

(131) שבת פח, ב.

(132) זהר הובא בתניא פ"ד, רפכ"ג. וראה זח"א כד, א. ח"ב ס, א. תקו"ז ת"ו (כא, ב). תכ"ד (סד, א). ועוד.

עשר כחות הנפש). ועד"ז איז דאָ דער גילוי ביום אחד עשר בכל חודש[133], ועאכו"כ בחודש מנחם אב — וואָס איז פאַרבונדן מיט דער גאולה (כנ"ל), און מיט דער גילוי פון „תורה חדשה מאתי תצא"[134] — די שלימות הגילוי פון „אחד עשר יום מחורב", בחי' אחד עשר שבתורה חדשה פון „אתי", עצמותו ית', און באופן פון „תצא" המשכה בכל הדרגות שלמטה מזה.

ועאבו"כ אַז מ'האָט די גאולה אין די ימים שלאחרי זה, יום שני — כפליים דויהי ערב ויהי בוקר, יום שלישי שהוכפל בו כי טוב[135], כפליים לתושי'[136] (שתורה נקראת תושי'[137]), וואָס כפל איז פאַרבונדן מיט גאולה[138], און יום רביעי (בן זוגו דיום ראשון) און יום חמישי (בן זוגו דיום שני) ויום ששי (בן זוגו דיום שלישי),

ועאכו"כ יום הששי זה — חמשה עשר באב, ווען קיימא סיהרא באשלמותא פון גאַנץ חודש אב, וישראל דומין ומונין ל־לבנה[139], והם עתידים להתחדש כמותה[140].

י. הגם אַז „אני מאמין" אַז „הנה זה (משיח) בא" ביום זה ממש (כנ"ל) — האָט די תורה אָנגעזאָגט אַ אידן, אַז ער דאַרף שטענדיק טאָן זיין עבודה כדבעי וב־שלימות לויט מצבו בהוה, כולל — מאַכן די הכנות מתאימות, און אַ הכנה רבתי[141], צו די עניני קדושה וואָס ער דאַרף טאָן מאָרגן און איבערמאָרגן ולאחר זמן.

און ווי ס'איז רגיל בהתוועדויות אלו וכיו"ב, צו אָננעמען החלטות טובות להוסיף בכל עניני תורה ומצוות, ובהפצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה, און ס'איז נהוג צו מקדים ומוסיף זיין (פאַר קבלת ההחלטות) — „טאָמער משיח וועט זיך ח"ו פאַרהאַלטן", וואָרום „אחכה לו" שיבוא ביום זה ממש (כנ"ל), במילא באַ־וואָרנט מען אַז די החלטות טובות (פאַר־בונדן מיט דער עבודה בזמן הגלות) איז „טאָמער משיח וועט זיך ח"ו פאַרהאַלטן".

ובאמת, איז אויך נאָך ביאת המשיח, וועט בלייבן און עס וועט זיין אַ המשך פון דער תורה ועבודה (והחלטות טובות) בזמן הגלות, כידוע דער ביאור[142] אין דעם מאחז"ל[143] „אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו", אַז די הכנה און כלי צו די גילויים און דער עבודה אין גן־עדן ועד"ז אין דער גאולה[144], איז דורך „תלמודו בידו" בזמן הזה, וואָס רובו איז פאַרבונדן מיט זמן ומקום הגלות, און דורך דעם „נעמט מען" די תורה אין גן־עדן און לע"ל (אע"פ וואָס גן־עדן ועאכו"כ גאולה איז היפך פון גלות). ועד"ז בנוגע צו כללות העבודה בזמן הזה, אַז „תכלית השלימות הזה של ימות המשיח ותחיית המתים כו' תלוי במעשינו ועבודתינו כל זמן משך ה־גלות"[145], ביז אַז „גאולה" ווערט אויפגע־מאַכט דוקא דורך דער עבודה פון מגלה זיין דעם אל"ף פון אלופו של עולם אין „גולה" (גלות), גאולה[146].

---

133) ראה גם סה"ש תשמ"ט ח"א ע' 389 ואילך.

134) ישעי' נא, ד. ויק"ר פי"ג, ג.

135) פרש"י בראשית א, ז.

136) איוב יא, ו. שמו"ר רפמ"ו.

137) סנהדרין כו, ב. וראה אגה"ק סכ"ב.

ולהוסיף, אַז דער ענין שטייט אויך ברמז אין דעם וואָס דער ראש התיבה פון „אלול" („אני") איז דער אות אל"ף, דער ערשטער אות פון די כ"ב אותיות התורה: זייענדיק דער ערשטער אות פון אל"ף־בי"ת, באַווייזט עס אויף דער ערשטער און נידעריקסטער דרגא בהתחלת כל ה־אותיות (בסדר מלמטה למעלה), וואָס מספרו איז אחד (איינס)[20], און דערפון איז מען דערנאָך עולה מלמטה למעלה (מן הקל אל הכבד) צו אות בי"ת, וואָס מספרו איז צוויי (מאָל אַזויפיל[20]), און דערנאָך גימ"ל – דריי מאָל אַזויפיל, א.א.וו. דרגא למעלה מדרגא ביז דעם אות ת"ו – סיום ושלימות האותיות, וואָס באַדייט תכלית השלימות – ארבע מאות[21].

ולאידך גיסא, איז אות אל"ף די התחלה וראש פון אַלע כ"ב אותיות התורה שבהן נברא העולם[22], פון איר נעמען זיך אַלע ענינים בעולם.

ובעבודת השם איז דאָס מרמז אויף דער עבודה בכח עצמו פון דעם תחתון („אני לדודי"), וואָס הויבט זיך אָן (פון דעם „אני") למטה און איז דערנאָך עולה מלמטה למעלה מן הקל אל הכבד; און דאָס ווערט די התחלה און יסוד פון אַלע ענינים, אויך פון די המשכות מלמעלה („ודודי לי").

ג. וויבאַלד אַז ביידע ענינים פון „אני לדודי" און „ודודי לי" זיינען נכלל אין דעם ר"ת פון „אלול" (דער חודש החשבון), איז מסתבר צו זאָגן אַז בפרטיות זיינען דאָ ביידע ענינים אין דער עבודה וחשבון הנפש פון אַ אידן אין חודש אלול, סיי דער ענין פון „אני לדודי" – אַן עבודה מלמטה למעלה, און סיי דער ענין פון „ודודי לי" – אַן עבודה מלמעלה למטה [אע"פ וואָס בכללות באַדייט „אני לדודי" עבודת האדם און „ודודי לי" די המשכה מלמעלה]; והיות אַז דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַז אַלע המשכות והשפעות מלמעלה זאָלן נמשך ווערן דורך אַן עבודה מעין זה למטה[23] – י"ל, אַז דורך דעם וואָס אין דער עבודה פון אַ אידן איז דאָ מעין פון „ודודי לי" (אַן עבודה בדרך מלמעלה למטה), איז דאָס די כלי צו ממשיך זיין „ודודי לי" כפשוטו, די אתערותא דלעילא פון אַלע המשכות פון דעם אויבערשטן למטה.

ויש לומר, אַז די צוויי ענינים אין חודש

18) כמבואר בלקו"ת שבהערה 15 בהטעם שימי חודש אלול הם ימי החול (אף שמאירים בהם הי"ג מדה"ר). וראה לקו"ש ח"ד ע' 1343 ובהערה 6.

19) לקו"ת ויקרא ג, א. שה"ש כד, א ואילך. וראה לקו"ש חי"ט שם ובהערה 14. סה"ש תשמ"ט שם.

20) ראה שעהיוה"א פ"ז (פד, ב), שחשבון האותיות מורה על „בחי' החשבון ומספר כמה מיני כחות ומדרגות כלולות באור וחיות הזה המלובש בצירוף זה של תיבה זו".

21) ארבע מאות שקל כסף (חיי שרה כג, טז) – ראה תו"א ר"פ וישלח (כד, ג). וראה ספר הערכים־חב"ד מערכת אותיות אות ת"ו ע' תנז ואילך. וש"נ.

22) שעהיוה"א ספי"א (פט, א). וראה בארוכה ספר הערכים חב"ד מערכת אותיות בתחלתו – ערך אותיות (כ"ב אותיות התורה). וש"נ.

23) ראה לקו"ש ח"ט ע' 72 ובהערות שם.

אלול — „אני לדודי" און „ודודי לי" — זיינען מרומז אין די צוויי טעג פון ראש חודש אלול (וואָס ר״ח אלול איז (בזמן הזה) אַלעמאָל צוויי טעג, ווייבאַלד אַז חודש מנחם־אב איז אַלעמאָל מלא), וב־לשון הכתוב[24] — „ובראשי חדשיכם" לשון רבים, כביאור הזהר[25] „וכי כמה ראשין אינון לסיהרא, אלא ראשי תרין (בכל ירחא וירחא)".

ובפרט ובהדגשה — אין דער קביעות פון ראש חודש אלול בשנה זו — ביום השבת קודש וביום הראשון בשבוע:

יום ראשון און יום השבת זיינען מרמז און באַדייטן צוויי סדרים ומנינים אין זמן: יום ראשון איז די התחלה פון מנין ימי השבוע מלמטה למעלה, און שבת באַ־ווייזט אויף אַ מנין וסדר מלמעלה למטה.

ווי דאָס איז געווען בתחלת הבריאה — אין דעם ערשטן יום הראשון פון מעשה בראשית און דעם ערשטן שבת: ביום ראשון פון מעשה בראשית האָט זיך אָנגעהויבן די בריאה און דער מנין הזמן פון ימי השבוע מלמטה למעלה: יום ראשון, יום שני, יום שלישי, ביז יום הששי און יום השביעי: און אַזוי חזר׳ט זיך עס איבער בכל יום ראשון, אַז מ׳הויבט אָן ציילן פון־דאָס־ניי „היום יום ראשון"[26] (בדוגמא ווי דער ערשטער יום ראשון[27]), און ס׳איז חוזר חלילה דער מנין בסדר והדרגה מלמטה למעלה, פון יום ראשון ביז יום השבת [און די אכילה ושלימות פון יום השבת ווערט אויפגעמאַכט דורך דער עבודה בששת ימי השבוע, כמאחז״ל[28] „מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת"].

דערצו איז דאָ אַ צווייטער סדר ומנין — מלמעלה למטה: אע״פ וואָס מציאות הזמן איז אַ נברא[29], ד.ה. אַז זמן איז באַשאַפן געוואָרן ברגע הראשון פון יום ראשון דמעשה בראשית — שטייט אין ספרים[30], אַז קודם הבריאה (בששת ימי בראשית) איז געווען אַ שבת[31] [כידוע אַז אויך פאַר בריאת הזמן איז געווען מעין ענין הזמן, אַ „סדר זמנים (קודם לכן)"[32]], און דער יום השבת (לפני הזמן דששת ימי בראשית) איז מברך כל הששת (שבעת[33]) ימי בראשית, און כל הזמנים כולם[34]. וואָס דאָס איז אַ סדר זמן מלמעלה למטה — פון שבת (שלימות) ווערט נמשך (ברכה ו־המשכה[35]) אין די ששת ימים [ובדוגמא לזה בכל שבת — שמיני׳ מתברכין כולהו יומין[36]].

וכשם ווי דאָס איז אין מנין הזמנים, אַזוי איז אויך דער אונטערשייד צווישן יום ראשון און שבת אין תוכן עבודתם: ביום ראשון בשבוע הויבט זיך אָן דער

---

24) פינחס כח, יא.

25) ח״ג רמח, א. נת׳ באוה״ת פינחס ע׳ א׳קסה ואילך.

26) בשירו של יום.

27) ראה לקו״ת שה״ש כה, סע״א. סה״מ תרע״ח ע׳ רסט. תש״ד ע׳ 192. תש״ה ע׳ 167. וראה גם אוה״ת שבועות ע׳ פו. אוה״ת ברכה ע׳ א׳תתצא. א׳תתצט. ובכ״מ.

28) ע״ז ג, סע״א.

29) תורת ההי״מ — הובא בסידור שער הק״ש (עה, סע״ד ואילך). וראה לקו״ש ח״י ע׳ 176. וש״נ.

30) פרדס שער ד (שער עצמות וכלים) פ״ז. תורת העולה (להרמ״א) ח״ג פנ״ט. פי׳ חכמוני (לר׳ שבתי דונולו) לספר יצירה פ״ד מ״ד.

31) „שבת קדמה לעולם" — לשון הפרדס שם.

32) ב״ר פ״ג, ז. נת׳ בסהמ״צ להצ״צ מצות האמנת אלקות פי״א (דרמ״צ נז, ב ואילך). ובכ״מ. וראה גם לקו״ש ח״י שם ואילך.

33) ראה שיחת ש״פ ויק״פ תשמ״ה. ש״פ אחרי תשמ״ו. ועוד.

34) ראה פרדס שם: ואלולי שבת שנותן כח בששת ימים לא הי׳ בהן כח לפעול כו׳.

35) ראה תו״א מקץ לז, ג. ובכ״מ.

36) זח״ב סג, ב. פח, א.

סדר העבודה בימי החול, איז אַ סדר מן הקל אל הכבד (מלמטלמ"ע), אָנהויבנדיק פון יום ראשון (די לייכטסטע עבודה[37]), און דערנאָך איז מען עולה צו אַ שווערע־רע עבודה ביום שני („שבו נבראת מח־לוקת"[38]), און דערנאָך בימים שלאחרי זה, ביז די שלימות העבודה ביום הששי, יום בריאת אדם הראשון[39], ביז די שלימות פון יום השבת („ויכולו השמים והארץ וכל צבאם"[40]). משא"כ די עבודה ביום השבת איז באופן פון מלמעלה למטה — לכת־חילה מיט אַ שלימות ותענוג, אכילת בשר שמן ויין ישן וכו'[41] (און דערפון ווערט נמשך כח מלמעלמ"ט (מיני' מתברכין) אין די ימי השבוע שלאחרי זה).

ד. ויש לומר אַז בדוגמא לזה זיינען דאָ די ביידע מנינים וסדרים אין עבודת האדם [וואָרום היות אַז „בראשית בשביל ישראל"[42], זיינען אַלע ענינים אין דער בריאה — כולל די צוויי סדרי זמן הנ"ל — דאָ (בשביל און) אין דער עבודה פון אידן], דער מנין מלמטלמ"ע, וואָס הויבט זיך אָן פון יום ראשון בשבוע און פירט צו שבת, און דער מנין מלמעלמ"ט, וואָס הויבט זיך אָן גלייך פון שבת און בענטשט די ששת ימים שלאחרי זה:

אַ איד באַשטייט פון צוויי חלקים — אַ נשמה און אַ גוף: זיין נשמה איז אַ „חלק אלוקה ממעל ממש"[43], ד.ה. אַז אויך אין עולם הממשות (ממש[44]), אין עולם העשי' הגשמית, איז זי אַ „חלק אלוקה ממעל"; און זיין גוף וועלכער איז „עפר מן ה־אדמה"[45] („אדם יסודו מעפר"[46]), „עפר אתה ואל עפר תשוב"[47] [עפר מלשון וענין ביטול, „ונפשי כעפר לכל תהי'"[48], אַלס אַ נשמה בגוף בשלימות], במכ"ש דערפון וואָס „ונפשי כעפר לכל תהי'", עאכו"כ גופו[49].

מצד זיין גוף, „עפר מן האדמה" (ש־נברא העפר (הארץ) ביום ראשון ד־מע"ב[50]), דאַרף זיין עבודה (בבירור הגוף) זיין מיט אַ סדר והדרגה מלמטה למעלה,

---

37) להעיר שביום ראשון „הי' הקב"ה יחיד בעולמו" (ולכן נקרא „יום אחד" — בראשית א, ה ובפרש"י שם (מב"ר פ"ג, ח)), שבכח זה העבודה היא קלה, ובפרט בערך ליום שני שבו נבראת מחלוקת (בראשית א, ו. ב"ר פ"ד, ו) וימים שלאחרי זה, שבכל יום עולה בעבודתו, עד לשלימות העבודה ביום הששי (יום בריאת האדם), ויום השבת, כבפנים.

38) נסמן בהערה הקודמת.

39) שנברא ביום הששי לאחרי בריאת כל מע"ב — „כדי שיכנס (ימצא הכל מוכן) לסעודה מיד" (סנהדרין לח, א ובפרש"י).

40) בראשית ב, א. וראה לקו"ת בהר מא, א. אוה"ת עה"פ. ועוד.

41) ראה רמב"ם הל' שבת פ"ל ה"ז. שו"ע אדה"ז או"ח סרמ"ב ס"א־ב. וראה תניא פ"ז (יא, ב).

42) פרש"י ר"פ בראשית. ובכ"מ.

43) תניא רפ"ב.

44) ראה היום יום כ"ג מנ"א (יום זה): בחורף תרנ"ב כאשר אאמו"ר למד עמי בספר התניא „ונפש השנית בישראל היא חלק אלקה ממעל ממש", הסביר כי הנושאים בתיבת ממעל ובתיבת ממש הם הפכים. ממעל תוארו רוחניות שברוחניות וממש תוארו גשמיות שבגשמיות. ויבאר כי זהו מעלת נפש השנית, שעם היותה רוחניות שברוחניות פועלת בגשמיות שבגשמיות.

45) בראשית ב, ז.

46) פיוט „ונתנה תוקף".

47) בראשית ג, יט.

48) תפילת „אלקי נצור" בסוף תפילת העמידה.

49) ראה ב"ר פי"ב, ח: אני בורא אותו (אדה"ר) מן העליונים ומן התחתונים . . עפר מן האדמה מן התחתונים, ויפח באפיו נשמת חיים (בראשית ב, ז) מן העליונים (וראה גם שם פ"ח, יא). ובפרש"י עה"פ ויפח באפיו: עשאו מן העליונים ומן התחתונים גוף מן העליונים ונשמה מן התחתונים. — וראה תו"א בראשית ג, ד ואילך. קונטרס ומעין מאמר טו. המשך תרס"ו ע' תצה. ובכ"מ.

50) וראה ב"ר פי"ב שם. פרש"י שם.

מן הקל אל הכבד, פון „עפר אתה" זאָל ער עולה זיין דרגא אחר דרגא למעלה. [און אין דעם באַשטייט דער עיקר העבודה און דער סדר קבוע אין עבודת האדם – כד־לקמן ס"ז].

אָבער מצד זיין נשמה האָט אַ איד בכח צו טאָן עבודתו בדרך מלמעלה למטה, ניט גיין מיט אַ סדר מן הקל אל הכבד, נאָר גלייך טאָן זיין עבודה בתכלית השלימות, אויף אַ „שבת'דיקן אופן", מלאכת שמים[51]. וויבאַלד אַז אויך זייענדיק אַ נשמה בגוף למטה (בעולם הממשות) איז ער אַ „חלק אלוקה ממעל", פאַרבונדן מיט שמים ממעל[52], אַ „הימל איד" – האָט ער בכח און ער דאַרף פון זיך לכתחילה מאָנען שלימות העבודה, ביז – גדולות ונפלאות, ביז – די שלימות פון „יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים"[53].

ה. ויש לומר אַז דאָס זיינען די צוויי ענינים פון „אני לדודי" (מלמטלמ"ע) און „ודודי לי" (מלמעלמ"ט) וועלכע זיינען מרומז (אויך) אין דער קביעות פון ראש חודש אלול בשנה זו – ביום השבת און ביום הראשון – וואָס דאָס גיט אַרויס דעם תוכן כללי פון דעם חשבון הנפש וואָס אַ איד דאַרף מאַכן פון זיין עבודה במשך כל ימי השנה: אַז אין זיין עבודה בכל יום ויום – סיי ביום חול סיי ביום השבת ויו"ט – דאַרפן זיין ביידע סדרים:

(א) אַן עבודה בסדר והדרגה מלמטה למעלה. און דאָס דאַרף זיין אויך ביום השבת און ביום טוב, אפילו ביום „אחת בשנה"[54] (יוהכ"פ) און שמחת תורה, ווען מ'האַלט ביי אַן עבודה למעלה ממדידה והגבלה – כמודגש אין דעם וואָס אַלע טעג פון יאָר, אויך יום השבת ויו"ט, ווערן געציילט לויטן מנין הימים פון ימי השבוע מלמטלמ"ע (יום ראשון, יום שני וכו'), ווי מ'זאָגט אין „שירו של יום" פון די טעג. און מ'איז דעמולט אויך מקריב דעם קרבן תמיד שמקריבים בכל יום וכיו"ב:

(ב) און לאידך גיסא: בכל יום – אויך בימי החול – דאַרף זיין (מצד דער נשמה פון אַ אידן) אַן עבודה מלמעלמ"ט, ב־דוגמת העבודה פון שבת, ע"ד ווי דרשת (בית) שמאי אויף „זכור את יום השבת לקדשו"[55], „שתהא זוכרו מאחד בשבת שאם נזדמן לך חלק יפה תהא מתקנו לשבת"[56], כהנהגת שמאי הזקן „שכל ימיו הי' אוכל לכבוד שבת, כיצד מצא בהמה נאה לוקחה ואומר זה לשבת, מצא אחרת נאה הימנה לוקחה ומניחה לשבת כו'"[57], ד.ה. אַז אויך בכל יום מימי החול האָט זיך ביי אים געהערט און ער האָט געטאָן (מעין פון) די שלימות'דיקע עבודה פון שבת [משא"כ „הלל מדה אחרת היתה בו שהי' אומר ברוך[57] ה' יום יום יעמס לנו צרכינו"[58], דער סדר העבודה מלמטה למעלה[59]].

ובכללות בני ישראל – זיינען די צוויי

51) כידוע שיש מלאכה אחת שמותרת גם בשבת – מלאכת שמים, ראה ב"ר ספי"א. – וראה סה"ש תשמ"ט ח"ב ע' 566 ואילך.

52) ל' הכתוב – ואתחנן ד, לט. ועוד.

53) תמיד בסופה.

54) תצוה ל, י. אחרי טז, לד.

55) יתרו כ, ח.

56) שו"ע אדה"ז או"ח סרמ"ב ס"י, ממכילתא עה"פ יתרו שם.

57) שו"ע אדה"ז שם, מביצה טז, א.

58) תהלים סח, כ.

59) ועפ"ז יומתק שב' הדיעות הן אמת בהלכה בפועל בעבודת ה', „אלו ואלו דברי אלקים חיים" (וראה שו"ע אדה"ז שם, ש„אף הלל מודה שכדברי ב"ש יותר נכון לעשות כו'". וגם לשמאי באם „מצא אחרת נאה הימנה לוקחה ומניחה לשבת ואוכל את הראשונה בחול") – כי בכל יום צ"ל ב' הענינים: העבודה מלמעלמ"ט (כהנהגת שמאי), והעבודה מלמטלמ"ע (כהנהגת הלל).

ענינים דער אונטערשייד צווישן יששכר און זבולון: יששכר גייט אויף מארי תורה[60] — וואָס עיקר עבודתם איז לימוד התורה[61], בחי' שבת[62] — אַן עבודה מל־מעלה למטה; זבולון גייט אויף די בעלי עסקי[63], וואָס עיקר עבודתם איז אין מעשה המצוות, וועלכע זיינען מלובש אין דברים גשמיים און דרכי הטבע (וועלכער איז פון משא ומתן) — עובדין דחול, וואָס איז אין אַ סדר פון מלמטה למעלה (יום ראשון, יום שני וכו').

ו. צווישן די צוויי טעג פון ראש חודש אלול (בשנה זו — שבת ויום ראשון) איז דער עיקר טאָג — דער צווייטער ראש חודש[64] (יום ראשון), ווען עס הויבט זיך אָן דער מנין פון ימי חודש אלול (משא"כ ביום א' דראש חודש — שבת — איז יום השלשים פון חודש מנחם־אב), ווי עס דריקט זיך אויס אויך אין דעם אַז ביום ב' דראש חודש אלול הויבן זיך אָן רוב הענינים (והמנהגים) פון חודש אלול (ווי תקיעת שופר[65] וכיו"ב), און נאָר ענינים בודדים הויבן זיך אָן ביום א' דראש חודש.

ויש לומר הטעם לזה בקשר מיט דער קביעות שנה זו:

כשם ווי אין כללות הענין פון „אני לדודי ודודי לי" איז די התחלה ועיקר „אני לדודי", עבודת המטה, און דערנאָך קומט די המשכה מלמעלה (כנ"ל ס"ב) — אַזוי איז דאָס אויך אין עבודת האדם עצמה, אַז דער עיקר ויסוד איז „אני לדודי" — די עבודה מלמטלמ"ע (מצד דעם גוף פון אַ אידן וואָס איז מן העפר), און דערנאָך — (ובהוספה על זה) — קומט „ודודי לי", די עבודה מלמעלמ"ט (מצד זיין נשמה). און נאָכמער: שלימות הכח אויף קענען טאָן די עבודה פון „ודודי לי" (גילוי הנשמה) קומט דוקא דורך דעם „אני לדודי", כדלקמן.

ועד"ז אין מנין הזמנים: דער עיקר מנין הימים איז פון יום ראשון; נאָר בהוספה על זה איז דאָ דער ענין פון שבת קודם הבריאה.

ובהתאם לזה שטעלט זיך אויס יום ב' דראש חודש — דער עיקר פון די צוויי טעג ראש חודש אלול — ביום ראשון בשבוע, ווייל אין דעם באַשטייט די התחלה און דער עיקר החשבון פון חודש אלול — די עבודה פון „אני לדודי" מלמטלמ"ע (ענינו של יום ראשון). נאָר וויבאַלד אַז דאָס איז אַ חשבון וואָס איז כולל אַלע עניני עבודה — איז אין דעם אויך דאָ די עבודה פון „ודודי לי" — כמרומז אין דעם ערשטן טאָג ראש חודש אלול, ביום השבת קודש (שענינו — עבודה מלמעלמ"ט)[66].

60) כמ"ש „וישׂשכר באוהליך" (ברכה לג, יח ובפרש"י).

61) ראה אגה"ק ס"ה (קט, א). ביאוה"ז לאדהאמ"צ כה, א־ב. ולהצ"צ ע' קלד.

62) ד„ת"ח איקרי שבת" (ראה זח"ג כט, א. ומרומז בברכות מז, סע"ב. שבת קיט, רע"א). — וראה גם שיחת ש"פ בהר תשמ"ו.

63) כמ"ש „שמח זבולון בצאתך" (כבהערה 60 — ברכה שם ובפרש"י).

64) ראה השקו"ט בב"ח טואו"ח ר"ס תקפ"א. מג"א שם סק"ב. השלמה לשו"ע אדה"ז שם.

65) ספר המנהגים חב"ד ע' 53. ובאדר"ח אלול תוקעין להתלמד (שם).

66) והטעם שיום השבת הוא א' דר"ח הבא קודם יום ראשון ב' דר"ח (היפך הסדר ד„אני לדודי" ואח"כ „ודודי לי") — יש לומר ע"ד הביאור (לקו"ת ר"פ בהר) במש"נ (ר"פ בהר) „כי תבואו אל הארץ גו' ושבתה הארץ שבת לה'" קודם „שש שנים תזרע שדך" (אף שהסדר בפועל הוא ששנת ה־שמיטה באה לאחרי השש שנים), כי „ושבתה הארץ שבת לה'" היא הכוונה והתכלית של העבודה ד„שש שנים", ע"ד המדובר לעיל (ס"ד) בנוגע לשבת שקודם הששת ימי בראשית. ועצ"ע.

ז. דער ביאור אין דעם:

דער סדר הרגיל וקבוע בעבודת האדם איז — די עבודה פון „אני לדודי" (מלמטה למעלה), וואָרום היות אַז נתאווה הקב"ה להיות לו יתברך דירה בתחתונים[67], דאַרף די עבודה זיין לויט די גדרי התחתונים, און דער אופן ווי דער אויבערשטער האָט איינגעשטעלט די וועלט (תחתונים) בדרך הטבע איז, אַז מ'דאַרף גיין מיט אַ סדר פון מלמטה למעלה, מן הקל אל הכבד (ובלימוד התורה — בן חמש למקרא, בן עשר למשנה וכו'[68], וכיו"ב). ועפ"ז קומט אויס אַז אע"פ וואָס די עבודה פון מאַכן אַ דירה בתחתונים פירט זיך אויס סיי דורך דער עבודה מלמטלמ"ע און סיי דורך דער עבודה מלמעלמ"ט — איז דאָס אָבער נאָכמער בהדגשה אין דער עבודה מלמטה למעלה (לפי גדרי התחתונים).

והגם אַז אַ איד האָט אַ נשמה וועלכע איז „מן העליונים"[69], אַ „חלק אלוקה ממעל ממש" (וואָס מצד דעם האָט ער דעם כח אויף עבודה מלמעלה למטה, כנ"ל) — האָט אָבער דער אויבערשטער אַראָפּגע־שיקט די נשמה למטה אין אַ גוף הגשמי, וועלכער איז „מן התחתונים"[69] („עפר מן האדמה"), אין עוה"ז התחתון שאין תחתון למטה ממנו[69], וואָרום אין דעם באַשטייט דער תכלית הכוונה פון כל הענינים — אַז אַ איד, אַ נשמה בגוף, זאָל מאַכן אַ דירה לו יתברך בתחתונים.

און דעריבער באַשטייט דער עיקר און קבוע'דיקע עבודה פון אַ אידן — מיט זיין נשמה ווי זי איז מלובשת אין אַ גוף, אַז עבודה בדרך הטבע אָפּגעמאָסטן לויט גדרי הגוף הגשמי און טבע העולם — עבודה מלמטלמ"ע, „אני לדודי". און אויך די עבודה פון „ודודי לי" (המשכה מלמעלמ"ט), פון גילוי הנשמה, דאַרף זיין ניט אָפּגעטראָגן פון דעם מטה, נאָר בדרך המשכה מלמעלה למטה, „ודודי לי", אין מציאות האדם (הגוף).

ועפ"ז יש לומר דעם טעם פאַרוואָס עיקר מנין הזמן ביי אַ אידן איז — פון יום ראשון בשבוע, דלכאורה: וויבאַלד אַז בריאת האדם איז געווען ביום הששי — און יעדער מענטש ווערט דאָך פאַרגליכן צו אדם הראשון (וואָס „לפיכך נברא אדם יחידי"[70]) — וואָס דעמולט איז טאַקע געווען דער „וייצר ה"א את האדם עפר מן האדמה", אָבער באופן אַז „ויפח באפיו נשמת חיים"[71], „חלק אלוקה ממעל ממש" — האָט דאָך מנין הזמן ע"י האדם זיך געדאַרפט אָנהויבן פון יום הששי (ד.ה. אַז דער יום הששי — „זה היום תחלת מעשיך"[72] — האָט געדאַרפט זיין יום הראשון)?! נאָר היות אַז די כוונה איז צו מאַכן אַ דירה בתחתונים, אין תחתון שאין תחתון למטה ממנו, דעריבער דאַרף זיך די עבודה אָנהויבן (ניט מיט שלימות העבודה (דיום הששי), לאחרי שלימות כל הבריאה, „וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד"[73], און מ'האָט אַלץ ב־שלימות „כדי שיכנס (האדם) לסעודה מיד"[74], נאָר) פון דעם תחתון ביותר, מן הקל אל הכבד, מלמטה למעלה.

ואדרבה: דוקא אין תחתונים ווערט די

---

67) ראה תנחומא נשא טז. שם בחוקותי ג. במדב"ר פי"ג, ו. תניא רפל"ו.

68) אבות ספ"ה.

69) תניא שם.

70) משנה סנהדרין לז, סע"א.

71) בראשית ב, ז.

72) תפילת מוסף דר"ה. מר"ה כז, א. וראה סה"מ מלוקט ח"ג בתחלתו. ושי"נ.

73) בראשית א, לא.

74) נסמן בהערה 39.

דירה לו יתברך, לו לעצמותו[75]. ע"ד ווי דאָס איז בנוגע צו דער התהוות הבריאה, אַז דער כח העצמות פון דעם יש האמיתי ווערט נתגלה דוקא אין דעם יש הנברא[76], וואָס „הוא לבדו בכחו ויכלתו לברוא יש מאין כו'"[77].

ועד"ז יש לומר בנוגע צו דער נשמה וגוף, אַז די שלימות הגילוי פון דעם „חלק אלוקה ממעל ממש" („ויפח באפיו נשמת חיים") – וואָס דאָס גיט דעם כח אַז אַ איד זאָל קענען טאָן עבודתו בתכלית ה־שלימות (באופן פון „ודודי לי", מלמעלה למטה) – ווערט נתגלה דוקא אין דער נשמה ווי זי איז מלובשת בהגוף למטה (בעולם הממשות), און דורך דער עבודה מלמטלמ"ע פון „אני לדודי" (לפי גדרי הגוף).

וע"ד „הכל הי' מן העפר"[78], אויך דער גלגל החמה, לבנה וכוכבים – די צבא השמים[79]. ועד"ז י"ל בנוגע צו דעם גוף שנעשה מן העפר, וויבאַלד אַז אין אים (דער יש הנברא) איז דאָ דער כח העצמות (יש האמיתי), דעריבער ווערן דורך אים – התלבשות הנשמה בגוף – נמשך אַלע ענינים, אויך די ענינים נעלים בשמים ממעל (וואָס קומען אַלע פון עצמותו ית')[80].

און דוקא דורך דער עבודה פון מעלה זיין דעם תחתון ומטה ביותר (דעם גוף), ווערט אויפגעטאָן די שלימות העלי' אויך פון דעם עליון ביותר, דער „חלק אלוקה ממעל ממש". וכידוע דער משל לזה[81] (פון „ושקל בפלס הרים"[82]) אַז די עלי' פון די ענינים הכי נעלים ווערט אויפגעטאָן דוקא דורך אויפהויבן דעם תחתון ב־יותר[83].

ח. ע"פ הנ"ל איז פאַרשטאַנדיק אַז דער תוכן החשבון והעבודה פון חודש אלול – ווי אַרויסגעגעבן אין זיין ר"ת „אני לדודי ודודי לי" – באַשטייט פון דריי ענינים: די עבודה פון (א) „אני לדודי", (ב) „ודודי לי", און (ג) חיבור שניהם יחד, אין איין וואָרט און איין חודש – אלול:

„אני לדודי" באַשטייט פון עבודת האדם בבירור התחתון (הגוף) מלמטה למעלה, מן הקל אל הכבד. וואָס הגם אַז דאָס ברענגט דעם מענטשן צו דעם גילוי

---

75) המשך תרס"ו ס"ע ג. ובכ"מ. – נסמנו בסה"מ מלוקט ח"ב ע' רמא הערה 32.

76) ראה ביאורי הזהר לאדהאמ"צ בשלח מג, ג. ובכ"מ.

77) תניא אגה"ק ס"כ (קל, ריש ע"ב).

78) קהלת ג, כ.

79) ראה ב"ר פי"ב, יא.

80) וכידוע שכח הלידה (שהוא מעין יש מאין) ניתן דוקא לנשמה בגוף (ולא להנשמה בהיותה למעלה). וע"ד כח הצמיחה שניתן דוקא בעפר הארץ (ראה אגה"ק ס"כ – קלב, א).

81) ראה לקו"ת נצבים מה, א.

82) ישעי' מ, יב.

83) בתו"א בראשית ד, א מביא המשל ד־„כשצריכים להגבי' איזה דבר מן הארץ ע"י כלי ההגבהה הנקרא ליוזע"ר צריכים לאחוז בחלקים התחתונים שבו דוקא . . משא"כ אם הי' מתחיל מאמצע הכותל לא הי' מגבי' התחתונים כו'". ומבאר בזה הטעם שנשתנתה יצירת גוף האדם משאר כל הנבראים, שגוף האדם נברא בפ"ע, „וייצר גו' עפר מן האדמה", ורק אח"כ „ויפח באפיו נשמת חיים" (לא כשאר בעלי חיים), כי האדם (תכלית הבריאה) מעלה כל סדר השתלשלות, ולכן נברא גופו „מבחי' דומם היותר תחתון מכולם".

אבל עפ"ז זהו נוגע רק לתחתונים, משא"כ ע"פ המשל שם (מהכף מאזניים, שככל שהכף שבה שוקלים יורדת למטה יותר, הגבהת המשא שבכף השני' היא למעלה יותר) נמצא שגם בעליונים מצד ענינם הם ניתוסף בגובה (ולא מפני ענין צדדי) – ראה ר"ד משיחת מוצאי ש"פ חיי שרה תשל"ט ס"ו בהערה. סה"מ מלוקט ח"ד ע' קי־קיא ובהערה 19.

פון „דודי" נאָר ווי דאָס איז אָפּגעמאָסטן לויט דער אתערותא דלתתא וגדרי המטה (פון דעם „אני", שלמטה פון „אנכי"), האָט עס אָבער די מעלה אַז דאָס קומט דורך זיין אייגענער עבודה און דאָס נעמט אים דורך בפנימיות.

„ודודי לי" ווערט אויפגעטאָן דורך דער עבודה פון אַ אידן מעין זה, בדרך המשכה מלמעלה למטה — דורך גילוי הנשמה שלו (וועלכע איז אַ „חלק אלוקה ממעל ממש"). וואָס דאָס נעמט טאַקע ניט אַזוי אַדורך דעם תחתון (ווי די עבודה מלמטלמ"ע), וואָרום דאָס קומט דורך אַ גילוי דלמעלה, אָבער דאָס דערגרייכט אַ העכערע דרגא אין גילוי אלקות („ודודי") ווי דער גילוי פון „דודי" אין דעם „אני (לדודי)".

און שלימות הכל איז בשעת מ'האָט דעם חיבור פון ביידע ענינים — „אני לדודי" און „ודודי לי" — צוזאַמען: אַז די דרגא פון אלקות („דודי") וואָס איז העכער פאַר דעם „אני" (מציאות האדם למטה), ווערט נתגלה בפנימיות אין דעם „אני", אין גדרי התחתון. ביז אַז זיי ווערן איין זאַך ממש, בלי חילוק ביניהם — דורך גילוי העצמות (שלמעלה מתחתון ועליון, ומעליון ותחתון) — וועלכער ווערט נתגלה דוקא אין און דורך דעם „אני" (יש) דלמטה.

כמדובר לעיל, אַז שלימות הגילוי פון „ודודי לי" (דער גילוי פון דעם „חלק אלוקה ממעל ממש"), ביז פון דעם יש האמיתי, עצמותו ית', ווערט אויפגעטאָן און נתגלה דוקא דורך און אין דעם „אני (לדודי)", (די עבודה פון דעם) יש הנברא, יש דעולם העשי', וואָס מצ"ע (בתחלת העבודה) גייט ער אין אַ סדר העבודה פון מלמטה למעלה (עשי', יצירה, בריאה אצילות), אָבער דערנאָך — דורך דעם וואָס דער „אני לדודי" ברענגט דערנאָך די עבודה פון „ודודי לי" (מלמעלמ"ט — אצילות, בריאה, יצירה, עשי'), ווערט נתגלה אלקות שלמעלה מהבריאה אויך אין דעם „אני", ביז אַז עס ווערט „ודודי לי", „כל מקום שנאמר לי אינו זז לעולם"[84], אַז אין „לי" פון דעם „אני" (דער יש הנברא) ווערט אַ יש האמיתי ונצחי (למעלה מגדרי הזמן והמקום פון דער בריאה[85], וועלכע זיינען מצ"ע פאַרבונדן מיט שינויים).

ט. דערפון איז פאַרשטאַנדיק אַ נקודה עיקרית וואָס דאַרף זיין אין דעם חשבון הנפש פון חודש אלול: דער חשבון צדק פון דער עבודה במשך כל ימי השנה דאַרף זיין אין דריי ענינים[86]:

(א) ווי אַ איד האָט געטאָן די עבודה פון „אני לדודי" בדרך מלמטה למעלה, וויפל אייגענע כחות ויגיעה ער האָט אַריינגעלייגט אין דער עבודה, און בכללות — דער חשבון בנוגע צו דער עבודה בבירור הגוף וחלקו בעולם.

(ב) דערצו אויך — אַ איד דאַרף זיך ניט באַנוגענען נאָר מיטן חשבון הנפש בנוגע צו זיין עבודה מן הקל אל הכבד, נאָר ער דאַרף אויך מאַכן אַ חשבון ווי ער האָט געטאָן די עבודה פון „ודודי לי" בדרך מלמעלה למטה, אַ שלימות'דיקע (שבת'דיקע) עבודה וואָס יעדער איד קען און דאַרף פון זיך פאָדערן מצד דעם וואָס ער האָט אַ נשמה (וואָס דער אויבערשטער אַליין, „מלך חי וקיים"[87], האָט אים געגעבן און גיט אים בכל בוקר).

---

84) ויק"ר פ"ב, ב.

85) ראה לקו"ת במדבר ט, ג. שלח נ, ב. וראה שם פינחס עז, סע"ב.

86) להעיר ממש"נ „צדק צדק תרדוף" (שופטים טז, כ). וי"ל שב' פעמים צדק הם כנגד (חשבון) צדק מלמטלמ"ע ומלמעלמ"ט, וחיבור שניהם יחד.

87) נוסח „מודה אני".

(ג) דערצו דאַרף ביי אים אויך זיין דער חיבור פוןביידע ענינים צוזאַמען: אפילו ווען ער האַלט באַ שלימות ה־עבודה, דאַרף דאָס זיין פאַרבונדן מיט „(ודודי) לי", מיט דעם אדם („אני") ווי ער געפינט זיך אַ נשמה בגוף למטה. ואדרבה: דוקא דורך דעם „אני לדודי" ווערט דער גילוי פון „ודודי לי", כנ"ל.

וכשם ועי"ז וואָס אַ איד מאַכט דעם חשבון צדק בנוגע צו זיין אייגענער עבודה (פון דעם עולם קטן זה האדם[88]) — מאַכט ער אויך דעם חשבון פון חלקו בעולם, ביז — אַז ער האָט דעם כח צו מאַכן דעם חשבון פון כל העולם, „בואו ונחשוב חשבונו של עולם"[89], כפס"ד ה־רמב"ם[90], אַז דורך אַ מצוה אחת האָט אַ איד בכח צו מכריע זיין „את עצמו ואת כל העולם כולו לכף זכות וגרם לו ולהם תשועה והצלה".

י. עפ"ז וועט מען אויך פאַרשטיין די שייכות מיט דער פרשה פון דעם שבת מברכים אלול, פ' עקב:

אין דעם וואָרט „עקב" בריש פרשתנו זיינען פאַראַן כמה פירושים. צווישן זיי — פירושים מן הקצה אל הקצה: רש"י איז מפרש אַז „עקב" מיינט „מצוות קלות שאדם דש בעקביו"[91]. אַנדערע פשטני המקרא זיינען מפרש אַז „עקב" מיינט „אחרית וסוף" [„יקראו בלשון הקודש תחלת כל דבר בלשון ראש כו' וכן יקראו אחרית כל דבר עקב, כי הלשון יתפוס דמיונו באדם והראש תחלה והעקב בו אחרית וסוף"[92]], „כמו לעולם עקב, שכר באחרונה"[93]. דאָס הייסט, אַז „והי' עקב תשמעון" מיינט דער שכר וואָס מ'באַקומט באחרית וסוף העבודה (שלימות העבודה). וואָס דאָס איז מתאים מיטן פירוש הפשוט, אַז „עקב" מיינט „בעבור"[94]: „והי' עקב — צוליב דעם וואָס — „תשמעון את ה־משפטים האלה ושמרת ועשיתם אותם", וועט מען באַקומען דעם שכר „ושמר ה' אלקיך לך את גו'".

וויבאַלד אַז ביידע פירושים זיינען אין דעם זעלבן פסוק, און נאָכמער — אין זעלבן וואָרט, איז פאַרשטאַנדיק אַז זיי האָבן אַ שייכות וקשר צווישן זיך[95]. דאַרף מען פאַרשטיין: וואָס איז די שייכות צווישן די צוויי פירושים הנ"ל — לכאורה זיינען זיי ניט נאָר באַזונדערע פירושים, נאָר גאָר פירושים הפכיים: לויט פרש"י באַדייט „עקב" אַ נידעריקע דרגא אין עבודה, ביז התחלת העבודה („מצוות קלות"), וועגן אַ מענטשן וואָס דאַרף האָבן אַ זהירות אַז ער זאָל ניט זיין „דש בעקביו" אויף די „מצוות קלות": משא"כ לויטן צווייטן פירוש באַדייט „עקב" (דער שכר וואָס קומט אויף) גמר ושלימות (סוף ואחרית) העבודה (פון „תשמעון ושמרתם ועשיתם", מחשבה ודיבור ומעשה[96])?!

די שאלה איז אויך אויף פרש"י עצמו: עס שטייט שוין פריער אין תורה[97] „עקב אשר שמע אברהם בקולי", און רש"י איז דאָרטן גאָרניט מפרש, ווייל עס איז פשוט מעצמו, דער פירוש הפשוט אין „עקב" איז — „בעבור" אָדער „בגלל" (ב־עבור זה וואָס „שמע אברהם בקולי" באַקומט ער דעם שכר). וואָס איז מכריח

88) תנחומא פקודי ג. תקו"ז תס"ט (ק, א). וראה אדר"נ פל"א, ג. קה"ר א, ד. זח"א קלד, ב. ועוד.

89) ל' חז"ל — ב"ב עח, ב.

90) הל' תשובה פ"ג ה"ד.

91) ובתנחומא כאן: מצוות קלות . . שמשליכין אותן תחת עקביהן.

92) רמב"ן עה"פ כאן.

93) ראב"ע עה"פ כאן.

94) רמב"ן שם. ועד"ז הוא בת"א (ראה רמב"ן שם).

95) ראה לקו"ש ח"ג ע' 782. ובכ"מ.

96) אוה"ת ריש פרשתנו.

97) תולדות כו, ה.

רש"י'ן בפרשתנו צו אַרויסנעמען דעם וואָרט „עקב" פון פירושו הפשוט און מפרש זיין אַז „עקב" דאָ מיינט „מצוות קלות שאדם דש בעקביו".

ויש לומר הביאור בזה ע"פ הנ"ל: דער גילוי פון גמר ושלימות העבודה („עקב" בפירושו סוף ואחרית), „ודודי לי", ווערט אויפגעטאָן דוקא דורך התחלת העבודה אין דעם תחתון ביותר[98] (מצוות קלות), „אני לדודי".

ע"ד ווי דאָס איז בנוגע צו כללות חודש אלול — אַז הגם ער איז דער לעצט־ער חודש אין יאָר (לאחרי כל העבודה במשך השנה), איז התחלתו מיט דעם אות אל"ף (ר"ת אלול), ווייל דורך התחלת העבודה (ווען מ'האַלט נאָך באַ דעם אל"ף) דערגרייכט מען צו שלימות העבודה.

יא. דערפון קומט צו אַ לימוד אין דעם חשבון הנפש פון חודש אלול במיוחד בקשר מיט אַן ענין שהזמן גרמא — די גאולה האמיתית והשלימה, כמדובר כמ"פ ובפרט לאחרונה, וויבאַלד אַז „אחכה לו בכל יום שיבוא"[99], און לויט אַלע סימנים איז „הנה זה (משיח) בא"[100], דעריבער האַלט מען אין איין טראַכטן און רעדן וועגן דער גאולה, און מ'זוכט צו פאַר־בינדן אַלע ענינים פון דעם זמן מיט דער גאולה, און די עבודה פון אידן איז צו ממהר זיין די גאולה.

ובענינגו: „עקב" האָט אין זיך אויך דעם פירושי[96], אַז דאָס גייט אויף „עקב" אין זמן — דרא דעקבתא דמשיחא, ובפרט עקבתא דעקבתא דמשיחא — דער איצטי־קער זמן.

וע"ד די צוויי פירושים הנ"ל אין „עקב" זיינען אויך דאָ צוויי פירושים אין „עקב" בפירושו עקבתא דמשיחא[101]: (א) מלשון עקביים[102], די נידעריקסטע דרגא. כשם ווי עקב הרגל איז דער חלק הכי תחתון אין גוף האדם, אַזוי איז דרא דעקבתא ד־משיחא דער דור הכי תחתון במשך כל הדורות, ווען אין דער וועלט הערשט אַ חושך כפול ומכופל. וכמבואר בחז"ל[103] די סימנים בלתי רצויים אויף דעם חושך פון עקבתא דמשיחא (ווי „בעקבות משיחא חוצפה יסגא" וכיו"ב). (ב) מלשון סוף ואחרית, אַז דאָס גייט אויף סוף ואחרית הגלות והימים, תיכף ומיד, גלייך ממש פאַר ביאת המשיח[104], וואָרום ס'איז שוין „כלו כל הקיצין" און מ'שטייט גרייט צו דער גאולה.

ובפרט בדורנו זה ובזמננו זה, כמדובר

---

98) ויש לקשר זה גם עם יום היאָרצייט של אאמו"ר בכ"ף מנחם־אב (ביום רביעי שעבר) — שעליית היום היא ביום שבת זה — שהסתלקות נשמתו מלמטה למעלה (שאז הגיע לשלימות עבודתו אשר עבד כל ימי חייו — אגה"ק סז"ך־סכ"ח) ומ"כ היא דוקא בחוץ לארץ, ובמקום הגלות [אף שלא היתה גלות קשה כ"כ כמו התחלת הגלות במקום שהי' קודם לכן], כי דוקא ע"י מקום התחתון ביותר נעשית העלי' הכי גדולה (כבפנים), שלימות עבודתו (ביום הסתלקותו), ובאופן של פעולה נמשכת — אצל כל אלו הלומדים בספריו ולומדים מהוראותיו והולכים בדרכיו ואורחותיו אשר הורנו כו', ובמיוחד — בנוגע להתעסקות בהפצת התורה והיהדות והמעינות חוצה מתוך מסירת נפש, כמדובר כמ"פ (ראה שיחת כ"ף מנחם־אב שנה זו).

99) נוסח „אני מאמין" הנדפס בסידורים וכו'. וראה לקו"ש חכ"ג ע' 394.

100) שה"ש ב, ח ובשהש"ר עה"פ.

101) בהבא להלן, ראה גם „קובץ י"א ניסן שנת הפ"ט" אות סב.

102) ראה תניא פ"ב.

103) בסוף מס' סוטה. ועוד.

104) ובפרט לפי הפירוש ש„עקבתא דמשיחא" קאי על העקב של משיח, ובלשון חז"ל: „צפה לרגליו של משיח" (יל"ש עמוס בסופו (רמז תקמט)), שהנה משיח בא וכבר שומעים פעמיו של משיח (כפתגם כ"ק מו"ח אדמו"ר).

כמ"פ, אַז כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט מעיד געווען און מודיע געווען, אַז מ'האָט שוין פאַרענדיקט אַלע ענינים, פאַרענדיקט אויך דעם „צופוצן די קנעפלעך", און די איינציקע זאַך וואָס איז געבליבן איז — די תנועה אחת פון דעם אויבערשטן ער זאָל אַרויסנעמען אידן פון גלות און זיי ברענגען אין ארץ הקודש... און דעריבער בעטן און שרייען אידן נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל — און איצטער נאָכמער בתוקף ווי אַמאָל — „עד מתי"?!...

און דער חיבור פון דיביידע פירושים איז, אַז דוקא מצד דעם וואָס עקבתא דמשיחא איז דער תחתון ביותר בבחי' עקביים (און מ'דאַרף דערפון עולה זיין מלמטה למעלה), ווערט נתגלה די שלימות פון ביאת המשיח בגאולה האמיתית והשלימה (מלמעלה למטה).

ביז אַז עס ווערט דער חיבור פון ביידע זאַכן צוזאַמען (אַז אין דעם תחתון ביותר פון גלות ווערט די גאולה — „גולה" בתוס' אל"ף[105]) — אין דעם בית המקדש השלישי, וועלכער איז אויך אַ בית המקדש המשולש (ע"ד חוט המשולש[106]), הכולל אויך דעם בית ראשון (וואָס איז געווען בבחי' מלמעלה למטה[107]) און בית שני (בבחי' מלמטה למעלה[107]), און אַ בית נצחי[108], אין דער גאולה נצחית שאין אחרי' גלות[109], ווען עס וועט זיין די שלימות הגילוי פון עצמותו ית' בתחתונים[110], ושלימות החיבור פון „אני לדודי ודודי לי", „כל מקום שנאמר לי אינו זז לעולם".

יב. דערפון האָט מען אויך אַ לימוד בנוגע צו דעם חשבון צדק פון חודש אלול — אַז דאָס דאַרף זיין במיוחד בנוגע צו דעם מצב פון „עקב", עקבתא דמשיחא:

אַ איד האָט בכח צו מעורר זיין זיך און מעורר זיין אַנדערע אידן, און בעיקר מעורר זיין כביכול דעם אויבערשטן — אַז „בואו ונחשוב חשבונו של עולם": לויט אַלע חשבונות (וואָס דער אויבערשטער האָט אָנגעוויזן בתורתו און אין די נסים וואָס ער מאַכט אין דער וועלט) האָט דער אויבערשטער שוין פון לאַנג געדאַרפט ברענגען די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו (כנ"ל), ובפרט בשנה זו, וואָס לויט אַלע חשבונות וסימנים איז דאָס די „שנה שמלך המשיח נגלה בו"[111] (כמדובר כמ"פ בחדשים האחרונים),

ובפרט קומענדיק פון די „דריי וואָכן", ווען אידן האָבן זיך עוסק געווען בלימוד הלכות בית המקדש (בית הבחירה), וואָס דורך דעם זאָגט דער אויבערשטער[112] „אני מעלה עליהם כאילו הם עוסקין בבנין הבית", ובפרט אַז דער בית איז שוין עומד ובנוי למעלה, און ער דאַרף נאָר יורד זיין למטה[113],

און מ'שטייט שוין נאָך חמשה עשר באב, וואָס „מכאן ואילך מאן דמוסיף יוסיף", „מחמשה עשר באב ואילך דמוסיף לילות על הימים לעסוק בתורה יוסיף חיים על חייו"[114],

און מ'שטייט שוין (קרוב לסיום) שתי

---

105) ראה ויק"ר ספל"ב. ועוד. לקו"ת בהעלותך לה, ג. ובכ"מ. וראה לעיל ע' 504 ואילך. ע' 520 ואילך. וש"נ.

106) קהלת ד, יב.

107) ראה בארוכה לקו"ש ח"ט ע' 62 ואילך.

108) זח"א כח, א. ח"ג רכא, א. תקו"ז ת"ח.

109) ראה מכילתא בשלח טו, א. תוד"ה ה"ג ונאמר — פסחים קטז, ב. ועוד.

110) ראה תניא פל"ו (מו, א).

111) יל"ש ישעי' רמז תצט.

112) תנחומא צו יד. וראה בארוכה לקו"ש חי"ח ע' 412 ואילך.

113) פרש"י ותוס' סוכה מא, סע"א. ועוד.

114) תענית בסופה ובפרש"י.

שבתות נאָך ט"ו באב, וואָס דורך שמירת שתי שבתות כהלכתן איז תורה מבטיח אַז „מיד נגאלים"[115],

און דערצו איז דאָס שבת מברכים חודש אלול, דער חודש ווען דער אויבערשטער שטייט ווי אַ „מלך בשדה", „ואז[116] רשאין (ויכולים[116]) כל מי שרוצה להקביל פניו, והוא מקבל את כולם בסבר פנים יפות ומראה פנים שוחקות לכולם",

ונוסף לזה — געפינט מען זיך אין בית הכנסת ובית המדרש ובית מעשים טובים, און צוזאַמען מיט אַ ציבור פון אידן, און פון כו"כ ציבורים (עשיריות) מישראל —

באַקומט אַ איד (במקום וזמן זה) די גרעסטע כחות און ער האָט אויך דעם גרעסטן זכות און אחריות צו בעטן און שרייען צו דעם אויבערשטן: „עד מתי"?!...

* * *

יג. וויבאַלד אַז מ'האָט שוין פאַרענדיקט אַלע ענינים פון „מעשינו ועבודתינו"[117], ובמילא שרייט מען און מ'מאָנט „עד מתי" (כמדובר לעיל) — שטעלט זיך גלייך די שטורעם'דיקע פראַגע: וויבאַלד אַז מען האָט שוין אָפּגעטאָן אַלע ענינים — איז ווי קומט עס, אַז משיח צדקנו איז נאָך ניט געקומען?!...

יד. ואולי יש לומר:

עס איז באַוואוסט דער בריוו פון בעש"ט[118] וואו ער גיט איבער דעם ענטפער פון מלך המשיח אויף דער שאלה (פון בעש"ט) „אימתי אתי מר" — „לכשיפוצו מעינותיך חוצה". ד.ה. אַז ביאת המשיח איז אָפּהענגיק אין הפצת המעינות חוצה, אַז מעינותיך פון תורת החסידות זאָלן זיך פאַרשפּרייטן און דערגרייכן ביז אין „חוצה" — אין די אויסנווייניקסטע און ווייטסטע פרטים און אָנגעלעגנהייטן פון דער בריאה.

וויבאַלד אַז לאחרי הריבוי פעולות פון רבותינו נשיאינו ביז איצטער אין הפצת המעינות חוצה, ובריבוי הכי גדול, ביז בכל חוגי ישראל (כדלקמן) איז משיח עדיין לא בא — לייגט זיך אפשר צו זאָגן, אַז ס'איז דאָ נאָך אַ סוג אידן וואו הפצת המעינות האָט ניט דערגרייכט, כדלקמן.

מ'דאַרף דאָך ניט מאריך זיין אין וויפל רבותינו נשיאינו במשך הדורות האָבן אויפגעטאָן אין הפצת המעינות חוצה — וואָרום יעדערער קען דאָס זען,

אָנהויבנדיק פון גילוי תורת החסידות דורך דעם בעש"ט, און דערנאָך — די הוספה וואָס איז אין דעם צוגעקומען מדור לדור דורך רבותינו נשיאינו, ביז צו אונזער דור, אין וועלכע די עבודה פון הפצת המעינות חוצה איז פאַרברייטערט געוואָרן — דורך כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו (ובפרט נאָך זיין אָנקומען אין חצי כדור התחתון) — אין נאָך אַ העכערן אופן לגבי ווי ס'איז געווען פריער:

נוסף אויף די אַלע ביאורים והסברים וכו' בפנימיות התורה וועלכע זיינען צוגעקומען בדורנו זה (מיוסד אויף די כללים פון פנימיות התורה שניתנו לפני זה[119]), איז הפצת המעינות חוצה גע־

---

115) שבת קיח, ב.

116) הוספת־(ביאור) כ"ק מו"ח אדמו"ר בסד"ה לך אמר לבי הי"ת (סה"מ הש"ת ע' 107. הש"ת ע' 285).

117) ראה תניא רפל"ז.

118) נדפס בכש"ט בתחלתו. ובכ"מ.

119) ע"ד שהוא בכללות התורה — כמארז"ל „כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש הכל ניתן למשה מסיני" (ראה מגילה יט, ב. ירושלמי פאה פ"ב ה"ד. שמו"ר רפמ"ז. ועוד). ומבואר במק"א, שבמ"ת ניתנו למשה כללי התורה, וה„תלמיד ותיק" מגלה פרטי

וואָרן[120] אין אַן אופן — אַז דאָס נעמט אַרום און נעמט דורך די ברייטסטע קרייזן פון אידן אומעטום, אידן פון אַלע סוגים שיכטן אין לעבן; און אַ הפצה בכל קצוי תבל, אין אַלע טיילן און עקן פון דער וועלט. כולל ובמיוחד — דורך די איבערזעצונג פון ענינים אין חסידות אין שפראַכן פון אומות העולם, וועלכער מאַכט זיי צוגענגליך צו יעדן איינעם[121];

וואָס דורך דעם אַלעם — האָבן די מעינות פון תורת החסידות דערגרייכט יעדן סוג **(עכ"פ) פון אידן אין „חוצה", ביז אויך אין „חוצה" שאין חוצה הימנו, אַזוי אַז יעדער איד — אין וואָס פאַר אַ אָרט און דרגא ער זאָל נאָר ניט זיין — האָט (עכ"פ) דעם כח און די יכולת (אפילו אויב לעת־עתה האָט ער נאָך ניט קיין שייכות** גלוי' **צו דעם) צו האָבן אַ שייכות און זיך פאַרבינדן מיט די מעינות החסידות אין** זיין לעבן.

וויבאַלד אַז לאחרי כל זה, די אַלע ריבוי פעולות אין הפצת המעינות חוצה ביז איצטער, ובריבוי הכי גדול, איז משיח עדיין לא בא — אולי יש מקום לומר (לכאורה), אַז ס'איז נאָך געבליבן אַ געוויסער סוג **ותחום אין „חוצה" צו וועלכע די „מעינות" האָבן נאָך ביז איצט ניט דערגרייכט. און אפשר איז דאָס די לעצטע מניעה אויף „אתי מר" (וועלכע קומט אַלס תוצאה פון הפצת המעינות חוצה).**

טו. איז מיר איינגעפאַלן אַ סברא — אַז עס איז דאָ אַ גאַנצער סוג אותיות הכתב **— אין וועלכע די מעינות פון תורת החסידות האָבן נאָך ניט דערגרייכט (לויט די ידיעות וואָס זיינען דאָ דאָ):**

פאַר מענטשן — ל"ע — וועלכע האָבן ניט די מעגלעכקייט צו זעהן ר"ל (זייענדיק „סגי־נהור"[122]), האָט מען ממציא געווען אַ ספּעציעלן כתב, וועלכע ווערט אָנגערופן (בלשון המדינה) „ברײַל", אין וועלכע די אותיות הכתב זיינען בולטות, אַזוי אַז אויך איינער וועלכער איז אַ סגי־נהור ר"ל, קען טאַפּן און פילן מיט זיינע פינגער די אותיות, און דורך דעם וויסן וואָס דאָרט שטייט.

ס'איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז דאָס איז אַ פולשטענדיקער מעמד ומצב פון „חוצה", און נאָך מער — אַ „חוצה" שאין חוצה הימנו[123], ווי פאַרשטאַנדיק פון דעם גופא — אַז נאָך די אַלע השתדלויות און פעולות אין הפצת המעינות חוצה, דורך וועלכע מען האָט דערגרייכט אומעטום (כנ"ל סי"ד), האָט מען (ביז איצטער) ניט דערגרייכט אין דעם „אָרט".

טז. איצטער איז צוגעקומען דער חידוש, אַז אין די לעצטע טעג האָט זיך אָפּגעדרוקט אַ ספר התניא אין „ברײַל" — וואָס דורך דעם האָט זיך אויפגעטאָן אַ חידוש אין הפצת המעינות, אַז דאָס דערגרייכט אויך אין דעם נייעם סוג „חוצה" (פאַר „סגי־נהור")!

והגם אַז דער תניא האָט לע"ע ניט

הדבר, המיוסדים וכלולים (בהעלם) בהתורה שניתנה למשה מסיני (ראה לקו"ש חי"ט ע' 252 ואילך. ושי"נ).

120) ושני הענינים תלויים זה בזה — כי דוקא ע"י הביאורים וכו' בתורת החסידות שנתגלו בדורנו זה, ישנו הכח להפיץ המעיינות בכל מקום ובכל דרגא, עד בחוצה שאין חוצה הימנו.

121) ראה לקו"ש חל"ז ע' 43־44. ושי"נ.

122) ראה ברכות נו, א. ירושלמי פאה פ"ה ה"ה. ב"ר פ"ל, ט. ויק"ר פל"ד, יג. ועוד. — נתבאר באוה"ת בראשית תתרלח, ב. סה"מ תרס"ח ע' לב. המשך תער"ב ח"א ע' ערה. ח"ב ס"ע א'כד ואילך.

123) להעיר ממארז"ל דסומא חשוב כמו כו' (נדרים סד, ב). ולהעיר גם מנדרים כ, א. ועוד.

דערגרייכט צו אַלע אידן השייכים לזה — איז אָבער דער עצם ענין וואָס עס עקזיסטירט אין וועלט די מציאות פון אַ תניא אין „ברזל" — דאָס אַליין ברענגט אַריין דעם „מעיין" פון חסידות אויך אין דעם סוג[124] פון „חוצה"; און גיט די מעג־לעכקייט אַז די קוואַלן פון חסידות זאָלן זיין צוגענגלעך אויך פאַר די אידן וועל־כע געפינען זיך ר"ל אין דעם מעמד ומצב, אַז אין זייער לעבן זאָלן זיי האָבן אַ שייכות צו תורת החסידות.

ובפרט — אַז דער תניא איז שוין אויך אָנגעקומען אין דעם בית, דער בית ה־כנסת, בית המדרש, ובית מעשים טובים וועלכע געפינט זיך אין די ד' אמות פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו בעשר שנים האחרונות שלו בעלמא דין (ד„קדושה לא זזה ממקומה"[125]) — דער מקור אויף הפצת המעינות חוצה בכל קצוי תבל. און מיר האָבן זוכה געווען ממשיך זיין עבודתו אין דעם ביהכ"נ וביהמ"ד ובית מעש"ט (אויך דורך מאַכן אין דעם אָרט חסיד'ישע פאַרברענגענס וכיו"ב), כולל ובמיוחד — די עבודה פון הפצת המעינות חוצה, און מיט אַ הוספה באופן פון מעלין בקודש[126].

ויש להוסיף, אַז וויבאַלד דער ספר התניא איז „תורה שבכתב פון חסידות"[127], איז פאַרשטאַנדיק אַז אין דעם תניא זיינען כלול אַלע ענינים פון די מעינות הבעש"ט פון תורת החסידות[128] [אַזוי ווי אין תושב"כ איז כלול גאַנץ תושבע"פ, „ליכא מידי דלא רמיזי באורייתא"[129]]. ובפרט שיש לומר, אַז אין תניא איז דאָ אויך תורה שבעל־פה פון חסידות (תושבע"פ — אין תושב"כ גופא) — חלק החמישי[130*], קונטרס אחרון[131], ע"ד ספר דברים (ספר החמישי), „משנה תורה" — וועלכע ווערט אָנגערופן (און איז דער מקור אויף) „תורה ש־בע"פ"[132].

יז. דער עיקר נקודה אין כל האמור לעיל — איז דאָך די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו בפועל ממש. במילא — איז צי דאָס איבענגעזאָגטע האָט יע אַ שייכות צו דעם, צי ניט — איז איצטער (לאחרי וואָס מ'האָט שוין אויך אויפגעטאָן דעם ענין אין הפצת המעינות חוצה) אַ זיכערע זאַך, אַז תיכף ומיד ממש דאַרף שוין קומען די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו!

---

124) להעיר מתניא פל"ד (מג, ב): „ואף שאינו נותן אלא חומש הרי החומש מעלה עמו כל הארבע ידות לה' כו' וכקרבנות הי' כל החי עולה לה' ע"י בהמה אחת וכל הצומח ע"י עשרון סולת אחד בלול בשמן כו'".

125) ראה ע"ח שער ד פ"ג. של"ה פ"א. אגה"ק ביאור לסד"ך (קמז, א).

126) ברכות כח, א. וש"נ.

127) מכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר — נדפס בקיצו־רים והערות לתניא ע' קיח ואילך. אגרות־קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ד ע' רסא ואילך. וראה שם ח"ה ע' צ.

128) ראה גם לקו"ש ח"כ ע' 183. חכ"א ע' 449.

129) ראה זח"ג רכא, א.

130) צ"ע האם לקרות ל„קונטרס אחרון" חלק! וכמו קו"א בשו"ע להש"ך, דמודגש דאינו חלק*.

131) „אשר כתב (אדה"ז) בעת חיבורו הס' לק"א פלפול ועיון עמוק כו'" (הסכמת הרבנים בני הגאון המחבר לס' התניא) — בדוגמת תושבע"פ שהיא „פירושה" דתושב"כ. ועוד וג"ז עיקר — שניתוסף לאחרי הסתלקות אדה"ז (ע"י בניו).

ואולי י"ל, שגם אגה"ק („שבכמה מקומות הציב לו ציונים בס' לקוטי אמרים שלו" כמ"ש בהסכמה הנ"ל, וגם היא ניתוספה לאחרי הסתלקותו) היא בבחי' תושבע"פ בתושב"כ דתניא גופא.

132) כמבואר בזהר (ח"ג רסא, א. וראה גם זח"א קמז, ב — בסתרי תורה). וראה לקו"ש חל"ו ע' 43־42. וש"נ.

---

*) ולהעיר שקו"א נקרא ג"כ אגה"ק — לקו"ת ויקרא ג, א. ועוד.

און דעמאָלט וועט אויך זיין די שלימות הרפואה פון אַלע אידן, אויך פון די אידן — כמארז"ל[133] „לעתיד לבוא הע־ורים מתרפאים שנאמר[134] אז תפקחנה עיני עורים". און נאָכמער — „כשיבוא (הקב"ה) לרפאות העולם אינו מרפא תחילה אלא העוורים"[135], אַזוי אַז זיי ווערן „סגי־נהור" למעליותא, זיי האָבן ריבוי אור בפשטות[136] (אין אַן אופן אַז דאָס איז ניט ממעט ח"ו דעם כח הראי' הגשמי), און במילא האָבן זיי די מעגלעכקייט לייענען און לערנען תורה אויך פון אותיות הכתב הרגילות — כאחד העם.

ולהעיר, אַז דעמאָלט (בזמן הגאולה) וועט מען ניט דאַרפן אָנקומען צו אותיות הכתב — וויבאַלד אַז אַלע אידן וועלן הערן תורה פון עצמות ומהות, כמ"ש „תורה חדשה מאתי תצא"[137], דורך דעם „תלמיד ותיק" האמיתי — משיח צדקנו, וועלכער „ילמד כל העם"[138] די „תורה חדשה" פון עצומ"ה בתוספת ביאור והסברה וכו', ולימוד בבחינת ראי' דוקא[139], אַזוי אַז מ'וועט ניט דאַרפן אָנקומען צו אותיות הכתב, וכמובן בפשטות פון דעם וואָס עס שטייט[140] „ולא ילמדו עוד איש את רעהו כי כולם ידעו אותי למקטנם ועד גדולם".

— ויהי רצון, אַז תיכף ומיד נאָך דער רגע — זאָל דאָס זיין אַ רגע קודם הגאולה — דורך דעם לימוד בספר התניא הנ"ל ע"י הזקוקים לזה עתה — זאָל דער אויבערשטער תומ"י אויסהיילן זיי דערפון, זיי זאָלן גלייך ווערן „סגי־נהור" למעליותא כנ"ל[141], און לייענען און לערנען תורה, ביז תכלית השלימות בלימוד התורה בגאולה האמיתית והשלימה, „תורה חדשה מאתי תצא", כנ"ל.

ועוד והוא העיקר — גאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו תיכף ומיד ממש.

133) ב"ר רפצ"ה. ושי"נ.

134) ישעי' לה, ד.

135) מדרש תהלים קמו, ח.

136) ראה דרושי חסידות שבהערה 122.

137) ישעי' נא, ד. ויק"ר פי"ג, ג.

138) ראה רמב"ם הל' תשובה פ"ט ה"ב. — וראה בכ"ז בארוכה לעיל ע' 566 ואילך. ושי"נ.

139) ראה לקו"ת צו יז, א־ב. ובכ"מ.

140) ירמי' לא, לג.

141) להעיר, שרבינו יצחק (בן הראב"ד) הי' מקובל גדול ש„נגלה אליו אלי' הנביא זכור לטוב" (שה"ג להחיד"א ערך רבינו יצחק סגי נהור. שם ערך הראב"ד השני (רבינו אברהם ב"ד). ושי"נ. וראה ריקאנטי וישב לז, כז (הובא בסדה"ד ד"א תתקנ"ח): נשא ו, כד. וראה אוה"ת במדבר (כרך ג ע' תתקנה; (כרך ה) ע' א'תרסג) — ונקרא בשם „סגי נהור". ובהחייט בפי' מערכת אלקות פי"ד (הובא בסדה"ד שם. וראה גם שה"ג שם מס' מצרף לחכמה טו, ב) אומר, שהי' סגי נהור והי' מרגיש באויר אם זה חי או מת, ושהי' גדול בתפלתו כר' חנינא בן דוסא.

משיחות ש"פ ראה, א' דר"ח אלול ה'תנש"א

א. פרשת ראה קורין לעולם בזמן השייך לחודש אלול: ברוב השנים — בשבת מברכים חודש אלול (שבו נמשכת ברכה על ובכל ימי עניני חודש אלול), ובכמה שנים — כבשנה זו — ב(יום א' ד)ראש חודש אלול (שכולל כל הימים והענינים דחודש אלול[1]).

וצריך להבין הקשר והשייכות דפרשת ראה לחודש אלול (כידוע[2] שזמני השנה שייכים להפרשיות בתורה שקורין בהם) — דלכאורה הם אדרבא ענינים הפכיים זמ"ז:

ענינו של חודש אלול — "אני לדודי ודודי לי"[3], ר"ת אלול[4] — עבודת האדם מלמטה למעלה, **(שהאדם מתעורר להתקרב להקב"ה), ועי"ז ולאח"ז נעשה "ודודי לי" (ההתגלות דהקב"ה להאדם).**

ואילו בפרשת ראה — "ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה"[5] — מודגשת ההמשכה מלמעלה למטה **(שהקב"ה נותן להאדם).**

ב. ויש להוסיף בהדגשת ההמשכה מלמעלה למטה **— בכל פרטי התיבות "ראה אנכי נותן לפניכם היום":**

"ראה" **— ראי' שלמעלה משמיעה ["אינה דומה שמיעה לראי'"[6], שלכן "אין עד נעשה דיין . . כיון** דחזיוהו **. . לא מצו לי' זכותא"[7], משא"כ כששומע (הדיין) מפי עדים שראו הדבר], ומהחילוקים שביניהם — ששמיעה היא מלמטה למעלה, שתופס פרט לאחרי פרט, עד לכללות הענין, וראי' היא** מלמעלה למטה, **שתופס מלכתחילה כללות הענין, ואח"כ פרטי הדברים[8].**

"אנכי" **— "הודעתי עצמותו ומהותו (זה שפונים אליו באמירת "אנכי") . . דרך הגבהה והתנשאות"** (מלמעלה למטה), **שזהו החילוק שבין "אני" ל"אנכי" (אף שפירושם ורוב אותיותיהם (א' נ' י') שוים), ש"כשמודיע סתם אומר אני פלוני, וכשמודיע דרך הגבהה והתנשאות אומר אנכי, כמו אנכי[10] הרואה"[11], וכמודגש ב"ההפרש**

1) ראה לקו"ת דרושים לר"ה נח, סע"א. עטרת ראש שער ר"ה ספ"ב. ומרומז גם במשנה (ריש מסכת ר"ה) באחד בניסן ר"ה למלכים ולרגלים — שרגל שבו הוא באמצע החודש (ראה גמרא שם ד, א).

2) ראה של"ה חלק תושב"כ ר"פ וישב (רצז, א) "בכולן יש שייכות לאותן הפרשיות שחלות בהן". וכפתגם אדמו"ר הזקן ש"צריכים לחיות עם הזמן", הפרשה בתורה שקורין באותו זמן (ספר השיחות תש"ב ע' 29 ואילך. "היום יום" ב חשון).

3) שה"ש ו, ג.

4) אבודרהם סדר ר"ה ופירושה פ"א. ראשית חכמה שער התשובה פ"ד (קטו, ב). פע"ח שער ר"ה פ"א. ב"ח לטור או"ח סתקפ"א (ד"ה והעבירו). של"ה במסכת ר"ה שלו (ריג, א). לקו"ת פרשתנו (לב, א). ועוד.

5) ריש פרשתנו (יא, כו).

6) ראה מכילתא יתרו יט, ט.

7) ר"ה כו, רע"א.

8) ראה תו"א ר"פ משפטים (עה, א).

9) אוה"ת תבוא ע' תתרעא.

10) שמואל־א ט, יט. וראה גם מאמרי אדה"ז תקס"ב ח"א ע' יד.

11) ועאכו"כ "ראה אנכי" — כי "אנכי הרואה" אמר שמואל על נבואתו (ראי') גם בשייכות לדברים גשמיים, כבנדו"ד, ששאול הלך לשמואל לדרוש על דבר האתונות אשר נאבדו לאביו (ועאכו"כ בנוגע לנבואה (ראי') להבדיל דמעשה מרכבה, ועד לדרגת הנבואה דמשה): משא"כ ב"ראה אנכי" — קאי "אנכי" על מהותו ועצמותו ית', "אנכי מי שאנכי",

שבין אני לאנכי ב(הוספת ה)אות כ״ף[12], שמורה על הכתר[13] ששם עיקר הרוממות והתנשאות״.

„נותן״ — **מלמעלה למטה, ו„נותן״ דייקא, „כל הנותן בעין יפה הוא נותן״[14].**

„לפניכם״ — **שפירושו לפנימיותכם[15], שבזה מודגשת יותר ההמשכה מלמעלה למטה, שבאה תחילה לבחי׳ הפנימיות, ואח״כ נמשכת גם בבחי׳ החיצוניות (דלא כהסדר דמלמטה למעלה, מן החיצוניות אל הפנימיות).**

„היום״ — **שמורה על האור והגילוי, כמ״ש[16] „ויקרא אלקים לאור יום״, ומורה גם על הנצחיות, ש„ארז״ל[17] כל מקום שנאמר היום הוא נצחי ולעולם גם היום הזה״[18], היום ממש[19], דכיון שההמשכה היא** מלמעלה למטה **ה״ה באופן קבוע ונצחי (מבלי הבט על מעמדו ומצבו של התחתון).**

„ברכה״ — **שענינה המשכה (ברכה מלשון המשכה[20]) מלמעלה למטה, ועד לשלימות הברכה מדרגא נעלית ביותר שהיא בבחי׳ סתום שלכן נאמרת בלשון דהיפך הברכה (כהמשך וסיום הכתוב לאחרי „ברכה״), כ„ענין[21] האגדה במסכת מו״ק[22] ששלח רשב״י את בנו לר׳ יונתן ור׳ יהודה שבירכו אותו, אמרו לו כו׳, ובא הבן לרשב״י ואמר שציערו אותו עד שפירש לו אביו שזהו הכל ברכות[23] . .**

שנמשך ומתגלה לכאו״א מישראל באופן של ראי׳, כבמתן־תורה (ראה לקו״ת ריש פרשתנו. שם יח, סע״ד).

12) **ואף שאות כ״ף מורה על כ״ף הדמיון (כמו „אני״) — יש לומר, שבנדו״ד הדמיון ד„אנכי״ ל„אני, הוא** למעליותא, **כיון ש„אנכי״ נעלה יותר (ועד באין ערוך) מ„אני״. ע״ד הפירוש במ״ש „**כימי **צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות״, שכ״ף הדמיון היא למעליותא, באופן של „נפלאות״ לגבי „ימי צאתך מארץ מצרים״ (זח״א רסא, ב. אוה״ת נ״ך ח״א ע׳ תפז. וש״נ).**

13) „כ׳ ר״ת כתר, וכן עשרים הוא גימטריא כתר״ (לקו״ת שה״ש לה, ג. ועוד).

14) **ראה ב״ב נג, א. סה, א. עא, סע״א. רמב״ם הל׳ מכירה פכ״ה ה״ד. הל׳ זכי׳ ומתנה פי״א הכ״ב.**

15) **ראה לקו״ת פרשתנו (יח, סע״ד): לפניכם בבחי׳ פנים שלכם. וראה גם עירובין נד, ב. תו״א משפטים עה, ג. עו, ריש ע״ד.**

16) **בראשית א, ה. וראה תו״א בראשית יד, סע״א. סה״מ תרל״ה ח״א ס״ע רפג. סה״מ תרפ״ח ע׳ קנג.**

17) **ראה רש״י סוטה מו, ב (ד״ה ויקרא). ערכי הכינויים (לבעל מח״ס סה״ד) ערך היום — הובא באוה״ת פרשתנו ע׳ תרסו. וראה גם לקו״ש חי״ט ע׳ 147 הערה 64.**

18) **לקו״ת ריש פרשתנו (יח, א).**

19) **לא רק „**כהיום**״ (לשון הכתוב — ואתחנן ו, כד), ע״ד „בכל היום יהיו בעיניך** כחדשים**״ (ראה ספרי ופרש״י ואתחנן ו, ו), אלא „היום״ ממש, „חדשים״ ממש (ראה פרש״י תבוא כו, טז).**

20) **תו״א מקץ לז, ג. ובכ״מ. וראה לקו״ת פרשתנו יט, רע״א.**

21) **אוה״ת פרשתנו ע׳ תרמה־ו. וראה גם לקו״ת בחוקותי מח, ב.**

22) **ט, ב.**

23) **ומעלה יתירה בנדו״ד — שע״י** ההקדמה **ד„ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה״ שוללים מלכתחילה הצער והעגמת־נפש** *מהקס״ד דהיפך ה־ברכה* **אפילו לזמן קצר (דלא כבעובדא דבנו של רשב״י ש„**ציערו אותו*** **עד שפירש לו אביו שזהו הכל ברכות״) — כיון שגם צער של יהודי לזמן קצר בלבד נוגע עד למחשבה הקדומה דא״ק!**

*) *ראה חדא״ג מהרש״א (מו״ק שם), ש„גם הוא לא חשדן שהיו מקללים אותו ובודאי יש להם כוונה אחרת בזה („לטובה ולברכה״), אבל כיון שלא„הבין דבריהם . . ציער עצמו שלא הבין כוונת דבריהם״ („והם עשו כן לחדודי לידע אם יבין כוונת דברי־הם״). ומוסיף (אף שמסיים ש„דחוק קצת״), „ושמעתי עוד בזה שעשו כן כדי שיבוא לאביו ויפרש לו כוונתם לברכה ותחול הברכה עליו גם מאביו״.*

ועפ״ז: אף שאצל בנו של רשב״י לא הי׳ צער מהקס״ד דהיפך הברכה (ש„לא חשדן שהיו מקללים

שע"ז נמשך מבחי' עליונה יותר . . מה שנתהפך קללה לברכה . . כמו שהתשובה גדולה מבחי' צדיק ע"ז שהחושך נהפך לאור . . מה שנהפך מרע לטוב זהו גבוה יותר מבחי' טוב בעצם".

ואעפ"כ קורין „ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וגו'" (המשכה מלמעלה למטה) בשבת (מברכים חודש אלול, או בשבת ר"ח אלול, שענינו „אני לדודי ודודי לי", עבודת האדם מלמטה למעלה דוקא[24].

ג. לכאורה אפשר לבאר זה ע"פ משנת"ל[25] שכיון שחודש אלול כולל העבודה דכל השנה כולה (הן החשבון־צדק[26] (והתיקון ושלימות) דהשנה החולפת והן ההכנה לשנה הבאה) שיש בה שני אופני העבודה דמלמטה למעלה (בחדשי החורף שהתחלתם מתשרי, כולל גם ה־הכנה בחודש אלול, „אני לדודי ודודי לי") ומלמעלה למטה (בחדשי הקיץ שהתחלתם מניסן, „דודי[27] לי ואני לו")[28], נכללים שניהם בחודש אלול עצמו: „אני לדודי" — מלמטה למעלה, „ודודי לי" — מלמעלה למטה.

ובפרטיות יותר:

החשבון־צדק (והתיקון ושלימות) דהשנה החולפת — התחלתו (ועיקרו) מה־עבודה דחדשי הקיץ דהשנה החולפת (הסמוכים לחודש אלול) באופן דמלמעלה למטה (ולאח"ז מוסיף גם החשבון דחדשי החורף שלפנ"ז), וההכנה לשנה הבאה — התחלתה (ועיקרה) מהעבודה דחדשי החורף דהשנה הבאה (הסמוכים לחודש אלול שלפניהם) באופן דמלמטה למעלה (ולאח"ז מוסיף גם ההכנה לחדשי הקיץ שלאח"ז)[29].

ויש לומר, ששני ענינים אלה מרומזים בשני הימים דר"ח אלול (שהוא מהחדשים שר"ח שלהם הוא לעולם ב' ימים[30]) — שיום ראשון דר"ח הוא יום השלושים דחודש מנחם־אב, ששייך לסדר העבודה דחדשי הקיץ[31] (שהתחלתם בניסן), באופן דמלמעלה למטה („דודי לי"), ויום שני דר"ח הוא יום הראשון דחודש אלול, שבו

24) ואף שיש לומר שההמשכה מלמעלה למטה דבפרשת ראה היא ע"ד הנתינת כח לצורך העבודה ד„אני לדודי" (ע"ד התגלות י"ג מדה"ר), מ"מ, מסתבר יותר לומר שתוכנה של פרשת ראה (שבה צריכים „לחיות" בחודש אלול) שייך גם לעבודה דחודש אלול.

25) שיחת ש"פ עקב, מבה"ח אלול (ע' 752 ואילך).

26) ראה סה"מ תרצ"ו ס"ע 141 ואילך. וש"נ.

27) שה"ש ב, טז.

28) ראה אוה"ת פרשתנו א' תשצא. שה"ש ח"ב ע' תקמג. סה"מ תרכ"ז ע' קצו. תרנ"ד ע' שכו. עטר"ת ע' תרנ"ט. הש"ת ע' 28. ע' 151. ספר השיחות תש"ג ע' 177 ועוד.

אותו"), מ"מ, שייך כאן צער מהקס"ד דהיפך הברכה אצל הלומדים סוגיא הנ"ל (החל מ„בן חמש עשרה לגמרא") שזקוקים להודעת רשב"י שזהו הכל ברכות (שמקדים שלילת הקס"ד דהיפך הברכה לפני פירוש הברכות) כיון שאינם מבינים שלשון חכמים הוא ברמז (ועפ"ז יומתק דיוק הלשון „צעורי צערן" בלשון רבים, שכולל גם צערם של הלומדים מצד הקס"ד דהיפך הברכה).

29) ולהעיר, שזהו גם תוכן החילוק שבין „חשבון" ל„הכנה" — שהחשבון שבסיום וגמר הענין הוא באופן דמלמעלה למטה, ואילו ההכנה ש(לפני) בהתחלת הענין היא באופן דמלמטה למעלה.

30) שבהם מודגש יותר מ"ש (בהקריאה דר"ח) „ובראשי חדשיכם", „ראשי" לשון רבים, „ראשי תרין בכל ירחא" (זח"ג רמח, א נת' באוה"ת פינחס ע' א'קסה ואילך. ועוד).

31) להעיר, ש„מחמשה עשר באב ואילך תשש כוחה של חמה" (סוף תענית), די"ל ע"ד הרמז, שכיון שמחמשה עשר באב ואילך מתחילה ההכנה לעבודה דחודש אלול באופן דמלמטה למעלה, נחלש התוקף ד„שמש הוי'", גילוי והמשכה מלמעלה למטה.

מתחילה ההכנה לסדר העבודה דחדשי החורף (שהתחלתם בתשרי), באופן דמ־למטה למעלה („אני לדודי").

ומודגש יותר בקביעות שנה זו, שר"ח אלול חל ביום השבת וביום הראשון — שביום השבת (יום א' דר"ח, ל' מנ"א) העבודה היא באופן דמלמעלה למטה (שההתעסקות היא בעניני קדושה בלבד, תורה ותפלה, ועד שהקדושה חודרת גם בענינים גשמיים, אכילה ושתי', שעל ידם מקיימים מצות עונג שבת); וביום ראשון (יום ב' דר"ח, א' אלול) מתחילה העבודה דששת ימי המעשה באופן דמלמטה ל־מעלה (שעיקר ההתעסקות היא בעובדין דחול, לבררם ולזככם ולהעלותם ל־קדושה).

יד. והוספה מיוחדת בדורנו זה — שערב שבת זה („מי שטרח בערב שבת יאכל

ישראל והולכים כולם לאורן של מלך המשיח ושל ישראל, שנאמר (שם, ג) „והלכו גוים לאורך ומלכים לנוגה זרחך כו', ובאים ומלחכים עפר מתחת רגליו של מלך המשיח וכו'".

96) ובפרט שיום השבת שייך לגאולה — „מזמור שיר ליום השבת, מזמור שיר לעתיד לבוא, ליום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים" (תמיד בסופה), ובפרט יום השבת בחודש אלול שמפטירין בו בנחמות הגאולה, „שבע דנחמתא", ובשבת פרשת תצא (כשר"ח אלול חל בשבת) — שתי הפטרות (רני עקרה ועני' סוערה), נחמה בכפלים (וכפל — כולל הכפל דשבת — שייך לגאולה).

97) כי, מילוי ושלימות הלבנה הוא „חצי כ"ט י"ב תשצ"ג" (ב"י או"ח סתכ"ו), שהוא בין י"ד לט"ו.

98) זהר ח"א קנ, רע"א. ח"ב פה, רע"א. ועוד. וראה שמו"ר פט"ו, כו.

99) ראה סוכה כט, א. ב"ר פ"ו, ג. אוה"ת בראשית ד, סע"ב ואילך. ועוד.

100) נוסח ברכת קידוש לבנה (סנהדרין מב, א).

101) ובלשון הכתוב בריש פרשתנו: „ירח ימים".

102) שו"ע אדה"ז או"ח ר"ס תכט.

103) וי"ל חסר למעליותא, ע"ד ובדוגמת „ונפקדת כי יפקד מושבך", שע"י חסרון הלבנה בערב ר"ח (יום הכ"ס), נעשה תיכף מולד הלבנה בר"ח (משא"כ בחודש מלא, ר"ח שלאחריו עיקרו ביום השני דר"ח).

104) יל"ש אמור רמז תרנד.

105) תהלים קד, לא.

106) שם קמט, ב.

107) לקו"ת דרושי שמע"צ פח, ד.

108) לקו"ת שם פט, ריש ע"ב. — ועיי"ש (פט, א־ד) ב' האופנים (בחינות) בזה, תחיית המתים ואלף השביעי, או לאחר אלף השביעי. ואכ"מ.

בשבת״[109]), הוא ביום י״ג (גימטריא ד״אחד״) אלול, הוא, יום הנישואין דכ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו [ולפנ״ז (ביום רביעי, „קמי שבתא״[110]), י״א אלול, יום הנישואין של אביו כ״ק אדנ״ע, ושממלא מקומו הוא בנו יחידו[111] כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו], ולאח״ז ובהמשך לזה (ב־מוצאי שבת) ט״ו אלול, יום התייסדות ישיבת תומכי תמימים ב(יום השלישי[112] ד)שבעת ימי המשתה דנישואי כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו (בשנת נזר״ת[113]), ש־ממנו באה ההצעה לאביו לייסד הישיבה, ונתמנה ע״י אביו למנהל־פועל דהישיבה:

נישואין דכאו״א מישראל (גם איש פרטי) הו״ע הקשור עם הנישואין דכנס״י והקב״ה בימות המשיח[114], שלכן מסיימים וחותמים השבע ברכות דנישואין בענין ה־גאולה: „מהרה כו׳ ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים וגו׳״[115], ועאכו״כ נישו־אין דנשיאי הדור, „הנשיא הוא הכל״[116], ובפרט נשיאים דתורת חב״ד, שמגלים פנימיות התורה באופן של הבנה והשגה, ועד לאופן ד„יפוצו מעינותיך חוצה״, ש־ע״ז אתי מר דא מלכא משיחא[117].

ובהדגשה יתירה בנישואי כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו, שבהמשך לזה וביחד עם זה היתה התייסדות ישיבת תומכי תמימים – כי:

תלמידי הישיבה נקראים „תמימים״ **ע״ש שלומדים „תורת ה׳ תורה הנגלית ותורת החסידות** תמימה״[118]**, ולא עוד אלא שהלימוד דפנימיות התורה הוא בהבנה ו־השגה „כלימוד הסוגיות בנגלה דתו־רה״[119], ששכל האדם מתייחד עם השכל דפנימיות התורה ב„יחוד נפלא שאין יחוד כמוהו ולא כערכו נמצא כלל בגש־מיות״[120] (כולל גם ש„והיו לבשר אחד״ שבנישואין), מעין ודוגמת והכנה להמעמד ומצב דימות המשיח ש„יהיו כל ישראל חכמים גדולים ויודעים דברים הסתומים וישיגו דעת בוראם כו׳״[74].**

וגם (ולכן) נקראים „חיילי בית דוד״ **שמנצחים את המעמד ומצב ד„חרפו[121]**

---

109) ע״ז ג, סע״א.

110) פסחים קו, סע״א.

111) שאינו צריך משיחה חדשה („אין מושחין מלך בן מלך אא״כ היתה שם מחלוקת . . כדי לסלק המחלוקת״ (רמב״ם הל׳ מלכים פ״א הי״ב)), כיון שנמשכת אצלו תוקף המשיחה דדוד שהיא „עד עולם״ (שם, ה״ז).

112) „ביום השלישי יקימנו ונחי׳ לפניו״ – ביהמ״ק השלישי בגאולה השלישית (הושע ו, ב וב־מפרשים שם).

113) לפני צ״ד שנה*. – וי״ל הרמז: צ״ג כלים היו מוציאים בביהמ״ק בכל יום (תמיד פ״ג מ״ד), ויחד עם הכהן ה״ז צ״ד.

114) להעיר מהמבואר בהמשך שמח תשמח שנאמר בשבעת ימי המשתה שע״י הנישואין שתב־ליתם הו״ע ההולדה מתגלה כח הא״ס בעולם (סה״מ תרנ״ז ע׳ קעו ואילך) – מעין ודוגמא והכנה לגילוי אור א״ס ב״ה בימות המשיח*.

---

*) להעיר מהשייכות המיוחדת לשנה זו – כמרומז בלשון הכתוב (ישעי׳ סו, יב) „על **צד תנשאו**״, שבשנת **הצ״ד** (שהיא שנת **תנש״א**) – „**תנשאו**״.

*) ועפ״ז י״ל הטעם שענין הלידה מקרבת ומזרזת ופועלת ביאת המשיח (ראה יבמות סב, סע״א ובפרש״י).

---

115) ע״פ ירמי׳ לג, יו״ד.

116) פרש״י חוקת כא, כא.

117) אגה״ק דהבעש״ט – כש״ט בתחלתו. ובכ״מ.

118) שיחת שמח״ת תרנ״ט – „התמים״ ח״א ע׳ כה.

119) שיחת ט״ו אלול תרנ״ז – „התמים״ שם ע׳ כג.

120) תניא פ״ה.

121) ויש לומר, שתיבת „חרפו״ רומזת על רפ״ח ניצוצים דתהו, שתכליתם ומטרתם (ע״י עבודת הבירורים) ההתגלות ד„רוחו של מלך המשיח״ ש„מרחפת על פני המים״ (כנ״ל הערה 70), ובפרט

עקבות משיחך", ופועלים התגלות וביאת משיח בן דוד באופן ד"ברוך ה' לעולם אמן ואמן"[122], כלשון הכתוב בסיום וחותם מזמור פ"ט בתהלים.

ולהעיר שתקופה זו (שמתוארת בסיום מזמור זה) נסתיימה כבר לאחרי מעשינו ועבודתינו במשך ארבעים שנה מהסתלקותו של כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, שניתוסף בהפצת המעיינות חוצה באופן ש"נתן[123] ה' לכם לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע"[124], ועתה עומדים בתקופה השייכת למזמור צדי"ק, שסיומו וחותמו בפסוק "ויהי נועם ה' אלקינו עלינו גו' ומעשה ידינו כוננהו", ש"תשרה שכינה במעשה ידיכם"[125], שזהו תשלום השכר על כללות מעשינו ועבודתינו.

*

טו. מההוראות מהאמור לעיל בנוגע למעשה בפועל — "המעשה הוא העיקר"[126]:

א) לפרסם בכל מקום ומקום שעומדים בסיום וחותם דמעשינו ועבודתינו ("כי תצא למלחמה על אויבך"), ובהתחלת התקופה דתשלום השכר, "מתן שכרן של צדיקים" ("כי תבוא אל הארץ גו' וירשתה וישבת בה"), ובהתאם לכך צריכה להיות העבודה גם בענינים השייכים לימות המשיח, החל מלימוד התורה בעניני משיח וגאולה וביהמ"ק, ועוד ועיקר — מתוך מנוחה והתיישבות, שמחה וטוב לבב, כולל גם ע"י עריכת התוועדויות של שמחה, ובמיוחד בשייכות לשמחת נישואין ושבעת ימי המשתה (כולל גם חיזוק "מנהג ישראל" לערוך סעודת עניים), מעין ודוגמא והכנה לקיום היעוד "אז (לעתיד לבוא) ימלא שחוק פינו"[127], אשר, בדורנו זה, שנשיא הדור, כ"ק מו"ח אדמו"ר, ששמו השני "יצחק", ע"ש הצחוק והשמחה, הוא נשיא השמיני ("אז" בגימטריא שמונה) להבעש"ט, נעשה הענין ד"ימלא שחוק פינו" (לא בלשון עתיד, "אז", אלא) בלשון הוה.

ב) לפרסם בכל מקום ומקום ע"ד השליחות המיוחדת דתותמכי תמימים — שנמשכת ופועלת בכל קצוי תבל באופן ד"נרות להאיר"[128] — שנוסף לכך שכל בית יהודי צ"ל בית תורה תפלה וגמ"ח (כמדובר כמ"פ[129]), צ"ל כל בית מעין ודוגמת ישיבת תומכי תמימים, ע"י לימוד תורת החסידות (נוסף על לימוד התורה בכלל).

ג) לפרסם בכל מקום ומקום ע"ד ההשתדלות בנתינת צרכי החג לכל הזקוקים שלושים יום לפני החג, כדי שיוכלו להתכונן ל"זמן שמחתנו" מתוך מנוחה שמחה וטוב לבב, ועוד לפנ"ז — בנוגע לצרכי ראש השנה, כלשון הכתוב "אכלו משמנים ושתו ממתקים ושלחו מנות לאין נכון לו"[130].

ויה"ר שע"י הדיבור וקבלת החלטות

ע"י ההוספה בלימוד פנימיות התורה (תורתו של משיח) באופן של חריפות ("חרפו" למעליותא).

122) כדברי כ"ק אדנ"ע בשיחתו הידועה בשמח"ת תרס"א (נדפסה בלקו"ד ח"ד תשפז, ב ואילך. ועוד).

123) תבוא כט, ג.

124) ולהעיר מהשייכות לחודש אלול דשנה זו — חשבון־צדק דשנת "נפלאות אראנו" ("עינים לראות"), והכנה לשנת "נפלאות בינה" ("אזנים לשמוע", כידוע שראי' ושמיעה הם חכמה ובינה).

125) פרש"י עה"פ.

126) אבות פ"א מי"ז — שלומדים בשבת זו.

127) תהלים קכו, ב. וראה ברכות לא, א.

128) ראה לקו"ש ח"ב ע' 484 ואילך. וש"נ.

129) ראה לקו"ש חכ"ו ע' 412 ואילך. ועוד.

130) נחמי' ח, יו"ד. וראה לקו"ש חי"ד ע' 369 ואילך. וש"נ.

טובות בכהנ"ל נזכה תיכף ומיד שהקב"ה יתן לכאו"א מישראל כל המצטרך לו, מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה, ועאכו"כ בהענין הכי עיקרי – גאולה ה־אמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, וב־לשון הכתוב בפרשה שקורין במנחה: „כי תבוא אל הארץ גו' וירשתה וישבת בה", ותיכף ומיד[131] „ולקחת מראשית כל פרי האדמה גו' והלכת אל המקום אשר יבחר ה' אלקיך לשכן שמו שם"[132], ועד לסיום הפרשה (שקורין במנחה): „השקיפה[133] ממעון קדשך מן השמים וברך את עמך את ישראל"[134], החל מהברכה העיקרית ד־גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, תיכף ומיד ממש.

---

131) ללא צורך להמתין שבע שכבשו ושבע שחלקו, ואפילו לא הזמן דצמיחת הפירות, כי „ונגש חורש בקוצר גו'" (עמוס ט, יג).

132) ובפרטיות יותר – „הממונה אומר קומו ונעלה ציון אל ה' אלקינו . . והחליל מכה לפניהם עד שהם מגיעין קרוב לירושלים . . משיכנסו כולם בשערי ירושלים יתחילו לקרות עומדות היו רגלינו בשעריך ירושלים . . הגיעו להר הבית . . אומרין הללוי־ה הללו א־ל בקדשו וכו' עד כל הנשמה תהלל י־ה הללוי־ה . . הגיעו לעזרה דברו הלוים בשיר ארוממך ה' כי דליתני וגו'" (רמב"ם הל' ביכורים ספ"ד).

133) להעיר ש„כל השקפה שבתורה כו' וזה לשון ברכה" (ירושלמי מע"ש פ"ה ה"ה), „הופכים את הקללה לברכה" (שמו"ר רפמ"א) – ע"ד מ"ש בפרשתנו „ולא אבה גו' ויהפוך ה' אלקיך לך את הקללה לברכה כי אהבך ה' אלקיך" (ראה לעיל ס"ו ובהערה 43).

134) כו, טו.

משיחות ש"פ תבוא, כ"א אלול ה'תנש"א

א. בהמשך צו דעם ציווי בפרשתנו[1] אויף מצות ביכורים (און וידוי מעשר[2]) אנקומענדיק אין ארץ ישראל (וואס דערמיט „השלים משה לבאר את התורה ולחדש כל המצות אשר צוה אותו ה' כו'"[3] ווי ער האט אנגעהויבן „בעשתי עשר חודש באחד לחודש גו' בעבר הירדן בארץ מואב"[4]) — קערט זיך אום משה צו רעדן וועגן דעם כללות'דיקן קיום פון גאנץ תורה און אלע מצוות און דער ברית אויף דעם צווישן דעם אויבערשטן מיט אידן[5] („כי כבר השלמתי לך הכל"[3] אין דעם ספר משנה תורה):

„היום[6] הזה ה' אלקיך מצוך לעשות את החוקים האלה ואת המשפטים ושמרת ועשית אותם בכל לבבך ובכל נפשך וגו'"; און דערנאך[7] — „שמור את כל המצוה אשר אנכי מצוה אתכם היום, והי' ביום אשר תעברו את הירדן אל הארץ גו' והקמות לך אבנים גדולות גו' וכתבת עליהן את כל דברי התורה הזאת וגו'"; און — „הסכת[8] ושמע ישראל היום הזה נהיית לעם לה' אלקיך, ושמעת בקול ה' אלקיך ועשית את מצותיו גו'", און דערנאך בהמשך הפרשה — רעדט זיך בארוכה וועגן די „דברי הברית אשר צוה ה' את משה לכרות את בני ישראל בארץ מואב מלבד הברית אשר כרת אתם בחורב", ביז בסיום הפרשה ממש[10]: „ושמרתם את דברי הברית הזאת ועשיתם אותם למען תשכילו את כל אשר תעשון" [און דער תוכן ווערט נמשך אויך אין די פרשיות שלאחרי זה (נצבים, וילך, האזינו און וזאת הברכה), וואו עס רעדט זיך (ניט וועגן מצוות פרטיות, נאר) וועגן דעם ברית אויף כללות התורה והמצוות און ענינים כלליים פארבונדן דערמיט].

וויבאלד אז דער ציווי וברית אויף כללות התומ"צ קומט בהמשך אחד גלייך נאך מצות ביכורים[11], יש לומר אז ס'איז דא צווישן זיי א תוכן'דיקע שייכות[12] (כידוע דער דיוק אין אלע עניני תורה, אויך אין דעם סדר פון תורה).

ובפרט לויט פירוש רש"י[6], אז „(היום הזה ה' אלקיך מצוך גו') ושמרת ועשית אותם" איז א ברכה וואס קומט צוליב קיום מצות ביכורים וואס רעדט זיך לפני זה[13]

1) בתחלתה (כו, א ואילך).

2) שם, יב ואילך.

3) רמב"ן פרשתנו עה"פ היום הזה ה' אלקיך מצוך גו' (שם, טז).

4) דברים א, ג. ה.

5) ראה ספורנו עה"פ היום הזה גו': היום הזה — שאתה נכנס עמו לברית, הנה ענין הברית הוא שהא־ל ית' מצוך את החוקים והמשפטים לטוב לך ואתה מקבל עליך לשמרם.

6) פרשתנו כו, טז.

7) כז, א־ג.

8) שם, ט־י.

9) כח, סט.

10) כט, ח.

11) ראה ספרי ריש פרשתנו: עשה מצוה האמורה בענין (ביכורים) שבשכרה תכנס לארץ. ועפ"ז, קיום הברית על כללות תומ"צ בארץ ישראל הוא בשכר קיום מצות ביכורים. אבל עדיין צריך ביאור כהשייכות ביניהם, כבפנים.

12) וענין זה נראה גם ב„מקרא ביכורים" — שההודאה היא על יציאת מצרים כו' — ענינים כלליים השייכים לכל ישראל בכל הדורות — ראה לקמן בפנים סעיף ז.

13) וראה לקו"ת ריש פרשתנו (ד"ה היום הזה

(„בת קול מכרכתו הבאת ביכורים היום תשנה לשנה הבאה")[14].

נאָכמער: דער ברית אויף כללות תומ"צ שטייט אין דער זעלבער פרשה מיט מצות ביכורים, און די התחלה פון דער פרשה איז בענין זה (ביכורים) — וואָס אַ התחלה (פון יעדער זאַך, אפילו בלשון בני אדם, ועאכו"כ אין קדושה ותורה) פירט צו און האָט אַ שייכות צו דעם המשך הענין.

דאַרף מען פאַרשטיין וואָס איז די שייכות צווישן מצות ביכורים מיטן ברית אויף קבלת התומ"צ — כל התומ"צ. לכאורה איז ביכורים איין מצוה פרטית צווישן אַלע מצוות התורה, און זי איז פאַרבונדן מיט תנאים והגבלות בזמן במקום באיש ובמין [דוקא אין ארץ ישראל[15] בזמן שביהמ"ק הי' קיים[16]; דוקא פון די שבעה מינים שנשתבחה בהן ארץ ישראל און מן המובחר שבהם[17]; דוקא דער וואָס האָט קרקע אין ארץ ישראל[18], און קרקע משו־בחת[19]: „אין קורין מקרא ביכורים אלא בזמן שמחה מעצרת ועד החג"[20]; ועוד]. וואָס איז די שייכות דערפון מיט „היום הזה ה' אלקיך מצוך גו'" — וואָס גייט אויף אַלע מצוות, אין וועלכע אידן זיינען מחוייב בכל זמן ובכל מקום, כפרש"י עה"פ: „בכל יום יהיו בעיניך חדשים כאילו בו ביום נצטוית עליהם"[21].

אויך דאַרף מען פאַרשטיין בנוגע צו דעם שם הפרשה — „תבוא"[22]: מ'האָט גערעדט מערערע מאָל[23] בנוגע צו שמות הפרשיות, אַז דער נאָמען פון אַ זאַך גיט אַרויס דעם תוכן פון דער זאַך וואָס ווערט אָנגערופן מיט דעם באַטרעפנדן נאָמען. ועפ"ז דאַרף מען האָבן אַ הסברה אין אונזער פרשה: „תבוא" מיינט — אַריינ־קומען (פון אידן אין ארץ ישראל). וואָס לכאורה איז דאָס נאָר אַ הקדמה והכנה צו קיום מצות ביכורים (און די אַנדערע מצוות) וועלכע מ'דאַרף מקיים זיין לאחרי ווי „תבוא אל הארץ גו'"[24]. ואעפ"כ ווערט

ה' אלקיך מצוך — מא, רע"ג): „לא כתיב איזה יום משום דהמקרא מחובר לפרשה שלמעלה הימנה שמסיימת ארץ זבת חלב ודבש שקודם שנכנסו לארץ הי' כריתת ברית על קבלת התורה . . וזהו היום הזה וגו' דהיינו בשעת כניסתן לארץ, ולכן ודבש היום הזה הוי' הוא ראשי תיבות צירוף הוי' אחת שהוא"ו של ודבש שבפרשה ראשונה מחובר למקרא שלמטה הימנה כי הכל ענין אחד" (וראה לקו"ש שבהערה הבאה (ע' 231), שענין זה מתאים עם פרש"י עה"פ, כי ההכרח של רש"י ש„היום הזה גו'" קאי במצות ביכורים הוא (גם) ממה שנאמר לפני זה „ארץ זבת חלב ודבש", שדבש שייך דוקא למצות ביכורים, עיי"ש).

14) נתבאר בלקו"ש חי"ט פ' תבוא (ע' 227 ואילך).

15) כלים פ"א מ"ו. חולין קלו, א. רמב"ם הל' ביכורים רפ"ב.

16) ביכורים פ"ב מ"ג. שקלים פ"ח מ"ח. תוספתא שם פ"ג. ספרי פרשתנו כו, ד. רמב"ם שם.

17) ביכורים פ"א מ"ג. מ"י. רמב"ם שם ה"ב־ג.

18) שהרי דוקא הפירות הגדלים בקרקע שלו חייבים בביכורים (ביכורים שם מ"ב. רמב"ם שם ה"י).

19) שאין מביאין „לא מתמרים שבהרים ולא מפירות שבעמקים" (מקומות שבהערה 17).

20) פרש"י פרשתנו כו, יא. וראה גם רמב"ם שם פ"ד הי"ג.

21) ראה גם לקו"ש ח"ט ע' 356 ואילך.

22) כך נקראת בכל החומשים שראיתי (ולא כי תבוא), ועד לדרושי רבותינו נשיאינו דפרשה זו בהתחלתם. ובטור או"ח סו"ס תכח: כי תבא. וב־רמב"ם „סדר תפלות כל השנה" בסופו: והי' כי תבוא. ואכ"מ.

23) ראה בארוכה לקו"ש ח"ה ע' 57 ואילך. ועוד.

24) שהרי „כי תבוא אל הארץ גו'" הוא לא הציווי על הכניסה לארץ וכיבוש וחלוקת הארץ, ונאמר בפרשיות שלפני זה.

די גאַנצע פרשה — אָנהויבנדיק פון עצם מצות ביכורים, ביז אויך דער ברית אויף כללות כל המצוות שבפרשתנו — אָנגערופן בשם „תבוא", וואָס איז ניט מער ווי אַ הכנה והקדמה צו קיום המצוות בארץ!

ב. ווערט מען דאָס פאַרשטיין בהקדים דער חידוש אין מצות ביכורים לגבי אַנדערע אופנים אין נתינת שבח והודאה לה':

דער אינהאַלט פון הבאת ביכורים און מקרא ביכורים איז די אַנערקענונג אַז „מאתו יתברך הוא יגיע לנו כל הברכות בעולם"[25]: די ברכה פון דעם אויבערשטן ברענגט אַ אידן די שפע תבואות און פירות אין זיין פעלד, וואָס דערפאַר גיט ער אַוועק דעם אויבערשטן „מראשית כל פרי האדמה"[26], פון די ערשטע און בעסטע פרוכט פון דער פעלד, און דאַנקט דעם אויבערשטן (און איז ניט קיין „כפוי טובה"[27]) פאַר די פירות מיט וועלכע דער אויבערשטער האָט אים געבענטשט און פאַר אַלע זיינע חסדים („חסדי המקום"[28]) — „וענית ואמרת לפני ה' אלקיך"[29], „יספר חסדיו יתברך עלינו ועל כל עם ישראל דרך כלל"[30].

דער געפיל פון דאַנקבאַרקייט צום אויבערשטן פאַר זיינע חסדים און דערפאַר זאָגן דעם דאַנק און אָפּגעבן שבח והודאה לה' איז, אַן ענין כללי אין דעם לעבן פון אַ אידן, אָנהויבנדיק גלייך „מיד כשניעור משנתו"[31] דורך אַנערקענען און דערקלערן „מודה אני לפניך . . שהחזרת בי נשמתי"[32]. און דאָס איז דער יסוד, דער ערשטער אַריינפיר צו זיין עבודת השם, וואָס ווערט פאָרגעזעצט אין די ברכות ותפלות (ווי „נודה לך . . על חיינו ה־מסורים בידך . . ועל נפלאותיך וטובותיך שבכל עת ערב ובוקר וצהרים"[33]), און אין די פאַרשידענע און מערערע „ברכות הנהנין" וואָס אַ איד בענטשט און דאַנקט דעם אויבערשטן במשך דעם גאַנצן טאָג, און יעדן טאָג, פאַר יעדער טובה און הנאה וואָס ער געניסט, כולל — ועיקר — ברכת המזון (וואָס איז מן התורה[34]) — „הזן את העולם כולו בטובו בחן ובחסד וברחמים כו'"[35].

נאָך מער: אפילו צווישן די אומות העולם, וועלכע גלויבן און אַנערקענען אַז דער אויבערשטער איז דער בורא עולם ומנהיגו — איז דאָ די הנהגה צו דאַנקען דעם אויבערשטן פאַר געבן זיי שפייז אד"ג.

און דאָס איז נאָכמער אונטערשטראָכן לויט דער תורה הידועה פון דעם בעש"ט (אויספירלעך ערקלערט דורך דעם אַלטן רבי'ן[36]), אַז די באַשאַפונג פון דער גאַנצער וועלט ווערט באַנייט בכל יום ויום ובכל רגע ורגע. וואָס דאָס איז אַן אומבאַגרענעצטער חסד פון דעם אויבערשטן בורא עולם צו יעדן נברא — וועלכער ווירקט אויף דעם נברא און ברענגט אים צו דער טיפער אַנערקענונג און דעם געפיל, אַז ער און אַלץ אַרום אים

25) חינוך מצוה עב. מצוה תרו.

26) פרשתנו כו, ב.

27) פרש"י שם, ג.

28) פרש"י שם, ה.

29) פרשתנו שם.

30) חינוך מצוה תרו. וראה גם סהמ"צ להרמב"ם מ"ע קלב.

31) ל' אדה"ז בשו"ע או"ח מהדו"ב ס"א ס"ו. סידור אדה"ז לפני „מודה אני". ועוד.

32) סדר היום בתחלתו — הובא בבאה"ט או"ח ס"א סק"ה. שו"ע אדה"ז שם. מהדו"ק שם ס"ה.

33) תפלת העמידה בברכת מודים.

34) ברכות מח, ב. רמב"ם הל' ברכות רפ"א.

35) נוסח ברכה ראשונה דבהמ"ז.

36) בשער היחוד והאמונה בתחלתו.

איז אינגאַנצן אָפּהענגיק אין דעם שטענדיקן חסד פון דעם אויבערשטן[37].

אין מצות ביכורים געפינט מען אָבער אַ חידוש — אַ טיפערן און מער אַרומנעמענדיקן אויסדרוק פון אַנערקענונג און דאַנקבאַרקייט צום אויבערשטן[38]: דער איד ברענגט אַרויס זיינע דאַנקבאַרשאַפט־געפילן צום אויבערשטן פאַר די חסדים ניט בלויז בדיבור, נאָר ער דריקט עס אויס אין נאָך אַ שטאַרקערן אופן — אין מעשים: ער נעמט „מראשית כל פרי האדמה", און ברענגט עס אין בית המקדש, „תביא בית ה' אלקיך"[39], „אל המקום אשר יבחר ה' אלקיך לשכן שמו שם"[26], און לייגט עס אַוועק פאַר דעם אויבערשטן, „והנחתו לפני ה' אלקיך"[40].

וואָס דאָס דריקט אויס די פולע אַנערקענונג אַז „לה' הארץ ומלואה"[41], אַז אַלץ באַלאַנגט צום אויבערשטן: דער איד באַנוגנט זיך ניט מיט דער הכרה אַז דאָס וואָס ער פאַרמאָגט קומט צו אים בחסדי ה' וברכתו ית' — נאָר ער באַווייזט מיטן ברענגען די ביכורים אַז אויך נאָכן באַקומען דעם שפע פירות געהערן פירות (און אַלע זיינע נכסים) נאָך אַלץ צום אויבערשטן (ווייל „לה' הארץ ומלואה"), און דערפאַר ברענגט ער די „ראשית כל פרי האדמה" (דאָס ערשטע און בעסטע) „לפני ה' אלקיך", עס בלייבט אין רשות פון דעם אויבערשטן[42].

און די פעולה פון הבאת הביכורים „לפני ה' אלקיך" (באופן אַז עס בלייבט דאָרט) נעמט אַדורך נאָך טיפער דעם אדם המביא הביכורים — אַז ער זאָל נאָך מער אַנערקענען, דערהערן ביז דערפילן — ווי ער אינגאַנצן און אַלץ וואָס געפינט זיך ברשותו באַלאַנגט „לפני ה' אלקיך" — וואָרום דורך הבאת ביכורים (במעשה בפועל) ברענגט זיך אַרויס די אַנערקענונג ניט נאָר אין זיין מחשבה ודיבור (ווי דאָס איז דורך נתינת שבח והודאה אין ברכת המזון וכיו"ב), נאָר אויך אין זיין מעשה; דאָס נעמט דורך זיין גאַנצע מציאות אַלע זיינע „לבושים", ביז אַז די פעולה ומעשה נעמט דורך טיפער אויך זיין דיבור — „וענית ואמרת לפני ה' אלקיך", אַז ער זאָגט עס הויך („וענית ל' הרמת קול"[43]) און מיט שמחה[44], און זיין מחשבה וכוונה בזה[45].

ג. ויש לומר דער ביאור אין דעם[38*]:

חז"ל זאָגן[46] אַז אידן ווערן אָנגערופן „ביכורים", ווי עס שטייט[47] „כביכורה בתאנה בראשיתה ראיתי אבותיכם", און „קדש ישראל לה' ראשית תבואתה"[48], ווייל כשם ווי „ביכורים" (מלשון בכור) זיינען „ראשית פרי האדמה", ו„קדמו"

---

37) ראה בכ"ז גם מכתב ח"י אלול ש.ז. (נדפס בסה"ש תשנ"ב ח"ב ע' 515 ואילך).

38) בהבא להלן, ראה גם מכתב מוצש"ק פ' תבוא, כ"א אלול ש.ז. (סה"ש שם ע' 521 ואילך).

39) משפטים כג, יט. תשא לד, כו.

40) פרשתנו כו, י.

41) תהלים כד, א.

42) שנעשים כקדשי מקדש וניתנים לכהנים (ראה ביכורים פ"ג מי"ב. רמב"ם הל' ביכורים רפ"ג. וראה גם רמב"ם שם פ"ב הי"ט. ועוד).

43) פרש"י פרשתנו כו, ה. מסוטה לב, ב.

44) ספרי ופרש"י שם, יא. פסחים לו, ב. רמב"ם שם פ"ד הי"ג.

45) ראה חינוך שבהערה 30: האדם מעורר מחשבותיו ומצייר בלבבו האמת בכח דברי פיו, על כן בהיטיב אליו השם ברוך הוא ובברכו אותו . . ראוי לנו לעורר לבנו בדברי פיהו ולחשוב כי הכל הגיע אליו מאת אדון העולם כו'.

46) זח"ג רנג, א (ברע"מ). וראה זח"ב קכא, רע"א. — הובאו ונת' באוה"ת פרשתנו ע' תתרלג ואילך. שם ע' תתרלט ואילך. וראה סה"מ תרנ"ד ע' רפד ואילך. וראה גם אסת"ר פ"ט, ב.

47) הושע ט, י.

48) ירמי' ב, ג.

ביכורים לכל"[49] — אַזוי זיינען אידן די „ראשית" פון וועלט[50] — פריער און העכער פון אַלץ וואָס איז באַשאַפן געוואָרן — „מחשבתן של ישראל קדמה לכל דבר"[51]. ווי חז"ל זאָגן[52] אויפן פסוק[53] „בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ", אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן „בשביל ישראל שנקראו[48*] ראשית תבואתה".

און דאָס באַציט זיך ניט נאָר צו כללות נשמות ישראל למעלה אָדער כללות עם ישראל למטה, נאָר צו יעדן איינצלנעם אידן למטה, אנשים נשים וטף, ווי חז"ל זאָגן[54]: „כל אחד ואחד חייב לומר בשבילי נברא העולם", יעדער איד דאַרף זאָגן אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן צוליב אים.

כשם ווי די ביכורים בפשטות דאַרפן געבראַכט ווערן אין ירושלים און אַוועקגעלייגט ווערן אין בית המקדש, „לפני ה' אלקיך" — אַזוי איז אויך בנוגע צו אידן: זייענדיק די „ביכורים" פון וועלט, איז דער אמת'ער „אָרט" פון אידן, פון יעדער אידן, „לפני ה' אלקיך", אין בית המקדש. וואָרום די עיקר'דיקע און אמת'ע מציאות פון אַ אידן (אויך אַלס אַ נשמה בגוף למטה) איז זיין ג־טלעכע נשמה[55], וועלכע איז אַ „חלק אלוקה ממעל ממש"[56], ביז — בלשון הידוע[57] — „ישראל וקוב"ה כולא חד", און דעריבער, איז יעדער איד, אין וועלכן מצב ער זאָל זיך נאָר געפינען, פאַרבונדן און געבונדן מיט דעם אויבערשטן, און דערפאַר דאַרף ער זיך געפינען (אויך בגלוי) „לפני ה' אלקיך",

„לפני" — סיי בפירושו הפשוט: פאַר — בסמיכות צו דעם אויבערשטן, און סיי בפירושו הפנימי: מלשון פנימיות[58] — בפנימיות „ה' אלקיך", „ישראל וקוב"ה כולא חד". וואָרום הגם אַז די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן דורך דעם אויבערשטן, איז אָבער די וועלט באַשאַפן געוואָרן נאָר אַלס אַן אמצעי „בשביל ישראל שנקראו ראשית", ובמילא נעמט זיך עס ניט און עס דערגרייכט ניט אין דער פנימיות („לפני") הרצון והכוונה פון הוי' אלקיך; משא"כ ישראל זיינען „ביכורים" („ראשית") — דער תכלית איז אין זיי גופא[59], און אַלע אַנדערע זאַכן זיינען באַשאַפן געוואָרן „בשביל ישראל", וואָרום „ישראל וקוב"ה כולא חד", דעריבער זיינען זיי פאַרבונדן מיט „לפני (דער פנימיות פון) הוי' אלקיך"[60],

---

49) תרומות פ"ג מ"ז (וברע"ב שם בפירוש הא').

50) ראה ד"ה קדש ישראל לה' בלקו"ת פינחס עט, סע"ב ואילך. אוה"ת פינחס ס"ע א'רג ואילך. שם ע' א'ריב ואילך. סה"מ תר"ל ע' רה ואילך. המשך תרס"ו ע' תקח ואילך.

51) ב"ר פ"א, ד. וראה תדא"ר פי"ד.

52) פרש"י ר"פ בראשית. וראה גם תנחומא (באָבער) בראשית ג. ויק"ר פל"ו, ד.

53) בראשית א, א.

54) משנה סנהדרין לז, סע"א. וראה פיה"מ להרמב"ם בהקדמתו ד"ה דע כי הקדמונים חקרו.

55) ראה תניא רפל"ב. שעהיוה"א פ"ו (פ, סע"ב). רדב"ז לרמב"ם הל' ממרים פ"ב ה"ד.

56) תניא רפ"ב.

57) ראה זח"ג עג, א.

58) להעיר מתו"א משפטים עה, ג. תו"ח שם תט, רע"א. ועוד.

59) ראה לקו"ש ח"ב ע' 604. ח"ה ע' 246. ח"י ס"ע 235 ואילך. ח"י ע' 25.

— וגם הענין ש„אני נבראתי לשמש את קוני" (משנה ובריתא סוף קידושין), הנה מכיון שישראל וקוב"ה כולא חד, הרי זה גופא מה שנבראו לשמש את קונם, זהו המציאות שלהם (ראה לקו"ש ח"ה שם ובהערה 40). וראה (יתירה מזה) לקו"ש חכ"ד ע' 163 הערה 44.

60) ועוד יש לומר: „לפני הוי' אלקיך" — למעלה מהוי' אלקיך (ע"ד הפירוש ב„לפני הוי' תטהרו" (אחרי טז, ל) — אוה"ת דרושים ליוהכ"פ ע'

און ווי „הוי'" (מלשון מהווה[61]) ווערט „אלקיך" (לשון יחיד, ניט אלקיכם), „כחך וחיותך"[62] – וואָרום יעדער איד – אויך ווי ער געפינט זיך אַלס אַ נשמה בגוף למטה (שנתהוה משם הוי' ווי ער ווערט נתלבש אין אלקיך, כחך וחיותך) – איז בדרגת ביכורים, כנ"ל אַז „כל אחד ואחד חייב לומר בשבילי נברא העולם", און מ'איז ניט מחלק אין דעם צווישן איין איד און אַ צווייטן, נאָר „כל אחד ואחד" ממש – אפילו אַזאַ וואָס שטייט אין אַ נידעריקער דרגא (בחיצוניות) איז „חייב לומר בשבילי נברא העולם".

דערפון איז אויך פאַרשטאַנדיק, אַז דאָס וואָס אַ איד איז „לפני ה' אלקיך" דאַרף דורכדרינגען דעם גאַנצן לעבן פון אַ אידן בכלל, און אויך בפרט. אַ איד דאַרף פילן ווי יעדער פרט פון זיין לעבן איז אַן ענין פון „ביכורים" צו דעם אויבערשטן: ניט נאָר ווען ער איז אַריינגעטאָן אין ג-טלעכע ענינים, לימוד התורה און קיום המצוות, נאָר אפילו ווען ער איז באַשעפטיקט מיט וואָכעדיקע וועלט-זאַכן פון פרנסה וכדומה – איז וויבאַלד זיי זיינען דברי הרשות פון אַ אידן, געהערן אויך זיי צום ענין פון ביכורים, ובמילא דאַרפן זיי זיין דורכגענומען מיט דער פולסטער און העכסטער מאָס דערהויבנקייט און הייליקייט[63], ווי עס פאַסט פאַר אַ זאַך וואָס ווערט געטאָן „לפני הוי' אלקיך".

און אפילו ווען עס רעדט זיך וועגן אַן איין און איינציקע מחשבה, אַ דיבור אָדער אַ מעשה, וואָס זעט אויס מינדערווערטיק אין פאַרגלייך צו אַנדערע זיינע מחשבות, דיבורים און מעשים – איז זייענדיק אַ מחשבה, דיבור אָדער מעשה פון אַ אידן, איז דאָס אַ טייל פון „ביכורים" וואָס געהערט אין בית המקדש, „לפני הוי' אלקיך"!

און די הסברה בזה איז, כנ"ל: וויבאַלד אַז דאָס איז אַ טייל פון אַ אידן'ס לעבן – וואָס אַ איד איז „כולא חד" מיט דעם אויבערשטן, און ער איז ניט קיין מיטל (אמצעי) צוליב אַ צווייטע זאַך, נאָר די כוונה און תכלית איז אין אים גופא – איז פאַרשטאַנדיק, אַז אַזוי איז אויך בנוגע צו די פרטים פון זיין לעבן, אַז יעדער פרט וואָס אַ איד טוט, יעדער מחשבה דיבור אָדער מעשה שלו, און אין יעדער רגע בזמן און נקודה אין מקום וואו ער געפינט זיך – אפילו אַן איין און איינציקע און גאָר אַ קלייניקייט[64] (לפי ערך) – איז אַ טייל פון „ביכורים" וואָס שטייען „לפני ה' אלקיך" אין דעם „בית המקדש" („מקדש אד' כוננו ידיך"[65]), און אויך אין דעם רגע און אין דעם מקום (אפילו אויב דאָס איז נאָר אַ צייטווייליקע זאַך) האָט ער דעם חיוב זאָגן „בשבילי נברא (כל) העולם", וואָרום כל הענינים זיינען באַשאַפן געוואָרן צוליב די עבודה פון אַ אידן (במחשבה, דיבור אָדער מעשה) אין דעם זמן און אין דעם מקום מסויים דוקא –

ב'קלט), שהרי ישראל וקוב"ה כולא חד, למעלה משם הוי' (מלשון מהווה) ואלקיך (שם אלקים).

61) זח"ג רנז, סע"ב. פרדס שער א (שער עשר ולא תשע) פ"ט. שעהיוה"א רפ"ד.

62) ראה לקו"ת במדבר טו, רע"ד. שלח מ, ג. אוה"ת יתרו ע' תתצט ואילך. לקו"ש חי"ח ע' 191.

63) ראה גם לקו"ש חכ"ד ע' 622. ושנ"נ.

64) עפ"ז יומתק הדין (פאה רפ"א. ביכורים פ"ב מ"ג) שביכורים אין להם שיעור (מן התורה*), „אפילו אשכול אחד ואפילו גרוגרת אחת" (ספרי פרשתנו כו, ב).

65) בשלח טו, יז.

*) רמב"ם הל' ביכורים פ"ב הי"ז. — ויש סוברים שעיקר ביכורים אף מדבריהם אין לו שיעור (ראה אנציקלופדי' תלמודית בערכו (כרך ג ע' שה), ושנ"נ).

כידוע אַז „מה' מצעדי גבר כוננו"[66] (ע"ד „מקדש אד' כוננו ידיך"), [ביז אַז אַ איד האָט דעם כח ובעה"ב"ישקייט צו אויפטאָן אַ שינוי וחידוש אין דעם זמן ומקום — „ישראל דקדשינהו לזמנים"[67], ועד"ז בנוגע צו קידוש המקום (דורך בנין ביהכנ"ס וכיו"ב)].

ד. עפ"ז איז מובן דער אויפטו פון מצות ביכורים לגבי די אַנדערע אופנים אין הודאה ושבח לה':

דער פנימיות'דיקער ענין אין „ביכורים", אַז דאָס ברענגט אַרויס ווי די אמת'ע מציאות פון אידן איז איין זאַך מיט דעם אויבערשטן, און דעריבער זיינען אַלע זייערע פרטים „לפני ה' אלקיך" — שפּיגלט זיך אָפּ אין קיום מצות ביכורים בפשטות (דורך אידן), אַז דאָס איז ניט נאָר אַ הודאה בדיבור, נאָר אויך במעשה — אַז מ'ברענגט די פירות גשמיים „לפני ה' אלקיך" און זיי בלייבן ברשותו של הקב"ה, די גשמיות'דיקע פירות ווערן פאַרוואַנדלט אין קדושה[68], און דאָס נעמט דורך די מציאות פון דעם אידן המביא את הביכורים, במחשבה דיבור ומעשה שלו — אַז ער (דער איד) ווערט דער „זאָגער" (דער מקור) וואָס זאָגט און זינגט שבחו של הקב"ה — „וענית ואמרת לפני הוי' אלקיך", און אַלע אַרום, כולל דעם „כהן אשר יהי' בימים ההם"[69], און אויך דער אויבערשטער אַליין כביכול, שטייען און הערן זיך צו וואָס ער זאָגט,

ניט בלויז ווי דער יחס פון אַ בורא ונברא אַז דער נברא איז מודה לה' אויף די השפעת חיות וחסד, אָבער בורא מיט נברא בלייבן צוויי באַזונדערע זאַכן, כנ"ל.

דורך קיום מצות ביכורים, איז מען מגלה למטה אין עוה"ז התחתון, ווי אידן (זייענדיק נשמות בגופים) זיינען „ביכורים" („ראשית") פון דער גאַנצער וועלט, שבשבילם נברא כל העולם.

ה. דערפון איז מובן דער ענין כללי אין מצות ביכורים וואָס פאַרבינדט איר מיט כללות התומ"צ:

ביכורים ברענגט אַרויס דעם תכלית פון קיום כל התורה ומצוות — אַז ביי אַ איד, אויך ווי ער געפינט זיך אַ נשמה בגוף אין עוה"ז הגשמי, זאָל שטיין בגלוי ווי ער איז „ביכורים" („ראשית" פון דער גאַנצער וועלט) — זייענדיק איין זאַך מיט דעם אויבערשטן, „לפני הוי' אלקיך", „ישראל וקוב"ה כולא חד".

ו. נאָכמער ובעומק יותר:

דאָס וואָס אידן זיינען „ביכורים" — „מחשבתן של ישראל קדמה לכל דבר" — איז אפילו לגבי תורה. וואָרום הגם אַז „בראשית" — „ב' ראשית", „בשביל התורה שנקראת[70] ראשית דרכו ובשביל ישראל שנקראו ראשית תבואתה"[71], „שני דברים קדמו לעולם תורה וישראל, ואיני יודע איזה מהם קודם" — איז אָבער „כשהוא אומר צו את בני ישראל דבר אל בני ישראל אומר אני ישראל קדמו"[72], וויבאַלד אַז „כל התורה היא ציוויים לישראל"[73].

66) תהלים לז, כג. וראה „היום יום" י תמוז. ג אלול. יד חשון. ספר השיחות תשמ"ח ח"ב ע' 529 ואילך. וש"נ. וראה „היום יום" ח"י אלול תורת הבעש"ט בש"פ תבוא תרנ"ב עה"פ והי' כי תבוא גו'.

67) ברכות מט, א.

68) ראה בהנסמן בהערה 42.

69) פרשתנו כו, ג.

70) משלי ח, כב.

71) פרש"י שבהערה 52. וראה גם תנחומא (באָבער) בראשית ה.

72) ראה תדא"ר פי"ד (וראה ספר השיחות תשמ"ט ח"ב ע' 725 שוה"ג להערה 43).

73) סה"מ תש"ה ע' 121. וראה גם סה"מ ה'ש"ת ע' 61.

דער פירוש אין דעם איז אָבער ניט, אַז ישראל, ווי זיי זיינען קדמו ולמעלה מהתורה, האָבן קיין שייכות ניט ח"ו מיט תורה – כמובן פון דעם גופא וואָס דער איין וואָרט „בראשית" איז כולל „ב' ראשית", תורה וישראל. ד.ה. אַז אע"פ וואָס בגלוי זיינען תורה וישראל צוויי זאַכן, איז אָבער באמת ובעצם זיינען זיי איין זאַך: אידן זיינען פאַרבונדן מיט תורה („הם חיינו ואורך ימינו"[74]), און תורה איז פאַרבונדן מיט אידן („כל התורה היא ציוויים לישראל").

און דער פירוש אין דעם וואָס „ישראל קדמו" לתורה איז – ע"ד סיבה ומסובב כביכול: תורה איז געגעבן געוואָרן צוליב אידן (ציוויים לישראל), און דעריבער[75] איז פקו"נ דוחה כל התורה כולה[76], און ניט פאַרקערט. קיום התורה איז ניט שייך אָן אידן, מ'דאַרף האָבן אידן וועלכע זאָלן מקבל זיין און מקיים זיין די תורה (וועלכע איז „מורשה קהלת יעקב"[77]). משא"כ קיום ישראל איז שייך אפילו אויב איינער איז עובר אויף תומ"צ ח"ו – כמאחז"ל[78] „אע"פ שחטא ישראל הוא", וואָרום אידן זיינען העכער פאַר תורה [ווי דאָס דריקט זיך אויס בגלוי אין דעם ענין התשובה, אַז אפילו דער וואָס האָט עובר געווען ר"ל אויף תורה, קען ער תשובה טאָן, וואָרום זיין נשמה דערגרייכט אין אַן „אָרט" וואָס איז העכער פאַר תורה (כידוע[79] בענין „שאלו לתורה כו' שאלו להקב"ה כו' אמר יעשה תשובה ויתכפר לו"[80])].

וויבאַלד אָבער אַז תורה קומט צוזאַמען מיט ישראל („ב' ראשית") – נאָר בזה גופא – איז „ישראל קדמו"[81] – איז פאַרשטאַנדיק, אַז די עצם מציאות פון ישראל איז פאַרבונדן מיט תורה [וואָרום אידן זיינען פאַרבונדן בעצם מיט דעם אויבערשטן, און דעריבער אויך מיט – חכמתו ורצונו ית'[82] (תורה, וואָס אורייתא וקוב"ה כולא חד[83])], און דעריבער איז די מציאות פון ישראל אַליין (זייענדיק חד מיט קוב"ה) ברענגט אַ אידן צו קיום התורה בפועל ובגלוי, כפס"ד הרמב"ם[84] אַז דער רצון פנימי פון אַ אידן (אפילו אין אַ מצב וואָס יצרו תקפו) איז אַלעמאָל צו מקיים זיין רצון ה' („רוצה להיות מישראל ורוצה הוא לעשות כל המצות ולהתרחק מן העבירות").

נאָר ע"ד הרגיל – ווערט דער ענין גופא (ווי ישראל קדמו לתורה) נתגלה

---

74) נוסח ברכת אהבת עולם דתפלת ערבית – ע"פ ל' הכתוב (נצבים ל, כ) „כי הוא חייך ואורך ימיך".

75) ראה גם סה"ש תשמ"ט ח"א ע' 129 הע' 61.

76) ראה יומא פב, א. כתובות יט, א.

77) ברכה לג, ד.

78) סנהדרין מד, א.

79) ראה סה"מ תרכ"ט ע' שלח ואילך. תש"ה ע' 124 ואילך. ובכ"מ.

80) ילק"ש תהלים רמז תשב. ועוד.

81) ועפ"ז אולי יש לומר הפירוש בהקס"ד במדרש „(שני דברים קדמו לעולם תורה וישראל) ואיני יודע איזה מהם קודם" (אף שאומר אח"כ „כשהוא אומר צו את בני ישראל . . אומר אני ישראל קדמו") – שכן הוא גם לפי המסקנא (ש„איני יודע איזה מהם קודם"), כי ישראל ותורה חד הם, אלא שבחד גופא ישראל קדמו.

ועוד י"ל: בעבודה יש ב' סדרים, לפעמים תורה קודם לישראל ולפעמים ישראל קודם לתורה (כדלקמן בפנים), ולכן „איני יודע איזה מהם קודם" בסדר העבודה בפועל. אבל לפי שני האופנים הרי „ישראל קדמו" בשרשם למעלה.

82) ראה תניא פ"ד.

83) תניא פ"ד ורפכ"ג בשם הזהר. וראה הנסמן במאמרי אדהאמ"צ ויקרא ח"א ע' רפה. וראה זח"א כד, א. ח"ב ס, א. תקו"ז ת"ו (כא, ב). תכ"ב (סד, א). לקו"ת נצבים מו, א. ועוד.

84) הל' גירושין ספ"ב.

בפועל דורך תורה, וואָרום לויט דעם סדר העבודה ע"ד הרגיל לכתחילה (מצד „אדם ישר הולך") דאַרף אַ איד לערנען תורה און מקיים זיין אירע מצוות, און דורך דעם ווערט נתגלה די מעלה פון אידן; אָבער אויך לולא זה איז שייך עס זאָל זיין דער גילוי העצם פון אידן ווי זיי זיינען למעלה מתורה (ווי דאָס דריקט זיך אויס אין עבודת התשובה, כנ"ל). והביאור בזה:

בנוגע דעם לשון[57] „תלת קשרין[85] אינון מתקשרן דא בדא, קוב"ה אורייתא ו־ישראל", איז ידועה די שאלה[86]: דריי זאַכן פאַרבינדן זיך דורך צוויי קשרים. וואָס איז דער לשון „תלת קשרין"? איז איינער פון די ביאורים בזה[87]: נוסף צו דעם קשר פון ישראל מיט קוב"ה וואָס ווערט דורך אורייתא, איז אויך דאָ אַ קשר שלישי צווישן ישראל וקוב"ה — ווי ישראל זיינען העכער פאַר אורייתא, און אדרבה — זיי זיינען מחבר תורה מיט קוב"ה[88] (שלמעלה מהתורה).

דאָס הייסט, אין ישראל זיינען פאַראַן צוויי דרגות: (א) ווי נשמות ישראל זיינען יורד למטה אין אַ גוף בעולם הזה הגשמי, וואו זיי זיינען אַ „יש נברא ממש"[89], וואָס צוליב דעם העלם והסתר פון עולם, זעט זיך ניט אָן בגלוי זייער קשר מיט קוב"ה, און דעריבער דאַרף מען דאָס מגלה זיין דורך אורייתא — וואָס אויך זייענדיק למטה איז „אורייתא וקוב"ה כולא חד"; (ב) און דורך דעם (דער פאַרבונד פון ישראל מיט אורייתא) — ווערט נתגלה דער עצם פון ישראל, ווי „ישראל וקוב"ה כולא חד", ווי זיי זיינען קדמו און העכער פאַר תורה. וואָס דערפאַר האָבן אידן דעם כח צו משפיע זיין און מחדש זיין אין תורה[88], ביז זיי זיינען מחבר תורה וקוב"ה שלמעלה מהתורה (כנ"ל).

ויש לומר, אַז וויבאַלד אידן — אויך ווי זיי געפינען זיך למטה — זיינען „ביכו־רים", „לפני ה' אלקיך" — איז אויך למטה דאָ דער עצם פון אידן ווי זיי זיינען העכער פאַר תורה [און דאָס דריקט זיך אויס בגלוי אין דעם ענין התשובה, כנ"ל].

וכמובן אויך פון דעם מאחז"ל הנ"ל אַז „כל אחד ואחד חייב לומר בשבילי נברא העולם", וואָס דאָס איז כולל (בפשטות) יעדער איד, אפילו אַן עם־הארץ[90], וואָס האָט ניט קיין שייכות גלוי' צו תורה. [וכמרומז אין דעם לשון חז"ל: אפילו אין דער דרגא פון „נברא העולם" — וואָס איז געווען פאַר מתן תורה און פאַר דער ציווי אויף לימוד התורה — איז חייב לומר „בשבילי נברא העולם"].

ויש לומר אַז דאָס דריקט זיך אויס בנוגע לפועל בנוגע צו אַ תינוק וקטן בישראל (קודם שמתחיל לדבר ושייך ללימוד התורה בגלוי), ועד"ז אַ קטן בידיעות וואָס האָט נאָך ניט קיין שייכות גלוי' צו תורה (שלא באשמתו ח"ו, נאָר תינוק שנשבה לבין העכו"ם[91]) — אַז ווי־

---

85) „צ"ע דבזהר פ' אחרי דע"ג ע"א לא נא' הל' תלת קשרין כ"א תלת דרגין אינון דמתקשרין כו'. אמנם בודאי נמצא באיזה מקום בזהר או בתי' בל' תלת קשרין, וכפה"נ כ"ק רבינו אדמו"ר זצוקללה"ה נ"ע אמר בכל פעם בל' תלת קשרין כו' שכן נז' הלשון בכל הדרושים" — סה"מ תרנ"ז ס"ע כח.

86) סה"מ תרנ"ז שם.

87) לקו"ש חי"ח ע' 408. חי"ט ע' 264. סה"מ מלוקט ח"ג ע' קנה.

88) ראה לקו"ת שלח מז, רע"ג. סה"מ תש"ה ע' 123. וראה גם סה"מ מלוקט שם. ספר השיחות תשמ"ט ח"ב ע' 725.

89) סה"מ תש"ה שם.

90) ראה תו"כ ופרש"י עה"פ קדושים כ, ב (ד"ה עם הארץ): „עם שבגינו נבראת הארץ".

91) ראה רמב"ם הל' ממרים פ"ג ה"ג.

באַלד דער אויבערשטער האָט אים אַריינ־געשטעלט אין דעם מצב און ער איז אין דעם ניט שולדיק, איז הגם אַז ער האָט נאָך ניט קיין שייכות גלוי' צו תורה, איז אויך ער בדרגת „ביכורים", וואָס באַלאַנגט „לפני ה' אלקיך", שקדמו ולמעלה מכל עניני העולם, ואפילו קדמו לתורה, און אַלע ענינים זיינען באַשאַפן געוואָרן „בשבילו".

דאָס הייסט, אַז אין עבודת השם בפועל זיינען פאַראַן צוויי אופנים: (א) ע"ד הרגיל ווערט דער קשר פון ישראל וקוב"ה דורך אורייתא[92], וואָס דערפאַר איז „תלמוד תורה כנגד כולם"[93], און ס'איז אַ חיוב תמידי אויף יעדער איד צו לערנען תורה בכל רגע פנוי[94], ווייל אין דעם איז תלוי זיין קיום ומציאות. (ב) ווען עס רעדט זיך אָבער וועגן אַזאַ וואָס איז אין אַ מצב — שלא באשמתו — וואו ער האָט נאָך ניט קיין שייכות גלוי' צו תורה — איז ביי אים דאָ דער ענין פון „ביכורים", שבשבילו נברא הכל. ואדרבה — דאָס גופא ברענגט אים צו תורה, כנ"ל.

ז. ויש לומר אַז דער ענין כללי אין מצות ביכורים (דער גילוי פון מעלתם של ישראל — „ביכורים" — אויך בעוה"ז ה־גשמי, ביז מעלתם שקדמו לתורה) ברענגט זיך אַרויס אויך אין „מקרא ביכורים", די פרשה וואָס דער מביא הביכורים זאָגט: „וענית ואמרת לפני ה' אלקיך, ארמי אובד אבי וירד מצרימה גו' ויוציאנו ה' ממצרים גו' ויתן לנו את הארץ הזאת גו'"[95] — וואָס דאָס (ירידת יעקב למצרים און יציאת מצרים און די כניסה לארץ ישראל) זיינען ענינים כלליים פאַרבונדן מיט אַלע אידן בכל הדורות[96]:

דער תוכן הקריאה איז, אַז ניט קוקנ־דיק אויף דעם וואָס „ארמי אובד אבי", אַז יעקב האָט זיך געפונען באַ לבן'ען, וואָס „לבן ביקש לעקור את הכל כשרדף אחר יעקב כו'"[97], און דערנאָך („ועוד אחרים באו עלינו לכלותינו"[97]) „וירד מצרימה ויגר שם במתי מעט" („בשבעים נפש"[97]) — וואָס דאָס אַלץ איז געווען פאַר מתן תורה — איז ניט נאָר וואָס דאָס האָט ח"ו ניט אַנגערירט יעקב ובניו, נאָר אדרבה: „ויהי שם לגוי גדול עצום ורב"[95], סיי בכמות און סיי באיכות,

[אַנהויבנדיק נאָך בזמן יעקב, וואָס זכה אַז „מטתו שלימה"[98], ביז אַז ווען יעקב האָט אין דעם געהאַט אַ חשש, „אמרו לו בניו: שמע ישראל (ישראל סבא) ה' אלקינו ה' אחד, כשם שאין בלבך אלא אחד כך אין בלבנו אלא אחד, באותה שעה פתח יעקב אבינו ואמר ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד"[99] — אַז אויך זייענדיק אין מצרים, איז „אין בלבנו אלא אחד" — די שלימות האחדות מיט דעם אויבערשטן, „לפני ה' אלקיך"]:

און אויך דערנאָך — ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס „וירעו אותנו המצרים וגו'"[100], אין מיצרים וגבולים[101] פון עולם, איז

92) וי"ל שעל דרגא זו אחז"ל (חולין צב, א) „עלין שבה אלו עמי הארץ . . דאלמלא עליא לא מתקיימין אתכליא". ועפ"ז מובן שאין זו סתירה למאחז"ל הנ"ל ש„כל אחד ואחד חייב לומר כו'", שכולל בפשטות גם ע"ה.

93) פאה פ"א מ"א.

94) סנהדרין צט, א.

95) פרשתנו כו, ה ואילך.

96) כמאחז"ל בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים (משנה פסחים קטז, ב).

97) פרש"י עה"פ.

98) ויק"ר פל"ו, ה. פרש"י ויחי מז, לא. וראה פסחים נו, א. ועוד.

99) פסחים שם.

100) פרשתנו שם, ו.

101) ראה תו"א וארא נז, ב ואילך. בשלח סד, א־ב. יתרו עא, ג ואילך. ובכ"מ.

„ויוציאנו ה' ממצרים ביד חזקה ובזרוע נטוי' ובמורא גדול ובאותות ובמופתים", ביז „ויביאנו אל המקום הזה ויתן לנו את הארץ הזאת ארץ זבת חלב ודבש"[102] — ער האָט בוחר געווען אין אידן אַלס „ביכורים" פון דער גאַנצער וועלט[103]; און דעריבער ברענגען אידן — מדה כנגד מדה[104] — „ראשית פרי האדמה אשר נתתה לי ה' והנחתו לפני ה' אלקיך".

וואָס דאָס ברענגט אַרויס ווי אידן — אויך פאַר מתן תורה, איידער זיי האָבן באַקומען אַ שייכות גלוי' צו תורה ל־מטה[105] — זיינען בדרגת „ביכורים", שקדמו לכל דבר, אפילו לתורה, און דאָס קומט אַרויס בגלוי דורך דעם וואָס „ויהי שם לגוי גדול עצום ורב", און דערנאָך „ויוציאנו ה' ממצרים ביד חזקה ובזרוע נטוי' ובמורא גדול ובאותות ובמופתים", ביז „ויביאנו אל המקום הזה ויתן לנו את הארץ הזאת ארץ זבת חלב ודבש".

ח. עפ"ז איז אויך יומתק דער דין באַ ביכורים, אַז „הביכורים טעונין כלי"[106], כמ"ש[26] „ושמת בטנא", און בזה גופא איז דער דין, אַז „הביאם בכלי מתכות [ווי ס'איז געווען דער מנהג פון די עשירים אַז „מביאים ביכוריהם בקלתות של כסף ושל זהב"[107]] נוטל הכהן הביכורים וחוזר הכלי לבעליו, ואם הביאם בכלי ערבה וחלף וכיוצא בהן [כמנהג העניים[107]] הרי הביכורים והסלים לכהנים"[108]:

די[109] שלימות הגילוי פון מעלתן של ישראל בבחי' „ביכורים" באַשטייט אין דעם, אַז אויך ווי זיי שטייען אין אַ „כלי", אַ נשמה בכלי הגוף (מוגבל), ביז אפילו אין אַ כלי עני (אין עני אלא בדעת[110]), איז דאָרט ניכר ווי זיי זיינען „ביכורים". ואדרבה: „הביכורים טעונין כלי" — די ביכורים קומען „לפני ה' אלקיך" דוקא על ידי כלי.

ביז אַז דוקא אַ כלי פון דברים הכי פשוטים (פון עוה"ז התחתון שאין תחתון למטה ממנו) ווערט פאַראייניציקט מיט די ביכורים, אַזוי אַז „הביכורים והסלים לכהנים", אַז אויך דער כלי עצמו ווערט בדרגת „לפני ה' אלקיך".

און נאָכמער: דורך דעם ווערט אויפ־געטאָן עס זאָל זיין „ושמת בטנא", טנא ר"ת טעמים נקודות אותיות[111] — אַז מ'זאָל האָבן די שלימות פון תורה, נוסף צו די אותיות און די נקודות התורה — אויך די טעמי התורה, ובאופן פון „ושמת" די „ביכורים" — אַז דער איד „ליגט" ב־פנימיות אין (די טעמים נקודות אותיות פון) תורה.

ט. ע"פ הנ"ל וועט מען פאַרשטיין (בעומק יותר) די שייכות פון מצות ביכו־רים מיט דעם המשך הפרשה וועגן דעם

102) פרשתנו שם, ח־ט.

103) ועפ"ז יומתק המשך הכתובים שלאחרי זה (שם יח־יט) — „וה' האמירך (מלשון חשיבות, אעשה אתכם חטיבה אחת בעולם — ברכות ו, א) להיות לו לעם סגולה גו', ולתתך עליון על כל הגוים אשר עשה". וכן להלן כח, א.

104) ראה סוטה ח, ב. ט, ב. וש"נ. ועוד.

105) דאף שהאבות קיימו כל התורה כולה עד שלא ניתנה (ראה יומא כח, ב. קידושין פב, א), הי' זה ברוחניות ולא פעל זיכוך בחפצא הגשמית של העולם (ראה בארוכה לקו"ש חט"ז ע' 212 ואילך. וש"נ).

106) ל' הרמב"ם הל' ביכורים פ"ג ה"ז, מספרי פרשתנו כו, ב.

107) ביכורים פ"ג מ"ח.

108) רמב"ם שם ה"ח.

109) בהבא להלן, ראה בארוכה לקו"ש חכ"ט ע' 145 ואילך.

110) ראה נדרים מא, א.

111) מגלה עמוקות אופן נג. או"ת להה"מ פרשתנו (נו, ב). וראה גם ספר השיחות תשמ"ט ח"ב ע' 694.

ברית אויף כללות התומ"צ [נוסף על האמור לעיל (ס"ה), אַז ביכורים גיט אַרויס דער תוכן פון כל התומ"צ]:

„ביכורים" – די מעלה עצמית פון ישראל (שקדמו לתורה) – איז די התחלה און יסוד פון כל התורה והמצוות: צוליב דעם וואָס „ישראל וקוב"ה כולא חד", מאַכט דער אויבערשטער (לכתחילה) אַ כריתת ברית מיט אידן וואָס פאַראייניקט דעם אויבערשטן מיט אידן (ווי די אחדות פון די שני חלקי הברית), באופן גלוי אויך למטה, וואָס דאָס קומט אַרויס בפועל ובגלוי דורך דעם וואָס „ושמרתם את דברי הברית הזאת", אידן נעמען אויף זיך אָן און זיינען מקיים דעם אויבערשטנ'ס תורה ומצוות, „היום הזה ה' אלקיך מצוך לעשות את החוקים האלה ואת המשפטים ושמרת ועשית אותם בכל לבבך ובכל נפשך" (באופן אַז דאָס נעמט זיי אינגאַנצן דורך), אַזוי אַז מ'זעט בגלוי בעולם ווי „וה' האמירך היום להיות לו לעם סגולה גו' ולתתך עליון על כל הגוים אשר עשה לתהלה ולשם ולתפארת"[112].

י. דערמיט וועט מען אויך פאַרשטיין – בפרטיות יותר – די שייכות פון ביכורים צו דרשת רש"י עה"פ „היום הזה ה"א מצוך" – „בכל יום יהיו בעיניך חדשים כאילו בו ביום נצטוית עליהם"[113]:

מ'האָט פריער גערעדט (ס"ג), אַז וויבאַלד די תכלית אין אידן – זייענדיק „ביכורים" – איז אין זיי גופא, און אַלץ איז באַשאַפן געוואָרן צוליב זיי, איז דעריבער פאַרשטאַנדיק, אַז יעדער פרט אין דעם לעבן פון אַ אידן (אפילו אַזאַ וואָס האָט נאָך ניט אַ שייכות גלויי מיט תורה) – יעדער רגע אין זמן, יעדע נקודה אין מקום, יעדע איינציקע מחשבה, דיבור אָדער מעשה, האָט אַ תכלית אין זיך אַליין (און איז ניט קיין אמצעי צו אַן אַנדער זאַך), ד.ה. אַז ס'איז אַ דבר חדש לגמרי (מצד דעם תכלית וואָס דער פרט האָט אין זיך אַליין), אויף דעם איז חל דער חיוב פון זאָגן „בשבילי (בשביל פרט זה) נברא העולם", ד.ה. אַז אַלע עניני העולם, אַלע רגעים אין זמן וכו' זיינען נכלל אין דעם רגע אחד.

דערפון איז מובן, אַז דער כח צו אויפטאָן אַז „בכל יום יהיו (תומ"צ) בעיניך חדשים" (אע"פ וואָס ער האָט געטאָן די עבודה אויך לפני זה) – קומט דוקא פון אַ אידן („ביכורים"), וואָרום בנוגע צו כל עניני העולם – וויבאַלד אַז זיי זיינען ניט אַ תכלית פאַר זיך, נאָר אַן אמצעי צו אַן אַנדער זאַך (בשביל ישראל ובשביל התורה), קען דאָך זיין אַז אַ יום (ועאכו"כ אַ רגע) בזמן, זאָל זיין אַ המשך צו דער עבודה פון אַ יום שלפנ"ז, אָדער אַ הכנה ואמצעי צו אַ יום שלאחרי זה;

דוקא אידן האָבן דעם כח צו אויפטאָן „בכל יום יהיו בעיניך חדשים", אַ חידוש אמיתי [בדוגמא דער חידוש בכל יום ובכל רגע בהתהוות יש מאין ע"י הקב"ה עצמו[114]] און בכל יום, וואָס דאָס איז כולל אויך בכל רגע ורגע, אַזוי אַז דער רגע חדש ווערט אַ התחלה חדשה אין זיין עבודה בתומ"צ וועלכע איז אין זיך כולל אַלע רגעים עד סוף וסיום עבודתו,

בדוגמא ווי דוקא אידן האָבן בכח צו מחדש זיין אין תורה עצמה (זייענדיק קדמו לה), ביז אויך – אויפטאָן אַ חידוש אין דעם לומד התורה עצמו, אַז ער ווערט ווי אַן אדם חדש ממש (דורך זיין לימוד התורה), ובכל יום ורגע – באופן חדש.

---

112) פרשתנו כו, יח־יט.

113) כנ"ל ס"א.

114) ראה סה"מ עטר"ת ע' תמד. הש"ת ע' 117 ואילך.

יא. דערמיט וועט מען אויך פאַרשטיין דעם ביאור אין דעם שם הפרשה „תבוא":

אע"פ וואָס „תבוא (אל הארץ)" איז אַ הכנה והקדמה צו קיום המצוות אַריינקומענדיק אין ארץ ישראל — איז אָבער זייענדיק אַ פעולה וסדר העבודה פון אַ אידן, האָט דאָס („תבוא") גופא אַ תכלית פאַר זיך (נוסף לזה וואָס דאָס איז הקדמה להבא לאח"ז), וועלכע איז כולל (בפרט זה) אַלע עניני העבודה.

און דאָס איז אויך דער תוכן פון דעם וואָרט „תבוא" עצמו: אויך בהתחלת העבודה פון אַ אידן, ווען ער האַלט ערשט בײַ „תבוא" (נאָך איידער ער איז מקיים אַ מצוה) — דאַרף ער אין דעם „אַריינגיין" (תבוא) בפנימיות[115], וויסנדיק אַז אין דעם „תבוא" גופא באַשטייט זיין תכלית ה־עבודה ברגע זה, וואָס איז כולל — און גיט נאָר דעם כח — צו טאָן די עבודה שלאחרי זה: „וירשת וישבת בה", און די מצוה פון הבאת ביכורים ומקרא ביכורים, ביז — כללות קיום הברית בהמשך הפרשה.

ולהוסיף, אַז דער שם הפרשה „תבוא"[116] באַדייט אַז דער „תבוא" איז באופן ודאי (דאָס רעדט זיך ניט וועגן דעם ציווי צו אַריינגיין אין ארץ ישראל) — און דער „כי" גיט אַרויס דעם סדר ווי דאָס וועט זיין — אַז ס'איז אַ דבר ודאי אַז עס ווערט „תבוא אל הארץ וישבת וירשת בה", ובאופן פון „והי' כי תבוא" — אין והי' אלא מיד[117], ביז אַז מיד איז מען מקיים מצות ביכורים.

*

יב. דער ענין הנ"ל האָט אַ שייכות מיוחדת מיט חודש אלול — די צייט פון חשבון הנפש[118] אויפן פריערדיקן יאָר און פון צוגרייטונג צום קומענדיקן יאָר:

חודש אלול — ר"ת „אני[119] לדודי ודודי לי"[120] — איז אַ צייט ווען יעדער איד פילט זיך נאָענט צו דעם אויבערשטן, און אַ נאָענטקייט פאַרבונדן מיט אהבה און ליבשאַפט, ווי אונטערשטראָכן אין דעם אויסדרוק „דודי"[121]. און ווי דער באַוואוסטער משל פון דעם אַלטן רבי'ן[122], אַז אין חודש אלול איז דער אויבערשטער ווי אַ „מלך בשדה", „ואז רשאין (ויכולים[123]) כל מי שרוצה להקביל פניו והוא מקבל את כולם בסבר פנים יפות ומראה פנים שוחקות לכולם", און יעדערער קען ביי אים בעטן אַלץ וואָס ער דאַרף האָבן.

דערביי איז נאָכמער בהדגשה דער תוכן פון „ביכורים" — די התאחדות פון אידן מיטן אויבערשטן ומתוך קירוב ואהבה („דודי") צוליב די טייערקייט פון אידן בײַ דעם אויבערשטן; און דערצו זיינען ניטאָ קיינע תנאים, אַז מ'דאַרף זיין אַ תלמיד חכם, אַ לומד תורה אָדער אַ מקיים מצוות וכיו"ב, נאָר „כל מי שרוצה" קען אים מקבל פנים זיין און ער איז „מקבל את כולם בסבר פנים יפות". וואָס דאָס אונטערשטרייכט די מעלה עצמית

115) ראה לקו"ש חי"ט ע' 245.

116) ראה לעיל הערה 22.

117) ספרי ריש פרשתנו.

118) ראה סה"מ תרצ"ו ס"ע 141 ואילך. תרח"ץ ס"ע סו. סה"מ אידיש ע' 75. 129. וראה לקוטי מהרי"ל הל' ימים הנוראים. ל"ת להאריז"ל עה"פ ובכתה גו' ירח ימים (תצא כא, יג). טואו"ח ר"ס תקפא. לקו"ת פ' ראה לב, א.

119) שה"ש ו, ג.

120) אבודרהם סדר תפלת ר"ה ופירושה פ"א. סדר היום (בסדר ר"ח אלול). הנסמן בסה"מ מלוקט ח"ב ע' פב הערה 67.

121) ראה ב"ח לטור שבהערה 118.

122) לקו"ת שם.

123) הוספת־ביאור כ"ק מו"ח אדמו"ר בסה"מ ה'ש"ת ע' 167.

פון אידן — זייענדיק „ראשית תבואתה" פון דעם אויבערשטן — זיינען זיי פאַר־איינציקט מיט אים מיט אַ טיפער ליב־שאַפט (ניט קוקנדיק אויף זייער מעמד ומצב בגלוי ובחיצוניות).

און דאָס איז נאָכמער אונטערשטראָכן אין דעם וואָס „אני לדודי ודודי לי" (ר"ת אלול) הויבט זיך אָן מיט „אני" — דער עצם וועזן פון אַ אידן, ווי ער שטייט אין זיין „אני" (זיין מציאות), אין וועלכן מצב ער זאָל נאָר זיין — ציט ער זיך און פאַרבינדט זיך פון זיך אַליין (באתערותא דלתתא) מיט „דודי" (דעם אויבערשטן), און דאָס (דער „אני לדודי") דוקא ברענגט דערנאָך אויך דעם „ודודי לי", דער פאַרבונד און ליבשאַפט פון דעם אויבערשטן צו אידן. וכמ"ש[124] „כמים הפנים לפנים כן לב האדם לאדם": דורך דעם וואָס „לב האדם" התחתון גלוסט מיט ליבשאַפט „לאדם" העליון — „אני לדודי", ברענגט דאָס דערנאָך דער „ודודי לי" פון „לב האדם" העליון „לאדם" התחתון.

ויש לומר, אַז דאָס וואָס אַ איד (ווי ער שטייט אַלס „אני") האָט בכח דאָס אויפטאָן (ביז אויך מעורר זיין דעם „ודודי לי") — דריקט אויס זיין כח זייענדיק „ביכורים" וואָס שטייען „לפני ה' אלקיך", „ישראל וקוב"ה כולא חד"; און בכדי עס זאָל ניט זיין „נהמא דכיסופא"[125], קומט עס אַרויס דורך דעם וואָס אַ איד געפינט זיך למטה אין אַ וועלט וואָס איז מעלים ומסתיר אויף זיין שייכות גלוי' מיט דעם אויבערשטן, בכדי אַז ער — דורך זיין עבודה („אני") — זאָל דאָס מגלה זיין.

ביז אַז דאָס ברענגט אויך אַ שלימות אין קיום התומ"צ — ווי ס'איז אָנגעדייט אין די פינף ראשי תיבות פון „אלול" כנגד תורה עבודה וגמילות חסדים, תשובה וגאולה (כמדובר בשנים שעברו[126]) — כמרומז אין דעם וואָרט „לב"[127] (דער מקום משכן האהבה פון „דודי" (אהבה) — „לב האדם לאדם"), וואָס איז בגימטריא כ"ב בצירוף י', ויש לומר אַז דאָס איז כנגד די כ"ב אותיות התורה וואָס ווערן נתגלה דורך די עשר כחות הנפש פון אַ אידן, וואָס דורך דעם ווערט צוזאַמען — „לב" — ישראל אורייתא וקוב"ה כולא חד, וואָס דעמולט איז דאָ די שלימות גילוי ההתאחדות פון „לב האדם לאדם", „אני לדודי ודודי לי".

יג. דערפון האָט מען דעם לימוד לפועל — בנוגע צו דעם חשבון הנפש וואָס יעדערער דאַרף מאַכן אין חודש אלול אויף דער עבודה פון שנה שעברה, על מנת צו דערגענצן און משלים זיין דאָס וואָס האָט געפעלט אָדער איז ניט דערטאָן געוואָרן בשלימות: און אויך מאַכן די פאַסיקע הכנות צו דער עבודה פון שנה הבאה:

נעמענדיק אין באַטראַכט אַז יעדער איד איז „ביכורים" וועלכע דאַרפן געבראַכט ווערן „לפני הוי' אלקיך" אין בית המקדש, און דאָס דאַרף דורכנעמען זיין גאַנצן לעבן, אויך זיינע וואָכעדיקע זאַכן — ניט נאָר אין שבת'דיקע און יו"ט'דיקע טעג, ניט נאָר אין חודש אלול און חודש תשרי (המרובה במועדות[128]), נאָר במשך דעם גאַנצן יאָר — איז פאַר־שטאַנדיק וויפל ער דאַרף זיין אָפּגעהיט אין אַלץ וואָס ער טוט.

---

124) משלי כז, יט.

125) ראה ירושלמי ערלה פ"א ה"ג. לקו"ת צו ז, רע"ד.

126) לקו"ש חכ"ט ע' 272 ואילך. וש"נ.

127) ולהעיר, שהמשל דמלך בשדה הוא בלקו"ת דף לב.

128) ראה ב"י או"ח סתצ"ב (ד"ה ומ"ש). שו"ע אדה"ז שם ס"ב.

אפילו ווען עס רעדט זיך וועגן אַן איינציקע מחשבה, אַ דיבור אָדער אַ מעשה, וואָס זעט אויס מינדערוויערטיק אין פאַרגלייך צו אַנדערע זיינע מחשבות, דיבורים אָדער מעשים — אָבער ביים אַריינטראַכטנדיק זיך ווי געהעריק, אַז אויך די מחשבה, דיבור אָדער מעשה איז אַ טייל פון „ביכורים" וואָס ווערט געבראַכט אין בית המקדש, לפני ה' אלקיך — און דער כהן אשר יהי' בימים ההם גיט אַכטונג אויף זיין יעדער תנועה — וועט ער געוויס זיך באַמיען און אָנשטרענגען אַז יעדער מינדסטע זאַך, יעדער איינצלנער פרט פון זיין הנהגה, זאָל געטאָן ווערן מיט דער פולסטער אויפמערקזאַמקייט און אָפגעהיטנקייט.

אויב דאָס איז אַזוי בכל ימי השנה, וויפל נאָך שטאַרקער דאַרף זיין די אחריות און זהירות — צוזאַמען מיט דעם זכות — שטייענדיק אין חודש אלול, דער חודש החשבון פון דעם גאַנצן פאַריקן יאָר, און חודש הכנה צו דעם גאַנצן קומענדיקן יאָר, ובפרט אין די לעצטע צוועלף טעג פון חודש אלול וועלכע זיינען כנגד די י"ב חדשים, יום לחודש[129] — איז נאָכמער מובן, ווי מ'דאַרף האַלטן טייער יעדער רגע פון דעם טאָג (זייענדיק כנגד אַ גאַנצן חודש), אין מאַכן דעם געהעריקן חשבון הנפש און הכנה צו שנה הבאה!

ובפרט אַז נוסף צו דעם סגולה חודש פון אלול — איז דאָס אין יאָר תשנ"א, ר"ת הי' תהא שנת נפלאות אראנו, און אַ הכנה צו שנת תשנ"ב, ר"ת תהא שנת נפלאות בכל. ויש להוסיף בינה — מיט דער מעלה פון בינה לגבי חכמה (ראי', אראנו), און חיבור שניהם יחד — הבן בחכמה וחכם בבינה, כמבואר בכ"מ[130].

ונוסף אויף דער אייגענע עבודה בכל הנ"ל, דאַרף מען אויך זען משפיע זיין און איינווירקן אויף אַנדערע אידן אַרום עם, זיי זאָלן אויך טאָן זייער עבודה בשלימות אין חודש אלול, און בימי הסליחות, און דערנאָך אויך אין חודש תשרי.

ועוד ועיקר — מעורר זיין נאָכאַמאָל וועגן דער השתדלות צוצושטעלן די צרכי החג צו אַלע די וואָס דאַרפן דערצו אָנקומען, ולפני זה — די צרכים פון ראש השנה („אכלו משמנים ושתו ממתקים ושלחו מנות לאין נכון לו"[131]), און עד"ז אין די ימים שבינתיים און במשך גאַנץ חודש תשרי.

יד. אין דעם אַלעם קומט צו אַ לימוד מיוחד בנוגע צו דער גאולה, וואָס דאַרף קומען תיכף ומיד ממש (לויט אַלע סימנים):

די שלימות פון „תבוא אל הארץ" (און קיום מצות ביכורים בפשטות) וועט זיין אין דער גאולה האמיתית והשלימה, ווי ס'איז געווען „כימי צאתך מארץ מצרים"[132], ווי עס רעדט זיך בפרשת ביכורים.

ס'איז דאָך „מלא כל הארץ כבודו" — דער אויבערשטער מיט זיין שכינה איז אומעטום פאַראַן. נאָר אין דער וועלט סתם איז די ג־טלעכע קדושה אין אַן אופן וואָס דרינגט ניט דורך די גשמיות פון לאַנד, דערפאַר איז דאָרט ניטאָ מצות תרומות ומעשרות א.ד.ג. די ג־טלעכקייט בגילוי אין דער פעלד; דאַקעגן די קדושה פון ארץ ישראל נעמט דורך די גשמית'דיקע מציאות פון לאַנד, דער באָדן גופא פון ארץ־ישראל איז אַן „ארץ הקודש": ביז, אַז די קדושת הארץ לייגט אַרויף פאַרשידענע דינים אויפן ארץ (און גידולי הארץ).

מען קען דאָס פאַרשטיין דורך אַ ביישפיל פון דער נשמה מיטן גוף: עס זיינען פאַראַן אַזעלעכע נשמה ווירקונגען וועלכע בלייבן באַהאַלטן אין דעם פנימיות'דיקן וועזן פון דעם מענטשן און עס איז ניט קענטיק זייער השפעה אויפן קערפער; עס איז אָבער אויך פאַראַן אַן אופן וואָס די נשמה באַאיינפלוסט און באַווירקט אויך די גשמיות פון דעם גוף, ביז אַז דאָס איז קענטיק און מען זעט עס אין די אויסערלעכע פיזישע טיילן פון קערפער. אַזוי איז עס בנוגע דער קדושה פון ארץ ישראל: דאָס דריקט זיך אויס אין דער פנימיות און רוחניות פונעם ארץ, און דאָס דרינגט דורך אויך דעם אויסערלעכן טייל, דעם „קערפער" פון ארץ ישראל, די גשמיות פון לאַנד.

* * *

דער וואָרט פון רבותינו נשיאינו: **אגרות־קודש אדמו"ר מוהריי"צ נ"ע ח"א ע' תפה (בשם כ"ק אדמו"ר הצמח צדק). לקו"ש ח"ב ע' 621. וראה לקו"ש חי"ח ע' 404 בשוה"ג להערה 48.**

מאַך דאָ (אין חוץ־לארץ): **וגם בנ"י שבאה"ק אומרים בתפלה, שמדויקת בתכלית (טור או"ח סקי"ג) — גלינו מארצנו.**

פון די עיקר אונטערשיידן צווישן ארץ הקודש און חוץ־לארץ: **ראה גם — ע"פ חסידות — ההפרש בין השפעת השפע בארץ ישראל להשפעת השפע בחוץ לארץ — לקו"ת מסעי פט, ב ואילך. סה"מ תקס"ח ח"א ע' שנד ואילך. תרע"ח ע' שנב ואילך. תרצ"ו ע' 113 ואילך. ספר הליקוטים — דא"ח צ"צ ערך ארץ ישראל ס"י (ע' א'תקעג ואילך), ובהנסמן שם בשוה"ג.**

מלא כל הארץ כבודו: **ישעי' ו, ג.**

קדושת הארץ: **ראה אנציקלופדי' תלמודית כרך ב ערך ארץ ישראל (קדושתה ומצותי') ס"י ואילך (ס"ע ריג ואילך). וש"נ.**

עס פאַדערט זיך אַן ערקלערונג: אין וואָס באַשטייט די גרויסע מעלה פון דעם וואָס די קדושה איז קענטיק אויך אין גשמיות און חיצוניות? — דער עיקר איז דאָך, לכאורה, די רוחניות און פנימיות פון יעדער זאַך!

אין אמת'ן אָבער איז עס ניט אַזוי: דער עיקר מעלה איז דוקא ווען די פנימיות'דיקע און רוחניות'דיקע קדושה דרינגט דורך אויך די גשמיות פון וועלט.

ווי דאָס ווערט אונטערשטראָכן אין דער עבודה פון תורה ומצוות: דער עיקר פון אַ מצוה באַשטייט ניט (אַזוי) אין איר כוונה, אין דעם רוחנית'דיקן אינהאַלט פון דער מצוה, נאָר דוקא אין דער מעשה בפועל — דער קיום המצוה בגשמיות.

ווי דאָס ווערט קלאָר אַרויסגעבראַכט אין הלכה, אַז ווי דערהויבן און וויכטיק ס'איז די כוונת המצוות — ווי דער באַוואוסטער מאמר התורה, אַז קיום המצות בלא כוונה איז „כגוף בלא נשמה" — דאָך, ווען איינער זאָל אין געדאַנק דורכטראַכטן אַלע כוונות פון אַ מצוה, אָבער ער וועט דערביי ניט טאָן די מצוה בפועל ממש, האָט ער ניט מקיים געווען די מצוה (אפילו ניט קיין טייל פון דער מצוה). דאַקעגן ווען איינער טוט די מצוה בפועל, און האָט ניט דערביי קיין כוונה — האָט ער יוצא געווען די מצוה (בדיעבד).

און דער אַלטער רבי ערקלערט אין ספר תניא קדישא דעם טעם דערפון, ווייל „נתאוה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים" **— דער אויבערשטער האָט (כביכול) „געגלוסט" צו האָבן אַ וואוינונגס־אָרט אין דעם תחתון (נידעריקייט) פון דער וועלט — און דאָס ווערט אויפגעטאָן דורך דעם וואָס אַ איד דינט דעם אויבערשטן דורך און מיט דער גשמיות פון עולם הזה, וואָס דערמיט פאַרוואַנדלט ער די תחתונים, די גשמיות פון וועלט, אין אַ דירה פאַר דער שכינה. און דאָס איז דער עיקר ציל און תכלית פון קיום המצוות: דורך קיום המצות בגשמיות דוקא ווערט דורכגעפירט די כוונה פון בריאת העולם, אַז די וועלט ווערט אַ דירה פאַרן אויבערשטן.**

* * *

ווי דאָס ווערט אונטערשטראָכן אין דער עבודה פון תורה ומצוות: **בהבא להלן ראה בארוכה תניא פ' לז־לח.**

ווי דאָס ווערט קלאָר אַרויסגעבראַכט אין הלכה: **ראה כמה דוגמאות בתניא רפל"ח. וראה בהנסמן ב„מראי מקומות" לפסוקים ומחז"ל לתניא שם (קה"ת תשמ"ז).**

ווי דער באַוואוסטער מאמר התורה . . „כגוף בלא נשמה": **ראה תניא שם. של"ה רמט, סע"ב. וראה בהנסמן במפתח פסוקים ומחז"ל בתניא (קה"ת תשמ"ה) ע' צ הערה 11.**

אין ספר תניא קדישא: **פל"ו ואילך.**

נתאוה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים: **ראה תנחומא נשא טז. בחוקותי ג. במדב"ר פי"ג, ו. תניא רפל"ו.**

אַ טיפערן ענין אין דער מעלה פון גשמיות קען מען פאַרשטיין פון דעם וואָס אויך שכר מצות איז פאַרבונדן דוקא מיט די גשמיות פון עולם הזה.

ס'איז באַוואוסט דער פסק דין פון רמב"ן — אין וואָס עס באַשטייט דער תכלית השכר:

כאָטש לויטן רמב"ם איז דער העכסטער שכר — גן עדן, וואָס דאָרטן געפינען זיך נשמות בלא גופים, ס'איז אַ רוחניות'דיקער אָרט, און ווי דער רמב"ם איז מבאר, אַז ס'איז כלל ניט צו פאַרגלייכן די רוחנית'דיקע דערהויבנקייט פון אַ נפש וואָס איז אָנגעטאָן אין אַ גשמית'דיקן גוף, צו דער הויכקייט און רוחניות'דיקן עילוי וואָס זי דערגרייכט בעת זי געפינט זיך אין גן עדן, אויסגעטאָן פון גוף.

אָבער דער רמב"ן וועלכער איז געוועזן נאָכן רמב"ם און געלערנט רמב"ם וכו' פסק'נט, אַז דער תכלית השכר איז דוקא אין דער צייט פון תחיית המתים, ווען די נשמות וועלן צוריק אַראָפּקומען אין עולם הזה און זיך ווידער אָנטאָן אין גשמיות'דיקע גופים. און הלכה כבתראי ובפרט בענין זה.

מ'דאַרף אָבער פאַרשטיין: עס איז דאָ אַן עילוי נפלא אין דער עבודה פון אַ אידן אויסצואיידלען די גשמיות פון וועלט און זי פאַרוואַנדלען אין אַ דירה פאַרן אויבערשטן — אָבער ווי קען מען פאַרשטיין און באַנעמען אַז דעם העכסטן ג־טלעכן שכר פון עולם הבא זאָל די נשמה באַקומען דוקא זייענדיק אָנגעטאָן אין אַ גשמיות'דיקן גוף און געפינענדיק זיך אין עולם הזה הגשמי?

איינער פון די ביאורים אין דעם איז, אַז דוקא אַ גשמיות'דיקער נברא האָט אין זיך אַזאַ הויכן ג־טלעכן כח, וואָס איז ניטאָ אפילו אין די הויכע רוחניות'דיקע וועלטן. וואָרום נאָר דער אויבערשטער בעצמו (הוא לבדו ית') האָט דעם כח און די יכולת צו

רמב"ן: בשער הגמול בסופו (בהוצאת שאוועל — ע' שט).

רמב"ם: הל' תשובה פ"ח ה"א־ב. פירוש המשניות שלו לסנהדרין פ' חלק ד"ה ועתה אחל.

נשמות בלא גופים: ולדעת הרמב"ם על זה קאי מה שארז"ל (ברכות יז, א) „העולם הבא אין בו לא אכילה ולא שתי'". ולדעת הרמב"ן קאי מחז"ל זה על עולם התחי'.

און ווי דער רמב"ם איז מבאר: בהל' תשובה שם ה"ו. פירוש המשניות שם.

הלכה כבתראי: ראה רי"ף סוף עירובין. ועוד. וכן הוא גם בנוגע לפוסקים — מהרי"ק שורש פד. ועוד. — וראה בפרטיות אנציקלופדי' תלמודית ערך הלכה כבתראי. וש"נ.

ובפרט בענין זה: ראה לקו"ת צו טו, ג. דרושים לשבת שובה סה, סע"ד. סהמ"צ להצ"צ מצות ציצית (דרמ"צ יד, ב). הנסמן ב„תשובות וביאורים" (קה"ת תשל"ד) סי' יא הערה 23 (ע' 8־57). ובאוה"ת חוקת (ס"ע תתטו. שם כרך ה ע' א'תרלז) כתב: ואדמו"ר נ"ע (אדה"ז) בכל הדרושים הזכיר רק דעת הרמב"ן לבד.

איינער פון די ביאורים אין דעם: סהמ"צ להצ"צ שם (יד, ב ואילך).

דער אויבערשטער בעצמו (הוא לבדו ית') . . דעם כח . . יכולת צו באַשאַפן . . יש מאין: אגרת הקודש סי' כ (קל, ב).

באַשאַפן אַ דבר גשמי, אַ יש מאין — און די מעלה וואָס איז דאָ אין גשמיות דוקא, וועט אַנטפּלעקט ווערן אין דעם זמן פון תחיית המתים.

* * *

ויש לומר אַז דאָס איז דער אינהאַלט פון דעם אויבנדערמאָנטן וואָרט פון רבותינו נשיאינו „מאַך דאָ ארץ ישראל": די מעלה פון ארץ ישראל איז, ווי געזאָגט, וואָס איר קדושה נעמט דורך די גשמיות פון לאַנד; און די שליחות פון אידן אין חוץ לארץ איז, אַז זיי זאָלן אָט דעם עילוי פון ארץ־הקודש אויפטאָן אין חוץ לארץ, אַז די קדושה פון ג־ט־לעכקייט זאָל דורכדרינגען אויך די גשמיות פון דעם טייל פון וועלט וואָס די השגחה עליונה האָט פאַר זיי באַשטימט.

און דערצו פאָדערט זיך אַ ספּעציעלער כח און אנשטרענגונג — „מאַך דאָ ארץ ישראל", ווי דאָס קומט צום אויסדרוק אויך אין דער אויסגעטיילטקייט פון קומענדיקן יאָר, אַז אין חוץ לארץ איז נויטיק פיל מער התחזקות (דריי פאַכיקע „חזקה") אין דער „חזקה" פון דריי קדושה'דיקע טעג, בכדי די קדושה פון די הייליקע טעג זאָל אינגאַנצן דורכנעמען און דורכדרינגען די גשמיות'דיקע מציאות פון חוץ־לארץ.

ויש לומר אַז דאָס איז אויך געמיינט אין מאמר חז"ל, אַז לעתיד לבא „עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות" (ארץ ישראל וועט זיך אויסשפּרייטן אין אַלע לענדער). ווייל דעמאָלט, ווען אידן וועלן פאַרענדיקן זייער עבודה צו מאַכן פון וועלט אַ דירה פאַר דעם אויבערשטן, דורך מברר זיין, אויסאיידלן די גשמיות פון וועלט און אַריינברענגען די קדושה־ליכט אין גשמיות, וועט די קדושה פון ארץ ישראל זיך פאַרשפּרייטן אין אַלע לענדער פון דעם ארץ.

* * *

ויש לומר אַז ענלעך צו דעם אויבנדערמאָנטן חילוק, איז אויך דער אונטערשייד צווישן די צוויי ספּעציעלע טעג פון ח"י אלול און כ"ה אלול:

בנוגע צום טאָג פון ח"י אלול — דער געבורטסטאָג פון שני המאורות הגדולים:

די מעלה . . אין גשמיות דוקא: וגם זה הוא מהטעמים והמעלות שבמצוות מעשיות דוקא (נוסף על המבואר לעיל, ע"פ תניא ח"א פל"ז) — ראה אגה"ק שם בסיום האגרת (קלג, א): ואחרי הדברים והאמת האלה דעת לנבון נקל להבין ע"י כל הנ"ל גודל מעלת המצות מעשיות כו'. וראה לקו"ש חט"ז ע' 43 ואילך.

די מעלה . . וועט אַנטפּלעקט ווערן אין דעם זמן פון תחיית המתים: המשך וככה תרל"ז ספצ"א. סה"מ תרח"צ ע' ריט. ובכ"מ.

עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות: ראה פסיקתא רבתי פ' שבת ור"ח. יל"ש ישעי' רמז תקג. הנסמן ב„מראי מקומות" ללקו"ת (הוצאת קה"ת ה'תשד"מ ואילך) מסעי פט, ב. נתבאר בלקו"ת, סה"מ תקס"ח ותרע"ח דלעיל הערה ד"ה פון די עיקר אונטערשיידען.

דער בעל־שם־טוב (אין יאָר נח"ת) און דער אַלטער רבי בעל התניא והשלחן־ערוך (אין יאָר קה"ת) — איז באַוואוסט דער וואָרט, אַז „ח"י אלול ברענגט לעבן (חי) אין אלול".

דער חיות פון ח"י אלול איז אַ רוחניות'דיקער חיות, אַ נשמה חיות וואָס איז פאַרבונדן מיט עניני אלול: תשובה, חשבון הנפש, עבודת התפלה אד"ג.

דער אויפטו פון כ"ה אלול איז פאַרבונדן מיט גשמיות, כ"ה אלול איז יום ראשון למעשה בראשית, דער ערשטער טאָג פון באַשאַף, אין דעם טאָג איז געווען בראשית ברא אלקים, די בריאה יש מאין פון דעם עולם גשמי.

* * *

ויהי רצון אַז יעדער איינער און איינע, בתוך כלל ישראל, זאָל טאָן אין דעם אויבנדערמאָנטן ענין, צו פאַרשטאַרקן און פאַרשפרייטן אידישקייט און הייליקייט אין טאָג־טעגלעכן לעבן, בא זיך און אַרום זיך, אין דער פולסטער מאָס, און דאָס וועט צוגעבן נאָך מער אין דער כתיבה וחתימה טובה אין אַלע הינזיכטן, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, ואדרבה — בעיקר בגשמיות,

ביז צו דער עיקר'דיקער ברכה, די גאולה האמיתית והשלימה דורך משיח צדקנו, מצאתי דוד עבדי בשמן קדשי משחתיו, ויוליכנו קוממיות לארצנו הקדושה, אַלע דריי סוגים: כהנים לויים ישראלים,

---

איז באַוואוסט דער וואָרט: **שיחת ח"י אלול ה'תש"ה (לקו"ד כרך ג ע' 946. סה"ש ה'תש"ה ע' 122).**

כ"ה אלול איז יום ראשון למעשה בראשית: **ויק"ר רפכ"ט. פסיקתא דר"כ פיסקא כג (בחודש השביעי). יל"ש עה"פ (פינחס כט, א) ובחודש השביעי (רמז תשפב). תוד"ה לתקופות — ר"ה ח, א. וראה פרקי דר"א רפ"ח ובהגהות הרד"ל שם. — ושמים וארץ וכל תולדותיהם נבראו ביום ראשון (פרש"י עה"פ בראשית א, יד).**

כ"ה אלול . . די בריאה יש מאין פון דעם עולם גשמי: **דזהו החילוק בין כ"ה אלול לר"ה, שבכ"ה אלול הו"ע בריאה מאין ליש גשמי, ובר"ה הו"ע בריאה מאין ליש רוחני — לקו"ת נצבים מז, א. מאמרי אדהאמ"צ דברים ח"ג ע' תתמ.**

בראשית ברא אלקים: **בראשית א, א.**

ברא . . די בריאה יש מאין: **ראה רמב"ן עה"פ בראשית שם: ואין אצלנו בלשון הקודש בהוצאת היש מאין אלא לשון ברא.**

אין דער פולסטער מאָס: **ראה כתובות סז, רע"א.**

בעיקר בגשמיות: **להעיר, אשר עיקר הדין* ומשפט בר"ה הוא על דברים גשמיים — הגהות מיימוניות לרמב"ם הל' תשובה פ"ג ה"ג (אות א') בשם הרמב"ן (בשער הגמול), הובא בלקו"ת דרושים לר"ה נט, ב.**

מצאתי דוד עבדי בשמן קדשי משחתיו: **תהלים פט, כא.**

כהנים לויים ישראלים: **יש לומר: דוד (ישראל), עבדי (לויים) בשמן קדשי משחתיו (כהנים). ועצ"ע.**

---

*) **עיקר הדין:** כ"ה בלקו"ת ר"ה שנסמן בההערה (אף שבהגמ"י, שהועתק בלקו"ת שם „אין אדם נידון כו' אלא לעניני העולם הזה").

תיכף ומיד ממש, ובלשון הכתוב: יחיינו מיומיים ביום השלישי יקימנו ונחי' לפניו — **די כתיבה וחתימה טובה פון ועמך כולם צדיקים, און צדיקים נכתבין ונחתמין** לאלתר **לשנה טובה.**

בכבוד ובברכת כתיבה וחתימה טובה

לשנה טובה ומתוקה בגשמיות וברוחניות

גם יחד

ובלשון הכתוב: **הושע ו, ב. וראה לקו"ת דרושים לר"ה רד"ה יחיינו (סג, סע"ב), ד"יחיינו מיומים" קאי על ב' ימים של ר"ה ו"ביום השלישי הוא יום כיפור".**

ועמך כולם צדיקים: **ישעי' ס, כא.**

צדיקים נכתבין ונחתמין לאלתר: **ר"ה טז, סע"ב.**

בגשמיות וברוחניות גם יחד: **ראה לקוטי לוי"צ אגרות ע' רצג. וראה שיחת ש"פ ואתחנן, שבת נחמו ה'תש"נ (סה"ש ה'תש"נ ח"ב ע' 606 ואילך).**

ב"ה, יום ג' פ' האזינו השמים
ג' סליחות, ה'תש"נ
ברוקלין, נ.י.

אל בני ובנות ישראל
בכל מקום שהם
ה' עליהם יחיו

שלום וברכה!

געפינענדיק זיך איצט אין די טעג פון סליחות, נאָך נעענטער צו ראש־השנה, און אין די סליחות טעג גופא — ביום השלישי שהוכפל בו כי טוב, וואָס דאָס אַלץ אונטערשטרייכט נאָך מער דעם ציווי להעלות בקודש (שטייגן אין קדושה) —

איז נויטיק אַריינצוטראַכטן טיפער אין דעם ענין וואָס איז באַרירט געוואָרן אין די פריערדיקע בריוו, אַז דער קומענדיקער יאָר טיילט זיך אויס דערמיט וואָס ער הויבט זיך אָן מיט אַ „חזקה" פון דריי קדושה־טעג נאָכאַנאַנד, און אַז אין חוץ לארץ ווערט אָט די „חזקה" איבערגע'חזר'ט דריי מאָל (במשך דעם חודש תשרי):

וואָס דער פנימיות'דיקער אינהאַלט דערפון איז, אַז די „חזקה" פון די קדושה־טעג גיט אַ התחזקות אין דער עבודה פון „מאַך דאָ ארץ ישראל", אַז ביי יעדן אידן, וואו ער זאָל זיך נאָר געפינען, זאָל די ג־טלעכקייט־קדושה דורכדרינגען אויך די גשמיות'דיקע ענינים (זיינע אייגענע און די אַרומיקע), ענלעך צו דער קדושה פון ארץ הקודש, וואָס נעמט דורך די גשמיות פון לאַנד.

* * *

אייגנטלעך, זיינען פאַראַן חילוקים אין דער קדושה פון ארץ ישראל גופא. וואָרום,

---

פ' האזינו: להעיר מהידוע בענין לימוד שירת האזינו ע"י כאו"א כו' (ראה ספר השיחות ה'תש"א ס"ע 56. ס' התולדות מהר"ש ע' 74. ס' הזכרונות לכ"ק מו"ח אדמו"ר פכ"ט, ממהר"ל מפראג בזה).

ג' סליחות: ראה רשימת כ"ק מו"ח אדמו"ר למאמר ג' סליחות ה'תרנ"ה־ה'תש"ה (נדפסה בהוספות לסה"מ תרנ"ה ע' תמג־ד ה'תש"ה ע' 6־225). וראה לקו"ש חי"ד ע' 348.

די טעג פון סליחות: ראה מכתב מוצש"ק ימי הסליחות ה'תשמ"ב הערה ד"ה ימי הסליחות (הא' והב') — לקו"ש חכ"ד ע' 616. וראה מכתב עש"ק שבת סליחות ה'תשמ"ה הערה ד"ה אין די לעצטע טעג פאַר ר"ה (לקו"ש חכ"ט ע' 521).

השלישי: יום שהוא גם ערב והכנה ליום הרביעי שבו נתלו המאורות (חגיגה יב, א) שהם מקור האור.

ביום השלישי שהוכפל בו כי טוב: פרש"י עה"פ בראשית א, ז, מב"ר פ"ד, ו (ובפרש"י שם — דגם העבר נעשה טוב). ובאוה"ת (בראשית לג, א ואילך. ועוד): בסה"מ תרנ"א ס"ע קצג: במכתב כ"ק אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע (נדפס בסה"מ ה'תש"ט ע' 19 (השני). אגרות־קודש שלו ח"א ע' קלו) — מקשר זה עם מחז"ל (קידושין מ, א) טוב לשמים וטוב לבריות.

דעם ציווי: שהוא גם נתינת כח, שהרי „איני מבקש לפי כחי אלא לפי כחן" — במדב"ר פי"ב, ג.

דעם ציווי להעלות בקודש: ברכות כח, א. וש"נ. ירושלמי ביכורים פ"ג ה"ג. זח"ג קסב, ריש ע"ב. וראה לקו"ש חי"ג ע' 250 הערה ד"ה להעלות בקודש.

הגם אַז די הייליקייט פון ארץ ישראל איז אַ נצחיות'דיקע, דאָך געפינען זיך חילוקים מזמן לזמן אין דער קדושה וואָס ברענגט אַ חיוב מצוות אויפן ארץ און גידולי הארץ (ווי תרומות ומעשרות א.ד.ג.): די שלימות פון קדושת הארץ איז דאָ נאָר ווען כל יושבי' עלי', ווען זי איז באַזעצט פון אַלע צוועלף שבטים, וואָס נאָר דעמאָלט איז יובל נוהג. משא"כ אינעם זמן ווען אַ טייל שבטים זיינען פאַרטריבן געוואָרן אין גלות דורך סנחריב (ובא סנחריב ובלבל את העולם), האָט דאָן געפעלט אין דער אויבנדערמאָנטער קדושה ובמילא בטלו היובלות.

כשם ווי דאָס איז בנוגע צו ארץ ישראל אין פשטות, אַז איר פולקאָמע קדושה איז פאַרבונדן דערמיט וואָס אין איר געפינען זיך אַלע חלקים פון כלל ישראל, אַלע י"ב שבטים — אַזוי איז אויך אין דער רוחניות'דיקער עבודה פון „מאַך דאָ ארץ ישראל" ביי יעדן אידן: צו דער פולקאָמער קדושה דערגרייכט אַ איד דוקא ווען אַלע טיילן פון זיין נשמה (בלשון המדרש: נפש רוח נשמה חי' יחידה) ווערן ביי אים אַנטפלעקט און קומען צום אויסדרוק אין עבודת השם, ביז אין מעשה בפועל.

אין קלערערע ווערטער (און מער בפרטיות): עבודת השם דאַרף זיין סיי מיט די אַנטפלעקטע כוחות הנפש — וועלכע ווירקן אַז די מחשבות דיבורים און מעשים (טראַכטן, ריידן און טאָן) אין תורה ומצות (נפש), זאָלן זיין מיט די האַרץ־געפילן פון אהבת ה' ויראתו (רוח), זייענדיק באַגרינדעט אויף זיין גרונטיקן פאַרשטאַנד אין תורת ה' ומצוותיו (נשמה) — און סיי מיט די העכערע, מיט די באַהאַלטענע כוחות (חי' יחידה), וואָס קומען צום אויסדרוק אין דער מסירת נפש עבודה פון תורה ומצות, מיט דער

די הייליקייט פון ארץ ישראל איז אַ נצחיות'דיקע: ראה אנציקלופדי' תלמודית כרך ב ערך ארץ ישראל (קדושתה ומצותי') ס"י (ע' ריד). וש"נ.

חילוקים . . אין דער קדושה וואָס ברענגט אַ חיוב מצוות אויפן ארץ: ראה אנציקלופדי' תלמודית שם סי"א־יב (ע' רטו ואילך). וש"נ.

נאָר ווען כל יושבי' עלי' . . נאָר דעמאָלט איז יובל נוהג: ערכין לב, סע"ב. רמב"ם הל' שמיטה ויובל פ"י ה"ח.

באַזעצט פון אַלע צוועלף שבטים: ולדעת הרמב"ן גיטין (לו, א ד"ה ומי איכא מידי) אינו נקרא כל יושבי' עלי' עד דאיכא רוב כל שבט.

אינעם זמן ווען אַ טייל שבטים זיינען פאַרטריבן געוואָרן אין גלות . . בטלו היובלות: ראה ערכין ורמב"ם שם: משגלו שבט ראובן ושבט גד וחצי שבט המנשה בטלו יובלות.

דורך סנחריב: במדב"ר בסופו. רש"י ערכין שם. וראה בפירוש מהרז"ו שם.

ובא סנחריב ובלבל את העולם: ראה יומא נד, א. מסכת ידים פ"ד מ"ד.

בלשון המדרש: ב"ר פי"ד, ט. וראה קונטרס עניינה של תורת החסידות הערה 37.

נפש רוח נשמה חי' יחידה: בכמה מקומות (ודפוסים) הוא בשינוי סדר. אבל בסדר הזה (נרנח"י) הוא בעץ חיים שער מב (שער דרושי אבי"ע) פ"א. שער הגלגולים בתחלתו. ובכ"מ.

עבודת השם דאַרף זיין סיי מיט די אַנטפלעקטע כוחות הנפש . . און סיי מיט די העכערע . . באַהאַלטענע כוחות: וע"ד הידוע בענין מה שאמר ריב"ז (ברכות כח, ב) איני יודע באיזו דרך מוליכין אותי — לקו"ת ויקרא (הוספות) נ, סע"ד. ד"ה אשרנו תרצ"ו (סה"מ תרצ"ו ע' 50 ואילך), ובהגסמן שם (ע' 49) הערה 1. ועוד.

חי' יחידה . . מסירת נפש: ראה תניא פי"ח. וראה סה"מ מלוקט ח"ב ע' קסו, ובהערה 97 שם.

שטאַרקסטער איבערגעגעבנקייט, העכער פון אַלע חשבונות און באַגרענעצונגען פון שכל און מדות.

און בשעת די עבודה פון אַ אידן צו „מאַכן דאָ ארץ ישראל" איז אינעם העכסטן אופן פון „כל יושבי' עלי'", אַז אַלע חלקי הנפש זיינען אריינגעטאָן אין דער עבודת השם – ווערט ביי אים אַנטפּלעקט די פולקאָמע קדושה פון דער נשמה, וועלכע איז אַ חלק אלקה ממעל ממש.

* * *

דער אויבנדערמאָנטער ענין ווערט אויך אָנגעדייט אין דער וועכנטלעכער פרשה אין תורה, וואָס לויט דער קביעות פון דעם יאָר קומט אויס ראש־השנה אין דער וואָך פון פ׳ האזינו.

פרשת האזינו הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: האזינו השמים גו׳ ותשמע הארץ גו׳. ביידע ווערטער, „האזינו" און „תשמע" האָבן דעם באַדייט פון הערן (פאַלגן), ס׳איז אָבער דאָ אַן אונטערשייד צווישן זיי אין דעם אופן פון דעם הערן: „האזינו" מיינט אַן איינהערן זיך צו רייד וואָס ווערן געזאָגט פון נאָענט (האזינו איז פון לשון אזנים, אויערן – דהיינו, בשייכות צו ווערטער וואָס ווערן אַריינגערוימט אין אויער), און תשמע באַציט זיך צו רייד וואָס מ׳הערט פון ווייטן.

לויט דער באַדייטונג פון די צוויי ווערטער, וואָלט דאַך געפּאַסט צו נוצן זיי אין אַ פאַרקערטן סדר: בנוגע די הימלען, וועלכע זיינען ווייט, האָט געדאַרפט שטיין שמעו שמים: און בשייכות צו דער ערד וואָס איז נאָענט – האזיני ארץ, ווי מ׳געפינט עס טאַקע אַזוי אין דעם לשון פון ישעי׳ הנביא: שמעו שמים והאזיני ארץ.

און די ערקלערונג אין דעם:

ווען אַ איד דינט דעם אויבערשטן מיט אַלע טיילן פון זיין נשמה (אין דעם אופן פון כל יושבי׳ עלי׳) ביז עס ווערט ביי אים פולקאָם אַנטפּלעקט די קדושה פון זיין חלק אלקה ממעל ממש, דעמאָלט זיינען אים די הימל׳שע רוחניות׳דיקע קדושה־ענינים נאָענט, און די ערדישע ענינים – ווייט: האזינו – השמים, ותשמע – הארץ.

דערפאַר האָט ישעי׳ הנביא געזאָגט מיטן לשון שמעו שמים והאזיני ארץ, ווייל אין זיין צייט איז שוין ניט געווען דער מצב פון כל יושבי׳ עלי׳, צען שבטים האָבן שוין גולה געווען פון ארץ ישראל ובמילא האָט געפעלט אין דער פולקאָמער קדושה פון אידן און

חלק אלוקה ממעל ממש: תניא רפ״ב. ובאגה״ת פ״ד (צג, סע״ב) ורפ״ה (צה, א) מביא ע״ז הפסוק „כי חלק הוי׳ עמו" – פרשתנו לב, ט.

האזינו . . פון נאָענט . . תשמע . . פון ווייטן: ספרי עה״פ.

האזינו איז פון לשון אזנים: ראב״ע עה״פ. ועוד.

אין דעם לשון פון ישעי׳ הנביא: ישעי׳ א, ב. וראה ספרי שם.

די ערקלערונג אין דעם: עוד ביאור בזה – ראה מכתב כ״ה אלול ה׳תשמ״ג (לקו״ש חכ״ד ע׳ 630).

ארץ־ישראל — האָט ער, אין זיין נבואה־רייד צו אידן, געזאָגט שמעו שמים, היות די הימל'שע קדושה איז ניט אַזוי נאָענט.

* * *

ס'איז באַוואוסט, אַז לעתיד לבא וועט ארץ ישראל צוריקקערן זיך צו איר פריערדיקן דערהויבענעם שלימות'דיקן צושטאַנד פון כל יושבי' עלי' ווי זי איז געווען בזמן בית ראשון, און נאָך מער ועיקר: זי וועט צוקומען צו אַ פיל פיל גרעסערער און העכערער שלימות, דורך דער פאַרברייטערונג פון ארץ ישראל (אויך) בגשמיות — ירחיב ה' אלקיך את גבולך, אַז אין צוגאָב צו ארץ שבעה אומות, וועט זי אויך איינשליסן ארץ קיני קניזי וקדמוני (ווי צוגעזאָגט צו אברהם אבינו אין ברית בין הבתרים), אין סך־הכל — עשר אומות.

דער רוחניות'דיקער אינהאַלט פון דעם ענין — וואָס לעתיד לבוא וועט ארץ ישראל כולל זיין אויך די דריי אומות פון קיני קניזי וקדמוני — איז, אין קורצן:

די זיבן פעלקער פון ארץ כנען דייטן אָן אויף די זיבן מדות, און די דריי פעלקער וואָס אידן וועלן איינעמען לעתיד לבוא זיינען מרמז אויף די דריי שכל־כוחות פון חכמה בינה דעת.

אויף דעם איצטיקן זמן איז דאָ דער אָנזאָג צו באַזעצן און באַהערשן די לאַנד פון די זיבן אומות, בדוגמא ווי בעבודה איז איצט דער (עיקר) עבודה פון אַ אידן צו ענדערן און אויסאיידלען זיינע זיבן מדות; און די עבודה פון די דריי כוחות פון שכל, איז בעיקר צוליב פועל זיין אויף די מדות (און צוליבן קיום התורה ומצוות בפועל ממש) — דע את אלקי אביך **צוליב** ועבדהו בלב שלם;

אָבער לעתיד לבוא, ווען יעדער ענין פון עבודת ה' וועט זיין מיט דער פולסטער שלימות, איז אין צוגאָב צו דעם וואָס די דריי שכל־כוחות פון דער נשמה וועלן זיין אַ ווירקונגס־כח אין דער עבודה פון מדות, וועלן זיי אַליין (אויך, ובעיקר) זיין אַן עבודה

ירחיב ה' אלקיך את גבולך . . ארץ קיני קניזי וקדמוני: **ראה יב, כ ובספרי עה"פ. שופטים יט, ח ובפרש"י עה"פ.**

קיני קניזי וקדמוני: **ראה אנציקלופדי' תלמודית שם (הארץ וגבולותי') ס"ו (ע' רה). וש"נ.**

ווי צוגעזאָגט . . אין ברית בין הבתרים: **לך לך טו, יט. וראה פרש"י עה"פ, מב"ר פמ"ד, כג.**

דער רוחניות'דיקער אינהאַלט פון אָט דעם ענין . . איז, אין קורצן: **בהבא להלן ראה בארוכה ד"ה אל תצר את מואב לכ"ק אדהאמ"צ (מאמרי אדהאמ"צ דברים ח"א ע' ג ואילך).**

דע את אלקי אביך . . ועבדהו בלב שלם: **דברי הימים־א כח, ט. וראה תניא פמ"ב (נט, א). קו"א ד"ה להבין מ"ש בפע"ח (קנו, ב).**

לעתיד לבוא . . פולסטער שלימות . . עבודה פאַר זיך: **דנוסף לזה שאז יהיו כל נרנח"י בגלוי (כל יושבי' עלי'), יהי' גם „(יחידה) ליחדך", יחיד שלך (ראה ע"ח ש' דרושי אבי"ע פ"א, הובא בלקו"ת ראה כז, א), שהוא למעלה יותר מכללות של כל העשר. ומצד זה, כל פרצוף הוא (גם) ענין בפ"ע: מוחין בפ"ע, וכן בכתר, נוסף על כתר השייך למוחין (אריך), גם כתר מועתק בפ"ע (עתיק).**

פאַר זיך — **צו פאַראייניקן זיך מיט ג־טלעכקייט דורך דער פולשטענדיקער פאַראייניקונג** (יחוד נפלא) **פון זיין שכל מיט חכמתו ית'.**

* * *

שוין גערעדט פיל מאָל, אַז אין די לעצטע טעג פון גלות, גיט דער אויבערשטער צו „פאַרזוכן" פון די הויכע „גילויים" וואָס וועלן זיין לעתיד לבוא, על דרך ווי דער דין אין הלכות שבת, אַז ערב שבת נאָך חצות איז מען טועם (פאַרזוכט) פון די מאכלי שבת, און פון יעדן תבשיל ותבשיל, וואָס אויף דעם ווערט געזאָגט: טועמי' חיים זכו.

דאָס זעלבע איז בנוגע דער אויבנדערמאָנטער תכלית השלימות לעתיד לבוא דורך אַריינעמען אין ארץ ישראל אויך ארץ קיני קניזי וקדמוני, וואָס אין עבודה רוחניות איז עס די שלימות אין די דריי שכל־כוחות פון חכמה בינה דעת — אַז דער אויבערשטער גיט צו „פאַרזוכן" פון דער עבודה אין דעם „ערב שבת" פון דער גאולה העתידה לבוא;

וואָס אָט די „טעימה" קומט צום אויסדרוק אין דער פאַרווירקלעכונג פון יפוצו מעינותיך חוצה, **אין דער הפצה פון תורת חסידות חב"ד (חכמה בינה דעת), דורך וועלכער מען קען און מען איז מקיים בזמן הזה די „מצוה רמה ונשאה" פון** דע את אלקי אביך **אין דער פולסטער מעגלעכער מאָס, ביז מען דערגרייכט דורך דעם צו די „מעיינות" פון תורה, די „נפלאות" פון תורתך.**

* * *

ויהי רצון, אַז יעדער איינער און איינע, בתוך כלל ישראל, זאָל אויסנוצן די כוחות וועלכע זיינען זיי צוגעטיילט געוואָרן אויף דורכצופירן די הוראה „מאַך דאָ ארץ ישראל**", און אין אַ שלימות'דיקן אופן פון** כל יושבי' עלי', **מיט אַלע טיילן פון זיין נפש, ביז צו דער העכסטער שלימות אין ארץ ישראל, ארץ עשר אומות, אויך די עבודה פון חב"ד (חכמה בינה דעת),**

יחוד נפלא: **תניא פ"ה (ט, ב).**

שוין גערעדט פיל מאָל: **ראה לקו"ש חט"ז ע' 282 ואילך. ח"כ ע' 173.**

דער דין אין הלכות שבת: **מג"א או"ח הל' שבת סר"נ סוסק"א. שו"ע אדה"ז שם סעיף ח. וראה בהנסמן בלקו"ש ח"כ שם הע' 13.**

אויף דעם ווערט געזאָגט טועמי' חיים זכו: **שער הכוונות ענין טבילת ערב שבת, פע"ח שער יח רפ"ג, ועוד כנסמן בלקו"ש ח"כ שם.**

אין דעם „ערב שבת" פון דער גאולה העתידה לבוא: **ראה שיחת ש"פ וארא, ר"ח שבט תש"נ (סה"ש ה'תש"נ ח"א ע' 254) ובהערות שם.**

יפוצו מעינותיך חוצה: **ראה אגה"ק דהבעש"ט, נדפסה גם בכתר שם טוב בתחלתו.**

הפצה: **גם בהאדם עצמו, עד אשר — „הויתיו" ע"י „ידעתיו" (עיקרים מ"ב ספ"ל. מדרש שמואל לאבות פ"ו מ"ז. וראה מו"נ ח"א פנ"ח).**

די „מצוה רמה ונשאה" פון דע את אלקי אביך: **קו"א שם. — בקו"א שם: מצוה רבה ונשאה. וראה ב„לוח התיקון" לשם שצ"ל „רמה", כבפנים.**

מעינות: **לשון רבים, גם דלמעלה מחכמה — יחידה, ולמעלה מזה — „ליחדך" בגלוי (ראה לעיל הערה ד"ה לעתיד לבוא . . פולסטער שלימות).**

און דורך דעם וואָס אַלע צען נשמה־כוחות ווירקן בשלימות אין אַן אַנטפּלעקטן אופן, איז מען זוכה צו אַ נאָך העכערער און שלימות'דיקער אַנטפּלעקונג פון דעם חלק אלקה ממעל ממש **— דער** „איתן" פון דער נשמה, **די אומבויגזאַם־האַרטע פעסטע גייסטיקע שטאַרקייט וואָס איז פאַראַן באַ אַ אידן, וואָס קיין זאַך אין וועלט קען איר ניט ענדערן און אָפּשוואַכן: דער כח פון פולסטער מסירת נפש.**

וואָס דאָס איז די עבודה וועלכע ברענגט די גאולה העתידה, וואָס איז אַ גאולה נצחית שאין אחרי' גלות**, פאַרבונדן מיטן** בית המקדש השלישי**, וועלכער וועט זיין** אַ בית נצחי, מקדש אדנ־י כוננו ידיך, ה' ימלוך לעולם ועד.

בכבוד ובברכת כתיבה וחתימה טובה
לשנה טובה ומתוקה בגשמיות וברוחניות גם יחד
בטוב הנראה והנגלה

שלימות'דיקער אַנטפּלעקונג פון דעם חלק אלקה ממעל ממש: **נוסף על „יחידה", גם „ליחדך", כנ"ל בהערות.**

דער „איתן" פון דער נשמה: **בהבא להלן ראה בארוכה מכתב י"א ניסן ה'תש"נ, ובהנסמן בהערות שם (סה"ש ה'תש"נ ח"ב ע' 8־737).**

גאולה נצחית שאין אחרי' גלות: **תוד"ה ה"ג ונאמר — פסחים קטז, ב (ממכילתא עה"פ בשלח טו, א. יל"ש ישעי' ס, א — רמז תצט).**

בית המקדש השלישי . . בית נצחי: **„וכבר הי' לעולמים מעין זה בשעת מתן תורה [„ביום השלישי" — יתרו יט, טז. וראה שבת פח, א] . . שעל כל דיבור פרחה נשמתן [שבת שם, ב (ושם „יצתה")] . . אלא שהחזירה הקב"ה להן בטל (ממשות — ע"ד מאור) [כתובות קיא, ב ע"פ גירסת היל"ש ואתחנן רמז תתכד. ובכתובות לפנינו „אור תורה". וראה סה"מ תרכ"ז ע' תלא] שעתיד להחיות בו את המתים והוא טל תורה" (ל' התניא ספל"ו).**

אַ בית נצחי: **זהר ח"א כח, א. ח"ג רכא, א. תקו"ז תיקון ח.**

מקדש אדנ־י כוננו ידיך, ה' ימלוך לעולם ועד: **בשלח טו, יז־יח. וראה פרש"י עה"פ שם, יז. פרש"י ותוס' סוכה מא, סע"א. תוד"ה אין — שבועות טו, ריש ע"ב. ועוד.**

לשנה טובה ומתוקה: **ראה לקוטי לוי"צ אגרות־קודש ע' שיא ואילך.**

ב"ה. יום שלישי שהוכפל בו כי טוב,
פרשת וזאת הברכה אשר ברך משה,
ששי לחודש השביעי, שנת תנש"א
ברוקלין, נ.י.

אל בני ובנות ישראל
בכל מקום שהם
ה' עליהם יחיו

שלום וברכה!

פותחין בברכה, ברכת חתימה וגמר חתימה טובה צו יעדערן און יעדערע, בתוככי כלל ישראל שליט"א.

קומענדיק פון די ראש־השנה טעג און דעם שבת־קודש (שבת שובה) וועלכער קומט תיכף נאָך זיי, פאָדערט זיך נאָך מער צו פאַרטיפן זיך אין דעם וואָס האָט זיך גערעדט אין די פריערדיקע בריוו, אַז דער היינטיקער יאָר צייכנט זיך אויס גלייך ביים אָנהויב מיטן חזקה־מספר פון שלש (דריי):

די צוויי טעג ראש־השנה, דער „קאָפּ" פון יאָר, האָבן תיכף אַריינגעפירט אין שבת־קודש, אַזוי אַז דער יאָר האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער „חזקה" פון דריי נאָכאַנאַנדיקע קדושה־טעג; און נאָכמער: במשך דעם חודש תשרי (אותיות רשית – דער חודש הכללי פון גאַנצן יאָר) קומט די „חזקה" צום אויסדרוק (אין חוץ־לארץ) דריי מאָל: אויך נאָך די

יום שלישי שהוכפל בו כי טוב: פרש"י עה"פ בראשית א, ז (מב"ר פ"ד, ו). וראה מכתב ג' סליחות ה'תש"נ הערה ד"ה זה (לעיל ע' 871).

ששי לחודש השביעי: יום הסתלקות של אמי מורתי הרבנית הצדקנית מרת חנה ע"ה בת הרה"צ וכו' הרב מאיר שלמה ע"ה ז"ל, נסתלקה שבת תשובה בעת עלות המנחה שנת תשכ"ה. ולהעיר שהשנה מלאו עשרים ושש שנים מיום ההסתלקות – מספר שם הוי'.

לחודש השביעי: המשובע בכל (ויק"ר פכ"ט, ח), והמשביע ברוב טוב לכל ישראל על כל השנה – „היום יום" כה אלול. כתר שם טוב (הוצאת קה"ת) הוספות סי' לא. ושי"נ. וראה גם ד"ה יו"ט של ר"ה ה'תש"י בתחלתו. וראה מכתב ר"ח מרחשון ה'תשמ"ג (לקו"ש ח"כ ע' 555), ובהערות שם.

פותחין בברכה: ע"פ פתיחת אגרת הראשונה באגה"ק שבתניא. וראה מכתב עש"ק ח"י אלול ה'תשד"מ הערה ד"ה זה (לקו"ש חכ"ד ע' 641).

שבת שובה: ראה לקו"ש חי"ד (ע' 144 הערה 9) מקורות לב' השמות „שבת תשובה", „שבת שובה".

אין די פריערדיקע בריוו: דמוצש"ק ח"י אלול, מוצש"ק כ"ה אלול וג' סליחות – תש"נ (לעיל ע' 859. 864. 871).

ראש־השנה, דער „קאָפּ" פון יאָר: לקו"ת דרושים לר"ה נח, א־ב. ובכ"מ.

תשרי (אותיות רשית: בעה"ט עה"פ („מרשית השנה" חסר א' כתיב – עקב יא, יב). אוה"ת סוכות ע' א'תשנו. סה"מ תר"ל ע' רפז. תרנ"ו ע' רעז. ועוד.

דער חודש הכללי פון גאַנצן יאָר: ראה מאמרי אדה"ז תקס"ו ע' שעט. אוה"ת סוכות שם. ברכה ע' א'תתסו. סה"מ תרנ"ד ע' לו. תרנ"ו ע' רעח. ה'תש"ב ע' 49. ועוד.

אין חוץ־לארץ: וקשור גם עם אה"ק, ע"פ תורת הצ"צ (הובאה באגרות־קודש אדמו"ר מוהריי"צ נ"ע ח"א ע' תפה) „מאַך דאָ ארץ ישראל".

ערשטע טעג סוכות, ובמילא אויך נאָך די לעצטע טעג, שמיני עצרת און שמחת תורה, קומט גלייך דער יום השבת־קודש.

* * *

די הדגשה אויף דעם מספר שלש, געפינט מען אויך אין ראש־השנה גופא, ווי רז"ל זאָגן אַז די עבודה פון ראש־השנה באַשטייט פון דריי ענינים: אמרו לפני בראש השנה מלכיות, זכרונות, ושופרות (זאָגט פאַר מיר, אין ראש־השנה, פסוקים פון מלכיות, זכרונות און שופרות).

איינע פון די ערקלערונגען אין דעם איז:

די עבודה פון ראש־השנה איז דער ראש, יסוד פון עבודת השם פון דעם גאַנצן יאָר. ראש־השנה איז די צייט ווען אַ איד נעמט אויף זיך די מלוכה פון דעם אויבערשטן, וואָס קבלת עול מלכות שמים איז דער אָנהייב און יסוד פון קיום התורה והמצוות, ווי חז"ל זאָגן קבלו מלכותי ואחר כך אגזור עליכם גזירות (נעמט אָן אויף זיך מיין מלכות, דערנאָך וועל איך אייך געבן גזירות).

און ראש־השנה איז דאָך אויך אַ דערמאָנונג אויפן טאָג פון מתן־תורה, ווי מיר זאָגן אויספירלעך אין די פסוקי שופרות. די עבודה פון ראש־השנה, קבלת עול מלכותו ית', ברענגט צו קבלת עול מצוות, דער אינהאַלט פון מתן תורה און קבלת התורה.

וכשם ווי תורה איז איינגעטיילט אין (און פאַרבונדן מיט) דעם מספר פון שלש, ווי אונזערע חכמים ז"ל זאָגן, אַז תורה איז אוריאן תליתאי (אַ דרייפאַכע: תורה נביאים

סוכות: ולהעיר, אשר סוכות הוא רגל השלישי, והוא כנגד יעקב (טאו"ח סתי"ז. זח"ג (רע"מ) ק, ב) השלישי והמשולש שבאבות (ראה פרש"י עה"פ האזינו לב, ט: יעקב חבל נחלתו, והוא השלישי באבות, המשולש בשלש זכיות כו' כחבל הזה שהוא עשוי בג' גדילים וכו'. ובספרי עה"פ: מה חבל זה משולש כו' הי' יעקב שלישי לאבות כו' וחוט המשולש).

ווי רז"ל זאָגן: ר"ה טז, א. שם לד, ב.

דריי ענינים . . מלכיות, זכרונות, ושופרות: ולהעיר, שכל אחד מהם הוא משולש — שלשה פסוקים מן התורה, ושלשה פסוקים של כתובים (תהלים), ושלשה מן הנביאים (ר"ה לב, סע"א. רמב"ם הל' שופר פ"ג ה"ח. טושו"ע (ודאהדה"ז) או"ח הל' ר"ה סתקצ"א ס"ד (ס"ז)) — ג' פעמים ג'.

קבלת עול מלכות שמים . . דער אָנהייב און יסוד: ראה תניא רפמ"א: ראשית העבודה ועיקרה ושרשה כו'.

ווי חז"ל זאָגן: ראה מכילתא (ויל"ש) עה"פ יתרו כ, ג. פרש"י עה"פ אחרי יח, ב. ולהעיר מברכות יג, א (במשנה): שיקבל עליו עול מלכות שמים תחלה ואח"כ מקבל עליו עול מצוות. וראה המשך יו"ט של ר"ה ה'תש"ג פכ"ו (סה"מ ה'תש"ג ע' 69).

ראש־השנה . . אַ דערמאָנונג אויפן טאָג פון מתן־תורה: ראה רס"ג, הובא באבודרהם טעמי התקיעות (הענין השלישי), שאחד מהטעמים דתק"ש הוא להזכיר מעמד הר סיני. ולהעיר מהמשל בענין תק"ש „מהרה"ג החסיד מהרלי"צ ז"ל מבאַרדיטשוב" (קדושת לוי ר"ה צו, א) — הובא ונתבאר בהמשך וככה תרל"ז פרק ע (ע' קיא ואילך). סה"מ מלוקט ח"א ע' תכו. שם ע' תלד ואילך.

ווי אונזערע חכמים ז"ל זאָגן: שבת פח, א וכפרש"י שם. ובארוכה — תנחומא יתרו י. ר"נ גאון לשבת שם.

וכתובים), און איז געגעבן געוואָרן צו עם תליתאי (צו די דריי סוגים פון אידישן פאלק: כהנים לוים וישראלים),

אַזוי איז אויך די גרונט־עבודה און תפלה פון ראש־השנה, קבלת עול מלכות שמים, איינגעטיילט און אויסגעשטעלט אין דריי ענינים, מלכיות זכרונות ושופרות.

* * *

דער פאַרבונד פון ראש־השנה מיט דעם מספר „שלש" געפינט מען אויך אין דער הפטרה פון ערשטן טאָג ראש־השנה, וואָס אַנטהאַלט אין זיך די נבואה פון חנה.

עס איז באַוואוסט דער רמז, אַז די דריי אותיות פונעם נאָמען „חנה" דייטן אָן אויף די דריי מצוות וועלכע זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן, הויפּטזעכלעך און צום אַלעם ערשטן, צו נשי ישראל (און וואָס אויך דער נאָמען פון יעדער איינער פון די דריי מצוות באַשטייט פון דריי אותיות): חלה, נדה, ה(דלקת ה)נר.

די דריי מצוות — וואָס דאָס זיינען (אין זייער אַלגעמיינעם באַדייט): קדושה (כשרות) דהאכילה ושתי', טהרת המשפחה, און הדלקת נרות שבת־קודש ויום טוב — שטעלן מיט זיך פאָר, ווי באַוואוסט, די דריי הויפּט־זיילן אויף וועלכע די אידישע היים און דער אידישער פאַמיליע־לעבן זיינען געבויט און באַגרינדעט, און זיי זיינען

די גרונט־עבודה און תפלה פון ראש־השנה, קבלת עול מלכות שמים: ראה מכתב עש"ק ח"י אלול ה'תשמ"ג הערה ד"ה אַלגעמיינע נקודה וכו' (לקו"ש חכ"ד ע' 621).

מלכיות זכרונות ושופרות: ראה ר"ה (לב, סע"א) ב' הדיעות: כנגד תורה נביאים וכתובים או כנגד כהנים לוים וישראלים — ע"ד „אוריאן תליתאי" או „עם תליתאי".

אין דער הפטרה פון ערשטן טאָג ראש־השנה: בתחילת ספר שמואל — מגילה לא, א („ומפטירין בחנה"). טושו"ע (ודאדה"ז) או"ח הל' ר"ה סתקפ"ד ס"ב (ס"ז).

ראש־השנה . . נבואה פון חנה: להעיר מברכות (כט, א): הני תשע דר"ה כנגד מי . . כנגד תשע אזכרות שאמרה חנה בתפלתה. וראה לקו"ת נשא (כו, א): אוה"ת דרושים לר"ה (ע' א'שו ואילך) — השייכות לבנין המלכות דר"ה, ע"ש.

עס איז באַוואוסט דער רמז: מגלה עמוקות עה"ת פ' שלח ד"ה ג' מצוות (יז, ד), בשם הגה"ת מיימוני (ראה „הגהות דשייכי לספר זרעים" (שנדפסו ברמב"ם סוף ספר זרעים) בסופן).

די דריי אותיות . . נאָמען „חנה" . . „דוד": להעיר מתנחומא ור"נ גאון לשבת שם — כמה ענינים (ושמות) של „שלש" (אותיות) הקשורים במ"ת.

דריי אותיות . . „חנה": להעיר ש„חנה" בגימטריא ס"ג (לקוטי תורה וספר הליקוטים ושער הפסוקים להאריז"ל לשמואל־א בתחלתו. קה"י בערכו. אוה"ת דרושים לר"ה ע' א'דש. לקוטי לוי"צ לזח"א ס"ע עד. ועוד) — ג' פעמים „אך", „אך טוב לישראל", והרמז י"ל — שקיום ג' מצות ד„חנה" מביא הטוב האמיתי לישראל. ויש להוסיף, ש„אך" הוא ג' פעמים ז' — שבעת קני מנורת כנסת ישראל (כנגד ז' דרכים ומדות שע"י מאירים העולם כנר מצוה — לקו"ת ר"פ בהעלותך. מאמרי אדהאמ"צ במדבר ח"ג בתחלתו).

די דריי מצוות וועלכע זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן . . צו נשי ישראל: ראה בזה בארוכה מכתב ו' תשרי ה'תשמ"ה (לקו"ש חכ"ט ע' 487 ואילך) ובהנסמן בהערות שם.

דער נאָמען פון יעדער איינער פון די דריי מצוות . . דריי אותיות: במג"ע והגה"מ שם: „(חלה נדה) הדלקה", אבל גם שרש תיבת „הדלקה" הם ג' אותיות, „דלק".

ספעציעל צוגעטיילט געוואָרן דער אידישער פרוי, די עקרת הבית, וועלכע האָט די אויסערגעוויינלעכע אחריות און זכות אויפצושטעלן און אָנפירן די אידישע הויז.

* * *

דער תכלית השכר פון מעשינו ועבודתנו בזמן הזה איז די גאולה האמיתית והשלימה דורך דוד מלכא משיחא.

וכשם ווי תורה און די גרונט־עבודה פון אידן — קבלת עול מלכות שמים — זיינען אויסגעשטעלט אין דריי,

אַזוי איז אויך די שלימות פון גאולה — די דריטע גאולה, פאַרבונדן מיטן בית המקדש השלישי, כנגד יעקב אבינו, דער דריטער פון די ג' אבות, וואָס „קראו בית", וואָס דער בית וועט אַנטהאַלטן די אמת'ע שטאַרקייט און דויערהאַפטיקייט, ער וועט זיין אַ בית נצחי.

און אויך די שלימות פון דער גאולה השלישית ווערט אָנגעדייט אין נבואת חנה: דער אָפּשלוס פון דער נבואה (און אויך דער סיום פון דער הפטרה פון ערשטן טאָג ראש השנה) איז מיט די ווערטער וירם קרן משיחו, וואָס דערמיט ווערט געמיינט דער תכלית הרוממות פון דער גאולה דורך דוד מלכא משיחא — אויך דער נאָמען „דוד" איז דריי אותיות.

* * *

עקרת הבית: עיקרו של בית — ראה ב"ר פע"א, ב. זח"א קנד, א. אוה"ת נ"ך כרך ב ע' תתעא. שם ע' תתנח.

תכלית השכר פון מעשינו ועבודתנו בזמן הזה . . גאולה: תניא רפל"ז.

די דריטע גאולה . . בית המקדש השלישי, כנגד יעקב אבינו . . וואָס „קראו בית": ראה פסחים פח, א ובחדא"ג מהרש"א שם. לקו"ת מטות פג, ג־ד.

אַ בית נצחי: זהר ח"א כח, א. ח"ג רכא, א. תקו"ז תיקון ח.

דער אָפּשלוס: והכל הולך אחר החיתום (ברכות יב, א).

וירם קרן משיחו: שמואל־א ב, י. וראה תורת לוי יצחק ע' קד ואילך.

דערמיט ווערט געמיינט: כפי' התרגום עה"פ.

„דוד" . . דריי אותיות: להעיר ש„מאה וארבעים ושבעה מזמורות שכתוב בתהלים (דדוד) כנגד שנותיו של אבינו יעקב" (ירושלמי שבת פט"ז ה"א. מס' סופרים פט"ז הי"א. מדרש תהלים כב, ד), השלישי שבאבות. וגם לפי החלוקה בכל הספרים (ראה מנחת שי בהקדמה לתהלים בסופה. וראה לקו"ש ח"י ע' 75 בהערה) שהם ק"נ — ה"ז ג' פעמים נ' — „שער החמשים", השלימות דבינה ובמילא גם דמלכות (דוד). ושייך לר"ה (בנין המלכות. ולהעיר מר"ה לב, א), וכן למ"ת (שהוא ביום החמשים — ראה לקו"ת במדבר יב, א. ובכ"מ). וראה חותם פרשתנו (פ' ברכה) „ויעל משה . . אל הר נבו", ומדחז"ל (ל"ת להאריז"ל עה"פ ואתחנן ג, ט. של"ה שסט, א ואילך. וראה לקו"ת במדבר שם בשם הרב המגיד) שאז נגלו לו (וי"ל דג"כ למשה שבכל אחד — ראה תניא פמ"ב. וראה לקו"ש חי"ט ע' 374) שער הנ'. ושייך גם למשיח (גאולה), דאות נ' ר"ת נס, נפלאות (כמש"נ בגאולה העתידה (מיכה ז, טו. וראה אוה"ת נ"ך עה"פ ס"ק ז־ח (ע' תפז), מזח"א בהשמטות סכ"ה (רסא, ב). פע"ח שער כא (שער חג המצות) פ"ו (בד"ה מהר"י ז"ל)) „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות"). כן להעיר ממה שפירסם כ"ק מו"ח אדמו"ר תקנת הבעש"ט, אשר מיום שני דר"ח אלול עד יום הכפורים (ולא עד בכלל — כי אז מרבים בתהלים. עוד יותר משלש וכו') יאמרו בכל יום ויום במשך היום שלשה קאַפּיטלעך תהלים — קובץ מכתבים לתהלים (אהל יוסף יצחק) ע' 208.

פון יעדן ענין דאַרף מען אַרויסנעמען אַן אָפּלערנונג אין דער עבודה פון יעדער אידן, ביז אין מעשה בפועל.

עבודת השם נעמט אַרום די דריי **„לבושי הנפש" פון** מחשבה דיבור ומעשה **(טראַכטן, ריידן און טאָן), אַ איד טאָר זיך ניט באַגנוגענען מיט גוטע באַשלוסן און געדאַנקען, אויך ניט בלויז מיט דערהויבענע תורה־ומצוות'דיקע מחשבות און דיבורים — ער מוז אויך,** ובעיקר, **זיך אָפּגעבן מיטן דריטן ענין, מיט קיום המצות במעשה דוקא, כמאמר המשנה:** לא המדרש עיקר אלא המעשה.

ויהי רצון, אַז יעדער איינער און איינע, בתוך כלל ישראל, זאָל טאָן און אויפטאָן אין אַלע דריי ענינים מיט דער פולסטער שטאַרקייט, מיט אַ דרייפאַכער חזקה, און דער עיקר — חזקה אין מעשה בפועל.

און זיכער וועט דאָס פועל זיין, אַז די ברכת חתימה און גמר חתימה טובה, צו יעדער איינעם און איינע, בתוכבי כלל ישראל, זאָל זיין נאָך אין אַ גרעסערן חוזק און שטאַרקערער מאָס —

און מען קען זאָגן אַז עס איז דאָ אַ רמז אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס די פרשה וזאת הברכה אשר ברך משה **ווערט היינטיקס יאָר געלייענט און געלערנט** דריי **מאָל** (במשך **דריי וואָכן), וואָס ווייזט אויף אַ תוספות מרובה אין די ברכות וועלכע ווערן געגעבן ספּעציעל היינטיקן יאָר,**

ביז צו דער עיקר'דיקער און שלימות'דיקער ברכה, וואָס צו איר איז „קווינו כל היום" — ביאת דוד מלכא משיחא, מצאתי דוד עבדי בשמן קדשי משחתיו,

---

עבודת השם . . מחשבה דיבור ומעשה: **ראה לקו"ת ר"פ פינחס. ובכ"מ.**

די דריי „לבושי הנפש" פון מחשבה דיבור ומעשה: **ראה תניא רפ"ד. ובכ"מ.**

מחשבה דיבור ומעשה: **בל' הפסוק (נצבים ל, יד): בפיך ובלבבך לעשותו — יסוד וכו' דס' התניא.**

כמאמר המשנה: **אבות פ"א מי"ז.**

די פרשה וזאת הברכה . . געלייענט . . דריי מאָל: **ואולי י"ל — כנגד ג' קדושות (ולהעיר מהנוסח בקרא בתפלות וכו' — ג"פ קדוש. ולהעיר מתנחומא ור"נ גאון דלעיל הערה ד"ה ווי אונזערע חכמים ז"ל זאָגן): קדושה הא' דישראל שהיא תמיד (ע"ד קריאת פ' ברכה (פעם אחת) תמיד בכל שנה), קדושה דשבת, ויו"ט שהוא „מקרא קודש" דשבת.**

במשך דריי וואָכן: **ובדיוק יותר — כ' יום עד יום שמח"ת. וי"ל — ביחד עם קריאת פ' ברכה במנחה דש"ק האזינו —** כ"א **יום, „אך" — ראה לעיל הערה ד"ה דריי אותיות . . חנה.**

אַ חוספות מרובה אין די ברכות: **אשר ברכתו של הקב"ה תוספתה מרובה על העיקר — ב"ר פס"א, ד.**

קווינו כל היום: **כמו שאומרים בתפלת העמידה — בברכת את צמח דוד וכו'. וראה לקו"ש ח"כ ע' 459; חכ"ה ע' 274; הגש"פ עם לקוטי טעמים, מנהגים וביאורים (קה"ת תשמ"ו ואילך) ע' תשנט.**

מצאתי דוד עבדי בשמן קדשי משחתיו: **תהלים פט, כא. וקאי על משיח צדקנו שבא בהיסח הדעת, כמו מציאה — סנהדרין צז, א. ב"ר פכ"ט, ג.**

און יעדער איינער און איינע וועלן בענטשן און שטענדיק דאַנקען דעם אויבערשטן: ברוך ה' לעולם אמן ואמן,

במצב ובזמן גאולה האמיתית והשלימה, תיכף ומיד ממש.

בכבוד ובברכת חתימה וגמר חתימה טובה

ברוך ה' לעולם אמן ואמן: **תהלים שם בסיום וחותם המזמור. וראה יל"ש עמוס בסופו (רמז תקמט). הנעתק ב"קובץ י"א ניסן שנת הפ"ט" (קה"ת, תש"נ) על פסוק זה (אות סג ואילך).**

ב"ה, מוצש"ק כ"ה אדר,
אור ליום ג' שהוכפל בו כי טוב
פ' ויקרא אל משה,
ה'תנש"א. ברוקלין, נ.י.

אל בני ובנות ישראל
בכל מקום שהם
ה' עליהם יחיו

שלום וברכה!

קומענדיק פון די ימי הפורים — טעג פון נסים, וואָס דער אויבערשטער האָט באַוויזן „בימים ההם בזמן הזה", און דערנעענטערנדיק זיך צו חג הפסח — ווען מיר פראַוועז דעם יום-טוב פון „זמן חרותנו" און מיר דאַנקען דעם אויבערשטן פאַר די ניסים ונפלאות וועלכע ער האָט באַוויזן ביי יציאת מצרים —

איז איצט די פאַסיקע צייט צו ציען די פולע אויפמערקזאַמקייט אויף די נסים ונפלאות וועלכע האָבן פאַסירט נאָענט צו דעם היינטיקן פורים.

מוצש"ק . . אור ליום ג': **ג' ימים ראשונים בשבוע הם „בתר שבתא" (פסחים קו, סע"א).**

כ"ה אדר: **בו נברא העולם לדעת ר' יהושע** (ר"ה יא, רע"א) **שבניסן נברא העולם — תוד"ה לתקופות — ר"ה ח, א (ובנוגע לתקופות כן ההלכה — ר"ה יב, א). וראה תוד"ה כמאן מצלינן — ר"ה כז, א. שער הכוונות להאריז"ל ענין ר"ה דרוש א'. פע"ח שער ר"ה פ"ד (בכמה דפוסים — פ"ו). וראה לקו"ש חט"ז שיחה לפ' החודש ס"ד (ע' 483 ואילך), ובהערות שם. ד"ה החודש ה'תשל"ט ס"ח (סה"מ מלוקט ח"ג ע' פו). ד"ה אשה כי תזריע ה'תשכ"ה ס"ו (שם ס"ע צד ואילך). ד"ה החודש ה'תשל"ה (שם ח"ד ע' קצג ואילך).**

וראה בהערות למכתב מוצש"ק כ"ה אדר ה'תשמ"ב בתחלתו (הגש"פ עם לקוטי טעמים, מנהגים וביאורים — קה"ת תשמ"ו ואילך — ע' תשכב).

אור ליום: **ראה מסכת פסחים בתחילתה.**

ליום ג' שהוכפל בו כי טוב: **פרש"י עה"פ בראשית א, ז, מב"ר פ"ד, ו (ובפרש"י שם — דגם העבר נעשה טוב). ובאוה"ת (בראשית לג, א ואילך. ועוד); בסה"מ תרנ"א ס"ע קצג ובמכתב כ"ק אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע (נדפס בסה"מ ה'תש"ט ע' 19 (השני). אגרות-קודש שלו ח"א ע' קלו) — מקשר זה עם מחז"ל (קידושין מ, א) טוב לשמים וטוב לבריות.**

פ' ויקרא אל משה: **להעיר, אשר (בפשוטן של כתובים) בא „ויקרא אל משה" בהמשך לס"פ פקודי שהי' „בחודש הראשון גו' באחד לחודש" (פקודי מ, יז),** ר"ח ניסן. **וראה מכתב עש"ק ר"ח ניסן ה'תשמ"ה הערה ד"ה זו (הגש"פ הנ"ל ע' תשסא).**

ימי הפורים . . חג הפסח: **דגאולת פורים וגאולת פסח שייכות זל"ז, דמיסמך גאולה לגאולה (גאולת פורים לגאולת פסח) — מגילה ו, סע"ב ובפרש"י שם.**

„בימים ההם בזמן הזה": **נוסח ברכת הנסים (והודאת „ועל הנסים") דחנוכה ופורים.**

„זמן חרותנו": **כן נקרא בנוסח התפלה יהקידוש דחג הפסח. וראה לקו"ש חי"ז ע' 71 ואילך (הגש"פ הנ"ל ס"ע תקז ואילך).**

דאַנקען דעם אויבערשטן פאַר די נסים ונפלאות . . ביי יציאת מצרים: **ובלשון ההגש"פ פיסקא „לפיכך" (מפסחים קטז, ב במשנה): להודות ולהלל כו' למי שעשה לאבותינו ולנו את כל הנסים האלו, הוציאנו מעבדות לחרות כו'.**

נסים ונפלאות: **רמב"ם הל' חמץ ומצה רפ"ז. תפלת „נשמת". וראה מאו"א מערכת אות הנו"ן סי' כ"א (במאו"א שם: כ"ב, והוא ט"ס).**

דאָס זיינען געווען נסים גלויים אָפענע נסים, ניט נאָר פאַר אידן, נאָר אויך פאַר אַלע פעלקער, ביז אַז „ראו כל אפסי ארץ", אַלע האָבן געזען די גרויסע נסים וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דעם זמן.

די נסים „בימים ההם", בימי מרדכי ואסתר, זיינען געווען, ווי באַוואוסט, באַהאַלטען אין דרכי הטבע, אַזוי אַז נאָר דורך פאַרבינדונג פון אָנפאַנג פון מלכות אחשורוש מיט בשנת שלש למלכו און מיט בשנת שבע למלכותו און מיט חודש ניסן בשנת שתים עשרה למלכותו וסעודות אסתר פאַר אחשורוש והמן — מאַכן פון דעם אַלעם איין המשך וענין און זיך אַריינטראַכטן טיף אין דעם אַז דאָס איז איין המשך פון איין ענין — האָט מען אין דעם דערקענט יד השם, וואָס דערפאַר ווערט אין דער גאַנצער מגילה (פון די כ"ד ספרי קודש) קיין איין מאָל ניט דערמאָנט דעם אויבערשטנס נאָמען בפירוש — ווייל אויך דער נס פון פורים איז געווען אין אַ אופן פון הסתר פנים, ווי איינע פון די פירושים אין פסוק ואנכי הסתר אסתיר פני ביום ההוא, אַז דאָס מיינט דעם ענין פון נס פורים: אַ נס אָנגעטאָן און באַהאַלטן אין טבע.

דאַקעגן איז אין די געשעענישן פון די חדשים ביז אין (מיטן פון) חודש אדר פאָרגעקומען אַ גאָר גרויסער נס לטובת בני ישראל ולטובת העולם כולו, אַ נס גלוי לעיני כל העמים.

* * *

לויט די נאַטירלעכע אומשטענדן אין דער וועלט, האָט עס געהאַלטן דערביי, אַז עס זאָל זיין ניט נאָר אַ מלחמה ערקלערונג א.ז.וו. נאָר אַז די מלחמה זאָל אַריינציען מערערע פעלקער און זיך צעפלאַקערן אין אַ וועלט־קריג, ר"ל — און למעלה מדרך הטבע הרגיל, איז ניט בלויז אויסגעמיטן געוואָרן אַ וועלט־מלחמה, נאָר אויך די שוין אָנגעהויבענע מלחמה איז איינגעשטילט געוואָרן.

בעת אַלע סימנים האָבן געוויזן, אַז מ'דאַרף דערוואַרטן אַ שווערע מלחמה, און צוגרייטן אַ גאָר גרויסע אַרמיי מיט אַ סך כלי־זיין און דוקא פון די נייעסטע, און נאָך די

„ראו כל אפסי ארץ": **לשון הכתוב — ישעי' נב, י. תהלים צח, ג.**

ווי באַוואוסט: **אוה"ת להה"מ (הוצאת קה"ת) נט, ג (בהוצאת ה'תש"מ ואילך — סימן קפב). תו"א מג"א צג, סע"ג ואילך. שם ק, א. סה"מ תקס"ה ח"א ע' שע ואילך (נוסחא שני'). שער האמונה לאדמו"ר האמצעי (כט, ב). ביאוה"ז להצ"צ ח"א ע' שטז ואילך. סה"מ תר"ל ע' סב. ד"ה ברוך שעשה נסים תרס"ד (קה"ת, יו"ד שבט ה'תנש"א) ס"ע 18 ואילך.* ובכ"מ.**

בשנת שלש למלכו: **אסתר א, ג.**

בשנת שבע למלכותו: **שם ב, טז.**

חודש ניסן בשנת שתים עשרה למלכותו: **שם ג, ז.**

וסעודות אסתר: **שם ה, ד ואילך. ז, א ואילך.**

אין דער גאַנצער מגילה . . ניט דערמאָנט דעם אויבערשטנ'ס נאָמען בפירוש: **ראה לקו"ש חכ"א ע' 201, ובהנסמן בהערות שם.**

ואנכי הסתר אסתיר פני ביום ההוא: **וילך לא, יח. וראה כש"ט (הוצאת קה"ת) הוספות סי' לב. ס' בעש"ט עה"ת ח"ב פ' וילך אות ז.**

ואנכי הסתר אסתיר . . מיינט . . פורים: **ראה חולין קלט, ב: אסתר מן התורה מנין, ואנכי הסתר אסתיר. ובתקו"ז תס"ט (קיד, סע"ג): אסתר הכא רמיז (האזינו לב, כ) ויאמר אסתירה פני מהם כו'.**

---

*) נדפס בסה"מ תרס"ד הוצאה שני' (קה"ת, תשנ"ג) ס"ע קמב ואילך. **המו"ל.**

אַלע צוגרייטונגען ווי ס'איז דער סדר ווען מ'גרייט זיך צו אַ לאַנגער מלחמה, וואָס דאַרף דויערן וואָכן, חדשים — איז דער נצחון געקומען אין גאָר אַ קורצער צייט!

דער נצחון איז געווען אַזוי וואונדערלעך, אַז ער האָט ניט נאָר פאַרמיטן אַ סך שפיכות דמים צווישן אומות העולם (ווי מ'האָט מורא געהאַט), נאָר האָט געבראַכט דערצו, אַז דער שונא זאָל באַפרייען, אין אַ גוטן אופן, אַ טייל פון די מלחמה־געפאַנגענע און אפילו אַ טייל פון די געפאַנגענע פון פריער.

— מיר האָבן אַן אָנזאָג און אַ הוראה אין תורתנו: אל תפתח פה — זיין אָפּגעהיט פון רייד במרה שחורה — און עס זאָל זיין מכאן ולהבא נאָר בשורות טובות בטוב הנראה והנגלה. —

און נאָך מער: די וועלכע „ווייסן וואָס ס'טוט זיך אינעווייניק" — זיינען באַקאַנט מיט גאָר אַ סך איינצלהייטן וועלכע דערגרייכן ניט צו דער עפנטלעכקייט — באַגרייפן אַ סך מער דעם וואונדער פון די נסים ונפלאות בזמן הזה בימים האלה.

* * *

במשך פון דעם יאָר — אויף וועלכן אידן גיבן דעם נאָמען און סימן: „היה תהא שנת נפלאות אראנו", און נאָך פאַר דעם, ביים סוף פון פאַרגאַנגענעם יאָר, באַצייכנט פון אידן מיטן סימן „היה תהא שנת נסים" — איז פיל מאָל באַטאָנט געוואָרן בנוגע וואָס חז"ל האָבן פאָראויס געזאָגט (אין ילקוט שמעוני ישעי' רמז תצט) וועגן די מלחמות וועלכע וועלן פאָרקומען אין יענעם טייל פון וועלט, אַז דאָס זיינען פון די סימנים אַז אָט־אָט קומט די גאולה האמיתית והשלימה דורך משיח צדקנו.

און אין אָנבליק פון די אויבנדערמאָנטע געשעענישן און נסים, דאַרף נאָך שטאַרקער ווערן דער באַוואוסטזיין, אַז דאָס איז די צייט פון הכנה קרובה צו דער ערפילונג פון דער הבטחה „והיתה לה' המלוכה", ווען אַלע פעלקער וועלן זיין איבערצייגט אַז „יש בעל הבית לבירה זו", און די אָנערקענונג וועט זיי ברענגען „לקרוא כולם בשם ה' לעבדו שכם אחד".

אל תפתח פה: ברכות יט, א. וש"נ. הובא להלכה ברמ"א יו"ד סשע"ו ס"ב. מג"א או"ח סרל"ט סק"ז. וראה גם שו"ע אדה"ז חו"מ הל' שמירת גוף ונפש ס"ב.

היה תהא: באופן ד„בהוויתה תהא" — ראה ברכות יג, א. מגילה ט, א. שם יז, ריש ע"ב. בכורות ד, ב. ובכ"מ.

היה תהא שנת נסים: ראה בארוכה מכתב וא"ו תשרי ה'תש"נ (סה"ש תש"נ ח"ב ע' 722 ואילך).

„והיתה לה' המלוכה": עובדי' א, כא.

„יש בעל הבית לבירה זו": ראה ב"ר רפל"ט.

„לקרוא כולם בשם ה' לעבדו שכם אחד": צפני' ג, ט. וראה רמב"ם הל' מלכים ספי"א.

ובפרט, ווי דערמאָנט, ווען מען דערנעענטערט זיך צו חודש ניסן — פון לשון נס **— און נאָך מער, ווי חז"ל דייטן אָן, אַז „ניסן" (מיט צוויי נונ"ן) באַווייזט אויף „נסי נסים" (ו„נס בתוך נס") — איז דאָך זיכער, אַז דער אויבערשטער וועט ווייזן נאָך גרעסערע נסים:**

און באַזונדערס, ווען אידן זיינען זיך משתדל אַז אויך זייער טאָג־טעגלעכע אויפפירונג אין אידישקייט: תורה און מצות — זאָל זיין אין אַן אופן פון „נס" — אויפגעהויבן אַלץ מער און מער, אַז יעדער איינער און איינע שי' הויבט זיך אויף העכער פון די געוואוינהייטן ביז איצט בלימוד התורה והידור בקיום המצות, ביז אין אַן אופן פון „נסי נסים" (לשון רבים), העכער און העכער און נאָך העכער:

ווי מיר האָבן אין דעם די הוראה גלייך אין אָנהויב פון דער היינטיקער סדרה (מלשון סדר): אדם כי יקריב מכם קרבן לה', **לויטן טייטש און תורה פון אַלטן רבי'ן:** מכם קרבן לה', **אַז דער קרבן דאַרף געבראַכט ווערן פון** אייך **אַליין, דער איד דאַרף אַרויסגיין פון זיינע געוואוינהייטן, באַגרענעצונגען און זיך** אינגאַנצן **איבערגעבן צום אויבערשטן.**

און די „נסים'דיקע" הנהגה פון יעדן אידן, אַ הנהגה אין אַן אופן פון „נפלאות אראנו", אַז דאָס איז אָפן און אַנטפּלעקט פאַר אַלעמען, וועט נאָך מער צואיילן די ערפילונג פון: כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות, **דער אויבערשטער וועט מקיים**

